STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05874

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

XI

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# די טענצערין

(אַרום גרענד־סטריט)

ראָמאַן

אַ שטיק יידיש לעבן אין די יאָרן 1910—1911

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

דער ראָמאַן איז דערשינען אין צענטרפאַר־לאַג, כאַרקאָוו, 1929, אונטערן נאָמען „אַרום גרענד־סטריט“.

אין דער איצטיקער אויפלאַגע איז דער ראָמאַן באַאַרבעט געוואָרן. ס׳איז אויך צוגעקומען דאָס קאַפּיטל 9 „אין פּאָליס־סטיישאָן“.

ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu — „Di Tencerin“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט

## ערשטער טייל


| | זייט |
|---|---|
| 1. צווישנדעק | 9 |
| 2. דער שטורעם | 18 |
| 3. א געשלעג | 26 |
| 4.ביים ברעג פון אמעריקע | 34 |
| 5. אויף גאָרעק-סטריט | 40 |
| 6. די לאַנדסלייט באקענען זיך | 56 |
| 7. כוהנים | 79 |
| 8. א מיטינג | 88 |
| 9. אין „פּאָלים-סטיישאָן" | 96 |


## צווייטער טייל


| | |
|---|---|
| 1. אין „משיקן"-מארק | 109 |
| 2. דער דאָקטאָר | 131 |
| 3. וואָלף | 141 |
| 4. פּינחס | 152 |
| 5. דער ייד מיט דער שער | 163 |
| 6. ביי ר' אַברהמלען אין הויז | 171 |
| 7. אין רעסטאָראַן | 179 |
| 8. אין א ווינטער-נאכט | 186 |
| 9. ביי אייבין אין הויז | 194 |
| 10. עוועלין | 204 |
| 11. פארהייראַט לעבן | 211 |
| 12. בלוט | 215 |
| 13. איבערגעבעטן | 221 |

## דריטער טייל


| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| .1 | אין „שטיבל" | 229 |
| .2 | די דין־תורה | 235 |
| .3 | קאַליקעס | 240 |
| .4 | אַ פּאַטש | 250 |
| .5 | ר' אַברהמל | 257 |
| .6 | וואָלף ווערט אַ חתן | 263 |
| .7 | חברים | 268 |
| .8 | אַ באַגעגעניש | 272 |
| .9 | ביי רעגינען | 278 |
| .10 | אין אַ קאַבאַרעט | 288 |
| .11 | טויט | 296 |
| .12 | דער פערד־סטער | 307 |
| .13 | נייע באַלעבאַטים | 315 |
| .14 | חתן־כלה | 323 |
| .15 | וואָלף האָט חתונה | 332 |
| .16 | אין וואַלד | 343 |
| .17 | ביינאַכט | 352 |
| .18 | מען גייט זוכן רעגינען | 357 |
| .19 | דער נס | 361 |
| .20 | שבתים טויט | 368 |
| .21 | ווידוי | 371 |

# ערשטער טייל

## 1. צווישנדעק

אין דריטן קלאַס פֿון דער שיף „פּאַטערלאַנד“, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע קאַזאַרמע מיט בעטלעך, איז דער טומל געוועזן אַזוי גרויס, אַז מען האָט נישט געהערט דאָס קלאַפּן פֿון מאָטאָרן, דאָס קרעכצן און גרילצן פֿון שטאָלענע באַלקנס.

יעדעס ווינקל איז געווען באַוווינט פֿון אַ באַזונדער פֿאָלק. אויסגעהונגערטע סלאָוואַקן אין שעפּסענע פּעלצלעך האָבן געשטאַרט אַרום די אייגענע בעטלעך, געקלימפּערט מיט די פֿינגער אין די בלעכענע קעסלעך, געוואַרט מען זאָל זיי רופֿן עסן. אונגאַרן מיט לאַנגע פֿאַרשפּיצטע וואָנסן, ווי ביי שוואַרצע פּרייסן, זענען געלעגן אויף די בייכער. טייל האָבן געשפּילט אויף מויל-האַרמאָניקעס, צוגעקלאַפּט מיט טילקעס פֿון געפּאַלדעוועטע שטיוול. אַנדערע האָבן אַרומגערינגלט זייערס אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז געזעסן אַ באַוואָקסענער אויפֿן בעטל, געצויגן מיט פֿינגער, מיט צוועוועלעך צענדליקער דראָטן מיט אַזויפֿיל געלענק און אַזוי שנעל, אַז ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן ווו איז פֿינגער און ווו דראָט. ער האָט געפֿלאָכטן, געקניפּלט אַ דריי-גאָרנדיקן טויבנשלאַק מיט טורעמס; געוואָלט ווייזן די שטאָט-טאַטעס פֿון ניו-יאָרק, אַז מיט אַזאַ טאַלאַנט אין די הענט וועט ער קיינעם נישט פֿאַלן שווער. ווען נישט די דראָטן, די צוועוועלעך, וואָלט מען דעם באַוואַקסענעם אונגאַר מיטן אויסגעריבענעם מאַנטל אָנגענומען פֿאַר אַ נזיר. געווען איז ער אָבער אַ געוויינלעכער דראָטער, וואָס האָט אַ האַלב לעבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער פּוילן, אַרומגעדראָטעוועט דעם יידישן דלות.

פֿאַרלוירענע פּאָליאַקן האָבן זיך נישט גערירט פֿון זייער געפּעק, שטיל גערעדט, ווי זיי וואָלטן געווען אין שפּיטאָל. יידן מכּל

המינים האָבן זיך געדרייט — גאַליציאַנער געקרייזטע פּאות, פּוילישע טוכענע היטלען, ליטווישע ביליקע רעק מיט חושכדיקע פּנימער. איינער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, דער צווייטער האָט אויפן קול געזאָגט תהילים. דאָס יונגוואַרג האָט געשפּילט אין קאָרטן, דעבאַטירט, געשטיפּט מיט מיידלעך.

אַ מיידל מיט פייערדיקע האָר האָט זיך לייכט געטראָגן צווישן די בעטלעך און אירע דינע פיס זענען לאַנג געבליבן אין זכּרון. יונגעלייט האָבן זיך געדרייט אַרום איר, און זי מיטן בויגיקן האַלז איז נישט איינגעשטאַנען, געשוואומען פון איינעם צום צווייטן. מאַטראָסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרום די יונגעלייט, כּלומרשט דערציילט וועגן ים-אומגליקן, וועגן דער אייגענער בראַווקייט. אין דעם שמועס איז אָנגעגאַנגען אַ שטיל פאַרמעסטן זיך — ווער ביי וועמען וועט צונעמען דאָס מיידל. איבער דער שטילער מלחמה האָט זיך געטראָגן איר געלעכטער, זיך געקנוילט מיטן אָפּגלאַנץ פון אירע פייערדיקע האָר. דער עולם אַרום האָט זיך געבויגן מיט דער וויגעדיקער שיף, זיך געשאַרט איבער די שמאָלע דורכגענג און די געשוואָלענע לופט איז פול געוואָרן מיט קעפּ, מיט אויגן.

מאַמעס, מיט בלאַסע, פאַרחלשטע נעז, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָכן קליינוואַרג, זענען געווען אָנגעשטויסן אויפן רויטן מיידל. זיי האָבן נישט געקענט הערן, ווי מען דערמאָנט איר נאָמען, און פון דער העלער הויט אָנגעפאַלן אויף די אייגענע מענער:

— מיר ווייסן, אַז אַזאַ וועט אייך, מאַנסבילן, געפעלן, מיר ווייסן!

אַ קרענצל יידן האָבן אַרומגערינגלט דעם „אַמעריקאַנער", וואָס איז שוין ס׳דריטע מאָל געפאָרן אויפן ים, זיך איינגעהערט ווי עס לעבט זיך דאָרט און דרך-ארץ געהאַט פאַר זיין דרייסטקייט, פאַר זיין ענגליש רעדן. מען האָט זיך דערפילט זיכערער מיטן אַמעריקאַנער, דערטאַפּט אין דער וואַקלדיקייט אַן אָנלען. פאַרוואָס, האָט קיינער נישט געוווּסט. עטלעכע גויים האָבן אויסגעזוכט זייער יידישן לאַנדסמאַן, מיט הכנעה געבעטן ער זאָל זיך אויסטענהן פאַר זיי מיט אַ מאַטראָס. די יידן, וואָס האָבן אין האַרצן מבטל געווען די גויים, געהאַט אויף זיי תּרעומות, האָבן עס נישט אַרויסגעוויזן, געוואָלט פאַרגעסן

די עוולות. מען האָט זיך געשאַרט צווישן די גוישע בעטלעך, גע-געבן עצות, געהאָלפֿן שלעפּן געפּעק. און כאָטש יעדער האָט זיך געריקט צו זיין שטאָם, האָט אָבער די שרעק פאַרן אומענדלעכן ים דערנענטערט איינעם צום צווייטן און עס האָט זיך בשום אופן נישט געגלויבט, אַז די מענטשן, וואָס זענען אויף דער שיף געוואָרן אַזוי נאָענט, וועלן מיטן באַטרעטן די אַמעריקאַנער ערד פאַרגעסן איינער דעם אַנדערן.

אַ קליין, שמאָל מענטשל מיט אַ צעקנייטשט פּנימל, ווי ביי אַן אַלטן קאַרליק, איז אויסגעוואָקסן אין דער מיט פון דריטן קלאַס. ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ זילבערן צענערל, וואָס האָט זיך קונציק גע-קייקלט איבער זיינע נאַקעטע, באַוועגלעכע הענט, אַראָפּגעבלישטשעט פונעם לאַנגן, דאַרן האַלז, ווו די רייפֿלעך זענען געווען אויפגעצילע-וועט, ווי די קראָגן־קאַרבן ביי אַן אָפּגעצופּטן האָן.

דער עולם האָט געגאַפט. דער פּאָקוסניק האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק, אים איבערגעגעבן דעם מיידל מיט די רויטע האָר, און זי מיט איר יונגן געלעכטער האָט זיך געטראָגן צום אַרויסגאַנג, זיך געהויבן איבער דער טרעפּ, וואָס האָט געפירט אויפן דעק.

— ווער איז זי? — האָט אַ בחורל מיט אַ בוך אין דער האַנט זיך געהאַלטן אין איין פונאַנדערפרעגן ביים אַרומיקן עולם.

— אַ קונצנמאַכערין.

— דעם פּאָקוסניקס אַ טאָכטער?

— זעט נישט אויס.

— זע נאָר, ווי ס׳גייט אים אין יחוס, דעם ביבערניק! — האָט אַ ברייטפּלייציקער יונג זיך דורכגעשטופּט מיט די עלנבויגנס צום אַרויסגאַנג און מיט אַ וויש פון דער האַנט אַ שאַר געטון דאָס בחורל פון וועג — לעבן מיט איר אַ יאָר אָן אַ ווייב קען מען?

דאָס בחורל האָט זיך פאַרשעמט, די אַרומיקע האָבן זיך צע-לאַכט אים אין פּנים אַריין.

כּלערליי לשונות און פּנימער—דעם אומרו, וואָס דער „שמעלצטאָפּ" וועט דאַרפן פאַרדייען — זענען אַרויסגעקראָכן פון דער שיפס געדע-רים, זיך צעלייגט איבער דער זוניקער דעק און זיך געוואַרעמט.

די שיף אַ זיכערע האָט געשניטן מיט דער שטאָלערנער „נאָז"

ס׳וואַסער, איבערגעלאָזט נאָך זיך גרינע, שוימיקע קנייטשן, אַ פיש איבער אַ קלאַפטער די לענג איז געשווומען מיט דער שיף. ער האָט זיך געהנדלט מיט די פליספעדערן, מיטן לענגלעכן קאָפּ, וואָס האָט אַרויסגעבלישטשעט פון צווישן די וואַלן, אַרויסגעוואָרפן שנירלעך וואַסער, ווי אַ פאָנטאַן, און דער עולם אַרום דעם פּאָרענטש האָט זיך גע־חידושט, וואָס די קרייצשטראָמען שלעפן דעם פיש נישט מיט.

אין דער טיפער בלויקייט האָבן זיך געצייכנט צווייי קאָלירטע קוימענס. זייערע קנוילן רויך זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער בלויקייט און דינע פאַסקעלעך, ווי דער רויך פון ציגאַרן, זענען גע־בליבן הענגען אין חלל.

אַ דיקער מאַטראָס איז געשטאַנען אויפן העכסטן גאַניקל, געקוקט איבער דער לענג פון דער שיף, ווו דאָס ווייס־געפאַרבטע שטאָל האָט זיך געמישט מיטן פינקלדיקן מעש, מיט די געוואַשענע דילן — און ער איז געווען שטאָלץ מיט דער ריזיקער געביידע.

פּאַסאַזשירן פון צווייטן קלאַס, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, מיט ים־גלעזער, האָבן זיך געבויגן איבערן פּאָרענטש, געקוקט אויפן דעק פון דריטן קלאַס. פאַרפוצטע דאַמען, וואָס האָבן זיך געשאַרט הין און צוריק, זיך געטוליעט אין קאָלירטע פעלצן, נישט איינגעזעסן און זייערע אומרויקע אויגן האָבן געפלעמלט מיט הונגער — אַלע האָבן אַראָפּגעקוקט צום דריטן קלאַס, פון וואַנען ס׳האָט זיך געריסן דאָס שפילן פון אַ האַרמאָניקע.

דאָס מיידל מיט די רויטע האָר האָט זיך געהאַלטן אין איין צווערצן. דאָס לייכטע, דורכזיכטיקע קליידל צעבלאָזן ווי אַ קאַרוסעל, און די פיס, דינע, לאַנגע, אין ברוינע געשנורעוועטע שטיוועלעך, האָבן ממזריש אויסגעשלאָגן אין אַ ראָד פונעם ווייסן דעק, ווי איבער אַ באַראַבאַן, אַ מאַרש.

אַ יונג האָט זיך איר גענומען טראָגן אַנטקעגן, נישט געקענט אַריין אין טראָט און הינטער דעם געלעכטער פון עולם זיך צוריק־געצויגן.

ס׳מענטשל מיטן קאַרליק־פּנימל האָט זיך געקייקלט פון געלעכ־טער, צוגעפּייפּט מיט די אויבערשטע צוויי ציין, דיריזשירט מיט די באַקעטע הענט, מיט לייב און לעבן, ווי פאַר אים וואָלט זיך נישט

געטראָגן אַ טענצערין, נאָר אַ גאַנצער באַלעט.

פּאָמעראַנצן זענען געפלויגן פון צווייטן קלאַס. דער פּאָקוסניק האָט זיי געכאַפּט אין מיטן פליען און מעשה־אַרטיסט זיך פאַרנויגט אונטער די אַפּלאָדיסמענטן.

אַן אונגאַרישע שיקסע מיט אַ צימבעלע אין די פאַרריסענע הענט האָט זיך פאַרשייט אַרויסגערוקט. אַ שייגעץ, אין אַ פּאָר שטיוול מיט געפאַלדעוועטע כאָליעוועס איז אַ פאַל אַריין געטון, ווי אַ רוח, זיך גענומען טראָגן אויף איין פוס צו דער שיקסע. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער טאַליע און אין מיטן טאַנצן זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטון ווי אַ ווינט, געפלויגן מיט דער שיקסע איבערן דעק און ביים סאַמע ראַנד, אין מיטן אימפּעט, זיך צוגעזעצט, אַ קנאַל געטון אין דער כאָליעווע, אַ פייף — האָבן זיך פאָרלעך גענומען אַרויסשיילן, זיך געטראָגן אונטער די טענער פון דער האַרמאָניקע.

אַן אונגאַרישער ייד אין אַ רבנישן קאַפּעלוש האָט זיך דורכגעשטופּט. ער האָט פאַרריסן זיין תּמעוואַטע בערדל, און דאָס בלאַסע אויסגעצערטע פּנים, וואָס האָט זיך געשפּייזט אויף דער שיף מיט קאַרטאָפל און הערינג, האָט געשיינט פון עונג.

— וואָס זאָגט איר, ר׳ שלמה, אויף אונזערע שכנים? — האָט אַ זעקספּוסיקער יונג, וואָס האָט די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער טענצערין, אַ זאָג געטון צו זיין געוועזענעם באַלעבאָס.

שלמה קופּעלט, אַ מיטליעריקער ייד, מיט אַ סאַמעטענער וועסט ביזן האַלז, ווו אַ געפּרעסט קעלנערל פון העמד האָט זיך איבערגעלייגט און דערמאָנט אַ היימישן נגיד, האָט פאַרמאַכט סלאָנימסקיס ענגלישע מעטאָדע און געקוקט אויפן קונצנמאַכער מיט ווֹעמען ער איז געשלאָפן אין שכנות.

— פאַר זיי האָבן מיר שוין אָפּגעזאָרגט. — האָט דער אַמעריקאַנער זיך אָנגערופן.

— וואָס, זיי וועלן גיין איבער די הייף? — האָט קופּעלט געשמייכלט.

— זיי וועלן שוין גאָרנישט גיין. — האָט דער אַמעריקאַנער

אַריינגעלאָזט די הענט אין די הויזן-קעשענעס. — יעדער צירק וועט כאַפּן די רויטע מויד.

— און דער פּאָקוסניק אויך. — האָט ס'בערדל ביים אונגאַרישן ייד זיך אַ שאָקל געטון.

קופּעלט האָט געקוקט אויף די אַרומיקע יידן מיט ביטול, גע-געבן צו פאַרשטיין מיטן בליק, אַז זיין פּלאַץ איז נישט אין דריטן קלאַס, און פון פאַרדראָס ווידער געעפנט די ענגלישע מעטאָדע, ער האָט שוין געהאַלטן ביי דער אַכטער לעקציע, אָפּט פאַרפּירט אַ שמועס מיטן אַמעריקאַנער אין געגנוואַרט פון אַן עולם און דווקא אין ענגליש. דער „אַמעריקאַנער" האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס קופּעלט רעדט, אַזוי צעדרייט זענען ביי אים די ווערטער אַרויס פון מויל, — פונדעסט-וועגן צוגעגעבן, אַז ער, קופּעלט, געברויכט אַ הויכן ענגליש. דאָס איז גענוג געווען, אַז קופּעלטס רום זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער דער שיף און פאַסאַזשירן פון צווייטן קלאַס זענען אַראָפּגעקומען כאַפּן מיט אים אַ שמועס. דערצו האָט פיל אַרויסגעהאָלפן דער זעקס-פוסיקער וואָלף, וואָס איז געפאָרן צוזאַמען מיט קופּעלטן. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן יידן אָפּגעשטעלט וואָלפן און ס'איז זיי נישט דערעסן איבערצוחזרן ס'זעלבע:

— אַ בכבודיקער ייד.

— אַ יודע-ספר אויך.

— געדאַרפט זיין אַ נגיד אינדערהיים.

— וואָס, ער איז דיינס אַ קרוב?

— מיט אַ יאָר צוריק האָט ער אייך אַלעמען געקענט פאַר-שטעקן אין אַרבל, — איז וואָלף געוואָרן ריידעוודיק — ביי אים אין די וואַסער-מילן האָבן מער מענטשן געאַרבעט, וויפל עס פאָרן דאָ אויף דער שיף יידן. איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב ביי אים גע-אַרבעט איבער זעקס יאָר. וואָס מען האָט ביי אים אַרויסגעוואָרפן פאַר די בהמות, זעען עס אַנדערע אַפילו נישט אום יום-טוב.

— ווי קומט עס טאַקע אַזאַ עושר זאָל דאַרפן עוקר-מדינה זיין? —האָט זיך איינער אָנגערופן.

— הייבט זיך אָן. — האָט וואָלף אַ צי געטון ס'היטל איבער די

אויגן און איז אַריין צווישן די יונגעלייט, וואָס האָבן אַרומגערינגלט ס'מיידל מיטן פּאָקוסניק.

ער האָט זיך דאָרט קיין אָרט נישט געקענט געפינען, זיך גע־דרייט איבערן דעק, זיך געפּלאָנטערט און זיך צוגעזעצט צופוסנס קופּעלטן.

ביידע, סיי וואָלף, סיי קופּעלט, זענען געווען צופרידן, וואָס זיי פּאָרן צוזאַמען. קופּעלט — וואָס וואָלף שלעפּט אים זיין געפּעק, באַ־דינט אים, און וואָלף, וואָס איז קיינמאָל פון זיין שטעטל נישט אַרויס, האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ער זאָל אַליין קענען דורכמאַכן אַזאַ רייזע. און כאָטש ער אַליין האָט געמוזט נישט בלויז פאַר זיך אַלץ באַזאָרגן, נאָר אויך פאַר קופּעלטן, האָט ער פונדעסטוועגן אַלץ צוגע־שריבן צום באַלעבאָס און זיך געפילט מיט אים זיכער, ווי אַ יינגל מיט אַ פּאָטער.

די שיף האָט שוין ווידער אָנגעהויבן „קאַטשען". — האָט וואָלף זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צום הימל.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, — האָט קופּעלט פאַרמאַכט די ענגלישע מעטאָדע—ווען איך ווייס, אַז די רייזע איז אַזוי שווער, וואָלט איך זיך נישט אונטערגענומען.

— מיך אַרט נישט, — האָט וואָלף געשמייכלט — פאַרקערט, וואָס נענטער די שיף קומט צו נעוו־יאָרק, אַלץ מער שרעק איך זיך.

— ראשית, הייסט עס נישט נעוו־יאָרק, נאָר ניו־יאָרק, און איך זע נישט, וואָס דו האָסט זיך צו שרעקן? אַמעריקע איז נאָר פאַר אַזעלכע, ווי דו. געזונטע הענט האָסטו? פויל ביסטו נישט? דאַרפסט נאָר איין זאַך געדענקען — בלייב נישט קיין בעל־מלאכה. גלייך ווי דו וועסט זיך דערשלאָגן צו אַ פאָר טאָלער — נעם זיך צו מסחר. נאָר ביי אַ געשעפט איז דאָ אַ געלעגנהייט זיך אַרויפצואַרבעטן...

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי, ר' שלמה. שרייבן קען איך נישט, די שפּראַך פאַרשטיי איך נישט.

— וועסט זיך אויסלערנען די תורה. און אויב דו מיינסט, אַז אַבא דיין פעטערס, — ווי זאָגסטו רופט ער זיך?

— אייבי.

— אייבי קען פונקט אַזויפיל וויפל דו, און מען שמועסט, אַז

ער איז גאָר פון די, פון די — האָט קופּעלט געהויבן אַלץ העכער דעם פינגער, געוואָלט דערמיט דערגרונטעווען אייביס עשירות — ער איז שטיין-רייך! אַז עס גייט נישט, וואָלף, העלפט נישט קיין חכמה. אָט נעמט מיך — געווען רייך, צוריק אַלץ אָנגעוווירן און איצט בין איך דער זעלבער יחסן, וואָס דו. דער חילוק איז נאָר, וואָס דו ביסט יונג, קענסט זיך נעמען צו וואָס דו ווילסט, און איך בין שוין איבער די פערציקער.

די ווייסקייט פונעם געפּאַרבטן שטאָל, דער בלישטש פונעם גע־שייערטן קופּער — אַלץ האָט זיך גענומען לעשן, מיטגעשלעפּט די פרייד, וואָס דער זוניקער טאָג האָט געבראַכט, און פּאַר די מאַטע אויגן האָט דער ים אַ צעשויבערטער, אַ געשוואָלענער, זיך פּאַרטשע־פּעט אָן הימל, געטריבן אַ געדיכטע, רויכיקע גרויקייט.

— כ'האָב מורא, ס'קלויבט זיך אַ שטורעם. — האָט קופּעלט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, געקוקט אויף די שטיקער וואָלקנס, וואָס זע־נען געקראָכן פון ים אַרויס.

די עלטערע פּאַסאַזשירן האָבן זיך דערמאָנט אָן זייערע צרות, זיך גענומען פונאַנדערגיין און אומבאַוווסט זיך געטרייסט, אַז אַ שטיקל גליק וואַרט אויף זיי ערגעץ-ווו. דאָס יונגוואַרג האָט זיך צעשטעלט אַרום די אייזערנע פּאָרענטשעס, זיך קוים געהאַלטן אויף די וואַקל־דיקע פיס, געלאַכט, געשטיפּט, ווען דער ים האָט געשראָקן.

מיט געמאָסטענע טריט האָט קופּעלט זיך געלאָזט צום אַריינ־גאַנג. ער האָט זיך פּאַרקליבן אויפן בעטל, וואָס האָט זיך געהויבן, זיך אַראָפּגעלאָזט, אָנגעיאָגט אַ מיש אין קאָפּ. אַלץ אין קופּעלטן איז געוואָקסן, זיך צעהוידעט. ער האָט פּאַרמאַכט די אויגן און אין אים האָט גענומען שטייגן די זיכערקייט, אַז ער, קופּעלט, מיט זיינע פעיקייטן, מיט זיין פעדער אין האַנט, וועט נאָך לאָזן פון זיך הערן. פּלענער צו אימפּאָרטירן האָלץ פון רוסלאַנד, צו שיקן פון אַמעריקע לעדער נאָך וואַרשע, זענען אויפן אָרט געבוירן געוואָרן. דער מוח האָט ביי אים געאַרבעט, אונטערגעזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער פעלד־מאַשינען זענען די בעסטע און די ביליקסטע, ווערן געברויכט אַפילו אין דייטשלאַנד און קענען קאָנקורירן מיט די ענגלישע. קופּעלט האָט זיך מער נישט געזען אַ פּאַסאַזשיר פון צווישנדעק, זיך געזען אין

צענטער פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, אין איינער פון די שענסטע קאַנטאָרן. הונדערטער מענטשן אַרבעטן פאַר אים. עס קומען אָן באַ־שטעלונגען פון דער גאַנצער וועלט. זיינע שיפן מיט האָלץ, לעדער און מאַשינען טראָגן זיך איבער ימען, און אין שטעטל פונוואַנען ער קומט, קלינגט זיין נאָמען אויף אַלעמענס ליפּן. דאָס שטעטל פילט זיך זיכער. האָט אין דער גייער וועלט אַ צד — אַן אייגענעם מיליאָנער.

## 2. דער שטורעם

אַ בייטשיקער ווינט איז אָנגעלאָפן און די שיף האָט זיך פונאַנ־דערגעשאָקלט. פון די וואָלקנס זענען געוואָרן כמאַרעס. שווערע, פינ־צטערע האָבן זיי זיך צעראָפּגעלאָזט איבער דער דעק, געבליבן שטעקן צווישן די וואַלן וואַסער, וואָס האָבן געהעלט פון שוואַרצקייט.

די קוימענס האָבן זיך צערעוועט, אַרויסגעוואָרפן צילינדערס רויך, און אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז ס'איז נישט קיין שפּאַציר, ס'איז אַ נסיעה איבער אַ צעפלאָכטענעם ים, וואָס האָט זיך פונאַנ־דערגעשפּילט.

איינציקווייז האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם בויך פון דער שיף. די ריזיקע געביידע האָט זיך צעטרעסלט, און איבער די בעט־לעך, ווו די פּאַסאַזשירן זענען געלעגן, האָט זיך מיט כעס געטראָגן דאָס קלאַפּן פון מאָטאָרן, דאָס קרעכצן פון שטאָלענע באַלקנס. ווינטן האָבן זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטן, געטרעסלט די ווענט מיט אַ באַכעריי, מיט אַ פּייפעריי, מיט אַ גרעגעריי.

די שיף האָט פאַרריסן די „נאָז", זיך אַוועקגעזעצט, באַלד אַ פאַל געטון; האָבן די בלעכענע קעסלעך, לעפל, גאָפּל, וואָס זענען געהאָנגען ביי יעדן פּאַסאַזשירס בעטל, זיך צעשאָטן איבערן דיל, גע־קלימפּערט, געגרילצט, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט זיי געשליידערט, אויסגעמישט די יידישע לעפל מיט די פּוילישע, אונגאַרישע און סלאָוואַקישע.

די שיף האָט זיך ווידער אַ הויב געטון, געוואָקסן מיטן אָנגע־שוואָלענעם ים, געשווינדלט. די עלעקטרישע לעמפּלעך הינטער די דראָטענע שאַטקעס האָבן זיך געטוקט, געבלינצלט. מיט פרעמדע שטייפע הענט האָט קופּעלט זיך געקלאַמערט צום בעטל, וואָס האָט

אים געוואָלט אַרויסוואַרפן. אַ הוילקייט האָט זיך ביי אים געשפּאַרט אין האַלז אַריין, פאַרגאָסן מויל און אויערן. זיך גענומען שניידן אונ-טער אים, ווי אַ לייקע, טיפער, ברייטער, אים מיטגעשלעפּט און ער האָט אָנגעהויבן זינקען מיט דער שיף.

ס'איז קופּעלטן געוואָרן ביטער. ער האָט געדרייט מיט די אויגן, וואָס זענען געקראָכן פון קאָפּ, געבלינצלט מיטן לעצטן ביסל ליכט, געוואָלט וויסן, צי אַלץ אַרום אים ווערט טאַקע חרוב. ער האָט גע-קרעכצט:

— וואָלף... האַ, וואָלף?

— וואָס איז, ר' שלמה? — איז וואָלף געזעסן אויפן בעטל, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען, און געקייט ברויט מיט קנאָבל.

— ס'איז מיר שלעכט.

— ברעכט אָפּ, וועט אייך לייכטער ווערן.

קופּעלט האָט נישט געענטפערט. ער האָט מיט אַזוי פיל ביטול און שנאה אַ שאַר געטון מיט דער האַנט, וואָס וואָלף זיצט און עסט, אַז דער יונג האָט אַוועקגעלייגט ס'ברויט און אַ שולדיקער זיך אויס-געצויגן אויפן געלעגער.

שרעק איז ביי יעדן געשטאַנען אין די אויגן און איינער האָט שטומערהייט געבעטן הילףביים צווייטן.

עלטערע יידן האָבן אָנגעהויבן זאָגן תהילים. צום ערשט איינ-ציקווייז, באַלד האָט זיך באַוויזן אַ ייד אין אַ טלית, גענומען זאָגן מיט אַ טרויעריקן ניגון אַ פּסוק און כמעט אַלע, קליין און גרויס, האָבן אָנגעטון די היטלען און נאָכגעזאָגט. די נישט פרומע יונגעלייט האָבן זיך פאַרקליבן מיט אַ שמייכל אין אַ ווינקל און נישט געשטערט.

גויים האָבן מיט יראה געקוקט אויף די יידן. באַלד זענען עטלעכע אַראָפּ פון די בעטלעך קניען, אַנדערע ציילן די „פּאַטשערקעס".

יעדן האָט באַנג געטון, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דער היים, פאַרגעסן אָן דעם גליק, וואָס האָט אים געצויגן אויף יענער זייט ים, און אַלע ווי איינער האָבן זיך פאַראייניקט אויף פאַרשידענע לשונות צו פאַרשידענע געטער מיט איין מענטשלעכן געפיל — דער שטורעם זאָל נאָכלאָזן.

און אַז דער ים האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט, אויפגעהערט אַזוי צו

שליידערן די שיף, האָבן די פּאַסאַזשירן, געלט פון צופיל איבל, ווי די געדערים וואָלטן זיך ביי יעדן געשפּאַרט אין האַלז אַריין, זיך איינציקווייז אויפגעזעצט און גענומען זוכן אין זייערע פּעקלעך מיט וואָס צו דערקוויקן דאָס האַרץ.

אַ ייד האָט אַרויסגענומען אַ ציבעלע. די מענטשן, וואָס האָבן אַ ווײַלע צוריק זיך געווונטשן דעם ט.יט, האָבן זיך גלייך פאַרגעסן, נערוועז גענומען שטעקן די הענט — געבעטן מיט די אויגן, ווי די איינציקע ישועה וואָלט געלעגן אין דער ציבעלע:

— פּעטער, גיט אַ שטיקל.

דער פּאָקוסניק, וואָס האָט קוים געפּאָכעט מיט דער נשמה, האָט דערשמעקט דעם ריח פון ציבעלע און זיך אויפגעזעצט. דעם ברייטן פּאַסעק, וואָס האָט צונויפגעצויגן דעם אַזוי אויך איינגעלאָפּענעם בויך, אַלס סגולה פאַר ים-קראַנקהייט, האָט דאָס מענטשל אויפגעלאָזט און זיך אָנגענומען מיט אָטעם:

— וואָלף, גיב אַ שטיקל דאָס האַרץ צו דערכאַפּן.

— וואָס איז, זרח, פּאַסקודנע? — האָט וואָלף אים דערלאַנגט אַ האַלבע ציבעלע.

— אויף מיינע שונאים געזאָגט, — האָט זרח אַריינגעכאַפּט אַ רעפּטל ציבעלע אין מויל אַריין. און ס׳צעקנייטשטע פּנים זיינס האָט אי געשמייכלט, אי געוויינט.

ווי אַ מאַלפּע, האָט ער זיך אַ שאַר געטון איבערן בעטל אויף אַלע פיר, געבליבן זיצן לעבן קופעלטן. דאָס שטיקל באָרד מיט דער גאָמבע האָט ער אָנגעשפּאַרט אָן די פיס, אויפגעשטעלטע, ווי קראָקוועס, געכראָמשקעט מיט די פּאָדערשטע ציין די ציבעלע און אָנגעהויבן:

— מען דאַרף נישט הערן קיין קינדער, ר׳ שלמה, מען דאַרף נישט... געהאַט פּרנסה אין וואַרשע... וואָס רעד איך, איר וואָלט ביי מיר אַ זונטיק נישט אָפּגעקויפט פאַר צען רובל, און אין מיטן וואָך בין איך אויך נישט געזעסן ליידיק! איז אָבער נישט אָנגעשטאַנען, מיין פּרימאַדאָנע, נישט אָנגעשטאַנען, וואָס דער טאַטע שלעפּט זיך אַרום איבער די גאַסן. זי איז ביי מיר אַ טענצערין. מען דאַרף זיין אויף איר אַ מבין, ר׳ שלמה. צו דריי יאָר האָט שוין „נאַטשאַלסטוואָ״ זי אויף די הענט געטראָגן, און דאָ האָט מען איר פון אַלע זייטן

געהאַקט אין קאָפּ, אַז אין אַמעריקע איז אונזער פּרנסה מיט גאָלד גלייך. און וואָס אמת, דאַרף מען אונז נישט צונויפפּאָרן מיט שוס־טערס, צי שניידערס. מיר זענען קינסטלער! און דער עיקר, ר׳ שלמה — האָט זרח אַ וואָרף געטון זיינע פינגער, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעטיילט פון די עלנבויגנס — איר זעט? ביי אייך איז עס פינגער. נישטאָ קיין חילוק, צי אייערע, צי וואָלפס קלעצלעך, צי מיינע. אַז איך דערזע אמתע פינגער, ווילט זיך זיי קושן! איך צאַצקע זיך מיט זיי, ווי יידן מיט שיינע אתרוגימלעך. אונזער פּרנסה פאָדערט פינגער, קלעפּיקע פינגער... מען דאַרף זיין געשיקט, האָבן געלענק, טאַלאַנט אין די הענט. וואָס וועל איך דאָ פון אייך אויסבאַהאַלטן, ר׳ שלמה, איר זענט דאָך אַ ייד אַ בן־תורה, אונזער פּרנסה איז אַ ביטערע, אַ פינצטערע, מיט כישוף, אָבער, האָט עס גאָרנישט וואָס צו טון. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר מיט אַ טריפהנעם האַלז און מיט אַ היפּש פּעקל עבירות. און אַז די קישקעס זענען מיר אַ מינוט צוריקגעקראָכן אין גרגרת אַריין — האָט מיין כישוף אַסך געהאָלפן? און אויב מיר שלעפּן סטענגעס פון האַלז, שלינגען קלינגלעך, טוען דאָס אַלץ די פינגער — האָט זרח אַ שאַר געטון מיט זיינע צען פינגער, ווי מיט פייגל און אַנטקייגנגעטראָגן קופּעלטן אַ קופּערנעם צענער:

— וויפל איז עס, ר׳ שלמה?

— פינף קאָפּיקעס. — האָבן ביידע, אי שלמה, אי וואָלף, אַרויס־געזאָגט.

— די פינף קאָפּיקעס לאָז איך אַריין אין אייער קעשענע.—האָט זרח מיט אַ פרומער מינע זיך געפּאָרעט אַרום קופּעלטס וועסטל־קעשענע — טאַפּט אָן, זיי ליגן, יאָ?

— יאָ.

— און די קעשענע איז גאַנץ?

— גאַנץ. — האָט קופּעלט געשמייכלט און אַרומגעטאַפּט די קעשענע.

— און אַז איך זאָג: „האָקוס פּאָקוס״, איינמאָל און נאָכאַמאָל — האָט זרח אַ צי געטון זיין שמאָל גוף, אויסגעבויגן דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער, ווי אַ האַלב־געעפנט קלינגל פון מעסערל, וואָס

קען יעדע רגע צופאַלן — און איך טו אַזוי אַ פיר מיט די פינגער רעכטס—לינקס, לינקס—רעכטס... האַלט פעסט, ר׳ שלמה, פעסט און קוקט די מטבע איז דאָך ביי מיר! וואָס זוכט איר? אַ ליידיקע קעשענע? האַ, האַ, האַ! נישט קיין כּישוף, ר׳ שלמה, נישט קיין כּישוף, איך זאָג עס אייך!

קופּעלט און וואָלף, געפּלעפּטע מיט צעעפנטע מיילער, האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי אויף אַ וווּנדער. און דאָס קליינע מענטשל איז ביי זיי אויסגעוואַקסן אין די אויגן.

— זעט איר שוין, — האָבן די שוואַרצאַפּלען ביים פּאָקוסניק זיך געצונדן און ער האָט זיך גענטער אַ שאַר געטון צו קופּעלטן — אַז מיט אַזעלכע פינגער האָב איך געקאָנט רויק זיצן אין וואַרשע, נישט זיך שלעפּן איבער ימען, ווי איך האָב קיינעם נישט, פאַרשטייט ס׳לשון נישט, און באַלד די ערשטע נאַכט ווערט אונז אויסקומען אונטערן הימל איבערצונעכטיקן.

ביי די לעצטע ווערטער האָבן זיך די קנייטשן ווידער צעלייגט איבער זרחס פּנים. דאָס קעפּל איז אַריין צווישן די אַקסלען און דער נע-ונדניק, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, האָט זיך אַ רוק געטון פון די שכנים און תּמעוואַטע אונטערגעטראָגן אַ ביטל, וואָס ער האָט ביי קופּעלטן אַרויסגענומען פון דער בוזעם-קעשענע.

ביי קופּעלטן איז די נאָז בלאַסער געוואָרן פונעם פּנים. די אויגן איבערגעשראָקענע זענען נישט איינגעשטאַנען, געבעטן הילף ביי וואָלפן. מיטאַמאָל האָט קופּעלט מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטון ביי זרחן דעם ביטל און די שרעק איז ביי אים איבערגעגאַנגען אין אַ נאַרישן שמייכל.

— איר דאַרפט נישט מורא האָבן, ר׳ שלמה, — האָט זרח אינסטינקטיוו זיך אַ דריי געטון מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט, געקוקט אויף די שכנים ווי אַ הונט, וואָס שלעפּט אַוועק אַ שטיק פלייש, דרייט זיך אינמיטן לויפן אום, קוקט, צי מען יאָגט זיך נישט נאָך אים — אייגענע מענטשן...

עס איז געוואָרן אַ ווײַלע אומאָנגענעם. דאָס פּנים אָן ווערטער האָט גערעדט ביי זרחן, דערציילט, אַז עס איז געווען אַ שפּאַס, זיך געבעטן מען זאָל אים נישט טרייבן, אים געבן אַן אַדרעס, ווו ער

זאָל קאָנען די ערשטע נאַכט אָנשפּאַרן דעם קאָפּ. דער קליינער גוף איז איינגעשלאָפן, זיך צונויפגעדרייט און דאָס קעפּל, אַן איבערגע־שראָקנס, האָט זיך געגורטעוועט צווישן די אַקסלען.

וואָלף האָט נישט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אָנגע־קוואָלן פונעם פּאָקוסניקס שטיק, פון דעם, וואָס די רויטע מויד איז זיין טאָכטער, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איר קענט מיטגיין מיט אונז, זרח. לאַנדסלייט האַלטן פאַר אונז אַ דירה, וועט איר אויך זיין מיט אונז.

— פונוואַנען ווייסטו, וואָלף, אַז עס איז פאַראַן פּלאַץ? — האָט קופּעלט ביי זלעך אַ זאָג געטון.

— אַ טאָג, צוויי, ווי לאַנג וועט ער דען שטיין מיט אונז? — האָט וואָלף זיך פּרובירט פאַרענטפערן. — מיר וועלן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן.

קופּעלט, וואָס האָט קיין חשק נישט געהאַט זיך צו ווייזן פאַר די לאַנדסלייט מיט אַזאַ קאַפּעליע, האָט איבערגעשלאָגן וואָלפן:

— און דאָס מיידל? זרח האָט דאָך אַ טאָכטער, און דאָרט ווינען בלויז מאַנסבילן!

— מיין טאָכטער, — האָט ס'קאַרליקל זיך אויסגעדרייט און גע־שמייכלט — זי איז דאָך ביי מיר אַ קינד, גיב איר אַ ליאַלקע וועט זי זיך שפּילן. און אַז מען וועט דאַרפן, ר' שלמה, קאָן זיך מיין רעגינע איבערטון פאַר אַ יינגל אויך. מען וועט געפינען פאַר איר אַ ווינקל. דאָס, ר' שלמה, זאָל זיין אייער לעצטע דאגה. יאָ, וואָלף, טו אַ טובה — דעם גאַנצן נאָכמיטאָג זע איך זי נישט, פילט זיך מן־הסתם נישט גוט, מיין אָרים קינד, ליגט דאָרט איינע אַליין אויפן דעק... ווען דו קענסט זי אַראָפּברענגען, וואָלף. — האָט זרח זיך אַ רוק גע־טון צום יונג.

וואָלף האָט אויף דערויף געוואַרט. ער האָט זיך געהויבן איבער די שטיגן, געשפּרייזט צוויי טרעפּ מיטאַמאָל און דאָס האַרץ איז ביי אים ברייטער געוואָרן פאַר פרייד.

אויף דער דעק האָט דער שטורעם נאָך אָנגעהאַלטן. לויזשעס וואַסער זענען געשטאַנען פונעם רעגן, וואָס האָט געפּאַטשט אין די אָנגעצויגענע פּלאַכטעס, זיי געריסן מיט רציחה פון די שטריק. בליצן

האָבן אַרויסגעטויכט פון דער פינצטערניש, געצונדן צעשויבערטע פאַרגאַווערטע וואַלן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַרפן זיך מיט אַ פויקעריי, סווישטשעריי אויף דעם שטאָלענעם געשטעל פון דער שיף, זיך געטראָגן איבער דער דעק מיט אַזאַ אימפעט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו האַלטן זיך אויף די פיס.

וואָלף האָט מיט אַלע כּוחות אַן עפן געטאָן די מאַסיווע טיר, וואָס האָט געפירט אויף דער דעק אַרויס. ער האָט זיך קוים דורכגעשטופט און געכאַפּט פון דער טיר אַזאַ שטויס, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן אויפן דעק. אָן אָטעם, אָן לשון האָט ער זיך געטראָגן, געפילט ווי מען צעקנעפּט אים דעם ראָק, דאָס העמד, מען קריכט אים אין די קעשענעס און אַ נאַסע קעלט שנורעוועט איבערן בלויזן לייב.

פון גרויס צעטומלטקייט האָט ער זיך צעלאַכט. דער ווינט איז אים באַפאַלן, זיך פאַרקליבן אין אָפּענעם מויל מיט אַזאַ גבורה, אַז ווען ער כאַפּט זיך נישט פאַר אַ פּאָרענטש, וואָלט ער זיך איבערגעקוליעט.

— אַז ס'וואַרפט פון די פיס. — האָט וואָלף זיך פאַרשעמט און זיך געלאָזט איבער דער ליידיקער דעק, געזוכט רעגינען.

זי איז געליגן אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און אַ מאַטראָס אין גומענע שטיוול האָט זיך געפּאָרעט אַרום איר.

אַלץ אין רעגינען האָט זיך געקנייטשט, איבערגעגאַנגען אין אַ איבל, וואָס איז געבליבן שטיין אין קעל. די אויגן זענען געקראָכן פון קאָפּ. יעדע וויילע האָט זיך איר האַלז אַ צי געטון, געוואָרן לענגער און אַרום האָט געפּלייצט דער ים.

זי האָט זיך געדרייט אויף דער באַנק אַ פאַרחלשטע, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די וואַלן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ווי ווענט, געשליידערט די שיף און געוואָלט, זייער געוואָלט, דאָס וואַסער זאָל זי אַראָפּשווענקען.

וואָלף איז אונטערגעקומען, פאַרדעכטיק געקוקט אויפן מאַטראָס, אַז יענער האָט זיך אָפּגערוקט.

— אויב איר ווילט, רעגינע, וועל איך אײַך אַראָפּטראָגן. — האָט וואָלף זיך אַ בייג געטון איבער איר.

— לאָזט זי בעסער אויפן דעק. — איז דער מאַטראָס צוגעקומען — אונטן וועט איר נאָך מער איבלען.

רעגינע האָט געעפנט די פאַרמאַכטע אויגן, דערקענט דעם שכן און זיך צעקרעכצט:

— אוי, אוי...

— וואָס איז אײַך, רעגינע?

— שלעכט, שלעכט. — און זי האָט געוויזן מיט די פינגער, ער זאָל זי אַראָפּטראָגן.

וואָלף האָט זי אַ הייב געטון אויף זיינע צעשפּרייטע אָרעמס, דערפילט אַרום האַלז אירע פינגער. אַ וואַרעמקייט האָט געפלאַטערט צווישן זיינע הענט, האַסטיקער געטריבן דאָס בלוט אין די אָדערן. דאָס פינצטערניש, וואָס איז געקראָכן פון ים אַרויס, איז געוואָרן געדיכטער נאָך יעדן ווייטן בליץ, האָט זיי ביידע איינגעהילט, פאַרשטעלט דעם וועג צו די טרעפּ.

דער מאַטראָס אין די גומענע שטיוול האָט זי נאָכגעקוקט.

## 3. אַ געשלעג

וואָלף האָט געעפנט די אויגן. עס איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אים האָט עפּעס פּאַסירט און עס איז אים גוט, זייער גוט.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט איז דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן זיך צעוואַקסן, פאַרהילכט דאָס סקריפּען פון די בעטלעך, דעם שלאָף פון הונדערטער מענטשן. און איבער דער קאַזאַרמע איז געשטאַנען אַ בוירעריי.

וואָלף האָט זיך געטוליעט אין דער קורצער קאָלדרע. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם עלעקטרישן לעמפל, וואָס האָט געשטעקט אין דער סטעליע צווישן באַלקנס און רערן, אַרומגעפלאָכטן מיט אַ דראָטן קאָשיקל. ווו ער האָט זיך נישט געדרייט, האָט דאָס לעמפל אים נאָכגעקוקט.

ער האָט איינגענורעט דעם קאָפּ אין דעם שטרויענעם קישעלע. און פון די בלויע רעדער, וואָס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן, האָבן זיך אַרויסגעטוקט ווייסע, דינע הענט, נאָך ווייסערע פּלייצעס און איבער דער ווייסקייט האָבן אויפגעפלאַמט פייערדיקע האָר.

וואָלף איז געווען גליקלעך, וואָס אַלע אַרום שלאָפן, קיינער שטערט אים נישט. ער האָט זיך צונויפגעדרייט אונטער דער קאָלדרע, אָנגעהויבן פונאַנדערצוּוויקלען אַ פּאַסירונג נאָך אַ פּאַסירונג. די בילדער האָבן זיך געגומען טאַשעווען, איבערשפּרינגען. ער האָט געמוזט יעדע ווײַלע אָנהייבן פון אָנהייב, און מיטאַמאָל, ווי אויף צו להכעיס, איז אַלץ ביי אים צעשוומען. ער האָט בלויז געפילט אירע הענט אַרום זיין האַלז, און איבער דעם יונגן צעוואַקסענעם לייב איז נאָך אַלץ

געלאָפן דער נעלטיקער צאַפּל. אַ גרויסע פרייד האָט אים אַרומ־געגומען.

וואָלף האָט מער נישט געקאָנט איינליגן. ער איז שטיל אַראָפּ פון געלעגער, זיך געהיט קיינעם נישט איבערצוּוועקן. אין מוח ביי אים האָבן זיך אויסגעשטעלט די בעטלעך, אונטערגעזאָגט, אַז רעגינע שלאָפט אין פערטן. בלויז אַ דין בלעכן ווענטל טיילט אָפּ איר בעטל פון די מאַנסבילשע.

ער האָט אָפּגעמאַכט נישט צו קוקן אַהין, האָט דאָס רעכטע אויג זיך איינגעשפּאַרט. פון דער זייט אַריבערגעקוקט דאָס בלעכענע ווענטל, געקראָכן איבערן בעטל און ווי וואָלף האָט זיך נישט אַ דריי געטון, איז פאַר אים אויסגעוואַקסן רעגינעס קלייד, וואָס איז ווייך און פאַלדיק געהאָנגען צוקאָפּנס.

אַ באָרוויסער מיט אַ קאָפּ צעשויבערטע האָר איז ער געשטאַנען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, מיט שמחה געקוקט אויף די פּאַסאַ־זשירן, וואָס זענען געלעגן אין די בעטלעך, ווי הרוגים. שורות פיס מיט צעשטעלטע פינגער, ווי ציין פון גראַבליעס, האָבן אַרויסגעשטאַרט פון אונטער די קאָלדרעס. און ווי שטאַרק וואָלף האָט אָפּגעמאַכט נישט צו קוקן אויף רעגינעס בעטל, געהאַלטן די אויגן אין דער גרויקייט, האָט זיין בליק, ווי קוועקזילבער, יעדעס מאָל זיך אַרויסגע־גליטשט פון אונטער זיינע פינגער און אים אַליין מיטגעשלעפּט. אַ פאַרלאַנג, אַ שטאַרקער פאַרלאַנג איז געוואָקסן אין אים, זיך געצויגן ווי אַ פלאַנץ, צו דער זוניקער וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון רעגינעס געלעגער.

זי האָט זיך אין שלאָף איבערגעוואָרפן. די קאָלדרע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און עס האָט אויפגעלויכטן אַ שטיק לייב און אַ וואַ־רעמער פוס.

אַ פאַרפלאָמטער פון בושה, מיט די שיך אין די הענט, האָט וואָלף אַזאַ שפּרונג געטון צו דער טיר, גלייך ער וואָלט זיך נישט געקליבן זי אויפצועפענען, נאָר זי אויפצוברעכן. אין קאָרידאָר איז ער אַריין אין די שיך, העכער געוואָרן, און פון צופיל גבורה געגו־מען הייבן מיט די הענט, מיט די פיס, ווי אַ פּאַיאַץ פון טאָוול, ווען מען ציט אים ביי אַ שטריקל.

ער האָט אויפגעדרייט דעם קאַלטן קראַן, אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ, דעם קאַרק, דאָס דיקע פלייש פון די הענט, געבלעבלט מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל הייס געקעכץ, דערנאָך האָט ער זיך פונאַנדערגעניסט, איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַז עס האָט אַזש אָפּגעהילכט און דערפילט, ווי זיינע פלייצעס, די פעסט-צונויפגע-קלאַפּטע, שאָקלען זיך פונאַנדער.

אַ קוכער אין ווייסן איז אַרויס פון אַ זייטיקער טיר און מיט שמחה אָנגעזאָגט וואָלפן:

— מען זעט שוין לאַנד!

וואָלף איז אַרויף אויפן דעק. גרויע שטיקער האָבן זיך געשאַרט, זיך פאַרטשעפּעט אָן מזרח, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וווּ איז הימל און וווּ איז וואַסער. און אַז מען האָט זיך לענגער איינגעקוקט, האָט די שיין, וואָס האָט זיך געזיפּט דורך דער גרויקייט, גענומען באַזילבערן די אָנגעוואָרפענע שטיקער און פון די שטיקער האָט אַרויסגעשאָסן אַ צעגליטע פייל, אַ דינע, גאָר אַ דינע, געבליבן שטעקן מיט פייערדיקע צינגלעך אין היטל, אָנגעזאָגט, אַז דער מאָרגן קומט אָן.

אין דעם באַגינען האָבן אויפגעטוקט פייערלעך. איינס לעבן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן, געצייכנט פישער-שיפן, און איבער די שיפן האָבן זיך געראַוילערט בערג. זיך קוים אַרויסגעפּרעסט פונעם נעפּל.

וואָלף האָט געקוקט אויף די מחנות ווייסע פייגל, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דעם פרימאָרגן, — זיך, דאַכט זיך, געקליבן אויף טויזנטער חתונות.

די פייגל האָבן פאַרעקשנט געקלאַפּט מיט די פאַרשפּיצטע פליגל, זיך געיאָגט נאָך דער שיף, זי באַפאַלן אין אַזעלכע מענגעס און מיט אַזאַ כעס און מיט אַזאַ גערודעריי, אַז מיט דעם בלויזן בלענדעניש פון זייערע ווייסע פליגל, מיט זייער חוצפּהדיקן איבערפאַל, האָבן זיי אָנגעיאָגט אַ שרעק.

אַ פאַרגאַפטער האָט וואָלף זיך אַרומגעקוקט, טייל מאַטראָסן אין גומענע שטיוול האָבן געוואַשן די דעק, אַנדערע האָבן געפּוצט די מעשענע רייפן און זאַוויאַסעס, אָנגעצויגן די פענער. מען האָט זיך געקליבן מיט פאַראַד אַריינצופירן די שיף אין האַפן אַריין.

וואָלף איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט דער ערשטער דאָס אַלץ דערזען, זיך געקליבן פריער פאַר אַלעמען אויפצוּוועקן רעגינען. זי וועט אַריבערוואַרפן ס׳קליידל, זיך אַ לאָז טון מיט אים צום אַרויס־גאַנג — נאָך זיי וועט זיך אַ שאָט טון די גאַנצע שיף.

ער איז געלאָפן איבער די טרעפּ, אַן עפן געטון די טיר פון קאָרידאָר און גענומען גיין אויף די שפּיץ נעגל. ער איז אַריין אין דער נאָך פינצטערער קאַזאַרמע. אַ פאַרשטיקטער ריח האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַרייַן, געאיבלט פון צעיוירן מענטשן־פלייש. וואָלף איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין. פון הינטער דעם בלעכענעם ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט רעגינעס געלעגער פון די מאַנסבילשע, האָט זיך געהויבן אַ געשטאַלט, זיך געבויגן צום בעטל. עס איז געווען אַ מאַן. וואָלף האָט זיך אַ שאַר געטון צו אַ פירעקיקן באַלקן, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט די סטעליע, אַפּערגעקוקט און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין.

דער אָטעם איז ביי וואָלפן געוואָרן שווערער. ער האָט צוגע־האַלטן איין האַנט מיט דער צווייטער, זיי זאָלן נישט ציטערן, געקוקט אויפן פרעמדן, וואָס איז געשטאַנען איבער דעם אָפּגעדעקטן מיידל. מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיטן גאַנצן גוף האָט דער פרעמדער געלאַשטשעט רעגינעס ווייכע, וואַרעמע באָקעס.

דער פרעמדער האָט דערפילט, ווי אַ פּאָר אויגן קריכן ביי אים איבערן קאַרק און זיך אויסגעדרייט. עס איז געווען אַן אונגאַר. דער אונגאַר האָט זיך צעשמייכלט פון איין אויער צום צווייטן, זיינע פאַר־שפּיצטע וואָנסן זענען לענגער געוואָרן. ער האָט ווילעריש אַ ווונק געטון צו וואָלפן, אים צוגערופן אויף שטום־לשון. געזען, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט, האָט דער אונגאַר געוויזן מיט אַ האַנט אויפן נאַקעטן לייב, דערנאָך צוגעלייגט די שפּיץ פינגער צו די ליפּן און זיי אַ קוש געטון.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם בריל, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די געדערים, האָט וואָלף זיך אַ וואָרף געטון אויפן אונגאַר. ביידע האָבן זיך אַ הייב געטון. דער שטיינערנער דיל האָט זיך פונ־אַנדערגעטרייסלט, ווי אין בויך פון דער שיף וואָלט עפּעס מיטאַמאָל

געפּלאַצט און אין דער הוילקייט איבער די בעטלעך איז לאַנג גע־שטאַנען דער קלאַפּ.

מענטשן איבערגעשראָקענע האָבן זיך אויפגעריסן פון די גע־לעגערס, אַריבערגעשריגן איינער צום צווייטן:

— וואָס איז?

— וואָס איז געשען?

אָן קולות, פּאַרסאַפּעטע, האָבןביידע זיך געקלאַמערט אַרום רעגינעס בעטל. דאָ איז וואָלף געלעגן אויפן אונגאַר און דאָ האָט דער אונגאַר מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך וואָלפן און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים.

ווערטער געציילטע, אומפאַרשטענדלעכע, וואָס זענען געקומען מיט אַ פאַרשטיקט ברומען, האָבן אויפגעוועקט רעגינען. זי האָט זיך אַ וויקל געטון אין דער קאָלדרע, זיך אַ צי געטון און אַרום איז ליכ־טיקער געוואָרן פון אירע האָר, וואָס זענען געפאַלן צעפּאַטלט פון ביידע זייטן קליינעם קאָפּ. רעגינע האָט זיך אַ בייג געטון איבערן פּאָרענטש פון בעטל, געקוקט אויפן געשלעג און נישט באַמערקט, ווי דער אַקסלבאַנד פון איר אונטערקלייד גליטשט זיך, דעקט אָפּ יונג, ווייס לייב.

עס איז דורך אַ מינוט, צוויי, דריי.

האַלב נאַקעט האָט דער עולם אַרומגערינגלט דאָס פּאָרל, וואָס האָט זיך געקייקלט איבער דעם שטיינערנעם דיל, געקנעטן איינער דעם צווייטן די זייטן. מען האָט זיך נישט פונאַנדערגעקליבן ווער ס׳איז גערעכט, און אויפן אָרט זיך געטיילט אין פּאַרטיעס — יידן, גויים.

— טיילט זיי פונאַנדער! צענעמט זיי! — האָט אַ יידענע זיך געבעטן ביי די אַרומיקע.

קופּעלט האָט זיך געדרייט אַרום דעם פּאָרל, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, זיי געוואָלט פונאַנדערנע־מען, איז אויסגעוואָקסן אַן אַנדער פּאָר פּיס, אים נישט צוגעלאָזט. ער האָט זיך געדרייט אַן אומבאַהאָלפענער, געהאַט טענות צום עולם:

— וואָס דערלאָזן מיר? טיילט זיי פונאַנדער!

— נו, נו, וואָס דערלאָזט איר טאַקע? — האָט אַ יונג חוצפּהדיק אַריינגעלאַכט קופּעלטן אין פּנים.

— טיילט זיי פונאַנדער, יידן! — איז די יידענע געוואָרן דרייסטער.

— מען דאַרף נישט! וואָלף וועט זיך ספּראַווען מיטן ערל! — האָט דער קונצנמאַכער אָפּגעשטופּט די יידענע, זיך געטראָגן ווי אַ טרענדערל אין זיינע אויסגעוואָקסענע הויזן פון איין צד צום צווייטן, געמאַכט אַ וואַרע אַרום די שלעגער און אָנגעהויבן צו קאָמאַנדעווען— אַזוי, וואָלף! לייג אים אַ חתימה צווישן די אויגן! נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל, וואָלף! בעסער, בעסער, בראַוואָ, וואָלף!

— בראַוואָ! — האָט אונטערגעכאַפּט דאָס יונגוואַרג, ווען וואָלף איז אַ פאַל געטון אויפן אונגאַר מיט אַזאַ געוויכט, אַז יענער האָט אויסגעצויגן הענט און פיס.

די קלעפּ זענען געוואָרן פעסטער, דער געראַנגל געשיקטער און וואָלף האָט געפילט, ווי דאָס בלוט גיסט זיך ביי אים פון די פיס אין די הענט, רוימט איין, אַז ס'איז אַ געשלעג אויף טויט און אויף לעבן.

די אונגאַרן האָבן זיך געקאָכט, געגודערט אויף זייער שטייגער און קיינער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס די צוויי יונגען שלאָגן זיך.

עס איז אַריינגעקומען דער דעזשורנער מאַטראָס, פונאַנדערגענומען די שלעגער, געסטראַשעט ביידן צוריקצושיקן, זיך פונאַנדערגעפרעגט ביי די אַרומיקע, וואָס דאָ איז געווען. דער צעשלאָגענער אונגאַר האָט געגלאָצט מיט די אויגן און נישט געענטפערט. וואָלף אַ צעפלאַמטער האָט געשמייכלט, פון דער זייט געקוקט אויף רעגינען און זיך איינגעהערט אין דעם אייגענעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין אים מיט אַ פיינלעכער פרייד, ווי ביי אַ שטאַרקער חיה, ווען זי שלאָגט אָפּ אַ סאַמקע ביי אַ שוואַכערער.

אַ גאַליציאַנער יידענע האָט זיך אַרויסגערוקט, אָנגעהויבן האַלב אין יידיש, האַלב אין דייטש:

— הער לעבן, דאָס מעדכען — און זי האָט געוויזן אויף רעגינען, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן אָפּגעדעקטן אָרעם און אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום — שלאָפט אַן אָפּגעדעקטע,

און דער יונג — האָט זי געצייגט אויפן אונגאַר — וואַר פרעך, זער פרעך...

— זאָ איין קערל, — האָט דער מאַטראָס אַרויפגעלייגט אויפן אונגאַר אַ האַנט — מען וועט דיך צוריקשיקן!

עס איז געוואָרן אַ גערודער. אַלע האָבן געשריגן אינאיינעם, אַרומגערינגלט דעם מאַטראָס, וואָס האָט געפירט דעם שלעגער, אים געוואָלט אָפשלאָגן.

— ווו פירט ער אים, דער „יעקי" נאַר?

— לאָזט נישט, חברה!

— גלייכער זיך נישט צו מישן!

— ווער האָט מורא פאַר אים?

— און אַז מען וועט אונז צוריקשיקן?

— מען וועט נישט.

אַ יונג האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַלע פיר. דער מאַטראָס איז אַריבערגעפאַלן, גלייך אויפגעשפרונגען מיט אויפגעביילטע פויסטן, זיך געוואָלט יאָגן נאָכן אונגאַר, וואָס איז מער נישט געווען לעבן אים. ס'איז אויסגעוואָקסן אַ וואַנט מיט מענטשן, אים נישט דורכגעלאָזט, געשטופט אין קאָרידאָר אַריין.

— שמוציקע! — האָט דער מאַטראָס געסטראַשעט, געלאָפן נאָך הילף.

קיינער האָט אים נישט געהערט.

איצט ערשט האָט זיך וואָלף דערפילט צווישן די יידן נאַריש, צופרידענע האָבן זיי געקוקט אויף זייער גיבור, אים באַטראַכט, באַוווּנדערט זיין גרייס, וואָלף איז געווען זיכער, אַז מען לאַכט פון אים. אַלע ווייסן, אַז ער האָט זיך געשלאָגן איבער רעגינען און די הענט, די פיס, די אויגן, אַלץ איז אים איצט געוואָרן איבעריק.

דער קונצנמאַכער, וואָס האָט זיך בשעת מעשה אָנגעטון, איז אונטערגעשפרונגען און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע:

— גיב אַ האַנט, וואָלף, האָסט זיך איינגעשטעלט פאַר מיין קינדס ערע, פאַר מיין רעגינען, פאַר דער וואַרשעווער פרימאַדאָנע. ביסט אַן אמתער „פשיאַטשעל", אַ קאָלעגע, מיין איך!

ער האָט אים אַ שלעפּ געטון צו קופּעלטן, אים אַרומגעדרייט

צוויי מאָל, פונאַנדערגענומען וואָלפס צעפּאַטשטע הענט:

— מיט אַזעלכע ידים, ר' שלמה, וועט דער יונג אַ וועלט אייננעמען! אַ וועלט, זאָג איך אייך. איר זענט אַ מבין, ר' שלמה, וואָס הייסט שלאָגן? אַזאַ האַנט, אַז זי רייסט זיך אָפּ, דאַרף מען שוין קיין געהאַקטע באַנקעס נישט! אַז וואָס ווייסן זיי, וואָלף? קום אַהער, לאָמיר זיך צעקושן!

ער האָט זיך איינמאָל מיט אים צעקושט, נאָך אַמאָל, אַזוי צעטומלט וואָלפן, אַז דער יונג איז געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע פיס און די הענט זענען ביי אים געוואָרן איבעריק.

צום גליק איז רעגינע אונטערגעקומען. זי האָט אים אַוועקגענומען אָן אַ זייט, געווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס פון זיין שטערן:

— טאַקע איבער מיר, וואָלף, האָט איר זיך געשלאָגן?

וואָלף האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז גרייט זיך צו שלאָגן מיט נאָך צען, אַבי צו שטיין לעבן איר, הערן איר קול. ער האָט עס אָבער נישט געזאָגט, נישט געקאָנט איר קוקן אין די אויגן, געדרייט בלויז מיטן קאָפּ, געוואָלט פּטור ווערן פון די צעפלאַמטע אויגן, וואָס האָבן אים איצט געשטערט.

— מען זעט שוין לאַנד! — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

— יידן, מ'זעט לאַנד!

— נאָך אַזאַ נסיעה דאַרף מען גומל בענטשן!

פון אַלע זייטן האָט מען זיך גענומען שפּאַרן צום אַרויסגאַנג.

## 4. ביים ברעג פֿון אַמעריקע

דער מאָרגן, אַ פרישער, אַ יונגער, האָט זיך געריסן פון וואַסער, מיטגעשלעפּט אַ שטיק זון, וואָס האָט געצונדן דעם ים און די שטילע כוואַליעס האָבן געבלישטשעט מיט אוצרות.

שיפן און שיפלעך האָבן געשניטן ס'וואַסער אין דער לענג, אין דער ברייט. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט אַ פייף, פאַרשייט און זיכער. אַרום און אַרום, ווו דאָס אויג איז געפאַלן אין דער קלאָרקייט פונעם פרימאָרגן, האָבן זיך געצייכנט אינזלען, ווי שטיינערנע בערג.

פון יעדער טיר ביים אַרויסגאַנג האָבן זיך געשאָטן מענטשן, געשטאַנען פאַרגאַפטע אַרום דעם פאָרענטש פון דער שיף, עפּעס גע-זוכט מיט די אויגן. אַ פּאָר אַלטע פאַרגרעסער-גלעזער זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

— און ווו איז ס'מיידל?

— ס'אַרע מיידל?

— אַ מאָנומענט, מייבסטו?

— ער מיינט אַוודאי די „סטעטשו אָף ליבערטי"! — האָט דער אַמעריקאַנער מיט ביטול געשמייכלט — איר וועט זי זען, האָט געדולד!

— משהל, זענען מיר טאַקע שוין אין אַמעריקע? — האָט אַ בייכיק יידל זיך אַרומגעכאַפּט מיט אַ לאַנגן יונג.

— יאָ, פעטער.

— מיר זאָלן שוין מער פון קיין צרות נישט וויסן, קינדער. — האָט אַ ברייטע מאַמע, ווי אַ קוואָקע, צונויפגענומען אַרום זיך אַ האַלב טוץ קליינוואַרג.

— צו וועמען פאָרט איר? — האָט אַ יידענע געפרעגט ביי דער צווייטער.

— צו אַ מאַן.
— און איר?
— צו קינדער, — האָט זי אָפּגעזיפּצט — זיי זאָלן מיך כאָטש אָפּוואַרטן!
— ווי הייסט, נישט אָפּוואַרטן! אַ מאַמע?
— אַז זיי וווינען נישט אין נעוו-יאָרק, ערגעץ ווייט. מען דאַרף נאָך פאָרן און פאָרן...

אַ באָבע, הויט און ביינער, אין אַ טערקישן שאַל-טוך, האָט זיך געטראָגן צווישן עולם מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט. זי האָט אָפּגעשטעלט אַ מיידל, איר דערלאַנגט אַן אַדרעס, און די יאַסלעס אָן ציין האָבן זיך געבעטן:

— קרוינעשי, זע נאַר, ווי הייסט מיין זונס שטאָט?

אַ זקן אין ווינטערדיקע מלבושים, וועמען קיינער האָט נישט געזען דורך דער גאַנצער צייט פון דער רייזע, האָט זיך אַריינגע-קייקלט מיט זיין שטעקן צווישן עולם. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ בער, וואָס פאַרלאָזט נאָכן ווינטער זיין באַהעלטעניש. דער זקן האָט זיך געריבן די אויגן, נישט געוועןן צוגעוווינט צו אַזוי פיל ליכט, געשמעקט מיט דער האָריקער נאָז און מיט די עלנבויגנס זיך גע-מאַכט אַ וועג. אַ יינגל איז דעם אַלטן אַרויף אויף אַ פוס, דער זקן האָט אים אַ שליידער געטון מיט אַזאַ רוגזה, אַז דער אַרומיקער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט:

— וואָס וואַרפט איר זיך, זיידעשי?

— אַ שמחה אויף זייער קאָפּ! שוין געוועןן אין דער גאָלדענער מדינה, שוין געוועןן. — האָט ער געקלאַפּט מיטן שטעקן און מיטאַמאָל אָנגענומען אַן עלטערן ייד פאַר אַ לאַץ. — צו וועמען פאָרט איר? צו קינדער? ווערן אַ ניאַנקע אויף דער עלטער? אַ גליק האָט אייך געטראָפן!

עס איז געוואָרן אומהיימלעך, מען האָט זיך איבערגעקוקט.

— ווער איז ער?

— ווער איז דער אַלטער?

קיינער האָט נישט געוווסט. זיין שווערע אומגעלומפּערטע פיגור איז שוין געשטאַנען ביי דער נאָז פון דער שיף, זיך געהויבן איבער

דער טרעפּ, וואָס האָט געפירט צו אַ העכערן דעק.

די מורא פאַרן ים איז נישט געוואָרן, ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט געווען. די שרעק אָבער פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, די שרעק פאַרן פרעמדן לאַנד, וווּ אַלץ האָט אויסגעזען, ווי אין אַ חלום, האָט אַרויס־געקוקט ביי יעדן פון די אויגן, געלעגן אויף די אויסגעצערטע פּנימער.

ווייבער האָבן אַרויסגעשלעפּט זעק, קאָשיקלעך, זיי געעפנט, געסאָרטירט דאָס איבערגעבליבענע עסנוואַרג. מאַמעס האָבן גערופן דאָס קליינוואַרג, געשריגן, איבערגעלייגט די טעפּלעך מיט שמאַלץ, מיט האָניג, געשטאַנען פאַרשמאַיעטע, די שייטלען פאַררוקט איבער די שאַרבנס, ווי עס וואָלט געווען ערב־פּסח. עס איז אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט דער אייגענער פּראַצע, מיט דער היים. מען האָט צען מאָל איבערגעלייגט יעדע קלייניקייט, נישט געהערט, ווי די מאַנסבילן בייזערן זיך:

— וואַרפט שוין אַמאָל אין ים אַריין!

— וואָס, וואָס, — עסן אין אַמעריקע פעלט נישט!

— פונוואַנען זענט איר אַזוי זיכער? — האָט זיך אַ יידענע אָנ־גערופן.

— מיט אַזעלכע פּעק וועט מען דיך ערשט נישט אַריינלאָזן, מיין ווייב.

— און דו מיינסט, מיין מאַן, אַז מען לאָזט דיך שוין אַריין?

— דער אמתער גיהנום, זאָגט מען, הייבט זיך איצט אָן אין קעסלגאַרדן! — איז אַ שכנה אַריין אינדערמיט.

— האָב צו טון מיט ווייבער! — האָט אַ מאַן אַ כאַפּ געטון אַ קאָשיק, אים איבערגעדרייט אין ים אַליין. און אַז עס האָבן זיך גע־נומען שיטן פלעשלעך, סלאָיקעס, איז געוואָרן צווישן דעם קליינוואַרג אַ הוראַ.

— גזלן! — איז דאָס ווייב אַ פלי געטון דעם מאַן אין פּנים אַריין — האָסט דאָך דאָס טעפּל שמאַלץ, וואָס איך פיר פאַר דיין שוועסטער, אויך אַריינגעוואָרפן.

— בין איך בדלות!

פון אַלע זייטן זענען געפלויגן אין וואַסער אַריין שמאַטעס,

לאַכעס, עסנוואַרג. געוואָרפן האָבן אַלע — קינדער, מאַמעס, טאַטעס. עס האָט אויסגעזען, ווי מען לאָזט איבער אינעם ים דעם דלות, מען גרייט זיך אָנצוהייבן אין דעם נייעם לאַנד אַ נײַ לעבן.

וואָלף מיט רעגינען האָבן זיך געדרייט צווישן עולם, פאַרקראָכן אויפן העכסטן גאַניקל. דאָס גאַניקל, ווו רעטונגס-שיפלעך זענען גע־שטאַנען און געהאָנגען, איז געווען פאַרלאָזט. קיינער פון די פּאַסאַ־זשירן האָט זיך נישט פאַרקליבן אַהער. מען איז געווען פאַרטון אין די געפעק, זיי געהיט, געהאָפּט פאַר מיטאָג אַרונטערצוגיין פון דער שיף.

די ווייסע פייגל זענען געוואָרן הוצפּהדיקער. זיך געטראָגן מיט אַ גודעריי איבער דער שיף. אַ פויגל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרבייגע־טראָגן אַזוי נידעריק און אַזוי גיך, אַז רעגינע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, גלייך זי וואָלט אויסגעמיטן אַ שטיין, זיך אָנגעכאַפּט אָן וואָלפן און געלאַכט פון זיך אַליין.

— ווען מיר באַקענען זיך נישט אויף דער שיף, ווער ווייסט, וואָס איך מיטן טאַטן וואָלטן אָנגעהויבן טון?

— איר האָט טאַקע אין אַמעריקע קיינעם נישט? — האָט וואָלף געפרעגט.

— איך האָב דיך! — האָט רעגינע זיך אַ שטעל געטון אים אין פּנים אַריין, און איר געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס שטעקט אָן, האָט געשלאָגן פון די אויגן, פון די ציין, פון די האָר.

פון גרויס פרייד, וואָס רעגינע זאָגט אים דו, האָט וואָלף זיך פאַרלוירן. די הענט האָבן בײַ אים אָנגעהויבן ציטערן, ער האָט זיי אַרײַנגעשטעקט אין די הויזן-קעשענעס און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך בין אַ מאַן און כ׳ווייס נישט, צי איך וואָלט געפאָרן אַהער, ווען איך האָב דאָ קיינעם נישט.

— וואָלסטו זיך דאָך מיט מיר נישט באַקענט. — האָט זי אים אַ לאַך געטון אין פּנים אַריין און גלייך אויפן אָרט געוואָרן ברוגז־לעך — און וועמען האָסטו דאָס דאָרט, וואָס דו נעמסט זיך אַזוי איבער?

— איך האָב אַ רייכן פעטער און קופעלט, מיין געוועזענער באַלעבאָס, האַלב ניו-יאָרק זענען זיינע באַקאַנטע!

— אויב האַלב ניו־יאָרק זענען אייערע באַקאַנטע, — האָט רעגינע שוין ווידער געלאַכט — דאַרף איך שוין קיינעם נישט האָבן!

— געוויס דאַרפסטו נישט!

— אַזוי רעד, דו שלעגער, דו! — האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אויער און אים אַריינגעזעצט אין אַ צעבראָכענער אָנלען־שטול — ביסט מער בריה זיך צו שלאָגן, ווי צו רעדן. מיין טאַטע הערט נישט אויף צו רעדן, דערפאַר אַז עס איז געקומען זיך צו שלאָגן, איז ער אַזש אַנטלאָפן איבערן ים.

— וואָס, דיין טאַטע האָט געהאַט מיט עמעצן אַ געשלעג אין וואַרשע?

— איך האָב געהערט, ווי דער טאַטע האָט זיך געקלאָגט פאַר קופּעלטן, — איז רעגינע נישט איינגעשטאַנען — אַז איך האָב אים געשלעפּט קיין אַמעריקע. נישט אמת, דאָס האָט ער מיך געשלעפּט, מורא געהאַט איך זאָל נישט אַריינפאַלן צו אַן אָפיציר אין די הענט.

— אַן אָפיציר האָט זיך געליבט אין דיר? — איז וואָלף געוואָרן נייגעריק.

— אַלץ הייסט געליבט. — האָט רעגינע זיך אַ שטעל געטון מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. די שטים האָט זיך ביי איר געביטן און פון אַ לאַכעדיק מיידל איז געוואָרן אַ דאַמע — ער האָט מיך געשלעפּט ווי איך גיי און שטיי אין צערקווע אַריין!

— און דו?

— איך? — האָט רעגינע זיך פאַרטראַכט אַ רגע און געענטפערט — איך האָב אים אויך ליב געהאַט, נישט אָבער אַזוי, ווי ער מיך. און אַז דער טאַטע איז געוועזן קעגן, האָט דער אָפיציר אים גע־וואָלט שיסן. מיר זענען קוים אַנטלאָפן. דער אָפיציר וועט נאָך קומען נאָך אַמעריקע, וועסט זען. אַזעלכע ווי ער קומען! ווייסט, וואָלף, די בעסטע געליבטע זענען די, וואָס רעדן ווייניק!

— רעד איך דאָך ווייניק. — האָט וואָלף אַ זאָג געטון און זיך פאַרלוירן.

— געפעלסטו מיר טאַקע!

פון דער דאַמע איז צוריק געוואָרן אַ מויד אַ רוח. זי איז אונ־טערגעשפרונגען, זיך אַרויפגעזעצט וואָלפן אויפן שויס, אַז די הינקעדיקע

שטול האָט אַזש אַ קרעכץ געטון און אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע.

זיי האָבן געקוקט אויפן ים.

אַ שיפל מיט אַן אַמעריקאַנער פאָן האָט זיך געוויגט צווישן די כוואַליעס. דאָס שיפל האָט זיך אַ שטעל געטון מיט דער נאָז, אויס־געזען — עס וועט זיך יעדע רגע איבערדרייען. רעגינע האָט אויפגע־ציטערט, אַרומגעכאַפּט וואָלפן ביים האַלז. ער האָט זי אַרומגענומען. דער אָטעם אירער האָט נישט געלאָזט איינזיצן, געבריט, ענג געמאַכט אויף אים ס׳לייב.

פון צווישן די רעטונגס־שיפלעך האָט זיך באַוויזן די אומגעלומ־פּערטע פיגור פונעם זקן. ער האָט געשיקט אויף אַפריער זיין שטעקן. דאָס פּאָרל האָט זיך אַ הייב געטון. דער זקן, אַ באַוואָקסע־נער, איז גענטער צוגעגאַנגען, זיך איינגעקוקט אינעם פּאָרל און עטוואָס אונטערגעהויבן אויף וואָלפן דעם שטעקן:

— אַ שמחה אויף דיין קאָפּ! געקראָגן אַ קוש, האַ? אַ גליק האָט דיר געכאַפּט!

וואָלף מיט רעגינען האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, זיך אַ נעם געטון פאַר די הענט, איבערגעלאָזט דעם זקן, און אַז זיי זענען שוין געשטאַנען ביים אַראָפּגאַנג האָבן זיי זיך צוריק אויסגעדרייט, ווידער בעקוקט אויפן אַלטן און אויפסניי גענומען לאַכן.

## 5. אויף גאָרעק־סטריט

דעם טאָג, ווען קופּעלט האָט געדאַרפט אָנקומען, זענען זיינע פינף לאַנדסלייט, וואָס האָבן געוווינט אויף גאָרעק־סטריט אין דריי צימערלעך מיט אַ קיך, געבליבן אין הויז.

די דירה האָט אָנגעהאַלטן דער אַלטער לייזער, אַ קרענקלעכער ייִד, אַ שרייער, אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, וואָס האָט סיי זומער, סיי ווינטער געטראָגן אַ וואָלענעם שאַליק אַרום האַלז.

ביים קלענסטן ווינטל האָט ער פאַרמאַכט די פענצטער, זיך געקריגט מיט זיינע לאַנדסלייט, אַז אויב עס געפעלט זיי נישט, עס איז זיי דושנע, האָבן זיי אַ ברירה זיך צו זוכן שענערע פּאַלאַצן, ער האָט נאָר איין האַלז, וויל ער אים נישט פאַרקילן, וויל נישט פאַרקילן דאָס קול.

און לייזער האָט געקעכלט, געוואַרעמט זיין שטים, זיך אַרומגעטראָגן מיט איר, ווי מיט אַ חולאת, גערעדט אַ גאַנץ יאָר פון ימים־נוראים, ווען ער האָט אַריינגעכאַפּט אַ באַצאָלטן „מוסף".

די עטלעכע צענדליק דאָלאַר, וואָס ער האָט געקראָגן פאַרן דאַווענען, האָבן אים געגעבן דעם כוח צו שרייען, צו באַלעבאַטעווען איבער די לאַנדסלייט, אויסצובאַהאַלטן פאַר באַקאַנטע זיין ביטערע פּרנסה.

לייזערס פּנים, וואָס איז געזעסן אין אַ פאַרשוירן, אָפּגעשאָסן בערדל, איז געווען אָן מראה, טויטלעך. בלויז ווען ער איז ביים געוואָרן, זיך צעשריגן, האָט זיין גאַנץ ביסל חיות זיך פאַרקליבן אין דער רויטלעכער נאָז, ווו דער שפּיץ האָט זיך געבלויט ווי אַ פלעמל אַלקאָהאָל.

ער האָט געהאַט אַן איינציקן זון, אַ בחור אין די דרייסיקער,

אַ שווייגער, וואָס האָט שטודירט מעדיצין, און אַלע אין שטוב האָבן אים גערופן דאָקטאָר. דער זון האָט פאַרנומען דאָס לעצטע צימערל, וואָס האָט געהאַט אַ טיר און איז שטענדיק געווען פאַרמאַכט.

ביי זיך אין הויז איז לייזער געווען אַ תּקיף, נישט פאַרשוויגן קיין הויך וואָרט, נישט פאַרטראָגן די קלענסטע עוולה. ער האָט געוווסט יעדן קער פון די לאַנדסלייט — וויפל זיי פאַרדינען, וויפל זיי שפּאָרן אָפּ. און זייער נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך, וווהין ער פאַרשווינדט יעדן טאָג אויף עטלעכע שעה. דער זעלבער לייזער האָט זיך פאַרלוירן פאַרן זון, אָנגעקלאַפּט יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט צו אים אַריינגיין.

באַגינען, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָט דער אַלטער לייזער שוין געפּוצט דעם זונס שיך, פאַרשמירט מיט טינט די אויסגעשמירטע ערטער פון זיין ראָק און הויזן און אים איבערגעלאָזט אויף הוצאות. ער האָט געקרעכצט בשעת מעשה, ווי ער וואָלט די פּופּציק סענט נישט אַרויסגענומען פון קעשענע, נאָר אָפּגעריסן פון זיין אייגן לייב. דער ווייטיק איז דעם אַלטן געווען ליב; זיך געטרייסט, אַז דאָס זאַמלט ער, פאַרזאָרגט זיך אויף דער עלטער, ווען ער וועט מער נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן, און גערעדט וועגן זון, וועגן דאָקטאָר זיינעם, ווי אַן אָפּגעהיטער ייד רעדט וועגן עולם-הבא.

דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווען קופּעלט האָט געדאַרפט אָנקומען, איז לייזער געווען צערודערט. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס קופּעלטן, דעם גביר פון שטעטל, איז אויסגעגאַנגען אַזאַ סוף. פאַר די אויגן איז געשטאַנען דאָס געפּאַרבטע הויז אין מיטן מאַרק. קופּעלט אין די שטעק-שיך מיטן ברייטן זיידענעם שלאָפראָק זיצט אויפן גאַנעק און טרינקט טיי. לייזער לויפט מיטן טלית-זאַק פאַרביי דעם גאַנעק, באַגריסט זיך מיט גרויס הכנעה, איז גליקלעך, וואָס קופּעלט ענטפערט אים. און דאָ קומט קופּעלט צו אים, צו לייזערן. ער מיינט אַוודאי, אַז אין אַמעריקע איז לייזער געוואָרן אַ גביר, אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געשיקט דעם זון שטודירן אויף דאָקטאָר.

מיטן זון האָט זיך לייזער געקליבן אויסצונעמען ביי קופּעלטן.

דער געדאַנק אַליין האָט אים אויפגעמונטערט. דערצו איז דער דאָק־טאָר אַוועק פון הויז. דער אַלטער האָט פרייער אָפגעעטעמט, וואָס ער דאַרף נישט האַלטן שטאַט, זיין אָנגעצויגן.

ער האָט ברייט אַן עפן געטון די טיר, אַריין צום זון אין צי־מער. מיט דרך־ארץ האָט ער געקוקט אויף די בייכיקע ביכער, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן אויפן טיש, אויף די בענקלעך, פּרובירט מיט דער האַנט זייער וואָג און אין קאָפּ האָט זיך אים געפּלאָנטערט, אַז קופּעלט האָט אַ בת־יחידה. ער געדענקט זי, אַ גאָלדן מיידל.

חאָט זיך מער נישט געזען אין די אָפּגעלאָזטע צימער־לעך. ער האָט געשפּרייזט אין מאַרק אַריין. קופּעלט איז אים אַנט־קעגנגעקומען:

— מיט אייער זון, לייזער, קאָכט דאָך אַ וועלט.

— טאָ וואָס איז דער תּכלית צו זיין אַ בחור?

— איר האָט דען פּאַר אים אַ שידוך, ר' שלמה?

— אָט־אָט־אָט. — האָט קופּעלט אַרויפגעלייגט אויף לייזערן אַ האַנט. — איך האָב פּאַר אים אַ כּלה, טאַקע מיין מיידל!

— בכּבוד גדול, ר' שלמה!

— גיט זשע אַ האַנט, מחותּן!

דער אַלטער לייזער האָט זיך אַזוי פונאַנדערגעלאַכט, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן פאַרן אייגענעם געלעכטער און זיך אַרומגעקוקט. זיין אויג איז געפאַלן אויפן שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. ער האָט דאָרט דערזען דעם שאַרבן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פּאַליצע, געמיינט, אַז דאָס פאַרזעעניש שמייכלט פון אים. ווי אַ ייִנגל האָט לייזער אַרויסגעשטעקט די צונג אויפן שאַרבן, זיך געוואָלט צעלאַכן פון דער אייגענער המצאה, זיך אָבער באַגעגנט מיט אויסגע־געסענע לעכער, ווו אויגן זענען אַמאָל געווען, - און דאָס געלעכטער איז ערגעץ געבליבן שטעקן אין בויך.

און אַזוי ווי מען כאַפּט אַמאָל אָן אַ שרעק, און מיט דעם, וואָס מען האַלט אים מיט אַלע כּוחות ווייל מען פאַרטרייבן דעם עקל צו אים, אַזוי האָט דער אַלטער לייזער אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט דעם שאַרבן, אַזש פאַרקוועטשט די ליפּן. ער האָט אַריינגעמאַרשירט צו די לאַנדסלייט, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער אָנבייסן. דער אַלטער לייזער

האָט שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ משא. ער האָט אונטערגעטראָגן דעם שאַרבן אַן אויסגעקנעטן יידל מיט אַ בערדל, וואָס האָט זיך געקרייזלט אונטער דער גאָמבע:

— האַ, בונים, דאַרף מען איינרייסן אַ וועלט, אַז דאָס איז דער סוף?

בונים האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק, מיטגערוקט זיין שיסעלע קרופּניק. און אַז ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס לייזער האַלט אין דער האַנט, איז ער אַזש אין כּעס געוואָרן:

— לויט די יאָרן, לייזער, האָסטו געדאַרפט האָבן מער שׂכל און נישט אונטערטראָגן בשעת מען עסט אַזאַ...

— עס איז דאָך פון אַ גוי, דו שוטה איינער! — האָט דער אַלטער געשמייכלט און זיך גענומען פאַרענטפערן.

לייבל, אַ שמאָל מענטשל, וואָס האָט צונויפגענומען מיטן מעסער די קרישקעס, אַרונטערגעשטעקט דאָס מעסער אונטער דער אויסגעשפּרייטער צייטונג, אויף וועלכער ער האָט געגעסן, האָט זיך איינגעקוקט אינעם שאַרבן און אַ זאָג געטון צו לייזערן:

— ביסט זילבער?

און איידער דער אַלטער האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט לייבל גענומען מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט אַרויסגעיאָגט פליגן:

— גיי שוין אַרויס מיטן „מת" מיט דיינעם! גיי, און לאָז בענטשן!

דער ערשטער האָט זיך אַ הייב געטון פון טיש דער גרויסער משה, אַ שוואַרצער ייד, וואָס האָט געזאָגט „חסידות" אין שטיבל, וואָס אויף גרענד-סטריט און געשריבן פאַר גאַליציאַנער און אונגאַרישע ווייבער בריוו. ער האָט אויך געהאָלפן זיין שכן ר' אברהמלען, אַ שטיק רבי, וואָס האָט געוווינט אַ טיר איבער אַ טיר, צו פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד די חברה „אנשי-מעמד", ווו יידן האָבן זיך געדאַרפט אויסטון פון דאגות פּרנסה און זיך איבערגעבן דער תּורה מיט לייב און לעבן.

דער גרויסער משה האָט אַ שאַר געטון פון הינטער זיך דאָס בענקל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט זיך אַזש איבערגעקערט.

מיט אַ שווים איז ער געשטאַנען איבערן אַלטן לייזער, דעם קאָפּ איינגעבויגן, געשטאַנען ווי אַ שטאַנג פון אַ ברונעם, און דאָס שוואַרצע פּנים איז געווען חושך:

— און אַז מען האָט שוין אַ זון אַ „יאָקטער", איז שוין הפקר? ביסט דאָך אַ כהן, לייזער, און דאָס איז אַ מת. אַ מת זאָגט מען דיר! און אַ מת איז מטמא! דו דאַרפסט גיין פרעגן אַ שאלה!

ביים אַלטן לייזער איז די נאָז פאַרפלאַמט געוואָרן. די נכפּה האָט אים געגעסן, וואָס ער מוז פאַרשווייגן, געליטן, וואָס מען רירט אָן דעם כבוד פון זיין זון. און ווען דאָס רייסט זיך נישט אָפּ אויף אים דער גרויסער משה, אַן אָפּגעהיטער ייד, אַ למדן, וואָלט ער נישט פאַרשוויגן. אַן אָפּגעשמיסענער האָט ער גענומען אַרויסגיין פון צי־מער, געהאַלטן דעם שאַרבן מיט צוויי פינגער, ווי ער וואָלט מיט אַן אמת מורא געהאַט זיך מטמא צו זיין. און אַז ער איז שוין גע־שטאַנען ביים זונס טיר, האָט ער זיך מיטאַמאָל צוריק אויסגעדרייט, זיך דערמאַנט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט פאַרשוויגן און אָנגעהויבן צו רעדן אין חלל אַריין:

— איך וועל ביי קיינעם נישט פרעגן, וואָס כ'האָב צו טון! דאָ בין איך באַלעבאָס! און אויב לייבעלען דעם באַנקיר געפעלט נישט, מעג ער נאָך היינט נעמען אַן אָפּיס אויף בראָדוויי און נישט זיצן דאָ אויף גאָרעק־סטריט.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שאַרבן אויף דער פּאָליצע און צוגעהאַקט די טיר מיט אַזאַ כּעס, אַז די שויבן האָבן אויפגעציטערט.

די לאַנדסלייט זענען געבליבן זיצן אָפּהענטיק. יעדער אויף זיין שטייגער האָט זיך געחידושט, ווי נאָך דער דאָקטאָר שלאָפט אין איין צימער מיטן סקעלעט און דאָס אייגענע לעבן איז געוואָרן ביליקער.

איין בערל שליפער, אַ מאָגערער, אַן אָנגעשאָטענער מיט קנאָלן, האָט געשמייכלט אין זיין רויט חוצפּהדיק בערדל אַריין, וואָס האָט אַזוי נישט געפּאַסט צו דעם אָפּגעקראָכענעם פּנים. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ געבויגענער איבער אַ שליפשטיין, אים געדרייט מיט אַ פוס. די פינגער, לאַנגע, פאַרזשאַווערטע, האָט ער געהאַלטן אויף דעם קלינג פון אַ קיך־מעסער און דינע פּלעמעלעך האָבן זיך ביי אים געצונדן פון אונטער די נעגל. ער איז אויך געבליבן מיט זיין

שלייף-וואַרשטאַט אין שטוב, נישט געגאַנגען צוליב קופּעלטן אין גאַס אַריין.

דער גרויסער משה האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין צו ברייטן ראָק מיטן ווייכן קאַפּעליוש. אין דער יאַרמלקע מיטן טלית-קטן האָט ער אויסגעזען העכער און דאַרער. זיינע לויזע הענט און פיס, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעשרויפט פון גוף, האָבן זיך צעוואַקלט:

— ראשית, דאַרף מען צונעמען די שמאַטעס, מאַכן אַ שטיקל ווירטשאַפט!

און איידער וואָס-ווען, האָבן זיינע לאַנגע הענט זיך גענומען בייגן, אָנגעוואָרפן אין אַ באַרג פּעקלעך, זעק מיט שמאַטעס, וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט.

— דאָס לאָז איבער פאַר מיר, משה. — האָט בונים זיך אַ הויב געטון פון טיש אינמיטן בענטשן. — אַז דו וועסט פּאַקן, וועל איך קיין זאַך נישט געפינען.

— שייגעץ, אין מיטן בענטשן?—האָט משה אָנגעכאַפּט בונימען און אים צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש.

די צודאַטן פון די שניידערס, מיט וועלכע בונים האָט געפּעדלט אין די שעפער, זענען געלעגן אין פּעקלעך, אין זעק, פאַרנומען יעדן ווינקל. אויפגעוויקלטע שטיקער לייוונט, פאַרפלעקטע, האָבן געשמעקט מיט רויך, דערציילט, אַז מען האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שרפה.

צווישן די זעק מיט שמאַטעס איז געשטאַנען אַן אַלטפּרענקישע קאַסע, אַ נידעריקע און אַ ברייטע, וואָס מען זעט שוין נישט מער. זי האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט. דאָרט זענען געלעגן די משכנות, וואָס ווייבער האָבן איינגעלייגט ביים שמאָלן לייבל, דעם וואָכערניק.

די יידן אין די טלית-קטנס זענען געלאָפן איבער די צימערלעך. איינער מיט אַ פלעדערוויש, דער צווייטער מיט אַ בעזים, געקערט, געראַמט, זיך געבויגן אין די ווינקעלעך.

דער אַלטער לייזער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אייזערן בעטל, עס געוואַשן אין קיך מיט קאָכעדיק וואַסער, צוגעגרייט פאַר קופּעלטן אַ געלעגער. ער האָט אַריינגעטענהט אין די לאַנדסלייט, ווי ער וואָלט זיך אַ ווילע צוריק מיט זיי נישט געקריגט: „און אַז אַ געמיינער

מאַן האָט געדאַרפט אַ גמילות־חסד, צי אַ נדבה — קופּעלט האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט״.

— וואָס ווייסט איר, וואָס פאַראַ עשירות דאָרט איז געווען? — האָט בונים געוויקלט די אויפגעוואָרפענע שטיקער לייוונט און דאָס וואָרט „עשירות״ געצויגן מיט אַ קרעכץ, ווי אַ פרומער ייד דעם „אחד״. — אַז כ׳בין אַוועק פון דער היים, ס׳איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט, איז קופּעלט געשטאַנען זייער גוט. טויזנטער!

— אַזוי, אין די שווערע טויזנטער. — איז דער שמאָלער לייבל מיט זיינע שטילע טריט אויסגעוואָקסן ביי דער קאָסע און עס איז שווער געווען צו כאַפּן, צי ער זאָגט עס מיט ביטול, צי מיט דרך־ארץ.

דאָס פאַרשפּיצט, שוואַרץ בערדל האָט ער אַריינגענומען צווישן די דינע ליפּן, די סאַמעטענע יאַרמלקע פאַרשאַרצט. פון גרויסן שטערן האָט זיך געריסן אַ לאַנגע, דאַרע נאָז, ווי אַ פּאַסיקל. פון ביידע זייטן נאָז זענען געשטאַנען צוויי אויגן, איינס העכער, איינס נידעריקער, ווי אַ פראָצענט־צייכן.

עס איז געגוג געווען לייבל זאָל פאַרציען דעם שטערן און דער זיכרון זאָל זיך צעלייגן אויף זיינע קליינע ווייבערשע הענט, ווי אַ באַשריבענער קאַלענדאַר. יעדער חוב האָט געהאַט זיין דאַטע.

לייבלס שמאָלער גוף האָט נישט אויפגעהערט צו חשבונען, די בעל־חובות זענען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַסן, עוועניוס און הייזער. די גאַס איז אים אַזויפיל שולדיק, יענע עוועניו אַזויפיל. די חובות — דאָלאַרס מיט סענטן — זענען געווען אויסגעשטעלט ביי אים, ווי אויף אַ שאַך־ברעט, אין דער לענג, אין דער ברייט, זיך גע־שניטן, ווי די גאַסן פון ניו־יאָרק.

און הינטער דעם אַלעם, ערגעץ טיף, האָט זיך ביי לייבעלען געבלעזלט אַ צופרידנקייט. כמעט עס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן, נאָך נישט געקומען די צייט. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז לייבל, וואָס האָט אַ האַלב לעבן אָפּגעהונגערט, געווען אַן אָרעם מענטשל, פון די, וואָס קיינער הערט זיך צו זיי נישט צו, אַז ער, לייבל, וועט נאָך אַ געשריי טון, אַז אַלע זאָלן הערן.

ער האָט זיך איבערגעצויגן, צענומען די הענט, זיי געהאַלטן,

ווי וואָגשאָלן, אויף וועלכע אַלע ספקות האָבן זיך אויסגעגלייכט און אויף זיינע אויסגעווייקטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ דין שמייכעלע, וואָס מען זעט ביי ביטערע מענטשן.

ער האָט אָפּגעהוסט:

— צו וואָס וועט אַזאַ ייד, ווי קופּעלט, זיך דאָ נעמען?

— ער האָט דאָ אַסך פריינט. — האָט זיך בונים אָנגערופן. — זיי וועלן אים נישט לאָזן פאַלן.

— פריינט אין אַמעריקע. — איז דאָס פּנים ביי לייב׳ן געוואָרן פאַרזאָרגט. בלויז דאָס שמייכעלע אויף די ליפּן אָן בלוט האָט אים אויסגעגעבן, אַז אין תוך טוט אים עפּעס שטאַרק הנאה. — וועט מען אים פאַרבעטן אויף אַ שבת!

— הייבט זיך נישט אָן. — האָט לייזער נישט פאַרשוויגן. — דער רייכער אייבי, דער פון „טשיקען מאַרקעט“, האָט מיך געבעטן, אַז גלייך ווי קופּעלט וועט אָנקומען, זאָל איך אים לאָזן וויסן. אייבי שעמט זיך נישט צו דערציילן, אַז ער האָט אַמאָל געאַרבעט ביי קופּעלטן און איך פאַרזיכער דיך, לייבל, אַז ער וועט אים נישט לאָזן פאַלן!

— וועט מען זען.—האָט לייבל צונויפגעשרויפט די ליפּן, עטוואָס אָנגעבלאָזן די באַקן, דערשטיקט אין זיך די פרייד, וואָס האָט זיך געקניפּט אין אים, זי נישט אַרויסגעלאָזט אויפן פּנים.

— איבריקנס, וואָס גייט עס דיר אַזוי אין לעבן. — האָט לייזער נישט פאַרטראָגן לייבלס שמייכעלע. — יאָ פריינט, נישט פריינט, אַזאַ קאָפּ-מענטש ווי דו איז ער? געשעפטן האָט ער געפירט, און גרויסע, ווען דו, לייבל, ביסט געזעסן הינטער דעם אויוון? און אַז דו, אַזאַ בטלן, האָסט זיך אַרויפגעאַרבעט, וועט קופּעלט זיך אַוודאי און אוודאי אַרויפאַרבעטן!

— און אַז נישט, וועל איך אים מיטנעמען אין גאַס אַריין מיט מיין „קאַטערינקע“. — האָט בערל שלייפער צוגעטראָגן ס׳קיך-מעסער צום פענצטער, זיך מער איינגעקוקט אין דער שאַרף מיט זיין רויט חוצפּהדיק בערדל, ווי מיט די אויגן.

— נישט דערלעבן וועסטו עס! — האָט לייזער זיך אַ דריי געטאָן צו בערלען, זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַן אַלטער געשפּאַרנטער האָן.

אין דער אָפּענער קיך איז געשטאַנען ר׳ אַברהמלס ווייב, אַ קליינע, אַ נידעריקע. אויגן גרויע, וואָס קוקן קיינעם נישט אין פּנים אַריין בשעתן רעדן. די הענט, ווי ביי אַ קינד, האָט זי געהאַלטן אויפן בויך, איין האַנט אין דער אַנדערער, און געהאַט אַזאַ פאַרלוירענע מינע, ווי זי וואָלט אַריינגעקומען בעטן אַ נדבה.

— וואָס שטייט איר ביי דער טיר, חייה־רבקה? — האָט לייזער אַ שטופּ געטון דאָס בעטל, געמאַכט פּלאַץ, זי זאָל קענען דורכגיין.

עס האָט אויסגעזען, אַז זי הערט נישט, וואָס מען רעדט צו איר. אירע גרויע אויגן זענען געוואָרן קלענער, צעקרימט דאָס אַזוי־אויך צעקנייטשטע פּנים. זי האָט פּרובירט צו מאַכן אַ טריט ווייטער פון דער טיר און איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג.

— וואָס טוט מען, לייזער?

— וואָס איז, חייה־רבקה? — האָט לייזער שוין אַליין געלאָזט שטיין און איז כמעט אונטערגעלאָפן.

— דער משוגענער איז דאָך אוועק!

— ווער, ר׳ אברהמל?

זי האָט געעפנט די הענט, ווו עס איז געלעגן אַ צונויפגעקנייטשטער בריוו און אָן ווערטער אים דערלאַנגט לייזערן.

אַרום לייזערן, פון ביידע זייטן, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בונים און לייבל, געשטאַנען מיט די קעפּ אויף אַפּריער. נישט געוווען זיכער, צי מען וועט זיי נישט אַוועקטרייבן, און ביידע האָבן געקוקט אין דעם צעקנייטשטן בייגעלע פּאַפּיר. לייזער האָט מיט איין האַנט געזוכט אין די קעשענעס די ברילן און מיט דער צווייטער נענטער צוגערוקט דאָס פּאַפּיר לייבלען, וואָס האָט געלייענט אָפּגעהאַקט מיט אַ ניגון:

„... גאָט איז מיין עדות, חייה־רבקה, אַז איך טו עס נישט פון רשעות און דו וועסט מיר מוחל זיין. איך ווער די טעג פופציק יאָר אַלט און עס איז צייט אַ טראַכט צו טון וועגן דער אייגענער נשמה. איך האָב שוין באַלד אָפּגעלעבט די פּאָר יאָר, געפּטרט אַ לעבן מיט נישט און ווי שטעלט מען זיך פאַרן רבונו־של־עולם מיט ליידיקע הענט?

„שוין עטלעכע צוואָנציק יאָר, ווי איך קלער טאָג און נאַכט

ווי דיך מיט די קינדער מפרנס צו זיין, איר זאָלט חלילה נישט ליידן קיין דחקות, און קיינעם פון אייך אַרט נישט, וואָס מיין נשמה גייט אויס פון הונגער און צער.

די חברות „אנשי-מעמד", די אמתע קינדער מיינע, פאַרשפּרייטן זיך איבערן לאַנד. עלטערע און יינגערע מענטשן, וואָס זענען ווייט געווען פון יידישקייט, טון תשובה און מיין פרייד איז אין-לשער. די מעשים-טובים און מצוות, וואָס איך האָב זיך געקויפט מיט דער הייליקער אַרבעט, שענק איך דיר אַוועק, מיין ווייב.

„איך לאָז דיר אויך איבער די סחורה, איך מיין די צודאַטן פאַר שניידער. דערצו פאַרדינען דאָך אונזערע טעכטער, רחלע און דינה, זאָלן לעבן, און איך האָף, אַז מיינע חסידים וועלן געדענקען אָן מיין משפחה און צוואַרפן יעדע וואָך אַ פּאָר טאַלער.

„איז ווי דו זעסט, חיה-רבקה, בין איך געבליבן אַ נאַקעטער, און איצט איז די צייט צו טון עפּעס פאַר זיך אַליין. איך קלויב זיך אָנצושרייבן אַ ספר. איך מוז זיך אָבער אויסטון פון דאגות פרנסה, מוז זיין ווייט פון גשמיות און אַז איך וועל פאַרטיק ווערן מיטן חיבור, וועל איך צוריקקומען".

בשעת די דריי יידן זענען געשטאַנען איבערן בריוול, האָט בערל אויפגעהערט שלייפן. ער האָט זיך אַ בייג געטון איבערן רעדל מיט דעם לאַנגן קיך-מעסער אין דער האַנט און אָנגעשטעלט באָרד און אויער. חיה-רבקה האָט צוגעשאָקלט מיטן צעקנייטשטן פּנים, נאָכ-געזאָגט מיט די ליפּן, אַרויסגעהאָלפן מיט אַ וואָרט אויף אויסנווייניק, ווי אַ ייד העלפט אַרויס אַ מגיד אין אַ דרשה.

זי האָט מער ווי קללות פאַרן מאַן נישט געהאַט, דאָס גאַנצע לעבן זיך געמאַטערט ביי אים.

נאָך אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל, ווו חיה-רבקה איז גע-בליבן אַן עגונה, האָט זי זיך די אויגן אויסגעוויינט, געהערט, אַז איר אברהמל לעבט אין אַמעריקע מיט פרעמדע ווייבער, שפּעטער, ווען ער האָט נאָך איר געשיקט, האָט זי אים שוין נישט דערקענט. ער האָט אָנגעהויבן ווערן פרומער פון טאָג צו טאָג, געזעסן אין „שטיבל" און געלערנט. זי האָט געבוירן דינהן, זיך געמאַטערט מיט צוויי קינ-דער, געהונגערט. דערצו האָט זי גאָט געשטראָפט מיט אַ קאַליקע.

נאָך דעם ווי דער קאַליקע איז געבוירין געוואָרן, האָט אברהמל זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון איר, אויפגעהערט צו האַנדלען. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „נסתר". און ווען אַ שוסטער, צי אַ פישער, וואָלט נישט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ פּאָר טאַלער, וואָלט זי מיט די קינדער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אין קיך איז אויף אַ ווייל שטיל געוואָרן. איינער האָט אויסגע-מיטן צו קוקן דעם צווייטן אין די אויגן. עס האָט זיך בלויז גע-הערט ווי דער גרויסער משה ראָמט צו. ער האָט זיך אויף אַ רגע נישט אויסגעגלייכט, געאַרבעט פאַר דריי און געוועןן גליקלעך, וואָס סוף-כל-סוף האָט ר' אברהמל, זיין רבי, אים געפּאָלגט און איז אַוועק פון הויז.

די שטוביקע האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף רחלען מיט דעם קאַליקע, וואָס האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין קיך אַריין. רחלע—אַ בלאַ-סע, די האָר שוואַרצע, געדיכטע, זענען געפּאַלן איבער די באַקן, זיי דורכזיכטיק געמאַכט. דער ברודער, אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער, מיט שוואַרצע קרייזלעך צעשאָטן אויף די באַקן, אויף די ליפּן, מיט שע-מעוודיקע אויגן, וואָס מען באַגעגנט ביי בחורים, וואָס זענען ראוי לחופה. זיין צו ברייטער גערעס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די ליי-מענע פיס, וואָס האָבן זיך געבויגן אין גיין. רחלע האָט אים געפירט ביי אַ האַנט, אויסגעצוין לעבן אים קלענער און ער מיט אַ געבויגע-נעם קאָפּ איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ הויז-בהמה גייט נאָך אַ קינד.

— ווען איז ער אַוועק, היינט? — האָט לייזער איבערגעריסן די שטילקייט.

— ער האָט שוין לאַנג גענדאַרפט אַוועקגיין, — האָט רחלע זיך אַרויסגערוקט, — וואָלטן מיר זיך נישט אַזוי געמאַטערט.

— און וואָס זאָגט פּינחסל, דער משמש זיינער? — האָט לייבל געפרעגט.

— פּינחסל איז אינגאַנצן נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן. — האָט רחלע גערעדט פאַר דער מוטער.

— די קליינע מאַמע האָט געקוקט אויף דער טאָכטער, אויף די יידן. פון צרות האָבן אירע גרויע אויגן זיך צעשמייכלט, איידעלער געמאַכט דאָס פינצטערע פּנים. זי האָט לענגער נישט געקענט

אויסבאַהאַלטן, אַז נאָך אַלעמען טוט איר עפּעס הנאה, ווייסט, אַז נישט אַלץ איז פּרנסה. זי האָט זיך צעלאַכט:

— מיר האָבן דאָך צוויי צדדים. פּינחס מיט מיין יינגערער טאָכטער, מיט דינהן, האַלטן מיטן טאַטן, און זיי — האָט זי געוויזן אויף דעם קאַליקע מיט רחלען — האַלטן מיט מיר.

— דער מענטש האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ. — האָט לייבל צוגעשטעלט אַ פינגער צום שטערן.

— אַוודאי איז מיט אים עפּעס נישט גלאַטיק. — האָט חיה־רבקה איינגעשטימט.

— ער איז משוגע, מאַמע! — האָט רחלע זיך אָנגעצונדן.

— רעד נישט אַזוי, טאָכטער.

ביי די ווערטער האָט זיך דער גרויסער משה אַ שטעל געטון אין זיין גאַנצער לענג. די שוואַרצע באָרד, די נאָך שוואַרצערע אויגן — אַלץ האָט געשרפעט אין אים. ער האָט זיך אַ צי געטון צו רחלען, אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זי אַ כאַפּ טון פאַר די האָר:

— ווייסטו ווער דיין טאַטע איז?

— פּונקט אַזאַ משוגענער ווי איר! — האָט זי אים אַ געשריי געטון אין פּנים אַריין.

— אַזוי, רחלע, — האָט משה מיט ביטול געשמייכלט, און פון דער באָרד, שוואַרצער ווי סמאָלע, האָבן אַרויסגעבלישטשעט צופיל ציין, — דו, דיין מאַמע און אַפילו דיין ברודער, זענען קלאָרע, נאָר דער טאַטע דיינער, דער גרויסער, אָפּגעהיטער ייד, איז אַ משוגענער! אַ גוואַלט, ר׳ אַברהמל איז נישט מפרנס ס׳ווייב מיט די קינדער! און אַז כ׳וועל דיר אויסרעכענען טויזנטער מענטשן, וואָס זענען מפרנס זייערע פאַמיליעס, האָבן זיי עפּעס אַ באַטרעף? ר׳ אַברהמל אָבער, צי ער איז יאָ מפרנס צי נישט מפרנס, איז אַלץ ר׳ אַברהמל, דער גרויסער צדיק!

— דאָס האָט איר אים איינגערעדט, אַז ער איז אַ צדיק. — האָט רחלע נישט נאָכגעגעבן.

— הער, רחלע, ווען דו וואָלסט נישט געווען ר׳ אַברהמלס טאָכטער, וואָלט איך צו דיר אַנדערש גערעדט, דיך אָנגערופן ביים

אמתן נאָמען, געוויזן וואָס הייסט כּיבוד־אָב. און כּיבוד־אָב מעגסטו זיך לערנען ביי דיין יינגערער שוועסטער, ביי דער אמתער אַמערי־קאַנערין!

— מיין שוועסטער איז פּונקט אַזוי משוגע ווי איר אַלע. — האָט זיך ס׳קול ביי רחלען אָפּגעהאַקט און די אייבערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטון — און כּיבוד־אב, רב משה, לערנט אייער זון, דעם סאָציאַליסט.

— נאָר דו, טאָכטער, ביסט קלאָר! — איז דער מוטער נישט אָנגעשטאַנען דער גאַנצער שמועס.

— וואָס ווילט איר, חייה־רבקה, אייער רחלע רעדט דאָך דיבורים, — האָט בערל צוגעדעקט זיין שלייף־רעדל מיט אַ שטיקל צערעטע. — אַז מען קען נישט מדריך זיין אַן אייגן קינד, דאַרף מען אַ צווייטנס נישט שטראָפן, כ׳מיין טאַקע מיין פּישעלען און משהס בנאָק, צוויי גן־עדן־פּירערס, מיט רעספּעקט צו מעלדן!

— ווען דינה האַלט נישט מיטן טאַטן, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען, — האָט רחלע אַ הייב געטון די שמאָלע פּלייצעס, צעשטעלט די הענט ווי פליגל, — כ׳האָב פיינט, ווען מען וויל ראַטע־ווען אַ וועלט און זיך אַליין קען מען נישט פאַרזאָרגן. דער טאַטע פון איין זייט און דינה מיט איר אַרבעט אין „סעטלמענט” — — —

— גענוג, טאָכטער, גענוג. — האָט די מוטער איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן מויל.

דער קאַליקע האָט אויף אַ מינוט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז דער פאָטער איז אַוועק פון הויז, געליטן ווי אַ קינד, וואָס פאַר־בלאָנדזשעט. ספּאַזמעס זענען געשטאַנען ביי אים אין האַלז, געשטיקט און יעדע ווײַלע האָט זיך ביי אים אַ ריס געטון אַ געשריי — טאַטע!

און ווי ביי אַ געטרייען הונט, וואָס טראָגט זיין גאַנצע ליבע פאַרן באַלעבאָס, זעט אין דער אַרומיקער וועלט בלויז שונאים, אַזוי האָט דער קאַליקע געקוקט אויף די שכנים. זיין נישט־דערבאַקענער מוח האָט נישט געכאַפּט ווען וואָס מען אַמפּערט זיך. איינציקע ווערטער, אַן אַ צוזאַמענהאַנג, זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי זאַכן אין אַ ליידיקייט. צווישן די זאַכן האָט אַמאָל עפּעס אויס־געפלעמלט, אַן ווערטער, געוויזן, אַז די מענטשן, וואָס שטייען אַרום

און צוממיינסטנס משה, זענען שולדיק אין דעם, וואָס זיין טאַטע איז בישטאָ. זיי האָבן אים אָוועקגעריסן פון הויז.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע. באַלד איז זיין מוח ווידער פאַרגאָסן געוואָרן, געררויכערט. אַ פאַרשטיקטע ברומעריי, וואָס איז געקומען פון בויך, האָט זיך געשווימט צווישן די ציין.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אַ וויג געטון אויף זיין צעיוירענעם געזעס. מיט זיינע שווערע, האָריקע הענט ווי מיט שטאַבעס, האָט ער אַרומגעכאַפּט דעם גרויסן משה. ער האָט געעפנט אַ מויל מיט גרויסע שיטערע ציין און איבערן צימער האָט זיך צעקייקלט דער אָפּקלאַנג פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ:

— טאַטע! טאַאַ-טעע!

עס איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט דעם קאַליקע אָפּגעריסן, אַרויסגעשטופּט פון דער קיך. די קליינע מאַמע איז קלענער געוואָרן. זי איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענע, זיך געפּילט שולדיק פאַר דער טאָכטער, זיך פאַרענטפערט מיט די אויגן, מיט איר גאַנצן אָרעמען אויסזען. דער גרויסער משה האָט זיך נישט געמאַכט פון דער גאַנצער חתונה, זיך אָפּגעשאָקלט און דער ערשטער זיך דערמאָנט אַן קופּעלטן:

— כ׳האָב מורא איר וועט פאַרשפּעטיקן.

— ווער פאָרט מיט מיר נאָך „קעסלגאַרדען"? — האָט לייזער געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן.

— לייבל, לייבל. — האָבן אי בונים, אי דער גרויסער משה זיך אָנגערופן.

— איר זאָלט אָנטון די שבתדיקע מלבושים, לייזער, — האָט חייה-רבקה פּרובירט צו פאַרגעסן די נאַר-וואָס אָפּגעשפּילטע סצענע און געוואָרן ריידעוודיק — און אויב איר קענט קריגן געבאָרגט אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ קייטל, וואָלט נישט געשאַדט. כ׳וויים, קופּעלט איז שוין נישט קיין יונגערמאַן, אפשר נישט ביי אַלעמען, איז גלייכער, אַז מען האָט פאַרמעגלעכע קרובים צי פריינט.

— אויב גאָט שענקט אַ ביילכל — האָט לייזער מיט אַ שמייכל אויסגעשטעקט זיין איינגעפאַלענעם בויך — און אויפן ביילכל פינקלט אַ גאָלדן קייטעלע, זעט מען טאַקע לייטישער אויס! גיט זשע אַ רעד,

חייה-רבקה, מיט לֿייבעלעך. אייך, אַ לֿיידי, וועט ער אפשר נישט אָפּזאָגן.

— עס איז משכנות. משכנות גיבֿ איך נישט. — האָט לֿייבל קיין געלעגנהייט נישט געגעבן חייה-רבקהן צו זאָגן אַ וואָרט.

לֿייבל האָט זיך גענומען איבערטון און אַז ער איז שוין געשטאַנען אין אַ צעקנעפּלטן פּרינץ-אַלבערט און זיין קייט האָט אַראָפּגעבלישטשעט פון דער געבלומלטער וועסט, האָט זיך דער אַלטער לֿייזער איינגעשפּאַרט:

— אויב ער באָרגט מיר נישט אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ קייט, הייסט דאָך, אַז ער געטרויט מיר נישט, קען איך מיט אַזאַ פּאַרשוין נישט פאָרן.

— מאַך נישט קיין שטיק, לֿייבל — איז בונים אַריינגעפאַלן אינדערמיט — און גיבֿ אים אַ זייגערל.

— נו, טאַקע. — האָט משה צעעפנט די הענט.

די נאָז ביי לֿייבלען איז געוואָרן לענגער. ס'לינקע אויג האָט זיך געהויבן אין שטערן אַריין, ס'רעכטע האָט זיך אַראָפּגערוקט און דאָס האַרץ האָט אים נישט געהייסן געבן. דאָס אָבער, וואָס ער איז געזעסן אין פּרינץ-אַלבערט, געגאַנגען, אָפּוואַרטן קופּעלטן — אַלץ האָט געווירקט און לֿייבל האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ זייטיקער קעשענע אַ בלויז קייטל, גאָרנישט געיאָגט און אַליין עס גענומען צושפּיליען צו לֿייזערס וועסטל-קעשענע.

בשעת ער האָט זיך געפּאָרעט האָט מען געהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָרידאָר. באַלד איז אויסגעוואָקסן אין דער טיר דער זעקס-פוסיקער וואָלף, אַ צעפלאַמטער, און איידער ער האָט צייט געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט לֿייבל, אַן איבערגעשראָקענער, אַ ריס געטון דאָס קייטעלע פון לֿייזערס וועסט, עס פאַרקוועטשט אין דער האַנט און אָן אָטעם געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין.

חייה-רבקה האָט זיך אַ רוק געטון, געוואָלט אַרויס. דער יונג איז איר געשטאַנען אין וועג. זי האָט אַ צי געטון דאָס דריי-עקיקע טיכל איבערן שטערן, אַריינגענומען אַ האַנט אין אַ האַנט און געוואַרט מען זאָל אַ געשריי טון — „הענדס אָפּ!"

נאָך וואָלפן האָט זיך אַריינגעשפּאַרט רעגינע מיטן רויטן קאָפּ האָר און נאָך איר — דער קונצנמאַכער.

זרח האָט זיך געפילט היימיש. ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם עולם און איז גלייך צוגעגאַנגען צו לייבלען:

— דאָס האָט איר אונז געדאַרפט באַגעגענען? מיר וואָלטן גע-קענט וואַרטן!

— אייך? — האָט לייבל זיך פאַרקנעפּלט דעם פּרינץ-אַלבערט, נישט פאַרטראָגן, ווי דעם קונצנמאַכערס בליק קרימט איבער זיין וועסט.

— דאָס הייסט, נישט מיך. — האָט זרח זיך פאַרנייגט. — ר׳ שלמה קופעלטן האָט איר געדאַרפט אָפּוואַרטן. — און ער האָט זיך אַ דריי געטון צו וואָלפן — וואָס שטייסטו, ווי אַ נעלטיקער? קענסט דאָ קיינעם נישט? עס זענען דאָך דיינע לאַנדסלייט!

— אַוודאי קען איך. — האָט וואָלף געהאַט אַ מינע פון אַ ייִנגל וועמען אַ מאַמע טרייבט ער זאָל זיך נישט שעמען און צוגיין געבן שלום אַ פעטער. — שלום-עליכם, לייזער. מיר האָבן געוווינט אין שכנות... כ׳בין זלמנס...

— אַ! — האָט אים לייזער אויסגעשטעקט אַ האַנט און אַרויפגע-קוקט צו אים — ביסט דאָך טאַקע אַרויס פון תחום, אַז מען קען דיך מעסטן אויף דער אייל, קיין עין-הרע אַ גרייס! און אייבי איז דיינס, וואָס?

— אַ שוועסטערקינד.

— אויב אַזוי, ביסטו אַ פאַרזאָרגטער, וואָלף

בונים מיט משהן האָבן אַריינגעפירט קופעלטן, ווי מחותנים אַ חתן. דער פאַרריסענער קאָפּ, דאָס בלאָנדע בערדל, דער גאַנג, אַלץ איז געווען אָנזעעוודיק, אים אויסגעטיילט פון די שטוביקע.

## 6. די לאַנדסלייט באַקענען זיך

זרח האָט זיך קונציק אַ דריי געטון איבערן צימער, ווי ער וואָלט דאָ נישט געווען קיין גאַסט, נאָר דער באַלעבאָס אַליין.

רעגינען, וואָס איז געשטאַנען אין וועג, האָט ער אַ שאַר געטון צו דער וואַנט, אין איילעניש אַרויסגערוקט אַ שטול און גרייט געווען צו מעלדן, אַז קופעלט איז דאָ.

עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס לייבל קוקט אים נאָך, וואָס דער אַלטער לייזער שטייט און קוועטשט אויף אים מיט די פלייצעס.

אויף לייבלען האָט דער קונצנמאַכער אָנגעשטעלט זיינע שוואַר־צע, אומרויקע אויגן, געפרעגט אויף שטום־לשון וואָס ער קוקט. און אַז לייבל האָט זיך פאַרלוירן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, האָט זרח זיך געוואָלט אַ נעם טון צום אַלטן לייזער.

לייזער האָט שוין אָבער געהאַלטן קופעלטן אונטערן אָרעם, אים געפירט איבער די צימערן.

„... איר זייט ביי אונז, ר׳ שלמה, אַ טייערער גאַסט. אַן אָנגעלייגטער. ווי איר זעט, זענען מיר אין אַמעריקע קיין גבירים נישט געוואָרן. אַביסל ענגלעך דאָ ביי אונז. — האָט לייזער געוויזן אויף דער דירה. — צו אייערע שטובן, ר׳ שלמה, קומט עס נישט. ביי אייך איז דאָך טאַקע פּאַלאַצן געווען. דאָ האָבן מיר אינגאַנצן דריי צימערלעך מיט אַ קיך און מען איז נאָך אַ מכניס־אורח אויך. די אַלע — לייבל, בונים, משה, בערל שלייפער — אַלץ היימישע מענטשן, לאַנדסלייט. כ׳האָב נישט געקענט צוזען, ווי מען וואַלגערט זיך — זיי דאָ, די פאַמיליעס דאָרט, האָב איך יעדן אָפּגעגעבן אַ ווינקל, און דאָ אין דעם חדר וווינט מיין דוד. איר געדענקט אים, ר׳ שלמה?

— דער לערער?

— יאָ, יאָ, ווער געדענקט אים נישט? ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ קאָפּ-מענטש, און היינט שטודירט ער ביי מיר אויף דאָק-טאָר. איך זאָג, -- האָט לייזער צוגעפירט קופעלטן צו דער פּאָליצע, וווּ דער שאַרבן איז געשטאַנען,—איבער דעם זיצט מען גאַנצע נעכט.

— לייזער, באַהאַלט אַביסל אויף שפּעטער. — איז בונים אונטער-געקומען. — קומט, ר' שלמה, מיר וועלן נעמען צוביסלעך משקה.

לייזער איז דאָס מאָל געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ער האָט אַפילו צוגענומען אַ שנאָל פון בונימען. ער האָט פון גרויס פרייד זיך געדרייט אַרום קופעלטן אין אַ רעדל, גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין — אָט גייען מיר, אָט גייען מיר — און בשעת-מעשה געטראַכט, אַז מען דאַרף אַריבערלויפן צום רייכן אייבי אים אַהער-ברענגען. ער האָט דערזען ווי זרח מיט רעגינען האָבן זיך אַרויסגע-בויגן דורכן אָפענעם פענצטער, געקוקט אין הויף אַריין, וווּ אַן אָרעמאַן, אַ בלינדער איז געשטאַנען און געזונגען. לייזער האָט אַ פרעג געטון ביי קופעלטן:

— ווער זענען די לייט?

זרח, וואָס האָט שוין געהאַט דורכגעקוקט אַלע צימערן, האָט מיט די פּלייצעס דערהערט, אַז מען רעדט וועגן אים. ער האָט זיך אויפן אָרט אויסגעדרייט:

— אויך לאַנדסלייט. אויב נישט פון איין שטאָט, איז פון דער זעלבער גובערניע. כ'האָב די ערע, -- האָט ער זיך פאַרנייגט פאַרן אַלטן לייזער, -- אַ וואַרשעווער, געבוירן אויף קראָכמאַלנע גאַס, און דאָס מיידל איז מיין טאָכטער, אַ יתומה.

דער אַלטער לייזער האָט געקוקט אויף קופעלטן, אויפן פּאָרל, געהויבן מיט די אַקסל און נישט געוווּסט, צי זאָל ער לאַכן, צי זאָל ער עפּעס זאָגן.

דערווייל האָט דער גרויסער משה דערטאַפּט אַ פלאַש בראָנפן, אַ געשניטענעם לעקעך, געזען די שכנטע זאָל דעקן דעם טיש. חיה-רבקה האָט פאַרגעסן אָן איר מאַן, אָן די אייגענע צרות. זי האָט אַריינגעבראַכט גלעזלעך און, ווי אַן אמתע מחותנתטע, פאַרבעטן רע-גינען צו זיך.

קופעלטן האָט מען אָוועקגעזעצט אויבן-אָן, פון איין זייט—דער

גרויסער משה, לייבל, בונים, פון דער אַנדערער זייט — בערל שליי־פער, זרח און וואָלף. מען האָט גענומען צוביסלעך משקה, פאַרביסן. יעדער האָט געפרעגט עפּעס אַנדערש, זיך נישט צוגעהערט, וואָס מען זאָגט אים, זיך אינטערעסירט מער מיט קהלהשע זאַכן, ווי מיט איי־גענע. און אַז מען האָט שוין געהאַט אָפּגענומען אַלע גרוסן, היימישע, פרעמדע, האָט איינער נאָכן צווייטן זיך אַ כאַפּ געטון:

— ווּ איז לייזער?

— נו, טאַקע, ווּ איז דער אמתער בעל־שמחה?

— איר זענט אַ מבין, ר׳ שלמה, — האָט בונים זיך געגלעט די קרייזלעך אונטער דער גאָמבע, — וואָס דער אַלטער לייזער האָט צע־אַרבעט פאַר אייער קומען? ווּ אַ לאַנדסמאַן איז ער געפאָרן אים אַנזאָגן, אַז ר׳ שלמה קומט צו פאָרן. און ווּ מיינט איר איז ער איצט? כ׳וואָלט נישט געשווירן, אַז ער איז געגאַנגען ברענגען דעם רייכן אייבי.

— ווּעמען דען וועט ער ברענגען, ר׳ צאָצן? — האָט לייבל געציילט יעדעס וואָרט זיינס.

— אַ יאָר אויף מיר, ווי אַ ווילער ייד ר׳ לייזער איז. — האָט דער שלייפער זיך באַלעקט נאָך אַ גלעזל בראָנפן.

— און דער אייבי איז טאַקע אַזאַ גביר? — האָט קופּעלט, וואָס איז אַזוי אויך געזעסן שטייף, נאָך העכער פאַרריסן דעם קאָפּ, געוויזן מיט אַ פינגער אויף זיך און דאָס שמייכלעלע אויפן נגידישן פּנים האָט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען — ער האָט דאָך ביי מיר געדינט.

— יאָ, אייבי איז רייך. — האָבן אי לייבל, אי בונים צוזאַמען זיך אָנגערופן.

— וואָלף, וואָס שווייגסטו? — האָט זרח אים שקאָציק אַ שטופּ געטון — דו ביסט דאָך מיטן מיליאָנער אַ גאַנצער שמעלקע. וואָס איז ער דיינס?

— אַ שוועסטערקינד. — האָט וואָלף זיך געגרייסט. קיינער אָבער פון די אַרומיקע האָט זיך נישט צוגעהערט.

— וואָס הייסט ביי אייך רייך? — האָט קופּעלט געפרעגט.

— כ׳ווייס, מען שמועסט, אַז אייבי האָט אַ הונדערט טויזנט

דאָלער. — האָט לייבל איינגעצויגן דעם שטערן, אָנגעשטעלט די אויגן צווישן דער דאַרער נאָז, זיך באַגעגנט מיטן קונצנמאַכערס בליק און איז רויט געוואָרן.

זרח, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער, האָט געהיט לייבלס יעדע תנועה. דאָס רעכטע אויג האָט ער אויפגעהויבן פונקט ווי לייבל, ס׳לינקע אַראָפּגעלאָזט. ס׳אייגענע פּנים האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן און פון הינטער די קנייטשן האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר דינע ליפּן, פאַרקוועטשטע. די נאָז איז געוואָרן לענגער, געשטאַנען אָן אַ זייט. ביים טיש איז געזעסן נאָך אַ לייבל, וואָס האָט עטוואָס אָנגעבלאָזן די באַקן, זיך נישט פאַרגונען אַ לאַך צו טון. באַלד האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי מען וואָלט אים ווייַ געטון, געביטן דעם אויסזען מיט יעדן פינטל פון אויג, און עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אין אַזאַ קליין צעקנייטשט פּרצופל זאָלן זיך באַהאַלטן אַזויפיל פּנימער, אַ גאַנצע וועלט.

דער גרויסער משה, מיט דער שוואַרצער, ברייטער באָרד, וואָס האָט פאַרשטעלט זיין אַלפּאַגענעם ראָק און וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת זיך אַ בייג געטון איבערן טיש צו קופּעלטן:

— און ווי האַלט עס, שלמה, מיט יידישקייט? זיצן יידן אין בתי-מדרשים, אין „שטיבלעך" און מען לערנט ווי אַמאָל, צי ס׳איז הפקר ווי דאָ?

— אַביסל ווייניקער, — האָט קופּעלט געענטפערט, — אָבער מען זיצט און מען לערנט. אין פּוילן לערנט מען נאָך.

— דאָ לערנט מען אויך. — האָט בונים זיך אָנגערופן.

— נישט קיין יונגעלייט. — האָט אַלץ אין לייבלען געקאָכט פון זרחס חוצפה.

— יונגעלייט, יונגעלייט. — האָט זרח אַ זיכערער גערעדט. — אין ישיבות ר׳ יצחק-אלחנן זיצן עטלעכע הונדערט בחורים און לערנען.

זרח האָט אַ שטעק געטון די האַנט, דאַכט זיך געצומען איין שניט לעקעך און געהאַט לעבן זיך צוויי שטיקלעך. ער האָט אָפּגעהוסט, זיך מכין געווען צום רעדן און געהאַט בשעת-מעשה אַ מינע פון אַן עם-הארץ, וואָס געפינט זיך צווישן לומדים:

- ווי איך זע, איז מען דאָ אין אַמעריקע פרומער. ווי ביי אונז. קום איך פון וואַרשע, דערצו פון קראָכמאַלנע, שוין איינמאָל אַ יידיש געסל, און אַזעלכע בערד, ווי כ'זע דאָ, האָב איך דאָרט נישט געזען. אונזערע חסידים מעגן ביי אייך אַמעריקאַנער די אויוונס הייצן. איר מעגט אָנקוקן אַ בערדל ביי אונזער דיין, — שיטער, אַ האָר דאָ, אַ האָר דאָרט, נישט צו פאַרזינדיקן, ווי להבדיל ביי אַ טומטום. ווען איך האָב אַזאַ באָרד, — האָט זרח געוויזן אויפן גרויסן משה — איז ראשית וואָלט איך חשובער געוואָרן ביי מיין יידענע, זי וואָלט געהאַט מער הארץ צו מיר. כ'בעט אייך, — האָט ער מיט צוויי פינגער אַ נעם געטון זיין אייגן בערדל, עס אונטער־געהויבן ווי אַ שטיקל פלעדערוויש — קען אַ ווייב האָבן דרך־ארץ פאַר אַזאַ וויע־בעטשל? נישט ס'וואַרעמט, נישט ס'קיצלט און ווער עס זעט עס הייבט זיך ביי אים די האַנט פון זיך אַליין, מ'וויל אַ מעלק טון. מיט אַזאַ באָרד אָבער, — האָט זרח זיך אַ שטעל געטון, צענומען די פינגער און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער קלויבט זיך אָנצוכאַפּן דעם גרויסן משהס באָרד, — מיט אַזאַ באָרד קען מען ווייט אַוועק, מען קען ווערן אַ גענעראַל, גענעראַל סקאָבעלעוו!

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך וואָלף צעלאַכט אויפן קול. ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז די אַרומיקע קוקן זיך איבער, גענומען פינטלען מיט די אויגן און געבליבן זיצן מיט געלעכטער אין האַלז.

דער עולם האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ רייד דאָס זענען, נישט געוווסט וועמען זיי האָבן פאַר זיך און אַלעמענס בליקן זענען געפאַלן אויף קופעלטן, געפאָדערט פון אים אַן ענטפער

קופעלטס פנים איז געווען פול מיט פאַרדרוס. ער האָט אַ צי געטאָן זרחן ביים ראָק, ער זאָל זיך זעצן, דערביי מיט דערווידער אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט נישט אָפּגעטריבן פון זיך אַ מענטש, נאָר אַ הונט.

— איר האָט דאָך עפּעס צוגעזאָגט, זרח, נישט צו זיין קיין לץ!

דער שמאָלער לייבל האָט באַגעגנט זרחן מיט אַ טרוקן געלעכ־טערל און זיך געטראַכט, אַז עס וועט זיין געזונטער פאַר אַלעמען, אויב מען וועט דאָס פאַרשוינדל וואָס גיכער משלח זיין פון דאַנען.

דער רוקן האָט זיך ביי זרחן געהויבן, די האָר פון זיין בערדל און וואָנסן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געווען עלעקטריזירט און די אויגן האָבן זיך געצונדן. דאָס איינגעלאָפענע פנים האָט זיך געקנייטשט, געביטן. מיט יעדער מינע, מיט יעדער גרימאַסע איז געשטאַנען אַן אַנדער זרח. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אַ נעם צו טאָן קופּעלטן אויפן צימבל. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן ווייניקער ווי אַ מינוט. אויפן אָרט האָט אים פאַרפעלט אָטעם, און דער זעלבער זרח, וואָס איז געקראָכן דעם טייוול אין די אויגן, האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעשראָקן. געווען זיכער, אַז דאָס איז די לעצטע קאָרט און מורא געהאַט איינצושטעלן דעם דלות.

ער האָט אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, זיך אַ רוק געטאָן צו משהן און אָנגעהויבן מיט אַ שטים, וואָס איז שווער געווען צו זאָגן, צי ער פאַרענטפערט זיך, צי ער טרייבט ווידער אַ שפּאַס:

— זייט מיר מוחל, ר׳ משה. נישט פון נייגעריקייט פרעג איך. איר דאַרפט נישט ענטפערן, אַז איר וילט נישט... נאָר סתם, יעדער מענטש האָט דאָך זיין פאַך... איך מיין, מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך, ר׳ משה?

— עס איז נישט קיין סוד, — האָט משה געוואָלט מקרב זיין זרחן, — איך זאָג אין אַ „שטיבל” און...

— כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, — איז זרח אים אַריין אין די רייד, — אַז איך פּאַס זיך דאָ נישט אַריין, קיינמאָל נישט געזעסן מיט אַזעלכע שיינע יידן ביי איין טיש. איר מעגט מיר גלייבן, ר׳ משה, ביים פאַך בין איך אַ קונצנמאַכער. פון די, וואָס גייען איבער די הויפן. אַ קנאַפּער, הייסט עס, מחותן, האַ, האַ, האַ!

משה האָט נישט באַמערקט דעם לץ אין זרחן. געזען פאַר זיך אַן אָרעם מענטשל, אַ בעל-תשובה, געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט מיט וועלכן מען דאַרף אַזאַ איינעם מקרב זיין און נישט געפונען. ווען ר׳ אברהמל וואָלט דאַן געווען, וואָלט ער מיט צוויי-דריי ווערטער באַרויקט זרחן, אים געוווּנען אויף זיין צד. — האָט משה ביי זיך געטראַכט און געוואָרן צוגעלאָזענער.

— אַ ייד רעדט נישט אויף זיך אַליין קיין לשון-הרע.

— איך בין אַ זינדיקע נשמה. — האָט אים זרח ווידער איבער־געריסן. — וואָס זאָל איך דאָ אויסבאַהאַלטן? מיין פרנסה איז אַ פינ־צטערע, מען שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ, און דאָ זיצן יידן לומדים. נישט איינס, — האָט ער גענומען ציילן מיט אַ פינגער, — נישט צוויי, נישט דריי, נישט פיר, און דיך, מורנו ר׳ וואָלף, רעכן איך נישט.

זרח האָט זיך אַ דריי געטון צו דער קיך. דערזען צוויי פרעמ־דע פנימער און דער לעצטער אין אים האָט זיך אויף ס׳ניי אַ וועק געטון, געוואָלט אויסנעמען. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער:

— איינס באַיינס לומדים... פרומע אָפּגעהיטע יידן... אָן דער פלאַש בראָנפן דערקען איך, אַז קיינער פון אייך טרינקט נישט. קאָרטן זעט איר דאָך פאַר די אויגן נישט און... כ׳מיין, פינף מאַנסבילן ווויי־נען פאַר זיך. מ׳לעבט ווי פרושים, ווי אמתע פרושים... נישטאָ מער קיין יצר־הרע, האַ, האַ, געשטאָרבן! שטיי איך און טראַכט — ווו נעמט מען אַ נאַכטלעגער פאַר מיין טאָכטער. און זרח האָט אָנגע־הויבן רופן: רעגינע, רעגינע, קום נאָר אַהער!

— אָט איז דאָך אונזער דאָקטאָר. — האָט בונים זיך אַ הייב געטון פון טיש. — און פינחסל אויך!

דער דאָקטאָר, אַ קורצזיכטיקער אין ברילן, האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, זיך אַ גלעט געטון איבערן הוילן קאָפּ און געקוקט בייזלעך אויפן עולם, ווי אויף פרעמדע, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וווינונג. הינטער אים איז געשטאַנען פינחסל — אַ געוויקסי־קער, ס׳פנים יונג, פאַרטראַכט און אויף דער אייבערשטער ליפּ, ווו עס האָט געדאַרפט זיין אַ וואָנסע, האָט זיך די גלאַטקייט געשאָטנט. ביידע זענען געבליבן שטיין אין קיך, זיך זרחן צוגעהערט צו זרחן, און אַז בונים האָט זיי אַ רוף געטון, האָט גענומען אַ ווייל ביז זיי האָבן זיך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער ערשטער האָט זיך אַרויסגערוקט דער דאָקטאָר, געוואָלט צוגיין צו קופּעלטן, איז אים רעגינע פאַרלאָפן דעם וועג. אַ ליכטי־קייט האָט געשלאָגן פון איר פנים, פון די לאַכעדיקע ציין, זיך גע־פלעמלט צווישן אירע רויטע האָר.

די יידן האָבן אַ הייב געטון אויף רעגינען די אויגן, זיי גלייך

אַראָפּגעלאָזט און איינציקווייז, פון הינטער אַ ברעם, האָט יעדער ווײַל אַן אַנדערער געכאַפּט אַ קוק אויף איר.

דאָס איז מיין טאָכטער. — האָט זרח מיט ווירדע זי פאַר־געשטעלט.

וואָלף איז געווען גליקלעך. ער איז אַפּער פון טיש, חשק גע־האַט אָפּצוטרעטן רעגינען זיין פּלאַץ, זיך אָבער געשעמט פאַרן אַרו־מיקן עולם.

— וואָס האָסטו געוואָלט, טאַטע? — איז רעגינע אַריין צווישן די מאַנסבילן.

— און וועגן אַ נאַכטלעגער, טאָכטער, האָסטו עפּעס אַ טראַכט געטון? — און איידער עמעצער האָט צייט געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט, האָט זרח פאַרענדיקט — מיר זענען טאַקע נישט מאַנג*) אונזער ס'גאַל; צווישן יידן אָבער זענען מיר! מיר וועלן זיך מיט גאָטס הילף אַן עצה טון, געפינען פאַר דיר אויך אַ ווינקל.

— פאַר אייער טאָכטער וועט זיין פּלאַץ ביי מיר. — האָט חיה־רבקה זיך אָנגערופן.

ביי די יידן, וואָס זענען שוין יאָרן געווען ווייט פון די ווײַ־בער, האָבן זרחס צווײדײטיקע רייד איבערגעלאָזט אַן אומרויקייט. עפּעס האָט אויפגעטוקט, זיך צעבלעזלט. דערצו איז נאָך געשטאַנען רעגינע, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. קיינער האָט עס נישט געבראַכט אי־בער די ליפּן. אפילו נישט געטראַכט דערפון.

אין איין רגע האָט זיך געביטן די באַציונג צו זרחן. דער פאַר־דראָס, וואָס אַ ווילד־פרעמדער האָט זיך צו זיי אַריינגעריסן, איז פאַר־שוואונדן. מען האָט זיך מער נישט געפילט געטראָפן, ווי מען פילט זיך נישט באַליידיקט פון אַ ליד. לייבל אַליין איז אויך ווייכער גע־וואָרן, אָפּגעמאַכט זרחן אויסצומיידן. ער וועט נישט האָבן מיט אים קיין מגע־ומשא און דער עיקר — נישט צולאָזן צו זיך. עס ווינען אַזויפיל מענטשן — וועט זיין נאָך איינער. קיינער האָט זיך אָבער נישט געפרעגט פאַרוואָס מיטאַמאָל אַזאַ ענדערונג? און אויב עס וואָלט

*) = צווישן. מאַנג אונזער ס'גאַל = צווישן אייגענע מענטשן.

איינעם יאָ איינגעפאַלן זיך צו פרעגן און ער וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אויפן ריכטיקן תירוץ, וואָלט ער עס סיי-ווי-סיי נישט צוגעגעבן. דער תירוץ איז נאָך געלעגן מײלן-ווייט, בלויז אַן אָפּשיין האָט זיך געוויקלט, געפּאַלן אויף די יידן, וואָס זענען געווען נע-ונד, זיי דערמאָנט אָן אַן אײגן וואַרעם ווינקל, ווו יעדער האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, און עס האָט זיך געבענקט נאָך דער אייגענער גרויקייט.

איינציקווייז איז דער עולם אַפּער פון הינטערן טיש, זיך דערפילט היימלעכער, אויפגעלייגטער, זיך געחידושט, וואָס דער דאָקטאָר פאַרברענגט מיט קופּעלטן.

דער דאָקטאָר איז בטבע נישט געווען קיין צוגעלאָזענער. ער האָט אויסגעמיטן מענטשן. אַ לעבן איז ער אָפּגעזעסן אין זיין צימערל, ווי אַ קראָט אין אַ נאָרע, און אַחוץ זיינע פיר ווענט, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט און פאַרלייגט מיט ביכער, האָט ער קיין אַנדער וועלט נישט געזען און נישט געדאַרפט.

ער וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט קופּעלטן, אים צומאָל נישט באַמערקט. און נישט פון גרויסקייט, צי פון שלעכטקייט האָט ער עס געטאָן, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס דאָס אַרומיקע לעבן האָט אים נישט אָנגערירט. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז קופּעלט האָט געהאַט אין שטעטל אַ גרויסע ביבליאָטעק און עס איז אים געגאַנגען אין לעבן צו וויסן, ווו ער האָט זי אַהינגעטאָן, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן ביכער, נאָר וועגן אייגענע קינדער.

קופּעלט ווידער האָט ביים דאָקטאָר געוואָלט אויסנעמען. דער טיטל דאָקטאָר האָט שטענדיק ביי אים אַרויסגערופן דרך-ארץ. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער, קופּעלט, איז נישט בלויז אַ גרויסער סוחר, ער איז אויך אַ ייד אַ משכיל, וואָס קען זיך ספּראַווען מיט אַ שטיקל „אבן-עזרא”, מיט אַ שטיקל „רמב”ם”. און אַז מען רעדט וועגן שפּינאָזען, האָט קופּעלט אים אין העברעיש — דר. רובינס איבערזעצונג. אַרייננלאָזן זיך אָבער אין אַ שמועס וועגן דעם האָט ער נישט געוואַגט. עס איז ביי אים קיינמאָל נישט קלאָר געווען ווער עס איז גערעכט — צי דר. רובין, וואָס האַלט שפּינאָזען פאַר אַ צדיק, צי לוצאַטו, וואָס האַלט אים פאַר אַן אפּיקורס?

*

און אַז דער דאָקטאָר האָט בײַ די ערשטע צוויי, דרײַ װער־טער געוואָלט פרעגן וועגן דער ביבליאָטעק און געפרעגט האָט ער ווי די רייזע איז צוגעגאַנגען, האָט קופּעלט אויפן אָרט אים אַרויס־געהאָלפן:

— ווען כ׳וואָלט מיטגענומען מיינע ספרים, וואָלט עס נישט גע־ווען קיין רייזע, נאָר אַ קאַצן־שפּרונג! אַזוי ווערט דערעסן. מען שלעפט זיך צווישן הימל און וואַסער און אויסצורעדן מיט אַ מענטש אַ וואָרט איז נישטאָ. עס פאַרט נאָך אַלץ אַ פּראָסטער עולם נאָך אַמעריקע. אינדערהיים, — האָט קופּעלט צענומען זיין זיידן בערדל — אַז עס איז עפּעס איינגעפאַלן, ס׳איז געוואָרן עפּעס קשה, האָט מען געעפנט אַ ספר, אַריינגעקוקט. אָן אַ ספר, פאַניע דאָקטאָר, בין איך ווי אָן אַ האַנט.

— איר דאַרפט האָבן אַ שיינע ביבליאָטעק. — האָבן דעם דאָק־טאָרס מידע אויגן געקוקט דורך די פּאַרלאָפענע שייבלעך פון זיינע ברילן.

— כ׳האָב. — האָט קופּעלט זיך דערפילט דערהויבענער. — און נישט סתם ספרים, כ׳האָב אַנטיקלעך, יקר־המציאותן, וואָס מען זעט היינט מער נישט.

— אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט מיטגענומען די ספרים מיט זיך. — האָט דער דאָקטאָר אַראָפּגענומען די ברילן.

— וואָס זאָל איך זיך שלעפּן מיט אַזויפיל קאַסטנס ספרים, אַז איך ווייס נישט, צי כ׳וועל דאָ בלייבן? — האָט קופּעלט מעשה גביר אָנגענומען דעם דאָקטאָר פאַר אַ האַנט און אים געוויזן אויף וואָלפן, וואָס איז געשטאַנען מיט רעגינען צווישן פּינחסן און חיה־רבקהן — עס איז נאָך צו פרי צו רעדן. נאָר מיר שיינט, אַז אַמעריקע איז נישט פאַר מיין ס׳גאַל מענטש. עס איז אַ מדינה פאַר אַזעלכע יונגען, ווי וואָלף. האַ, וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר?

דער דאָקטאָר האָט נישט געענטפערט, געוועט פאַרטון מיט זיך און געווישט די גלעזלעך פון די ברילן.

הינטער אים זענען געשטאַנען בונים מיט לייבלען. געריידט כמעט אויף שטום־לשון. דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט. בונים און לייבל האָבן געשלעפּט פון די קעשענעס קליינגעלט. עס געציילט

דעם גרויסן משה אין דער האַנט אַריין. מען האָט זיך געישובט, צי מען זאָל היינט עסן אין שטוב, צי מען זאָל פאַרבעטן די געסט אין אַ רעסטאָראַן.

ס׳האַרץ איז ביים דאָקטאָר געווען אַוועק. די געלקייט פון זיין הויט, די קישעלעך אונטער די אויגן, וואָס זענען געשטאַנען טיף אין פנים, ווי ברודיקע וואַסערלעך, אַלץ האָט דערציילט, אַז ער איז קראַנק.

ביי אים האָט זיך געפלאָנטערט, אַז מען דאַרף ביי אַזאַ ייד ווי קופּעלט צונעמען די ביבליאָטעק און אין דער זעלבער צייט - געהאַט פאַראיבל אויף זיך, וואָס ער שטייט און באַלעמוטשעט, ווען אין צימער וואַרט אויף אים אַזוי פיל אַרבעט.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעטון די ברילן און געוואָלט גיין צו זיך. איצט ערשט האָבן זיינע קורצזיכטיקע אויגן באַמערקט רעגינען, וואָס האָט אויסגעזען אַנדערש ווי פריער.

ס׳יונגע פנים איז געווען קינדיש פאַרזאָרגט. די גרויסע, טונקעלע אויגן האָבן פאַרחידושט געקוקט אויף פינחסן.

פינחס האָט שטיל גערעדט. די ווערטער קלאָרע האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן צימער, מען האָט זיי געקענט ציילן. דערצו איז אין דער אויסשפּראַך געווען אַזאַ אויפריכטיקייט, אַז מען האָט אים געמוזט גלייבן, ווי די ווערטער וואָלטן נישט געקומען פונעם פינצטערן האַלז, נאָר פון זיין אָפן צוגעלאָזן פנים, וווּ עס איז קיין שפּור נישט געווען פון זייטיקע מחשבות.

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין.

רעגינעס פייערדיקע קרייזלעך, וואָס זענען געפאַלן ווי גלעקלעך איבער דער ווייסקייט פון איר קאַרק, האָבן מער נישט געציטערט. קיין סימן איז נישט געווען פון דעם מיידל, דעם רוח. פינחסעס שטילקייט האָט זיך געשפּרייט איבער איר, באַרויקט, רייפער געמאַכט.

אַ קניפּל האָט זיך געעפנט אין דעם דאָקטאָרס פאַרשנורעוועט לעבן, ער איז צוגעגאַנגען נענטער און אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיין אייגענער בייגיריקייט, אַז ער האָט נישט באַמערקט לעבן זיך דעם קונצנמאַכער.

ר׳ אברהמלס ווייב האָט געקוקט אויף איר מאַנס בריוו, וואָס

פינחס האָט נאָר־וואָס געהאַט איבערגעלייענט, געזען, אַז ער שווייגט, האָט זי אָנגעהויבן:

— און נישט נאָר איך, פינחסל, נאָר אַפילו רחלע איז געווען זיכער, אַז איר האָט זיך ביידע די קעפּ צונויפגעשלאָגן און צוזאַמען אַוועק פון שטוב.

— ווען איך וואָלט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, ר׳ אַברהמלס ווייב, וואָלט איך אייך געלאָזט וויסן. — האָט פינחס איר צוריקגעגעבן דעם בריוו.

— ס׳האָט זיך אָבער אַזוי צונויפגעלייגט, — האָט חיה־רבקה זיך פאַרענטפערט, — אַז פונקט נעכטן ביסטו נישט אַהיימגעקומען.

— נעכטן פאַרנאַכט האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אַז מיין פאָטער קומט היינט צוריק פון פוילן. כ׳בין אַראָפּגעפאָרן אָנזאָגן מיין שוועסטער און כ׳בין שוין דאָרט געבליבן נעכטיקן.

— איז ער טאַקע אָנגעקומען? — זענען די זומער־שפּרענקעלעך אויף חיה־רבקהס צעקנייטשט פּנים ליכטיקער געוואָרן.

— ער איז געקומען מיט דער שיף „פאַטערלאַנד".

— שווייגט ער! — האָט חיה־רבקה כמעט אַ געשריי געטון פון פרייד, ווי עס וואָלט געקומען נישט פינחסעס טאַטע, נאָר אירער.

— איז ער דאָך געקומען מיט דער שיף, וואָס מיר — האָט רע־גינע זיך אַ דריי געטאָן, געזוכט איר פאָטער און אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט געפילט די גלייכגילטיקייט פון איר בליק, געווען זיכער, אַז זי זעט אים נישט, קוקט אויף אים און טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

— ווי הייסט אייער פאָטער? — האָט דער קונצנמאַכער זיך געפרעגט.

— שבתי־לעמל. — האָט פינחס געענטפערט און אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע אַן אָפּגעריבן בילדל.

— אַ נאָמען פון דער הפטורה. — האָט דער קונצנמאַכער זיך איינגעקוקט אינעם בילדל, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז אַזאַ איינעם קען ער נישט. — כ׳גלויב קוים צי אייער פאָטער איז געקומען מיט דער „פאַטערלאַנד".

— איך דערקען אים. — האָבן רעגינעס ברעמען, דינע, גאָלדענע זיך פֿאַרשפּיצט איבערן ווייסן שטערן; באַגעגנט פּינחסן מיט דער שאַרף פֿון נאָדלען. — איז אייער פֿאָטער אַ הויכער, אַ באַוואָקסענער?

— יאָ.

— טאַקע ענלעך צו דעם אַלטן, וואָס איז אונז נאָכגעגאַנגען אויפֿן גאַניקל. — האָט וואָלף אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. — געדענקסט, רעגינע, וואָס ער האָט אונז אַ געשריי געטון אין פּנים אַריין?

—„אַ גליק האָט אייך געכאַפּט". — האָבן ביידע אַרויסגעזאָגט מיטאַמאָל און פֿון רעגינעס צעעפֿנטע ליפּן האָט אַ שפּריץ געטון אַ געלעכטער.

— ס'איז מיין פֿאָטער. — האָט פּינחס צוגעגעבן, דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגעריקייט.

— און ווו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט? — האָט חיה-רבֿקה נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן — ביי דיין משוגענער שוועסטער אין ברוקלין?

— ניין.

— וואָס דען, — האָט חיה-רבֿקה צוגעגעבן, — ר׳ שבתי ווייסט, אַז נישט נאָר זי, אַפֿילו איר שוועל איז טריפֿ.

— וועגן וועמען רעדט זי, וועגן אייער שוועסטער? — האָט דער קונצנמאַכער זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר פּינחסן מיט צעשפּרייטע הענט, געוואַרט אויף אַן ענטפֿער.

— מיין שוועסטער גלייבט אין „קריסטשן סיינס", ווי דערקלערט מען דאָס אייך? — האָט פּינחס זיך אויף אַ רגע פֿאַרטראַכט — דאָס איז אַ קריסטלעכע לערע...

— וואָס לערע, ווען לערע, — איז די שטילע חיה-רבֿקה מיטאַמאָל געוואָרן ריידעוודיק און איז אַריין פּינחסן אינדערמיט. — זיין שוועסטער איז אַן אַלטע מויד, אַ משוגענע ווי אַלע אַמעריקאַנער לערערינס, וואָס פֿאַרזיצן!

די אַרומיקע האָבן געוואַרט פּינחס זאָל עפּעס זאָגן. איבער זיין אייבערשטער ליפּ, ווו דינע הערעלעך האָבן זיך געשאָטנט, איז דורך אַ שמייכל. ער האָט גאָרנישט געענטפֿערט און איז צוגעגאַנגען צום גרויסן משה.

חיה-רבֿקה האָט אָנגעהויבן אַריינצורעדן אין זרחן, ווי קיין

אַנדערער וואָלט נישט געשטאַנען אַרום. זי האָט גערעדט שטיל און געהאַט בשעת-מעשה אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך געהיט פאַר פּינחסן:

— אַז זייער מוטער איז מיט יאָרן צוריק קראַנק געוואָרן, האָט די טאָכטער נישט צוגעלאָזט קיין דאָקטאָר, געהיילט די קראַנקע מיט פּסוקים פון תהילים און אַוועקגעשיקט די מוטער פאַר דער צייט אויף יענער וועלט. ווייסט איר שוין וואָס איז „קריסטשן ־סיינס״?

— כ׳ווייס שוין גאָר, אַוודאי ווייס איך! — האָט דער קונצנמאַכער זי פאַרזיכערט.

— איר ווייסט נאָך גאָרנישט. — האָבן זיך די צעקנייטשטע באַקן ביי חיה-רבקהן פאַררויטלט. זי האָט געוויזן אויף פּינחסן און אָנגעהויבן נאָך שטילער. — און דער פאָטער זיינער? גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, דאָס איז גאָר קיין מענטש נישט. ווו ער ווינטערט, דאָרט זומערט ער נישט, איז שוין יאָרן נע-ונד, דאַרף גאָרנישט — נישט קיין היים, נישט קיין קינדער, ווי דיאָגענעס, וואָס איז געלעגן אין אַ פאַס.

— און פון וואָס לעבט אַזאַ ייד, פון נדבות? — האָט זרח איר איבערגעריסן.

— נישט שבתי. — האָט חיה-רבקה זיך מער פאַררויטלט. ייִנגער געוואָרן — ער וועט נישט נהנה זיין אַפילו ביי אַ קינד, וואָס איז אַזוי די גרייס. — האָט זי געוויזן אויף אַ שפּיץ פון אירס אַ נאָגל. — ווער שמועסט וועגן נדבות? ער פּעדלט מיט ציצית, מיט טלית-קטנס, און וואָס דאַרף אַזאַ איינער? כ׳ווייס גאָרנישט פונוואַנען דאָס נעמט אויף רייזע-הוצאות? ער קען נישט איינזיצן, עס טראָגט אים, שטענדיק וואָלט ער געפאָרן! ווען ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל, פרעג איך אים: שבתי, וואָס טרייבט אייך איבער דער וועלט? די שיפן אייערע? און וואָס לויפט איר אַזוי נאָך יוראָפּ? איר האָט דאָך דאָרט קיינעם נישט. ער האָט נישט געענטפערט, פאַרשוווּנדן אָן אַ גוט-יאָר, און דו זעסט, אַז דער מענטש טראָגט אויפן האַרץ אַ שווערן חטא, וואָס לאָזט אים נישט רוען.

— האָט דאָך דאָס פּינחסל אייערער אַ טשיקאַוון טאַטן. — האָט זרחן עפּעס שטאַרק הנאה געטון. — און איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז דאָס בחורל געפעלט מיר אויך.

— און פינחסל מיינט איר איז בעסער? — האָבן זיך די ליפּן ביי חיה־רבקהן אַזש געבלעזלט — פונקט אַזוי צעדרייט ווי דער טאַטע? נישט בחינם לויפט דער שטריק נאָכן עמער! ער האָט שוין געזאָלט ווערן אַ רב, אָט דאָס פינחסל, געווען דער בעסטער בחור אין דער ישיבה „ר׳ יצחק־אלחנן״... „קאָנגרעגיישאָנס״ זענען אים נאָכגעלאָפן, אָנגעבאָטן דריי און פיר טויזנט טאָלער אַ יאָר, אַחוץ זייטיקע הכנסות... וואָס ווייסט איר, מען האָט זיך דאָך מיט אים געצאַצקעט, ווי מיט אַ ווינשפינגערל! און פינחסל איז נישט קיין בטלן. ווער מיר גוטס גינט, וואָס פאַראַ בחור דאָס איז! ער איז געגאַנגען אין „קאַלעדזש״ אויך, פאַלט אים מיטאַמאָל איין אַ משוגעת — ער וויל נישט ווערן קיין רב. טענה איך צו אים: — פינחסל, נאָך אַזוי פיל יאָר פראַצע איז דאָך אַ משוגעת צו נעמען אַ פאַרטיקע פרנסה — און נאָך וואָס פאַראַ פרנסה, נישט איינער וואָלט זיך עס געווונטשן צו האָבן אין אַמעריקע — און מען וואַרפט אַלץ אין דער בלאָטע אַריין, מען צעברעכט זיך אַליין מיט די אייגענע הענט? מיינט איר דאָך, אַז ער האָט ס׳רבנות אויסגעטוישט אויף עפּעס אַ גוטע ביזנעס? הייבט זיך נישט אָן! ער האָט זיך צונויפגעשלאָגן דעם קאָפּ מיט מיין אַברהמלען און מען פראַוועט שטיק. נישט מען שלאָפט, נישט מען עסט, גאַנצע טעג שלעפּט מען זיך אַרום מיט שוסטערס, מיט פישער־יידן פון אונטער דער דעלענסי־סטריט בריק. מען פאַרשפּרייט איבערן לאַנד חברות „אַנשי־מעמד״.

— ווילן זיי דאָך יאָ עפּעס. — איז די נייגעריקייט אין זרחן געוואָקסן.

— אַוודאי ווילן זיי, זיי ווילן ברענגען משיחן. — האָט חיה־רבקה זיך צעלאַכט.

אַז ר׳ אַברהמס ווייב, וואָס האָט יעדן טאָג ביים דאַווענען געבעטן אויף משיחן, האָט געזען ווי די אַרומיקע לאַכן מיט, איז זי זיך פאַרגאַנגען אויפן קול, זיך געהאַלטן מיט די קליינע הענט פאַרן בויך, אַזש געוויינט, ווי זי וואָלט אַרויסגעזאָגט דעם גרעסטן שפּאַס אין איר לעבן, זי האָט געווישט די טרערן און די ווערטער זענען ביי איר אַרויסגעקומען מיט שטיקלעך קוויטשיק געלעכטער. ווי נישט זי וואָלט זיי אַרויסגעזאָגט, נאָר אַ דיבוק:

— נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, — פוילן, ליטע, וואָס איז אויסגע־ווייקט אין תורה, האָט די גרעסטע גוטע־יידן, קען נישט ברענגען משיחן, ווילן זיי אין דעם טריפהנעם אַמעריקע, ווו פּינחסל חברט זיך מיט זיין שוועסטער, די משומדת, זיי ווילן דווקא יאָ ברענגען משיחן!

דער דאָקטאָר האָט געהאַט טענות צו זיך, פאַרוואָס ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויסהערן דער שלנטעס נאַרישקייטן, פּטרט צייט.

— און אַז ס'מיידל האָט רויטע האָר, איז וואָס? — איז דעם דאָקטאָרס רעכטע האַנט פון זיך אַרויסגעשפּרונגען, באַקומען לשון.

אַן איינגעבוירענער נישט־צוטרוי צו מענטשן האָט זיך אַ וועק געטון אין אים, געהייסן אויסמיידן יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אַריינ־רייסן אין זיין אָפּגעשלאָסן לעבן. די פיס אָבער האָבן זיך נישט גע־הויבן, נישט געוואָלט גיין אין דעם חדר מיט די אָנגעוואָרפענע ספרים און איבערן אויסגעצערטן לייב האָט זיך געלייגט אַן אומעט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ מינוט. מיט צוויי שפּרייז איז דער דאָקטאָר געשטאַנען ביי זיין צימער, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון עמעצנס הענט. ער האָט פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר, אַז אַלע האָבן זיך אומ־געקוקט.

— נאָך אַ משוגענער. — האָט חיה־רבקה אים נאָכגעטייטלט.

דער גרויסער משה איז אונטערגעקומען, אַוועקגענומען חיה־רבקהן אַן אַ זייט, עפּעס אַריינגערעדט אין איר און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַריבערגעקוקט, ווי ער וואָלט נישט געטענהט צו דער יידענע, נאָר צו עמעצן דאָרט אין אַ ווינקל.

לייזער, אַן אויפגערוימטער, איז אויסגעוואָקסן. דער קנופּ פון זיין וואָלענעם שאַליק אַן אַ זייט, די שפּיץ נאָז באַזעצט מיט טראָפּנס שווייס. ער איז אַריין דעם גרויסן משהן אין די רייד:

— מ'רעדט דאָך צו דיר, משה, פאַרדריי נישט חיה־רבקהן דעם קאָפּ מיט קאָכן. זי האָט גענוג אירע אייגענע צרות. מיר גייען עסן צו מענדלען אין רעסטאָראַן על חשבון הגביר — האָט ער געוויזן מיטן גראָבן פינגער אויף אַ פרעמדן גלאַט־געגאָלטן פאַרשוין, וואָס איז גע־שטאַנען מיט קופעלטן.

מיט אָנגעשטעלטע עלנבויגנס איז דער אַלטער לייזער אַריין

צווישן וואָלפן און רעגינען. ער האָט שקאָציש אָנגעכאַפּט דעם יונג פּאַר אַן אויער און אַ ווונק געטון אויפן מיידל:

— דו געפעלסט מיר גאָרנישט, וואָלף.

— וואָס, ר' לייזער? — האָט וואָלף זיך פאַררויטלט און זיך אַרויסגעדרייט. קופּעלט, בונים, לייבל, בערל, אַלע האָבן געשמייכלט, געקוקט אויף וואָלפן, אויפן גלאַט-געגאָלטן פּאַרשוין, וואָס האָט נאָכלעסיק געהאַלטן אין אַ ווינקל פון מויל אַ רויכיקן ציגאַר

אי וואָלף, אי דער פרעמדער האָבן זיך אַ ווייל אָנגעקוקט און אַז דער פרעמדער האָט אַרויסגענומען פון מויל דעם ציגאַר, האָבן זיי גלייכצייטיק זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט.

— וואָס מאַכסטו, וואָלף? — האָט אייבי צוריק אַריינגענומען אין מויל דעם ציגאַר, זיך אַביסל אָפּגערוקט, באַטראַכט וואָלפס היימישן הולך. — אין דער גאַס וואָלט איך דיך דערקענט. און וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע? און מיינע לייט האָסטו געזען?

און איידער וואָלף האָט צייט געהאַט צו ענטפערן אויף איין פראַגע, אָדער אַ צווייטער, האָט אים אייבי באַוואָרפן מיט צען אַנדערע, זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אים און אָנגעהויבן צו ריידן מיט קופּעלטן.

וואָלף איז געשטאַנען אַ גערירטער. פון דעם קוש איז ביי אים עפּעס געבליבן הענגען אויף דער באַק, זיך געשעמט אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט און געפילט אַרום אויג די שאַרפקייט פונעם ציגאַר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס זאָגן, און וואָס לענגער ער האָט געקוקט אויף אייבס גלאַט-געגאָלט פּנים אויף זיינע פולע אויסגעקנאָטענע באַקן, אַלץ אינאיינעם האָט זיך אים געפלאָנטערט דער גלח פון זיין שטעטל.

אייבי איז וואָלפן געפעלן. ער האָט זיך פון ערשטן בליק געשפּיגלט אין זיין שוועסטער-קינד. די העלע געפּרעסטע הויזן זענען, דאַכט זיך, געשטאַנען, נישט געהאָנגען, אויף די ברוין-געפּוצטע שיך, די האָר, געדיכטע, ליכטיקע, ווי פריש געשניטענע שטרוי, האָבן זיך דורכגעשטופּט פון הינטערן שטרויענעם קאַפּעליוש, געפאַלן אין די אויגן ווי אַ שויבער, און זיין שטים איז געווען פון איינעם, וואָס איז געוווינט מען זאָל אים הערן.

אַחוץ פּינחסן און דעם גרויסן משה, האָס זענען געשטאַנען בײַ אַן אָפן פענצטער און געשמועסט, האָבן אַלע איבעריקע אַרומגע־רינגלט אײַבין.

און אײַבי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט זײַן רײַכקייט, נישט געבלאָזן פון זיך. ער האָט גערעדט ווי צו זײַנע גלײַכע, ווי צו חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין יאָרן נישט געזען, דערציילט ווי ער האָט קלײנערהייט געהונגערט.

קופּעלט ווייסט, ווי ער, אײַבי, איז אָנגעקומען אויף דער מיל פּאַרן בלויזן עסן, געאַרבעט פּאַר דרײַ און זיך בשום אופן נישט גע־קענט דערשלאָגן צו עפּעס. און ווען נישט קופּעלט, וואָלט ער נישט געהאַט אויף הוצאות נאָך אַמעריקע.

איצט איז ער רײַך, באַזיצט פון דער „וועסט וואַגאָנען סחורה, איז אַ יונג אַן אײַנרײַסער. ער האָט חתונה געהאַט און גוט געטראָפן, זייער גוט, האָט, דאַנקען גאָט, צוויי קינדער און דעם פּרײַז אויף „טשיקן"*) אין ניו־יאָרק באַשטימט ער, אײַבי.

בײַ די לעצטע ווערטער האָט אײַבי עטלעבע מאָל אַ ציִ געטון פונעם ציגאַר, געוואָרן העכער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל רויך, געוואָקסן אין דער ברייט און עס איז געווען צו זען, אַז ער האָט שטאַרק הנאה פון זיך, פון דער געשיכטע, וואָס ער האָט דערציילט און איז גערן בײַ יעדער געלגנהייט זי איבערצוחזרן.

און אין זײַן אײַנפּאַכן רעדן איז געווען אַ רחבות. די אַרומיקע האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן נישט פּאַר זיך אַ היימישן גביר, וואָס טוט עמעצן אַ טובה, ווען ער רעדט מיט אים. דאָ שטייט זייערער אַ מענטש, וואָס האָט זיך דערשלאָגן מיט זײַנע ברייטע פּלייצעס, מיט די שטאַרקע הענט, זיך אַרויפגעאַרבעט און איז רײַך געוואָרן.

אויפגערוימטע האָבן די אָרעמעלייט געטאַפּט אין דער לופט מיט די שפּיצן־פינגער, געווען זיכער, אַז דאָס גליק איז נישט ווייט, שפּרינגט יעדן אײנעם פּאַר די אויגן. און אויב נישט הײַנט, וועט עס מאָרגן אויפשײַנען.

---

*) „טשיקן" — הון.

איין קופעלט נאָר איז נישט געווען צופרידן. ביי די ערשטע צוויי, דריי ווערטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אייבי, וואָס פּלעגט אים אינדערהיים פּוצן די שיך, באַגייט זיך שוין מיט אים, מיט קופּעלטן, ווי מיט זיינס אַ מענטש. פון זיינע פּלענער לאַכט ער אין די פויסטן. פּאַר קופּעלטס מבינות אויף מעל, אויף וואַלד—גיט אייבי קיין פּעטרעשקע נישט. אַז דאָ אין אַמעריקע דאַרף מען קיין מבינות נישט! דער פורמאַן, וואָס פירט די סחורה, באַרעכנט, נעמט דאָס געלט, ער איז דער מאַן! וואָס מיינט ער, קופּעלט? אַמעריקע איז פּוילן, ווו מען נעמט זיך איבער, אַז מען קען שרייבן? דאָ קאָנען אַלע שרייבן! און מיטן ביסל געלט, וואָס קופּעלט האָט געבראַכט, קען מען זיך צו קיין מסחר נישט נעמען. איז זיין עצה, אייביס, אַוועקצוגעבן דאָס ביסל געלט אין אַ באַנק אַריין, אויב ער וויל עס נישט פּטרן, און מאָרגן אם ירצה השם זאָל ער אַריבערקומען אינאיינעם מיט וואָלפן אין „מאַרקעט". אייבי דאַרף נאָך אַ שוחט, וועט ער דערווייל נישט צונעמען, כאָטש מען שטעקט אים פאַר דער חזקה עטלעכע הונדערט דאָלאַר. דעם פּלאַץ לאָזט ער איבער פאַר קופּעלטן, אַ ייד אַ בן־תורה, ווייסט אַ דין. וועט עס לאַנג נישט נעמען, אַ וואָך, צוויי און קופּעלט וועט זיך אַוועקשטעלן שעכטן — איז פינף און צוואָנציק דאָלאַר אַ וואָך.

קופּעלט האָט נישט דערוואַרט אַזעלכע דיבורים, געשטאַנען אַ צעטומלטער. זיך געערגערט, פאַרוואָס ער פאַרשווייגט. צייט ער איז אַרויס פון דער היים, האָט ער אָנגעווירן דעם מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן.

אויף דער רייזע האָט מען אים אפילו ביים נאָמען נישט גערופן. מען האָט אים געגעבן אַ נומער, ווי מען קלעפּט אָן אויף אַ קויש, צי אויף אַ קאַסטן, וואָס מען עקספּעדירט זיי. די באַאַמטע זענען נישט מחויב צו קענען עפּעס אַ קופּעלט פון אַ קליין פּויליש שטעטל. ביי זיי זענען אַלע גלייך. אָבער אייבי, ער ווייסט דאָך יאָ, ווער קופּעלט איז, זיך נישט איינמאָל באַלעקט, אַז מען האָט אים צוגעוואָרפן אַ ביסן פון טיש — וואָס פאָרט ער אים מיט וואָלפן?

און וואָס פאַר אַ רייד זענען דאָס? און מען מוז דאָס דווקא אים אַזוי פאַרשוואַרצן ס'פּנים אין געגנוואַרט פון די לאַנדסלייט? נישט

געקענט אַוועקרופן אין אַ זייט? ער וועט קיין שוחט נישט ווערן! אַ שיין פּנים וועט ער האָבן, אַז מען וועט זיך אינדערהיים דערוויסן!

דאָס אַלץ איז אָנגעלאָפן אין זיין מוח מיטאַמאָל, זיך אָפּגע־שפּיגלט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליידיקייט, ווי דער שאָטן פון פייגל, וואָס פליען איבער אַ וואַסער.

ער האָט זיך אַ דריי געטון צו אייבין. געוואָלט אים עפּעס זאָגן, ווען יענער איז געשטאַנען אין אַ רעדל, געטיילט צווישן עולם ציגאַרן. בונים, לייבל, דער אַלטער לייזער, זרח און וואָלף, אַלע האָבן געשטעקט די הענט נאָך די ציגאַרן, געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

מיט די רייד איז אייביס גוטסקייט געוואָקסן. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַ קוק געטון אויף רעגינען, אויף רחלען, וואָס איז געשטאַ־נען מיט דעם קאַליקע, אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם און זיך גע־חידושט, וואָס פּינחס מיט משהן קומען נישט אונטער.

און ווי ביי אַ פּאָלקס־מענטש, וואָס קומט אין אַ שענק אַריין, ווערט אַביסל בגילופין און בעט יעדן איינעם מיטטרינקען, אין דער זעלבער שטימונג איז איצט אייבי געווען. צי ער האָט זיך געוואָלט איבערנעמען פאַר קופּעלטן, אָפּרעכענען, וואָס ער איז ביי אים גע־שלאָפן אויפן היי אין שטאַל, צי דערפאַר, וואָס רעגינע איז געווען אַזוי שיין, — ווי עס זאָל נישט זיין, — ער האָט געטיילט ציגאַרן, געהייסן צורופן משהן און פּינחסן און מיטאַמאָל געוויזן אויף דעם קאַליקע:

— ווער איז ער?

— ר׳ אַברהמלס, — האָט לייזער זיך אָנגערופן, — אַ נישט־דער־באַקענער...

— ר׳ אַברהמלס? — האָט אייבי אָפּגעביסן דעם שפּיץ פון זיין ציגאַר — אַן ערלעכער ייד... איך שיק יעדן פרייטיק אינדערפרי 2 „טשיקנס״ אין דעם שטיבל, וווּ ער דאַוונט. און דאָס איז ר׳ אַברהמלס ווייב? גוט! — האָט ער אַרויסגענומען אַ ביכל און עפּעס פאַרצייכנט — פון היינט אָן קויפט נישט אויף שבת קיין „טשיקן״, מען וועט אייך אַריינשיקן פון מיין „מאַרקעט״... עס איז גאָרנישט — האָט ער זיך צעלאַכט — איך וועל נישט אָרעמער ווערן. און דאָס איז

אייער זון? — האָט ער אַ ווײַלע באַטראַכט דעם קאַליקע — כ׳האָב פאַר אים אַ „דזשאַב״ (שטעלע).

די אַרומיקע האָבן געשמייכלט. די מוטער איז געווען זיכער אַז דער רייכער אייבי מאַכט שפּאַס און זי האָט זיך אָנגעבלאָזן:

— קיינער איז נישט זיכער!

— כ׳מיין מיט אַן אמת. — איז אייבי נענטער צוגעגאַנגען צו חיה־רבקהן.

— ס׳איז דאָך אַ ווּיסטער קאַליקע, — איז די מוטער געוואָרן ווייכער און געוויזן אויפן זון, וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער שוועסטער, נישט געוווּסט פאַרוואָס אַלע לאַכן פון אים.

— ער וועט פליקן אין „מאַרקעט״ די פעדערן. — האָט אייבי נאָך אַלץ פאַרזיכערט דער מוטער. — קריגן דריי און פינף סענט פאַר אַן עוף... וועט פאַרדינען אַ דאָלאַר און אַמאָל מער אַ טאָג... כ׳לאַך נישט!

— צו דעם וועט ער זיין אויסגעצייכנט. — האָט לייזער אַ נעם געטון דעם שלאַקרירזקן פאַר אַ האַנט און אים געוואָלט צופירן צו אייבין.

דער קאַליקע האָט זיך אַ וויג געטון אויף זיינע ליימענע פיס, געעפנט אויפן אַלטן זיינע שיטערע ציין און די לופט איז פול גע־וואָרן מיט אַ פאַרשטיקט ווורטשען:

— גראַ־רי!

קופּעלט האָט זיך געפילט געטראָפן. ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט, געקוקט אויף אייבין, אויף די „הענט״, וואָס ער האָט היינט איינגעהאַנדלט, זיי געהייסן מאָרגן קומען, און נאָך אַלץ נ״שט גע־גלויבט, אַז דאָס מיינט מען אים, וואָלפן און דעם קאַליקע.

— אַז איר גיט שוין יאָ שטעלעס,—האָט זרח זיך אַרויסגערוקט און געוויזן אויף רעגינען, — גיט זשע מיר און מיין טאָכטער אויך עפּעס אַ באַשעפטיקונג?

אייבי האָט געקייט דעם ציגאַר, פאַרקוועטשט איין אויג און באַטראַכט זרחן.

מעשה־מבין האָט ער פון דער זייט אָפּגעמאָסטן רעגינען פון קאָפּ ביז די פיס און אין דעם שמייכל, מיט וועלכן ער האָט זיך

צוריק אויסגעדרייט צו זרחן איז געווען קענטיק, אַז דאָס מיידל געפעלט אים.

— און וואָס מיינט איר, ווען איר קענט ענגליש, גיב איך אייך נאָך היינט אַ שטעלע.

— למשל? — איז זרח צוגעשטאַנען.

— אַז די סחורה קומט פון דער וועסט, דאַרף מען האָבן אויפן וועג אַן אייגענעם מענטשן, וואָס זאָל אויפפּאַסן... געבן אין צייט אַ טרונק, געבן פּאַשע, עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך...

זרח האָט אַריינגענומען זיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס, זיך געהויבן, זיך געבלאָזן, געמאַכט אַ גאָמבע ווי אייבי:

— כ׳בין פיקס און פאַרטיק!

— איר זענט דאָך טאַקע אַ ייד אַ לײב. — האָט אייבי אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף זרחס פּלייצעס.

— אַלץ הייסט אַ לײב! — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט מיט אַ געלעכטער.

— גייען מיר עסן, האַ? — האָט אייבי אַ נעם געטון קופּעלטן אונטערן אָרעם. געזען, אַז די צוויי פאַרשוינען שטייען נאָך אַלץ ביים פענצטער, רירן זיך נישט פון אָרט, האָט ער ווילעריש אַ פייף געטון, אַז משה און פינחס האָבן זיך אומגעקוקט — קומט עסן!

— וואָס לאָזט איר זיך אַזוי בעטן! — איז לייזער אונטערגעלאָפן — נישט געדאגהט, אַז אייבי רופט, וועט זיין די אמתע סעודה! נו, — האָט דער אַלטער גענומען מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט געטריבן הינער, — גייט שוין!

פינחס האָט זיך אויפגעשטעלט. מענטשן רופן און קיין שלעכטס זעט ער נישט דערין, דאַרף מען גיין. ס׳האָט אים אָבער ווי געטון פאַר ר׳ אברהמלס ווייב, פאַר זיינע קינדער, ס׳האָט אים ווי געטון פאַרן גאַנצן הויז אויף גאַרעק־סטריט, וואָס איז מיטאַמאָל אָפּהענגיק געוואָרן פון אַ רייכן הינער־הענדלער.

— נו, און דו, משה, — האָט זרח שוין אָנגעוווירן זיין געדולד, — גייסט, צי נישט?

— יידן שומרי־שבת זענט איר? — האָט דער גרויסער משה זיך אויסגעגלייכט. זיין לאַנגע, שוואַרצע באָרד, די נאַך שוואַרצערע אויגן

האָבן אויפגעפינקלט ווי ביי אַ גזלן — געשמדטע קישקעס זענט איר! און ווי מען רעשט! אַ קליינינקייט, דער רייכעוּ אייבי, דער גלוח איז דאָ! לייזער, ביסט אַן אַלטער נאַר! און נישט נאָר דו. עס איז גענוג אַ פרעס, אַז איר זאָלט אַלע אָנווערן די קעפ! דער חטא פון עגל זיצט נאָך אין אייך! נישט בחינם איז רב אַברהמל אַנטלאָפן פון דעם הויז!

— וואָס קאָכט ער זיך אַזוי, דער מיט דער שוואַרצער באָרד?— האָט אייבי אַרויסגייענדיק .זיך געפרעגט, נישט געקריגן קיין ענטפער און אויפן פלאַץ אָן אים פאַרגעסן.

משהס רייד האָבן פאַרהאַלטן פינחסן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום פענצטער, עפּעס אויסגעפּויקט מיט אַ פינגער אויף אַ שויב.

דער הילך פונעם טומל איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין די צימערלעך. משה האָט געשפּרייזט פון איין חדר אין צווייטן, געביסן מיט זיינע ווייסע ציין די שוואַרצע באָרד. אין דאָקטאָרס צימער האָט עמעצער געקרעכצט. משה האָט אַן עפן געטון די טיר, געזען דעם דאָקטאָר ביים טיש איבער אַ בוך און געפרעגט:

— ביסט נישט מיט אַלעמען?

— וואָס פאַלט אייך איין?

משה האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר, געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, אַריינגערוקט די באָרד אין מויל אַריין און אַז אין דעם אַריינגאַנג האָט זיך באַוויזן שלמה, דעם גרויסן משהס זון, האָט דער פאָטער זיך קיין ריר נישט געטון פון אָרט. די געדיכטע ברעמען האָבן זיך ביי משהן פאַרקניפּט, פינצטערער געמאַכט ס׳פּנים און ער האָט זיך שטיל צעברומט.

## 7. כוהנים

שלמה האָט זיך דער ערשטער אַריינגערוקט. נאָך אים — פישל מיט דינהן.

פאַרן גרויסן משה איז שלמה געווען אַ פרעמדער, אַזוי ווי־ניקסטנס האָט דער פאָטער געטענהט פאַר באַקאַנטע. דער גרויסער משה האָט שוין יאָרן נישט גערעדט מיטן זון, אים קיין גוט־מאָרגן נישט געענטפערט, געזען זיך צו באַפרייען פון אים אפילו אין דער מחשבה און זיך געטרייסט, וואָס דער „בן סורר ומורה" איז אין דער פרעמד.

— זעלטן איז שלמה געווען אין ניו־יאָרק. ער האָט געאַרבעט ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט, זיך אָבער לאַנג נישט געקענט האַלטן אויף קיין פּלאַץ, געשניטן ס׳לאַנד אין דער לענג, אין דער ברייט.

משה איז געווען העכער פונעם פאָטער. ברייטביייניק מיט עטוואָס געבויגענע אַקסלען. די הויט פונעם פנים ברוין, ווי מאַהאַגאָני. הענט, לאַנגע, באַוואָקסענע, האָבן זיך געפלאָנטערט פוןביידע זייטן ווי שטאַבעס.

פישל איז געווען ברייטער ווי העכער, דער היפוך פון שלמהן. די קורצע, אויסגעבויגענע פיס, ווי קרימפּלהעלצער, זענען נישט נאָר געשטאַנען זיכער אויף דער ערד, נאָר מען האָט געדאַרפט עטלעכע פאַרשוין מען זאָל די פיס רירן פון אָרט. די קליינע, ברייטע נאָז מיט נאָך ברייטערע נאָז־פליגל, דער פאַרוואָקסענער שטערן מיטן שויבער־האָר, וואָס האָט נישט געוואָלט נישט שטיין און נישט ליגן, פון גאַנצן געשטעל זיינעם האָט זיך געטראָגן אַזאַ גבורה, אַז פישלס מיאוסקייט האָט זיך נישט אָנגעזען.

פישל האָט כמעט ווי נישט גערעדט, און אַז ער האָט זיך אַמאָל שוין יאָ געקליבן עפּעס זאָגן, פלעגן די רייד זיך ערגעץ פאַרלירן אויפן וועג, זעלטן זיי געבראַכט איבער די ליפּן. ער האָט קיינעם נישט געטרויט, אַפילו נישט שלמהן, דעם איינציקן וועמען ער האָט ליב געהאַט. אין האַרצן ביי אים איז געווען אַ פאַרדאַכט. אַז אַפילו שלמה איז נישט דער ריכטיקער אַרבעטער-פירער. ער האָט געקוקט אויף שלמהן ווי אויף אַן אינטעליגענט מיט וועמען אַן אַרבעטער קען נישט זיין אָפן, קען זיך קיינמאָל אין גאַנצן נישט איינלעבן.

לעבן שלמהן און פישלען איז דינה געווען גאָר ווי אַ ברעקל. זי האָט אַ שלעפּ געטון פון קאַפע אַ סאַמעטן היטעלע און די העלע האָר האָבן לופטיקער געמאַכט די זומער-שפּרענקעלעך, וואָס זענען געווען צעשאָטן איבערן פּנים.

— עס האַלט אַוודאי ביי אַ שטרייק. — האָט דינה אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אַרויפגעקוקט צו שלמהן.

— פאַרוואָס עפּעס ביי אַ שטרייק? — איז שלמה געבליבן שטיין אין מיטן קיך.

— שטענדיק, ווען דו באַווייזט זיך, ברעכט אויס אַ שטרייק.

שלמהס צעשמיסן פּנים איז ווייכער געוואָרן. די ברייטע געדילטע ציין, ווי זיי וואָלטן זיך געשטופּט, געשטאַנען אַ צאָן הינטער אַ צאָן, האָבן זיך צעשמייכלט.

— די האַפן-אַרבעטער קליבן זיך שטרייקן. זיי האָבן זיך נעכטן אָפּגעזאָגט אָנצולאָדענען אויף די שיפן ס'געווער. וואָס דאַרף אָפּגיין קיין מעקסיקע. די מעקסיקאַנער רעגירונג וועט מיט דעם געווער אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד.

— זעסט, איך האָב געטראָפן!

שלמה האָט דערזען דעם פאָטער. מיט אַ שפּרייז איז ער געשטאַנען לעבן אים.

— האַלאָ, טאַטע!

די לאַנגע, שוואַרצע ברעמען האָבן זיך אַ שטעל געטון ביים גרויסן משה, פאַרדעקט די אויגן. ער האָט ווייטער זיך געברומט אין דער באָרד אַריין, נישט געענטפערט אויפן זונס שלום, נישט געזען ווי שלמהס אויסגעשטרעקטע האַנט לאָזט זיך אַראָפּ אַ פאַרשעמטע.

די אויפגעהייטערטקייט אויף שלמהס פּנים האָט איצט אויסגע־זען נעבעכדיק. ער האָט געזוכט דינהס בליק, וואָס האָט אויסגעמיטן צו קוקן, ווי דער צעוואָקסענער שלמה איז געשטרויכלט געוואָרן. און אַז זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט שלמה אַ זאָג געטון:

— מיר האָבן אַלטע חשבונות.

פּינחס, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, געזען ווי דער גרויסער משה האָט באַגעגנט דעם זון, האָט אונטערגעטראָגן שלמהן אַ ברייטן שלום־עליכם:

— האַלאָ, שלמה!

— האַלאָ, פּינחס! נאָך גוט, וואָס דיר שטייט אָן זיך צו באַ־גריסן מיט מיר. — האָט שלמה אַ דריק געטון די אויסגעשטרעקטע הענט, אַז פּינחס האָט זיך אַזש פאַרקרימט. — כ׳האָב געהערט, אַז ביסט לעצטנס פרום געוואָרן.

— אַלץ הייסט פרום. — האָט פישל אַ זאָג געטון און אויפן אויסטערלישן פּנים איז געווען קענטיק, אַז ערגעץ אין די געדערים בלאָנדזשעט ביי אים אַרום אַ שמייכל. — די איינציקע חברים זיינע זענען ר׳ אַברהמל און דער גרויסער משה.

— דער טאַטע מיינער? — האָט שלמה זיך געחידושט.

דינהס בלויע אויגן, ווי קלאָרע שטיקלעך הימל, האָבן געקוקט אויף פּינחסן, אויף שלמהן. פּינחס האָט עס באַמערקט און ווי פון זיך האָט ס׳האַרץ ביי אים פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, זיך געשפּאַרט אין אַ פּינטל — טיק, טיק, טיק, דער נערוועזער ציטער איז ביי פּינחסן פאַרבליבן נאָך פון די שול־יאָרן. ער האָט אים שטענדיק אי־בערגעלעבט, ווען דער לערער האָט גענומען אויסטיילן די עקזאַמען־פּאַפּירן. פּינחס האָט עס געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון די אַרומיקע און זיך צערעדט הויך, מיט אַ פרעמד קול:

— גלייבט מיר, אַז אי ר׳ אַברהמל, אי דער גרויסער משה זענען אַזעלכע שיינע מענטשן ווי דו, פישל, ווי שלמה, ווי אייערע חברים, די „אַי דאָבל יאו, דאָבל יאו“.

— מעגלעך שענערע. — האָט שלמה צענומען די הענט, און צען פינגער אויסגעאַרבעטע, אויסגעבויגענע, וואָס האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ, זענען געבליבן הענגען אין חלל. —ניין און נײַנציק פּראָצענט

מענטשן אַרבעטן פאַרן פּרעס, אַלץ איז ביי זיי דער פּרעס, און ווען נישט דער פּרעס וואָלט שוין היינט איין מענטש דעם צווייטן נישט עקספּלואַטירט. ר׳ אברהמל, מיין טאַטע, דיינער, פּינחס — האָט שלמה געציילט אויף די פינגער — און נאָך אַזעלכע יידן האָבן זיך אויסגע-טון פונעם פּרעס, אים בייגעקומען. דאָס זעט איר איז אַ מדרגה, אַ הויכע מדרגה. און איך האָב גרויס דרך-ארץ פאַר אַזעלכע יידן. איך קוק אויף יעדן פון זיי ווי אויף אַ כּוהן-גדול, וואָס באַדינט שוין טוי-זנטער יאָר דאָס קדשי-קדשים, איז זיכער, אַז ער היט גאָטס וואָרט, ווען אינווייניק אין קדשי-קדשים איז שוין לאַנג אַלץ אויסגעפּרוירן. די כּוהנים דאַרף מען נאָר איבערטון, קריגן פאַר זיי אַנדערע קליי-דער, מער צוגעפּאַסטע צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אין ליידיקן קדשי-קדשים ברויכן מיר אַריינשטעלן נייע לוחות, די לוחות פון דעם מענטש, וואָס אַרבעט.

— און ווו נעמט מען די נייע לוחות? — האָט פּינחס געפרעגט.

דינה האָט אַ הייב געטון שלמהס האַנט-פלאַכן מיט אויסגעבוי-גענע פינגער, ווי האָקעס, וואָס האָבן יעדע רגע געקענט צעפאַלן, צעדריקן, וואָס עס איז זיי געשטאַנען אין וועג.

—צו די הענט וויל שלמה, דער מענטש זאָל דינען. זיי, די הענט, דאַרפן זיין די נייע לוחות. האָב איך געטראָפן?

— געטראָפן. פאַר הענט, וואָס אַרבעטן, דאַרף מען האָבן אָפּשיי.

— האָט שלמהס פאַרהאַרטעוועט פּנים אויפגעלויכטן און ער האָט זיך אַ צי געטון נאָך דינהן, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר. — וועסט זיין אין דער היים? איך וויל זאָלסט גיין מיט מיר צום מיטינג.

— גוט, ווען איר וועט גיין, טוט מיך אַ רוף. — האָט דינה פאַר-מאַכט נאָך זיך די טיר און איבערגעלאָזט אין דעם סעפּטעמבער-נאָכ-מיטאָג דעם פלאַטער פון פרילינג.

— אויב אַזוי, דאַרף מען פאַר אַ מאַשין נאָך מער אָפּשיי האָבן.

— האָט פּינחס אַ זאָג געטון.

— טאַקע יאָ. — האָט שלמה זיך אויסגעגלייכט. — און וויסן זאָל-סטו, אַז אין אייער ליידיקן קדשי-קדשים וועלן מיר אַריינשטעלן אַ מאַשין, וואַטס „סטים אינדזשין״.

— און דער אידעאַל וועט זיין פערד? — האָבן זיך פּינחסעס

גרויע אויגן פֿאַרשאָטנט — אויב אַזוי, לאָזט בעסער איבער דעם קדשי קדשים אַ ליידיקן! מיט דער בלויזער מאַשין וועט מען ווייט נישט אַוועק: דער מענטש דאַרף אויך איבער דער ערד, איבער דער וואָכעדיקייט האָבן אַ הימל.

— אַוודאי דאַרף ער! און מיר האָבן! — האָט שלמה זיך אַ רוק געטון, פֿאַרנומען מער פֿלאַץ, אַז פּינחס האָט זיך געמוזט אָפּרוקן — שרעק זיך נישט, פּינחס, אונזער אידעאַל איז נישט פּאָרד, אויך נישט די באַהאַלטענע „כּרובים” דיינע, וואָס פֿירן צו געצנדינערײַ און זנות. דו אַליין, פּינחס, בענקסט נאָך די כּרובים: דערפֿון דיין צעקראָכנקייט, דיין אַרומשלעפּן זיך מיט אַברהמלען, וואָס האָט פֿאַר יעדן אַ גוט וואָרט, פֿאַר מיר, פֿאַר דיר און אַפֿילו פֿאַר לייבלען דעם וואָכערניק. די מאַשין פֿאַר וועלכער דו ציטערסט אַזוי, פּינחס, די מאַשין, פֿאַרזיכער איך דיר, וועט צו דעם נישט טרייבן; פֿאַרקערט, זי וועט פֿאַרגרינגערן און פֿאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן, אַראָפּברענגען דעם הימל אויף דער ערד.

בשעת שלמה מיט פּינחסן האָבן זיך אויסגעטענהט, האָט פּישל געשפּרייזט איבערן חדר, נישט פֿאַרטראָגן די אַלע רייד, זיי נישט פֿאַרשטאַנען. אַפֿילו שלמה איז אים איצט פֿרעמד געווען, ווען מען וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט, דינהן, פּינחסן, אַפֿילו שלמהן, ווי אים, פּישלען, כּמעט אַ נאַקעטן, ביי אַ צעפֿלאַמטן אויוון, ווו מען שמעלצט אייזן, וואָלטן זיי נישט געחלומט אַראָפּצוברענגען דעם הימל אויף דער ערד, זיי וואָלטן שוין לאַנג געהאַט איבערגעדרייט די ערד.

ער האָט דאָס נישט געזאָגט, עס בלויז אָנגעטאַפּט, בלינד, מיט די חושים. אין די נעפּלען, וואָס האָבן זיך אין אים געבוירערט, אים געטריבן פֿון איין חדר-ווינקל אין צווייטן, האָט אויפֿגעטוקט אַ ליכטיק פּינטעלע און איידער עס האָט זיך געלאָשן, האָט ער זיך אַ שטעל געטון צווישן שלמהן און פּינחסן, געערעדט אָפּגעהאַקט:

— איר האָט צייט, איך, פּישל, וואָס אַרבעט אין אַן אייזןגיסערײַ האָב קיין צייט נישט — — — פּינחס, דינה האָבן צייט. — אינטעליגענטן האָבן צייט — — איך, פּישל, האָב קיין צייט נישט, קען

נישט וואַרטן ביז די פלאַמען וועלן מיר איינגאַנצן אויספרעסן די אויגן — — —

ער האָט נישט דערזאָגט, זיך צעברומט און ווייטער געגומען שפרייזן איבערן צימער.

— האָסט געהערט דעם שטאַמלער? — האָט שלמה אַ נעם געטון פינחסן פאַר אַ האַנט — דאָס איז דאָס געשריי פון דורות הונגער, די שנאה צו די זאַטע. פישל האָט גאָרנישט וואָס אָנצוווערן און געווינען קען ער אַ גאַנצע וועלט. פון אייביק אָן טיילן זיך מענטשן אויף זאַטע און אויף הונגעריקע. די הונגעריקע קלעפּן אָן דער ערד, מיס־טעווען זי מיט זייער בלוט און ביינער, גלייבן און דינען דער פּראַ־צע, די זאַטע רייסן זיך פון דער ערד צום הימל, צו די „כרובים", צום אין־סוף, וואָס האָט געבראַכט דעם מענטש מער שאָדן, ווי אַלע מלחמות, מגפות צוזאַמענגענומען. פויערים־בונטן, דרוקערייען, פולווער, ביז דער נייסטער מאַשין, וואָס באַפרייט יעדן טאָג טויזנטער מענטשן פון פיזישער אַרבעט, האָבן מער צו פאַרדאַנקען אין דעם ברייטערן זין, ווייסטו וועמען? דעם הונגער! — — —

מיט די פלייצעס, ווי מיט די אויגן, האָט פינחס דערפילט הינ־טער זיך דעם פאָטער. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, געקוקט אויפן פאָטער, וואָס איז געשטאַנען מיטן גרויסן משה, און יעדער בייג, יעדער קנייטש אין פינחסעס פנים האָט זיך געצויגן אַראָפּ, פאַרקניפּט די דינע ליפּן, ווו די ווינקלען פון מויל זענען פול גע־ווען מיט טרויער.

— אָט איז דאָך דיין פאָטער. — האָט שלמה הויך אַ זאָג גע־טון. — ווען איז ער צוריקגעקומען פון פוילן?

— היינט.

— דער אַלטער דיינער האָט זיך אַ רוק געטון, זיך געעלטערט.

שבתי האָט געשטעלט זיין שטעקן אויף אַפּריער, פון דער זייט אַ קוק געטון אויף פינחסן, אויף שלמהן און קיין וואָרט נישט אויס־גערעדט. פישל, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, מיט די פיס, ווי פיילנבויגנס, איז נאָכגעגאַנגען שבתין, און ס'איז געווען אַ חידוש ווי נאָך קומען גאָר אַזעלכע צוויי פאַרשוינען אונטער איין דאַך.

— שלום־עליכם, ר' שבתי. — האָט שלמה מיט דרך־ארץ אים געגעבן די האַנט. — איר דערקענט מיך?

— אַז דער טאַטע דיינער דערקענט דיך נישט, ווילסטו איך זאָל דיך דערקענען?

— טאַטעס, ר׳ שבתי, — האָט שלמה געשמייכלט, — לעבן זעלטן בשלום מיט קינדער.

ר׳ שבתי האָט זיך איינגעקוקט אין דער האַלב־אָפענער טיר, ווו דער דאָקטאָר איז געזעסן ביים טישל, געלייענט אויפן קול, מיט אַ גמרא־ניגון, אַן ענגליש בוך. דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן:

— דער כף־הקל וועט אים שוין אויך נישט העלפן.

ר׳ שבתי האָט זיך אויסגעגלייכט, אָנגענומען דאָס קליינע בלע־כערנע מזוזהלע, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צוםביישטידל און עס אָפּגעריסן:

— אַ רפת, אַ בהמה־שטאַל, דאַרף נישט קיין מזוזה.

— ס׳צימערל, ר׳ שבתי, איז דאָך אָנגעפּראָפּט מיט העברעישע ספרים. — האָט פישל אָנגעקוואָלן.

— אַזוי, העברעישע ספרים? אַ גליק! ווייסטו כאָטש, תנא־ברא, אַז דער דור־הפלגה האָט נישט נאָר גערעדט העברעיש. — האָט ר׳ שבתי אַריינגעטענהט אין פישלען. — דער דור־הפלגה האָט גערעדט לשון־קודש און פונדעסטוועגן האָט גאָט דעם גאַנצן אָנלויף אויסגע־ראָט. לשון איז גאָרנישט. וואָס איז לשון? אַ לבוש צו באַהאַלטן דיין נאַקעטקייט, אונזער נאַקעטקייט. ס׳אמתע וואָרט איז שוין גאָר אַ גרוי־סער ענין. ס׳אמתע וואָרט משפט דעם מענטש. איר אַלע, דער גאַנ־צער איצטיקער דור, איז ווייט דערפון, איר באַנוגט זיך מיטן לבוש, און אַ לבוש צעקריכט אונטער די פינגער, ווערט צעריסן. און ס׳איז מיר אַלץ איינס, צי אַזאַ דאָקטאָרל רעדט העברעיש, צי גוייש, צי אַפילו גלחיש.

פישל האָט עטוואָס אונטערגעהויבן אַ פוס, פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג און אַרויסגעצויגן פון שבתיס קעשענע אַ „פאָרווערטס״. די ציימונג האָט ער שבתין אונטערגעטראָגן מיט אַ סיקע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן איינפעדעמען אַ נאָדל־פאָדים.

— ווי קומט עס, ר׳ שבתי, איר זאָלט לייענען דעם „פאָרווערטס״?

— וואָס דען זאָל איך לייענען? — האָט ר׳ שבתי אַרויפגעלייגט

זיין האַנט אויף פישלס קאָפּ, אַז דעם יונגס פיזישע גבורה איז ווי איינגעלאָפּן—דעם „מאָרגען־זשורנאַל", דעם „טאַגעבלאַט", וווּ די טומאה ליגט אין דער יראה? דער „פאָרווערטס", זעסטו, איז גאָלע טומאה, נעמט זיך נישט אָן, קענסט אים צו יעדער צייט אָפּשאָקלען פון זיך.

ר' שבתי האָט אַראָפּגעקוקט אויף פישלען, געהאַט אַ מינע, גלייך ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען דער גאַנצער שמועס מיטן יונג. דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, די צעפלאָשעטע ברעמען זענען צוריק אַריין אין די טיפע קנייטשן פון שטערן, און די אויגן, גרויע, חשונדיקע, האָבן געקוקט פאַרחידושטע, גלייך דער עולם אַרום וואָלט איצט געווען אַן אַנדערער.

— דו ביסט דאָך דעם שלייפערס זון? — האָט ר' שבתי זיך אַזאַ רוק געטון צו פישלען, אַז דער יונג האָט זיך קאַפּויער געבויגן— מיר וואָלטן זיך גאָר געדאַרפט דורכרעדן, אַזוי אַראָפּוואַרפן פון זיך עניוות מיטן טלית־קטן און נאַקעט אַ רעד טון. אַז דו ביסט אַ גוי־גמור, האָסט פיינט אַ ייד, זע איך, אָן דיין פרצוף זע איך עס. דאָס דאָקטאָרל האָט אינגאַנצן קיין פרצוף נישט געהאַט. און מיט מיין פינחסן הייב איך נישט אָן צו וויסן ווו איך האַלט. ער קען נאָך אַליין נישט שטיין, דאַרף אַ שטענדער. היינט איז ביי אים אַברהמל דער איינגעוואָרצלטער דעמב. און איך זאָג דיר, פינחס, — האָט דער פאָטער זיך אַ דריי געטון צום זון און די גרויע אויגן האָבן אַ שאַרע געטון מיט באַגינען, — אַז אַ דעמב קען נישט וואַקסן אויף גאָרעק־סטריט אין אַזעלכע ענגע אַלקערלעך, דאָ איז קוים דאָ פלאַץ פאַר אַ דראַפּעק. אַ דעמב דאַרף לופט, דאַרף רחבות. און וואַקסט ער איינער אַליין, איז דער בוים גרעסער, דויערעוודיקער. וואָס פאַר אַ דעמב איז אַברהמל, אַז ער דאַרף מענטשן, דאַרף אַרום זיך טומל, קען נישט לעבן אָן צדקה? אַ קהלהשער בעזים, אָט וואָס ער איז! און צדקה, דאַרפט איר וויסן, איז אַ נידעריקע מדרגה. גיסט אַוועק אַ חפץ, אַ מטבע, עפּעס וואָס דו טראָגסט אין קעשענע, נישט קיין חלק פון דיר — דאָס איז גרינג. און וויפל שכר מען קריגט דערפאַר! אַ העכערע מדרגה איז קהלן זיך, טון עפּעס פאַר אַן אַנדערן. איך מיין מיט די אייגענע הענט, מיט לייב און לעבן, ווי נעכטיקן ביי אַ קראַנקן, העלפן מיט די פלייצעס אַרויסשלעפּן אַ וואָגן משא. די

גרעסטע מדרגה איז זיין אַליין, מיט זיך, ווייט פון מענטשן. דאָס, זעט איר, איז שווער, ווייל דער מענטש קען זיך בטבע נישט אָפּרייסן פון דער סטאַדע, קען נישט לעבן אָן זיין מין.

בשעת ר׳ שבתי האָט גערעדט איז פּינחס געשטאַנען מיט גרויס דרך־ארץ, געליטן וואָס דער טאַטע זיינער איז מבזה ר׳ אַברהמלען און דערביי געטראַכט, אַז דאָס וואָרט קען נישט אָפּשפּיגלען דאָס אַרומיקע לעבן, ווייל ס׳לעבן מאַכט נאָך דעם וואָרט. ער, פּינחס, דער טאַטע זיינער, אַפילו שלמה, וואָס האַלט אין איין פאַרזיכערן, אַז אַלץ איז עבודה, דער עיקר זענען מעשים, אַז די מחשבה איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן, ווען ס׳לעבן האָט זיך אויסגעגליטשט, פאַרלוירן ס׳גלייכגעוויכט און מען קען זיך אויפן וואָרט נישט פאַרלאָזן,—אַפילו ער, שלמה, לעבט מיטן וואָרט, לעבט מיט די שקלאַפן, וואָס האָבן געשטורעמט רוים, מיט די פויערים, וואָס האָבן געברענט פּריצישע הייף, לעבט מיט פאַרגאַנגענע דורות. און דורות איז דאָך אַ זאַך, וואָס איז נישט בנמצא, וואָס מיטן ממשותדיקן לעבן האָט עס גאָרנישט צו טון...

ר׳ שבתי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט צום אַרויסגאַנג, מיט־אַמאָל איבערגעלייגט דעם שטעקן פון איין האַנט אין דער אַנדערער, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט און ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט:

— ווי לאַנג איר וועט שפּרינגען קדוש פאַר אַ בעזים, פאַר אַ דראַפּעק, זענען מיינע רייד, שבתיס רייד, אַרויסגעוואָרפן.

אַ געבויגענער האָט שבתי זיך געלאָזט צו דער טיר. פּינחס איז אים נאָכגעגאַנגען.

— אַ צעדרייטער, — האָט פישל עטוואָס געשטעלט די פּיס, אַ הייב געטון די הענט, אָפּגעשאָקלט פון זיך די ניין מאָס רייד, —ביידע זענען צעדרייט!

## 8. אַ מיטינג

פישל איז געגאַנגען אויף אַפּריער, נאָך אים אין אַ ברייטער שורה, וואָס האָט פאַרנומען דעם טראָטואַר — שלמה, דינה און פינחס.

זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין דער לענסי־סטריט, לינקס — אַ וואַנט פירשטאָקיקע הייזער, גרויע, אָפּגעקראָכענע, די אָפּגעטינקע־וועטע ציגל שיילן זיך, ווי קראַנקע הויט, וואָס נעמט זיך היילן. די „פייער־עסקייפּס״ *), אָנגעפּיקעוועט מיט ביר־קעסטלעך, מיט פלעשער; בעטגעוואַנט, אַלטע לאַכעס סטאַרטשען בייכיק אַרום די הייזער, ווי בוזימס ביי פאַררוקטע, וואָס קלויבן משוגעת און אוצרות.

די פענצטער מיט ברייטע פאַרמאַזשעטע שויבן קוקן טעמפּ, גלאָצן ווי פאַרדימפּעצטע שטיקער וואַסער. רעכטס—די וויליאַמבורגס־בריק. באַנען, טראָמווייען קלעטערן מיט אַ געקלאַפּערײַ איבער די הייזער, בייסן זיך איין אין די בלישטשנדיקע שינעלס, פונקען שפּריצן, צינדן זיך אין די ברודיקע שויבן, וואָס קעגנאיבער. פון אונטער דער בריק בלאָזט מיט טוכלען קעלער, מיט שאַרפן פיש־ריח, מיט צוגעלעגן אויבסט, מיט געשאָכטענע עופות. ס'שווינבלט מיט אויגן, מיט הענט, מיט אָפענע מיילער, מיט פויליש און גאַליציאַנער לשון. די לופט געשווילט. אַ כוואַליע אַהער, אַ כוואַליע אַהין, פאַרטשעפּען זיך, שטייען אַ ווײַלע אין קלעם און מען פּלייצט ווייטער.

כמאָרים מענטשן, כמאָרים.

פישל האָט געשניטן צו גרענד־סטריט. געזען, ווי ס'קלויבט זיך

*) פייער־עסקייפּס — אייזערנע באַלקאָנען און לייטערס, וואָס ציען זיך פון איין שטאָק צום צווייטן, ס'זאָל זיין דורך וואָגען צו אַנטלויפן בשעת אַ שׂרפה.

אַ רעדל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ ווייסער נעפּל איז געהאָנגען אין מיטן גאַס. פון דעם נעפּל האָט זיך אַרויסגעשיילט אַן איבערג-דרייטער וואָגן מעל, אַ פערד, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן, געוואָרפן מיט די פיס, געדריגעט.

דאָס פערד איז געווען אַזוי איינגעפּלאָנטערט אין דעם געשפּאַן, אַז ס'האָט זיך נישט געקענט אויפשטעלן. דער אָנטרייבער האָט זיך געוואָרפן אויף אַ שוואַרצן שאָפער, וואָס איז געשטאַנען אַן לשון. דער שאָפער איז אַריינגעפאָרן מיט אַ שווערן לאַסט-אויטאָמאָביל אין דעם וואָגן מעל און אים איבערגעקערט אויף די טראַמוויי-שינעס.

— דו, הינטישער גזלן, דו, — האָט דער אָנטרייבער זיך געריסן צום שאָפער, — באַצאָל פאַר די צעריסענע זעק מעל!

— שפּאַן בעסער אויס ס'פערד, אויב ווילסט נישט ס'זאָל זיך דערשטיקן. — האָט עמעצער זיך אָנגערופן פון עולם, וואָס האָט זיך געקליבן פון אַלע זייטן.

אַ טראַמוויי איז אָנגעפאָרן מיט אַ קלינגעריי און זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגערוקט פון דעם וואַגאָן, אָנגעהויבן צו געבן עצות, געוואָרן פאַראינטערעסירט, ווי ס'אומגליק וואָלט יעדן איינעם געטראָפן.

פישל האָט אָפּגעשנאָלט אויפן פערדס בויך די זילן (פּאָסטראָמקעס), לויז געמאַכט ס'געשפּאַן און אַ נעם געטון ס'פערד פאַר דער צוים. דער עולם האָט געהויבן הענט, שטעקנס, זיך פאַרמאָסטן אויפן פערד, געשריגן. דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטון, פאַרוואָרפן די געקאָװעטע פיס, אויסגעשלאָגן פונקען אין די שטיינער און געבליבן שטיין צווישן עולם מיט פאַרחידושטע אויגן.

— ווו איז פישל אַהינגעקומען? — האָט דינה געפרעגט ביי שלמהן, ביי פּינחסן.

— אָט שטייט ער, הייבט מיט די פּלייצעס דעם וואָגן. — האָט שלמה זיך אויך אַרויסגערוקט, און איידער ער האָט צייט געהאַט צוצולייגן אַ פינגער, האָבן אַ צענדליק הענט און פּלייצעס שפּילעוודיק אָװעקגעשטעלט דעם וואָגן.

פישל האָט לייכט געהויבן די זעק, זיי איבערגעגעבן אין זייערע הענט. די זעק האָט מען געלייגט אין שורות.

שלמה האָט אָנגעקוואָלן און פינחס האָט זיך געערגערט, פאַר־וואָס איז ער נישט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעשפּילט אין מיטן גאַס. ער האָט זיך אַליין געוואָלט קלאָרמאַכן, פאַרוואָס דער חוש פאַר אַרבעט איז אים פרעמד. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן רחמנות, וועגן מיטלייד. אויב רחמנות, האָט ער מער פאַר פישלען, פונדעסטוועגן האָט זיך ביי אים די האַנט נישט געהויבן, ווען פישל האָט אַן אויפגעלייגטער געשלעפּט די זעק מעל. פינחס האָט באַשולדיקט אין דעם אַלעם דעם טאַטן זיינעם, שבתין, וואָס אַנטלויפט פון מענטשן. ער האָט אויך באַשולדיקט אין זיך דעם „יחיד״, וואָס די פרייד פון כלל איז אים פרעמד, האָט פאַר אים קיין זין נישט.

דער אָנטרייבער איז שוין געזעסן אויף דער קעלניע, פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָר־וואָס זיך געוואָרפן אויפן נעגער. אַ ווייסער, אַן אויסגעבאַקענער, מיט אַ שמייכל פון איין אויער ביזן צווייטן האָט ער אַ פייף געטון צום פערד, זיך צעשמיסן מיט די לייצעס:

— גי־י דאָפּ!

דער המון איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דינה האָט געדרייט פּישלען, אָפּגערייניקט ס׳מעל פון זיין ראָק. ער האָט זיך נישט געפילט באַקוועם, זיך גערייטלט, זיך געקלאַפּט מיט די הענטפלאַכן איבער די פאַרמעליקטע הויזן:

— פּטור, נו, אַ געשעפט!

— חברה, מיר וועלן זיין שפּעט. — האָט שלמה זיך געלאָזט מיט פינחסן אויף אַפריער.

— מיר גייען. — האָט דינה אַ כאַפּ געטון פישלען אונטערן אָרעם.

דאָס האָבן זיי זיך געאיילט צום מיטינג; געדאַרפט באַשליסן, צי די האַפן־אַרבעטער זאָלן אַרויס אין שטרייק, צי נישט. דינה איז געווען באַגייסטערט סתם אין דער וועלט אַריין, ווי אַ יונגער אָפיציר, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט גבורות און איצט, ווען ער גייט אין דער מלחמה, איז ער גרייט מיט דער בלויזער שווערד זיך צו וואַרפן אויפן שונא.

פינחס האָט אין דער שטיל געליטן, וואָס ער האָט נישט קיין באַציונג צו שטרייקס, רעוואָלוציעס און אפילו צו רעליגיעזע

איבערקערעניש. נישט איין מאָל, ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין ספר „גילגולים", איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָט לאַנג, זייער לאַנג, געדאַרפט זיין נע-ונד, נישט געלעבט אויף אונזער ערד אין דער צייט פון בר-כוכבאן, אַפילו נישט אין דער צייט פון דתן-ואבירם, דעריבער זענען אים אָט די אַלע בונטן אַזוי פרעמד.

דער מיטינג איז געווען אויף עלפטער עוועניו, אין אַן אַלטער געביידע. פון אונטן אַ „סאַלון" (אַ שענק) און איבערן סאַלון אַ זאַל מיט פאַרקאָפּטשעטע ווענט. דער גרויסער זאַל איז שוין געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, ווען שלמה איז אַריין מיט דער חברה, זיי זענען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, אַריינגעעטעמט דעם שאַרפן ריח פון שוויס, בראָנפן און טאַבאַק, וואָס קרעלט אין האַלז.

דער המון איז נישט איינגעשטאַנען, זיך געשטופּט אַרויף, אַראָפּ, און ביים ערשטן בליק האָט עס אויסגעזען, ווי צוויי מענגעס מענטשן האָבן זיך צופעליק צוזאַמענגעשטויסן און קענען זיך נישט פונאַנדער-פּלאָנטערן. די מאַטע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן נאָך טונקעלער געמאַכט די אַזוי אויך אַרומגעגריזשעטע ווענט, דעם צעשפּאָלטענעם סופיט. פנימער נישט געגאָלטע, צעשמיסענע. קיינער האָט זיך נישט איינגעהערט, וואָס מען רעדט פון דער עסטראַדע. מען האָט געשמועסט צווישן זיך, געלאַכט, ווי מען וואָלט געקומען פאַרברענגען, אַריינגעעטעמט דעם רויך, וואָס האָט זיך געוויקלט איבער די קעפּ. געבליבן הענגען אין דער צונויפגעפּרעסטער לופט.

טייל זענען געבליבן שטיין מיט עטוואָס צעשפּרייטע פיס, די הענט אין די קעשענעס, ווי זיי וואָלטן אַליין זיך געחידושט וווהין זיי זענען פאַרקראָכן, אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די בענק, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרום די ווענט. מען האָט געדרויכערט, געקנאַקט ניסלעך.

ביים אַריינקומען איז געווען קענטיק, אַז שלמה און פישל זענען היימישע מענטשן. ווו אַ קער, האָט מען זיי באַגריסט: האַלאָ, סאַל! האַלאָ, פיליפּ! — זיך געסודעט מיט זיי, און באַלד זענען זיי נישט געוואָרן.

אי פינחס, אי דינה האָבן געקוקט אויף די צעוואַקסענע גויים, עלטערע, יונגערע, די טריט שווערע, אָקסענע הענט אָפּגעאַרבעטע מיט צעקרימטע באַבע-נעגל. דינה האָט זיך ביים אַריינקומען פאַרלוירן.

אָן אַ שיעור אויגן זענען געקראָכן איבער איר. געווען פאַרחידושט, וואָס אַ מיידל האָט צווישן זיי פאַרבלאָנדזשעט.

— זעלטן, ווער ס'האָט דאָ אַ גאַנץ פּנים. — האָט דינה אַ פאַר־רויטלטע איינגערוימט פינחסן. — כ'האָב שוין אָנגעציילט אַ צוואָנציק פּנימער, אויב איינער האָט נישט קיין שניט אויף דער באַק, האָט ער אויף דער גאָמבע, אויפן שטערן.

— אַז מען קוקט אויף דעם עולם, — האָט פינחס אַ זאָג געטון צו דינהן, — זעט מען, אַז דאָס לעבן איז אַ שטענדיקע מלחמה. דאָ האָבן מיר אַלע פעלקער — אַמעריקאַנער, אירלענדער, סלאַוון, אי־טאַליענער...

— יידן זעט מען דאָ נישט.

— און פישל? און שלמה?

לעבן דינהן איז געזעסן אַ מיטליעריקער אַרבעטער, אויסגעזען צו זיין אַן איטאַליענער. ס'פּנים באַוואָקסן מיט שטייפע, שטעכיקע האָר. די אויגן רויטלעך. די צעיוירענע הענט מיט אָפּגעשטאַנענע פינ־גער, וואָס קענען זיך נישט פאַרמאַכן, זענען געלעגן אויף די קני. די אויסגעבויגענע פיס האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר צעפּאָרענע שיך, וואָס זענען געווען דורכגעבערענט פון קאַלך.

דינה האָט נישט געגלויבט, אַז דער אַרבעטער זאָל האָבן אַמאָל אַ קינד געווען, געלעגן אין אַ וויגעלע, און אַ מאַמע האָט אויסגעקושט די הענטלעך, די פיסלעך, זיך געשפּיגלט אין דעם קינדס אייגעלעך. ווער האָט פון דעם קינד געמאַכט אַזאַ פאַרזעעניש, און פאַרוואָס? אַ פאַרדראָס האָט זיך געבלעזלט אין איר אויף זיך אַליין, נישט געפרעגט מער, ווער ס'איז גערעכט — שלמה צי פינחס.

אויף דער עסטראַדע איז געשטאַנען שלמה מיט אויפגעהויבענע פויסטן, איבערגעשריגן דעם טומל:

— — — חברים, די שכירות האָט מען אונז געשניטן, די אַרבעט־שעהן פאַרלענגערט! מען צווינגט אונז אָנלאָדענען געווער, וואָס וועט העלפן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין מעקסיקע! איך בין דער־פאַר, מען זאָל נאָך היינט אַרויס אין אַ שטרייק; היינט, ווען דער האַפן איז איבערגעפּאַקט מיט נישט־אויסגעלאָדענע קוילן! ווער איז דערפאַר מיר זאָלן אַרויס אין אַ שטרייק?

מען האָט געשלעפּט די פּיפּקעס פון די מיילער, געקרומט די טרוקענע ליפּן, די געלבלעכע ציין:

— סאָל איז גערעכט!

— איך ווייס, ער איז גערעכט!

— מיינע שכירות האָט מען געשניטן אויף צען פּראָצענט!

— און מיר צוואַנציק, הינט אַזעלכע!

— מיט גוטן וועט מען גאָרנישט אויספירן!

— דאַרף מען שטרייקן!

— אַוודאי שטרייקן!

— אַראָפּנעמען די „בויס" פון דער אַרבעט!

— טאַקע באַלד!

— ווער גייט?

— קומט, חברה!

— און די שיפן מיט געווער אויפרייסן!

— געגאַנגען, חברה!

קיינער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צו די רעזאָלוציעס, וואָס מען האָט געלייענט פון דער עסטראַדע. פּלייצעס האָבן זיך אויסגעגלייכט, אויגן צעפינקלט, ווי אין דעם בלויזן באַשלוס וואָלט שוין געווען דער זיג.

מען האָט אויפגעפּראַלט די טאָפּלטע טירן, זיך געלאָזט אין גאַס אַריין מיט איין טרעפּ, מיט אַ צווייטער. אַ לאַנגער יונג האָט זיך צע־זונגען און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— ס'איז מיר גוט, כ'בין אַ באָם, אַ באָם, אַ באָם! (באָסיאַק).

דער המון האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך אַ וויג געטון, אָנגעהויבן צוריק־צו־פאַלן. פון די קעגנאיבערדיקע הייזער האָבן זיך באַוויזן „שטאַרקע", געגאַנגען צו דריי, צו פינף. די געקעסטלטע קעפּס וויילעריש פאַררוקט איבער די אויערן, אין די הענט אייזערנע שטעקנס. און איידער די אַרבעטער האָבן צייט געהאַט עפּעס צו באַ־שליסן, איז די גאַס פול געוואָרן מיט געשרייען. די שלעגערס האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויפן המון, אים געשטופּט אויף צוריק, ווי מען טרייבט שעפּסן, און די לופט האָט גענומען געשווילן מיט אומגע־הויערע קולות:

— חברים, מען שלאָגט!
— מען שפּאַלט קעפּ!
— אַנטלויפט!
— אַנטלויפט נישט!
— בלייבט שטיין, פאַרשאָלטענע!
— שטעלט אייך אַנטקעגן!
— אָט איז אַ קאַסטן מיט פלעשער!
— נעמט, חברה!
— צעברעכט די פלעשער אָן די הינטישע קעפּ!
— און מיט די צעבראָכענע פלעשער שניידט ביי די „גענג-סטערס” (מערדערס) די העלזער!
— געגאַנגען, בויס!
— געגאַנגען!

דינה אָן אָטעם האָט זיך געטראָגן מיטן המון, מיטגעשלעפּט געוואָרן ווי אַ פערדל צווישן ווינטן, נישט געגלייבט, אַז זי וועט אַרויס אַ גאַנצע. אין דעם געדרענג האָט זי געזען, ווי פּינחס דערוויי-טערט זיך אַלץ מער פון איר, ווערט געשליידערט, ווי אויף כוואַליעס, זינקט, טוקט אויף אָן אַ קאַפּעליוש, זינקט ווייטער. פּישל לויפט אָן אַ באַלאָדנטער מיט פלעשער. אַ געבויגענער, מיטן קאָפּ אויף אַפריער רייסט ער זיך דורך צווישן המון, פלאָנטערט פונאַנדער קנוילן הענט, מעסט מיט אַ פלאַש איבער פּנימער, איבער קעפּ, שאָקלט זיך אָפּ פון אייזערנע שטעקנס, וואָס ער כאַפּט אַריין און לויפט ווייטער. אַ „שטאַרקער” שטעלט אים אונטער אַ פוס. ער פאַלט ווי אַ זאַק זאַמד. ליגט אַ ווייל מיט דער צעבלוטיקטער נאָז אויפן אַספאַלט, רייסט זיך אויף און מיט אַ שפּרונג זיצט ער אויפן „שטאַרקן”, שליידערט אים אַנידער. הענט בויקערן, קנעטן, ווו ס'לייב איז ווייכער. עולם לויפט אָן, פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט. מען זעט קיין פּנימער. פאַרוואָרפענע הענט, פּיס גוואַלדעווען, רייסן זיך פון די געלענקען, געשווילן. שטעקנס פאַסעווען ס'לייב, פלעשער שפּאַלטן זיך, צעפליען. און מיט די פאַרשפּיצטע גלעזערנע העלזער שניידט מען אָדערן, מען רייסט אויף באַקן, און בלוט „שערגעט”, גיסט זיך ווי אין אַ שלאַכט-הויז.

דינה האָט דערזען אַ פּאָליציאַנט, אונטערגעלאָפן:

— ווי דערלאָזט איר עס?

— וועט זיין מיט אַ פּאָר סאָציאַליסטן ווייניקער. — האָט דער פּאָליציאַנט זיך צעשמייכלט.

— זיי וועלן זיך דאָך אויסשעלטן. — איז דינה צוגעשטאַנען צום פּאָליציאַנט.

— קומט בעסער אַוועק, יאָנג לעדי, אויב איר ווילט נישט כאַפּן קיין קלאַפּ. — האָט דער פּאָליציאַנט אַ נעם געטון דינהן אָן אַ זייט.

זי האָט אים אָפּגעשטופּט, אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און גע-נומען אים דעקן:

— אַ פּאָליסמאַן זענט איר? אַ הונט, נישט קיין פּאָליסמאַן!

— און ווער זענט איר דאָס, צו אַלדע יאָר? אַוודאי אַ סאָציאַ-ליסטקע, אַ רויטע... איר האָט אויך אַגיטירט מען זאָל שטרייקן?

— יאָ!

— אַרעסטיר איך אייך!

— אַרעסטיר!

## 9. אין פּאָליס־סטיישאָן

דער פּאָליציאַנט, אַ הויכער, אַ גלייכער ווי אַ ווירע, האָט געפירט דינהן אין פּאָליס־סטיישאָן. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען גאַסן, עוועניוס, געשניטן צו מזרח־ניו־יאָרק. מיטן גיין האָבן פאַרדראָסן זיך געהאַלטן אין וועפּן. בליקן, פרעמדע בליקן פון פאַרבייגייער, האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן דינהס טריט, געבליבן שטעקן אין די פאַלדן פון איר קלייד, אין די פאַסמעס האָר, וואָס זענען געקראָכן פונעם קליינעם היטעלע. דינהס אויג האָט קיין פינטל נישט געטון. ס׳פּנים מיט די זומער־שפּרענקלעך האָט אויפגעלויכטן, גלייך ס׳וואָלט זיך צ.ב. בערגענומען מיטן אַרעסט. בלויז ס׳יונגע לייב האָט זיך ביי דינהן געפּלעמלט, ווי אַ פאַרנאַכטיקער הימל נאָך אַ גאָר הייסן טאָג.

ביי דער פינפטער עוועניו האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דער פּאָליציאַנט לעבן איר. די עוועניו איז פול געווען מיט יונגוואַרג, מיט אויטאָמאָבילן, מיט אומרויקע אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן, געצונדן. דער פּאָליציאַנט האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף דינהן, חשק געהאַט זי אָפּצולאָזן. ער האָט אַ וויג געטון דעם „קלאָב" צווישן די פינגער, זיך קוים איינגעבויגן און געפרעגט מיט אַ פאַרבענקט קול:

— איז וואָס, גייען מיר אין פּאָליס־סטיישאָן?

דינה איז געווען זיכער, אַז ס׳איז געגוג זי זאָל אַ שמייכל טון און דער פּאָליציאַנט וועט זי באַפרייען. און ווי אויף צו להכעיס, איז איר קליין פּנים קלענער געוואָרן, די דינע ליפּן האָבן זיך פאַרשנירלט און זי איז געבליבן שטיין אַ קריגערישע:

— איר האָט דען געמיינט, אַז כ׳גיי מיט אייך פּאַר אַ שפּאַציר?

— און אַז פּאַר אַ שפּאַציר איז וואָס? — האָבן די געזונטע ציין ביים פּאָליציאַנט זיך צעלאַכט.

— נישט מיט קיין פּאָליסמאַן!

— אַ פּאָליסמאַן איז קיין מענטש נישט? — האָט ער אַ מאַך געטון מיט אַ האַנט דינה זאָל אים נאָכגיין.

— אַ פּאָליסמאַן, וואָס שלאָגט און אַרעסטירט הונגעריקע אַרבעטער, איז קיין מענטש נישט!

— ווען נישט מיר, פּאָליסלייט, וואָלט איר און טויזנטער אַזוינע ווי איר נישט געקאָנט דורכגיין די גאַס. — און דער פּאָליציאַנט האָט געוויזן אויף זיין געפּאַנצערטער ברוסט.—ווען נישט מיר, וואָלט קיינער ס׳געזעץ נישט אָפּגעהיט!

— דאָס געזעץ, וואָס איר היט אָפּ, טויג נישט. — האָט דינה, נישט קיין הויכע, זיך אַ שטעל געטון אויף די שפּיץ פינגער, אַרויפגערעדט צום פּאָליציאַנט. — איר היט ס׳געזעץ פון די רייכע!

— געהערט, געהערט! ס׳איז אַן אויסגעבלאָזן איי! איר סאָציאַליסטן זענט אַלע פאַררוקט! איך אַליין בין אַן אָרעמער הונט, נישט קיין קאַפּיטאַליסט און מיין טאַטע איז נישט קיין קאַפּיטאַליסט און מיין זיידע איז עס נישט געוועזן... און פונדעסטוועגן, ווען איך וואָלט געהאַט צו זאָגן, וואָלט איך אייך אַרויסגעשיקט פון לאַנד!

— און ווען איך וואָלט געהאַט צו זאָגן, — איז דינה אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער, — וואָלט איך אייך געמאַכט פאַר אויס פּאָליציאַנט!

— פאַרוואָס?

— מיך, צי אַ הונגעריקן אַרבעטער, איז אַ קונץ צו אַרעסטירן?— האָט דינה גערעדט העכער — פאַרוואָס האָט איר נישט אַרעסטירט די „גענגסטערס", וואָס האָבן געשפּאָלטן קעפּ, געשטאָכן אומשולדיקע אַרבעטער? פאַר זיי האָט איר מורא!

— מיר האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט. — האָט דער פּאָליציאַנט אַ נעם געטון דינהן פאַר אַ האַנט, ווי ער וואָלט גענומען זיינס אַ טאָכטער. — אָדער וואָס אמת איז אמת, מיט גענגסטערס ווילט זיך נישט אָנהייבן, ס׳ווילט זיך נישט איינשטעלן ס׳לעבן פאַר די אַכט און צוואָנציק „לייזיקע" דאָלער, וואָס מיר קריגן אַ וואָך! אין אַן אַנדער געגנט מאַכט מען נאָך אַ זייטיקן דאָלער. דאָ — קיין סענט נישט! און מיט אַכט און צוואָנציק דאָלער אַ וואָך קען איך מיט אַ

ווייב און מיט צוויי קינדער נישט אויסקומען! ווו גייט איר? אָט איז דער פּאָליס-סטיישאָן!

— איר פירט מיך טאַקע אין פּאָליס-סטיישאָן? — האָט דינה, אַ גערירטע פונעם פּאָליציאַנטס רייד, געשמייכלט צו אים, ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו אַ ברודער.

— ס'איז דאָך אייך נישט אָנגעשטאַנען צו גיין שפּאַצירן מיט אַ פּאָליסמאַן!

אַרום „פּאָליס-סטיישאָן" האָט זיך געדרייט אַן עולם. פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען צעשלאָגענע אַרבעטער. מ'האָט זיי געבראַכט איינציקווייז, צו צווייִ, צו דרייִ.

— ווער איז דאָס? — האָט עמעצער פון המון געוויזן אויף דינהן.

— זעט אויס פון די שפּילפייגל.

— צו יונג פאַר אַ גאַלטפויגל.

— אויף בראָדוויי דרייען זיך נאָך אַרום יונגערע.

ס'בלוט האָט דינהן אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. פון זיי, פון די אַרבעטער, האָט זי נישט דערוואַרט אַזאַ קבלת-פּנים.

דער „פּאָליס-סטיישאָן" איז פול געווען מיט אַרעסטירטע, זיי זע-נען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דער לענג פון דער וואַנט.

די אויפזוערין, אַ באַיאָרטע פרוי מיט אַ מאַנסבילש פּנים, וואָס מען זעט ביי עלטערע עקרות, האָט אַ נעם געטון דינהן און איר גע-וויזן אויף דער וואַנט וואָס קעגנאיבער:

— שטעלט אייך דאָרט.

דינה האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, דערזען שלמהן מיט אַן אונטערגעשלאָגן אויג און זי האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים:

— שלמה! שלמה!

די אויפזוערין האָט אָנגעכאַפּט דינהן, זי אַ שטופּ געטון אויף דער וואַנט:

— וואָס לויפסטו? שטיי ווו מען האָט דיך אַוועקגעשטעלט!

— האַלט דיינע שמוציקע הענט! — האָט דינה אַ טופּע געטון מיט ביידע פיס, אויפגעהויבן אויף דער אויפזוערין אירע קליינע פויסטן מיט אַזאַ רוגזה, אַז דער לייטענאַנט, וואָס איז געזעסן ביים

שרייבטיש, האָט זיך אויפגעשטעלט. — וואָס פאַר אַ גוואַלדן?

דינהס אויגן האָבן געבלאָנדזשעט פון לייטענאַנט אויפן פּאָליס־מאַן. זי האָט זיך געחידושט, וואָס דער גוטמוטיקער פּאָליסמאַן, איז דאָ אין פּאָליס־סטיישאָן געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזוי פיל ביטול און שנאה, גלייך דינה וואָלט זיך געקליבן איבערצוקערן ניו־יאָרק. ער האָט זיך אַ שטעל געטון פאַרן לייטענאַנט אין זיין גאַנצער הייך, געוויזן אויף די אַרעסטירטע אַרבעטער, דערן ציילט ווי דינה איז אים באַפאַלן, געזידלט און האָט זי אָפּגעמאָסט־מיט ביטול.

— דאָס פייגעלע שטרייקט אויך.

— הלואי וואָלט איך געשטרייקט! — האָט דינהס הארץ, ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל, געפּיקעט אין איין פּינטעלע, גלייך ס'וואָלט זיך געקליבן דורכצוהאַקן אַ טירל און אַרויס — דער פּאָליסמאַן אייער זאָגט קיין איין וואָר וואָרט נישט!

— ווי הייסט איר? — האָט דער לייטענאַנט זיך נישט צוגעהערט, וואָס דינה רעדט.

— דינה מאַלער.

— געבוירן?

— ניו־יאָרק.

— אַלט?

— אַכצן יאָר.

— איר זעט עס נישט אויס. — האָט ער זי באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ.

— מען קאָן נאָכקוקן מיין מעטריקע.

— מיר וועלן עס טאַקע טון. — האָט די אויפזעערין זיך אַריינגעמישט.

— פאַרהייראַט? — האָט דער לייטענאַנט געפרעגט.

— ניין.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער אויפזעערין, איר עפּעס איינגערוימט.

זי האָט אַ נעם געטון דינהן אָן אַ זייט, געפרעגט אַזוי שטיל מיט איר באַס, אַז אַלע האָבן געהערט:

—איר זייט נאָך קיינמאָל נישט געווען מיט קיין מאַן?

-וואָס מיינט איר?—האָט ס'גאַנצע לייב ביי דינהן אויפגעפלאַמט, זיך געלאַפּט וואָס מען פרעגט זי, און אירע האָר-וואָרצעלעך האָבן אָנגעהויבן בריען—איר דאַרפט עס נייטיק וויסן?

—אַז איר וועט זיין צו העזהדיק, וועט איר ביי אונז איבערנעכטיקן—האָט די אויפזעערין געזאָגט מיט אַ באַס.

—ביי וואָס אַרבעט איר?—האָט דער לייטענאַנט געפרעגט זיינס.

—אין הענרי סטריט סעטלמענט.

—אַ „סאָשעל וואָרקער"?—איז זיין קול געוואָרן ווייכער.

—יאָ.

—קען מען זען אייער וויזיט-קאַרט?

דינה האָט אים דערלאַנגט איר וויזיט-קאַרט.

—פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט, אַז איר זענט אַ „סאָשעל וואָרקער"?—האָט דער לייטענאַנט ווי זיך אַנטשולדיקט און זיין שטומער קוק, וואָס איז געפאַלן אויפן פּאָליציאַנט, האָט באַקומען לשון—צו וואָס האָסטו זי אַהערגעבראַכט, נאַרישער דראַנג?

—און אייער באַקאַנטער איז אויך אַ „סאָשעל וואָרקער"?—האָט דאָס פּנים ביים לייטענאַנט זיך געקנייטשט און איז פול געוואָרן מיט שמייכל.

—ניין, ער איז אַ שטילער מענטש, אַן אַרבעטער, וואָס טשעפּעט קיינעם נישט.

—אַן אימיגראַנט?

—יאָ.

—טאָ פאַרוואָס זאָגט איר זיי נישט, די אימיגראַנטן, איר אַרבעט דאָך צווישן זיי—האָט דער לייטענאַנט חבריש אַ נעם געטון דינהן פאַר אַ האַנט—זיי זאָלן זיך נישט בונטעווען?—ווייזט מיר נאָך אַ לאַנד ווו דעם אַריבערגעקומענעם זאָל זיין אַזוי גוט ווי ביי אונז אין שטאָט? פרייע פאָלקשולן, פרייע מיטלשולן—האָט דער לייטענאַנט געציילט אויף די פינגער—בחינמדיקע ביבליאָטעקן, פריי שפּיטאָלן — — יעדער „גרינהאָרן" האָט דאָ אַלע מעגלעכקייטן זיך אַרויפצואַרבייטן און מען איז אַלץ נישט צופרידן, מען בונטעוועט זיך— — —מען וויל דוקא, אַז ראָקפעלער זאָל זיך צעטיילן מיט זיין עשירות — — —

— ס'וואָלט קיין עוולה נישט געווען! — האָט דינה זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג און אַ הייב געטון אַ האַנט צו די אַרעסטירטע — גוד-ביי, חברים! און אויף דיר, שלמה, וועל איך וואַרטן אין דרויסן!

דער לייטענאַנט האָט זיך צעלאַכט, אַרויסגעוואָרפן אַ פולן בויך געלעכטער, וואָס האָט אים געגומען טרייסלען, ווי אַ קייכהוסט. דער פּאָליסמאַן האָט מיטגעלאַכט, בלויז אויפן פּנים פון דער אויפזועריין איז געווען דער פּאַרדראָס פון אַ מענטש, וואָס לאָזט אַרויס פון דער האַנט אַ פויגל און קען אים צוריק נישט כאַפּן.

---

אָן אַ קאַפּעליוש האָט פּינחס געשפּרייזט קעגנאיבער דעם „פּאָליס-סטיישאָן". דער ראָק צעקנעפּלט, די הענט צעוויגט און אין די אויגן אַזאַ עקשנות, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקצולאָזן מיטן רויך דאָס הויז מיט די „געזעץ-היטערס". דאָס, וואָס ער האָט זיך געדרייט אויף דער פרייַ, ווען שלמה און דינה זענען געווען אַרעסטירט, האָט אים איצט שטאַרק געערגערט. פּאַר זיינע אויגן האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן פישל, ווי ער שניידט זיך צווישן די אויפגע-קנוילטע שלעגערס, שפּאַלט זיי ווי מיט אַ קלין, בשעת ער, פּינחס, האָט מיטן אַרומיקן לעבן גאַרנישט וואָס צו טון, גייט עס פּאַרביי ווי אין אַ ברוגז. און אַז דער מענטש האָט שוין יאָ אַוועקגעלייגט אַזוי פיל קרבנות, זיך דערשלאָגן צו אַ קולטור, וווהין פירט זי? וווּ איז דער שכל, וואָס דווקא די, וואָס געניסן צוממיינסטן פון אונזער קול-טור, לייגן צו איר קיין פינגער נישט צו?

אויפן טרעפּל פון „פּאָליס-סטיישאָן" איז געשטאַנען דינה. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. עמעצן געזוכט. פּינחס איז אונטערגעלאָפן, האָט דערקענט אין דינהס ליכטיקע אויגן, אַז זי נעמט זיך איבער, ווי זי וואָלט נישט געווען אַרעסטירט בלויז אַ האַלבע שעה, נאָר זי וואָלט אָפּגעזעסן אין תפיסה חדשים.

פון אַ זייטיק געסל איז אָנגעקומען פישל. דער שטרייק, די צעשלאָגענע אַרבעטער, אַלץ האָט זיך איצט אָפּגערוקט אָן אַ זייט. דעם אויבן-אָן האָט פּאַרנומען די אַכצן-יעריקע דינה, איר שמועס מיטן פּאָליציאַנט, מיט דער אויפזועריין, מיטן לייטענאַנט, ווי זי האָט

זיי אַלעמען געדעקט, געזאָגט דעם אמת, און דינה האָט זיך געגרייסט מיט אירע אייגענע רייד, געוואָרן ביי זיך ווילטיק. זי האָט אַפילו פאַרגעסן צו דערציילן וועגן שלמהן און איז מיטאַמאָל אָנגעפאַלן אויף פינחסן, געהאַט צו אים טענות:

— ווען איך בין אַ מאַן, וואָלט איך מאָרגן פרי אַוועק צו פישלען אויף דער פאַבריק, זיך געשטעלט אַרבעטן, נישט זיך אַרומגעשלעפּט מיט די עובר-בטלס.

— איך טראַכט אויך וועגן דעם. — האָט פינחס געקוקט אויף דינהן, געוואָלט וויסן, צי זי האָט עס אַראָפּגעלייענט ביי אים פון פנים און ער האָט זיך אַ קער געטון צו פישלען. — נעם מיך מיט צו דיר אויף דער פאַבריק.

— וואָס וועסטו דאָרט טון? — האָט פישל געשמייכלט און זיין צעשלאָגן פנים האָט אויסגעזען פאַרוויינט.

— שוואַרצע אַרבעט. — האָט דער שמאָלער פינחס זיך אַ צי געטון, געוואָלט אַרויסווייזן גבורה.

— נישט פאַר דיינע הענט. — האָט פישל אַ נעם געטון פינחסעס שמאָלע, ווייסע הענט אין זיינע. — ביסט נישט צוגעוווינט צו שווערע אַרבעט און מער ווי צוויי, דריי טעג וועסטו נישט אויסהאַלטן.

— כ'ווייס נישט, צי כ'וועל יאָ, צי כ'וועל נישט אויסהאַלטן. — האָט די זיכערקייט זיך גענומען וואַקלען אין פינחסן. — כ'וויל און כ'וועל גיין אַרבעטן.

— מען וועט דיך אַוועקשטעלן פון דער פרי ביז פאַרנאַכט שיטן קוילן, וועסטו בלייבן אָן כוחות. — האָט פישל גערעדט זיינס.

שלמה איז אָנגעקומען, דינה איז אים אַנטקעגנגעלאָפן:

— ווער האָט דיך אַרויסגענומען, די יוניאָן?

זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און ס'מויל איז ביי איר אַוועק אויף רעדלעך. זי האָט דערציילט, אַז פינחס האָט אָפּגעמאַכט צו ווערן אַן אַרבעטער, וויל גיין צו פישלען אין דער אייזןגיסעריי, און ער, פישל, דער עקשן, רעדט אים אָפּ און שרעקט אים איבער, אַז פינחס וועט באַלד דעם ערשטן טאָג בלייבן אָן הענט און אָן כוחות. ס'פּאַסט פאַר אַ קליינבירגער און נישט פאַר קיין פּראָלעטאַריער, ווי פישל!

— און פאַרוואָס ביסטו, פישל, נישט געבליבן אָן קיין הענט? — האָט שלמה זיך אַ קער געטון רעכטס און אַלע פיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים.

— איר פאַרשטייט, — האָט פישל זיך געקרעקט, געטאַפּט די לופּט מיט די שפּיץ פינגער, עפּעס געוואָלט זיך קלאָר מאַכן און נישט געהאַט קיין ווערטער, — מען קען ליב האָבן אַרבעט און נישט קענען אַרבעטן — — — ווער איז נאָך אַזוי פאַרליבט אין אַרבעט, ווי דו, שלמה? דו ווערסט זיך דאָך לאָזן דעם קאָפּ אַראָפּנעמען פאַר אַרבעט און אַליין טראָגט דיך דער רוח פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן, ווייל דו קענסט נישט אַרבעטן. ווייל — — — ווייל דו ביסט צופיל פאַרליבט אין דער אַרבעט! און אפשר דערפאַר, וואָס דיין זיידע, דיין טאַטע, קיינער האָט ביי אייך נישט געאַרבעט! זיין פאַרליבט אין אַרבעט איז ווייניק. אַרבעט איז נישט קיין מיידל — — — פאַרשטייסט? איר פאַרשטייט? אַרבעט איז נישט קיין מיידל! — האָט פישל אויסגעשריגן.

— וואָס אַרט עס דיך, אַז פּינחס וויל אַרבעטן? — האָט דינה אָנגעכאַפּט פישלען פאַר ביידע הענט.

— גוט, נו, גוט! כ'וועל אים מיטנעמען! — האָט פישל פעסטער פאַרצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן, איז אַראָפּ פון טראָטואַר און האָט גענומען שפּאַנען מיט דער גאַס.

זיי האָבן געשפּרייזט פון איין גאַס אין דער צווייטער און געשוויגן.

אויף העסטער-סטריט האָט זיך איצט דער טאָג אָנגעהויבן. הונדערטער פּעדלערס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן טראָטואַר מיט שטעלן, מיט וועגעלעך. די פּעדלערס האָבן זיך געריסן די העלזער, איינגעטעענהט צו די מענגעס מענטשן, וואָס האָבן זיך געשאַרט הין און צוריק. זיי האָבן געקוקט, ווי מען פאַרקויפט טעפּיכער, קאַשמירטיכער, סטאָליאַר- און שלאָסער-מכשירים, פּייקלעך און פּליטן פון האַלב-ווילדע שבטים, חנוכּה-לייכטער און בשמים-ביקסלעך.

— וויפל קאָסט דאָס זייגערל? — האָט אַ קונה געעפנט די קאָפּערטע און געציילט אין געווערג די שטיינער.

— צען דאָלער. — האָט דער פּעדלער אַ כאַפּ געטון דעם קונה

פאַר אַ האַנט, נישט געלאָזט צוריקלייגן דאָס זייגערל און אַריינגעטענהט אין אים. — און אַז כ׳וועל עס אייך געבן פאַר אַכט! אַ סענט נישט ביליקער!

— כ׳האָב נישט אַזויפיל געלט. — האָט דער קונה זיך געוואָלט אַרויסדרייען.

— האָב איך אַ ביליקערס. — האָט דער פעדלער אַ כאַפּ געטון פונקט אַזאַ זייגערל ווי ס׳ערשטע, נאָר מיט אַן אַנדער ציפערבלאַט.— דאָס וועט אייך אינגאַנצן קאָסטן פינף דאָלער!

— כ׳האָב נישט מער ווי אַ דאָלער. — האָט דער קונה נאַריש געשמייכלט, געציטערט דער פעדלער זאָל אים נישט אָנזידלען.

— נעמט שוין, נעמט, אַבי אַן אָנהייב! — האָט דער פעדלער אַ רוק געטון ס׳זייגערל דעם קונה, עטלעכע מאָל אָנגעשפּיגן אויפן דאָלער, אָפּגעשטויבט מיט אַ פעדערן בעזעמל זיין גייענדיק געשעפט און נישט אויפגעהערט צו רופן מיט אַן אויפגעהייטערט קול — קויפט, קויפט, יידן, שפּאָט ביליק!

— איר זעט, — האָט שלמה געוויזן אויף די פעדלערס, — די אַלע יידן האָבן צייט, קענען וואַרטן אויף ישעיהוס „באחרית-הימים״, דערווייל בעט מען פאַר אַ זייגערל צען טאָלער און מען פאַרקויפט עס פאַר אַ טאָלער, אַבי דער יידישער האַנדל גייט!

— כ׳האָב זיי פיינט! — האָט פישל אַ מאַך געטון מיטביידע הענט, גלייך ער וואָלט אָפּגעשאָקלט פון זיך גאַנץ העסטער-סטריט און גענומען שפּאַנען ווייטער.

דינה האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, געוואָלט אים נאָכשפּריזן. אַן אויסגעדאַרט יידל, איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע, האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. אויפן וועגעלע איז געשטאַנען אַ גאַנץ מעבל-געשעפט. אַ טיש, שטולן, אַ שאַנק. דער שטריק איבערן אַקסל האָט געשניטן ס׳לייב. די אָדערן האָבן זיך אָנגעצויגן אויפן שטערן, אַרום די אויגן און מיט יעדן בייג און שלעפּ האָט זיך געדאַכט דער ייד וועט זיך איבערברעכן. דער המון האָט זיך צוזאַמענגערוקט, זיך גע-בייזערט, וואָס אַ שוואַרץ-יאָר האָט אָנגעטראָגן עפּעס אַ טרעגער מיט אַ וועגעלע, וואָס לאָזט נישט קוקן אויף די מציאות.

— זעסט, פינחס, — האָט שלמה געוויזן אויפן טרעגער, — ווער

ס'קען נישט ווארטן אויף ישעיהוס נבואה, איז אָט דער ייד.

— לויט זיין שלעפן, שלמה, זע איך, אַז דאָס יידל האָט מער געדולד און אויסדויער ווי די פעדלערס. — האָט פינחס געשמייכלט.

— ער פאָכעט אַזוי אויך קוים מיט דער נשמה. — איז דינה גרייט געווען זיך איינצושפאַנען אין וועגעלע, העלפן שלעפן.

— אַז דער טרעגער וועט ווארטן, פאַלט ער אונטער דער איי־גענער משא. — האָט שלמה אַ זאָג געטון מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי ס'וואָלט אַנדערש נישט געקענט זיין.

ער האָט אַ שטעק געטון זיינע הענט אויף אַפריער און אין זיין גאַנצער הייך זיך געלאָזט נאָך פישלען. פינחס מיט דינהן נאָך אים. דער עולם האָט געמאַכט פלאַץ, דורכגעלאָזט שלמהן, און פינחס האָט מודה געווען, אַז ביי שלמהן זענען דאָס נישט סתם ווערטער. דאָס איז שלמה אינגאַנצן.

# צווייטער טייל

## 1. אין „טשיקן"-מאַרק

אַז קופּעלט איז צוגעקומען צום איסטריווער איז געווען פיר פאַרטאָג.

אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואַסער, האָט אים אַזוי אַרומגענומען, אַז ער האָט אָנגעהויבן אונטערצולויפן. דער ווינט האָט זיך פאַרקליבן הינטערן קאָלנער, לופטיק געמאַכט די ווינ־טערדיקע מלבושים, זיי אָנגעבלאָזן.

קופּעלט האָט זיך איינגעוויקלט אין דער צו-ברייטער באַנדע, וואָס אייבי האָט אים געגעבן, און געשניטן צו דער דויטער גאַס, ווו דער „טשיקן-מאַרקעט" (עופות-מאַרק) איז געווען.

די לבנה איז געהאָנגען נידעריק, זיך געשאַרט איבער די אָפּגעבליאַקעווטע געביידעס, איבערן איינגעפרוירענעם שניי און די לאַמטערנעס האָבן זיך כמעט נישט אָנגעזען, ווי זיי וואָלטן נישט גע־ברענט ביינאַכט, נאָר בייטאָג.

פונעם וואַסער האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעריסענע קולות. דאָס האַרץ האָט ביי קופּעלטן אָנגעהויבן טיקן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט פון וואַנען די קולות קומען און גרייט געווען צוריק־צוגיין.

אַ פּאַרטיע איטאַליענער זענען געשטאַנען איבער אַ באַרג מיט שניי, אים געוואָרפן מיט שפּאַדלעס אין וואַסער אַריין.

קופּעלט האָט גענומען גיין גיכער, נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער מענטש קומט נישט אויס מיטן טאָג. שלעפּט זיך איבער דער נאַכטיקער שטומקייט, וואָס גלאָצט אַרויס פון די פינצטערע הייזער, איילט זיך, ווי די שרעק וואָלט אים געטריבן מיט אַ בייטש.

זינט קופּעלט איז געוואָרן שוחט ביי אייבין אין מאַרק, האָט

ער זיך איינגאַנצן געביטן. ער האָט אויסגעמיטן באַקאַנטע, נישט דער־קענט קיין לאַנדסלייט, אַפילו מיט שוחטים נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין פרנסה, און אין די אויגן צו אים האָט זיך פאַרקליבן אַ נישט־זיכערקייט, וואָס קוקט קיינעם נישט גלייך אין פנים אַריין.

עס האָט גענומען וואַכן ביז ער האָט זיך צוגעוויינט צום בלוט פון די געקוילעטע עופות. און נאָך היינט, אַז ער שעכט אויפן ניכ־טערן מאָגן, ווערט אים הויל אַרום האַרץ און פאַר די אויגן טראָגן זיך גרינע פייערלעך. ער שעמט זיך עס צו ברענגען פאַר די ליפּן. וואָס הייסט? מענטשן זענען דאָך אים מקנא, פאַרגינען נישט, וואָס אייבי איז אים מקרב, צאָלט אים 25 דאָלאַר אַ וואָך.

קיינער ווייסט אָבער נישט, אַז ער, קופּעלט, קען נישט אויס־צופן ביי אַ לעבעדיק עוף די פעדערן פון אונטערן העלדזל; קען נישט זען, ווי געקוילעטע הינער וואַרפן זיך אין די פעסלעך; קען נישט הערן, ווי אייבי שלאָגט זיך אַרום מיט די קצבים. און פאַר ווערמען אָפּצורעדן ס׳האַרץ איז נישטאָ. מען וועט דאָך לאַכן פון אים. נו, טאַקע, גיי דערצייל עמעצן, אַז ער, קופּעלט, קען נישט זיין קיין שוחט, אַז דאָס איז אַן אַרבעט פאַר שינדערס, ווען שוחטים זענען איידעלע יידן, לומדים, טשעפּען נישט קיין פליג.

קופּעלט האָט געליטן, געקרעכצט און געשאַכטן. מיט דער צייט איז ער צוגעוויינט געוואָרן צום בלוט און געבליבן איז ער ביים קרעכצן. ער קרעכצט אין שלאָף, ביים דאַווענען, ביים עסן, און דווקא ביים שעכטן האָט ער אויפגעהערט צו קרעכצן.

ער האָט זיך מער נישט איינגערעדט, אַז שחיטה איז ביי אים אַ צייטווייליקע זאַך, אַז ער דאַרף נאָר אָנזאַמלען אַביסל געלט און ער וועט זיך נעמען צו מסחר. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס איז שווער צו זאַמלען געלט. אים, קופּעלטן, אַוודאי. און אויב ער וועט לעבן אַזוי קאַרג, ווי לייבל וואָכערניק, קען ער העכסטנס אָפּשפּאָרן דורך דעם יאָר פינף הונדערט דאָלאַר, און צו וואָס פאַר אַ מסחר קען מען זיך נעמען מיט אַזאַ קאַפּיטאַל.

די השגות פון אַ גרויסן סוחר זענען קופּעלטן געשטאַנען אין וועג, נישט דערלאָזט, אַז דאָס אַרומיקע לעבן זאָל אים באַגייסטערן. מיט זיין שווייגן האָט ער אַלעמען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז

קופעלט, און אַז ער האָט זיך שוין יאָ צערעדט, האָט מען געקענט מיינען, אַז נישט ער אַרבעט ביי אייבין, נאָר פאַרקערט. דאָס איז געווען אויבן-אויף. אין אמתן איז ער מיט יעדן טאָג טיפער אַריין אין דער טאָג-טעגלעכער גרויקייט. געוווסט, אַז אייבי איז מיט אים נישט צופרידן און די שרעק, אַז ער קען פאַרלירן די שטעל, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

איבער דער ליידיקער גאַס האָט זיך שוין געהערט דאָס קרייען פון די העגער און די קעלט האָט נישט אויסגעפרוירן דעם שאַרפן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מאַרק.

מיט אַ רחבות, ווי ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס, איז קו-פעלט אַריין צו דער אַרבעט. די שוחטים, געבויגענע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די בלעכערנע פעסלעך מיט זעגעכץ, האָבן אונטערגעשמייכלט, געזען אין קופעלטן אַ בעל-גאווה.

איינציקוויז האָבן זיי אַרויפגעשלעפּט אויף די פּאַלטנס שטייפע לאַלאַטן, ווי בלעך, פּרובירט די חלפים. קצבים האָבן זיך געדרייט צווישן די שטייגן, געכאַפּט די עופות. אַן עלטערער קצב מיט אַ גרויסער רבנישער באָרד, איז געזעסן אויף זיין שטופּ-וועגעלע און געזאָגט מיט אַ ניגון תהילים. די יונגערע האָבן מיט דרך-ארץ זיך געשאַרט אַרום דעם אַלטן, געווען אויפגעלייגט, וואָס מען טרעפט זיך מיט אַ מענטש פון אייגענעם פאַך.

די ווילדע יונגען, מיט די „פיסקעס", האָבן דאָ אויסגעבראַכט זייערע וויצן, און וואָס שאַרפער און גרעבער אַ וויץ — אַלץ לוסטי-קער איז געוואָרן דער עולם. אַפילו די שטילערע און גאָר שטילע זענען אָנגעשטעקט געוואָרן; אָנגעהויבן שטיפן און דווקא מיט די הענט. און אַריינגעכאַפּט האָט יעדער איינער הינטן-אַרום. מען האָט געפלאַמט איבער די אויערן, איבער די קעפּ און זיך נישט געמאַכט דערפון. דאָס וואַרעמע בלוט האָט זיך געגאָסן איבער די פעסט-צונויפגעקלאַפּטע גלידער, דערמאָנט אָן די קינדער-יאָרן, ווען זיי אַליין, זייערע טאַטעס, האָבן פאַרן דאַוונען אַ שטיף געטון הינטערן בית-מדרש-אויוון.

אַ צעפּלאַמטער פון פראָסט איז אייבי אַריין אין מאַרק. ער האָט אַ קוק געטון אויף די שוחטים, אויף די קצבים, וואָס האָבן זיך

געיאָגט צווישן די שטייגן, איבערגעשראָקן די עופות און ער האָט זיך צעשריגן:

— מיט פרעמדע הענט איז גוט צו שאַרן קוילן! העי, וואָלף! ווי איז ער פאַרפאַלן געוואָרן? — און אייבי האָט זיך פלינק אַ דריי געטון, אָפּגעשטעלט אַ יונג אין מיטן לויפן — וואָס פאַר אַ לויפעניש אויף דיין קאָפּ? זעסט נישט, אַז שוחטים שטייען אָן אַ שטאָך אַרבעט, פאַרוואָס קלויבסטו נישט אָפּ קיין „סחורה"?

וואָלף, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ זייטיק צימערל, איז אַרויס מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. דער קאַליקע, וואָס איז געשלאָפּן אין מאַרק, האָט זיך נאָכגעשאַרט. וואָלף האָט אַ נעם געטון אייבין אָן אַ זייט:

— מען קען זיך איצט נישט שטעלן שעכטן, די „סחורה" איז געקומען פון וועג מיט ליידיקע העלזער.

— טאָ וואָס איז דיין עצה?

— נעם די חברה אין סאַלון אַריין!

אייבי האָט געשמייכלט, פאַרשטאַנען וואָלפן אויפן קוק און גע־ וועגן צופרידן, וואָס דער יונג גראָט אין אים אַריין, וועט זיין אַמאָל אַן איינרייסער, ער האָט זיך גענומען אַריינהויכן אין די פויסטן, צו־ געפייפט און זיך אָפּגעשטעלט מיט קופעלטן:

— וואָס זאָגט איר, שלמה, צו דער קרירה?

— איך האָב קיינמאָל נישט גערעכנט, אַז אין ניו־יאָרק זאָלן זיין אַזעלכע פרעסט. — האָט קופעלט זיך דערפילט זיכערער, וואָס דער באַלעבאָס רעדט דווקא מיט אים און נישט מיט קיין אַנדער שוחט.

— און ווי דאָס האַלט אָן. — האָט דער אַלטער קצב פאַרענ־ דיקט זיין „יום" תהילים.—שוין באַלד אַ וואָך.

— איר ציטערט דאָך טאַקע! — האָט אייבי אַ זאָג געטון צו די שוחטים און געוויזן אויף זייערע הענט — מיט אַזעלכע פאַרדרייטע פינגער וועט איר מיר דאָך טרייף מאַכן די גאַנצע „סחורה"! קומט, מיר וועלן זיך אַביסל דערוואַרעמען!

— און אונז, אייערע קונים, לאָזט איר פרירן? — האָט אַ קצב

אַזוי זיך אַרויסגערוקט, געווען זיכער, אַז מען וועט זיי נישט מיטנעמען.

אייבי האָט גוטמוטיק געשמייכלט, מעשה ספּאָרט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צום גאַנצן עולם און איז אַרויס מיט זיי פון מאַרק. וואָלף האָט פאַרקייטלט נאָך זיך דעם האַלבן טויער, וואָס איז געשטאַנען אָפן, און אַ רוף געטון דעם קאַליקע:

— ידידיה, ברענגט אַריין די פּאַשע!

דער קאַליקע האָט געטראָגן אַ זעקל מיט פּאַשע. לייכט נאָכגעגאַנגען וואָלפן, ווי די משא, וואָס ער האָט געשלעפּט מיט זיינע שטאַרקע הענט, וואָלט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט די ליימענע פיס.

וואָלף האָט געשטעקט די האַנט אין זעקל. געשלעפּט געווייקטע אַרבעס געמישט מיט שטיינדלעך, געגעבן די הינער און נישט באַמערקט ווי דער קאַליקע קוועלט אָן פון אים, פון דעם איינציקן באַלעבאָס, וואָס ער האָט אָנערקענט איבער זיך, און, ווי אַ גולם, שטענדיק גרייט געווען צו טון, וואָס וואָלף האָט אים געהייסן.

פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט וואָלף זיך אויסגעטויגט. ער האָט נישט געזען צו וואָס מען דאַרף אַזויפיל מענטשן אין מאַרק. אַראָפּנעמען די שטייגן-סחורה קען ער מיט נאָך איינעם און אַז עס וועט זיין אַ דריטער, איז איבערגענוג. ער האָט גלייך געכאַפּט דעם שניט, ווי אומצוגיין מיט עופות, אויפגעפּאַסט אויף זיי אַזוי, אַז די פּגירות אין די שטייגן זענען געוואָרן ווייניקער און אייבי האָט זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון אים.

מיט יעדן טאָג האָט וואָלף זיך מער איינגעפונדעוועט. פון זיך אַליין האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן ענגליש, גערעדט מיט די גויישע פורמאַנעס, וואָס האָבן געבראַכט די סחורה, מיט די יונגען, שטיקלעך טרעמפּס, וואָס זענען שטענדיק געלעגן אַרום מאַרק, געקראָגן אַ האַלב געפגרט עוף פאַר אַ שליחות, פאַר אונטערהאַקן עמעצן אַן אויג. און אַז אַ פורמאַן האָט אים געבראַכט אַן איבעריקע שטייג סחורה האָט ער זי אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש, אָנגעהויבן צוצוהאַנדלען אויף זיין חשבון. אייבי האָט אים נישט געשטערט.

וואָלף האָט אייבין נישט ליב געהאַט, נישט געקענט ליב האָבן.

שוין דערפאַר, וואָס אייבי האָט אים אָנגעהויבן קריכן אין וועג אַריין, זיך גענומען טרעפן מיט רעגינען. אַז אייבי איז נישט גלייכגילטיק צו איר, האָט ער שוין לאַנג געהאַט באַמערקט, זיך אַפילו געשראָקן פאַר אים. ער האָט אים פאַרטרויט, אַז רעגינע איז זיין מיידל און אייבי איז אָפּגעשטאַנען. איצט באַגעגנט ער זיך מיט איר ווידער. דאָס הייסט, אייבי סטאַרעט זיך, זי זאָל אָנקומען צו זיינעם אַ באַקאַנטן אין אַ וואָדעוויל. דערווייל פאַרברענגט ער מיט איר צוויי-דריי מאָל אַ וואָך און זרח, וואָס טוט גאָרנישט, האָט פולע קעשענעס מיט געלט.

אַנטקעגנצושטעלן זיך אייבין איז געווען צו פרי. וואָלף האָט געוווּסט, אַז טאָמער וועט ער אָפּן אַרויס קעגן אים, שטעלט ער אַלץ אין קאָן, געווינען אָבער קען ער גאָרנישט. ער דאַרף זיך וואָס מער איינפונדעווען, דאָס באַנק-ביכל דאַרף וואַקסן, און אַז עס וועט זיך אָנרוקן אַ גינסטיקע מינוט, וועט ער אייבין לאָזן שטיין און זיך אַליין אַ נעם טון צו ביזנעס. מאָרגן, איבערמאָרגן, און ער, וואָלף, וועט זיך פאַרמעסטן מיט אייבין, זיך אָפּרעכענען. מען דאַרף נאָר האָבן אויסדויער און ער האָט געהאַט אויסדויער פון אַ וואָלף.

מען האָט געקלאַפּט אין טויער:

— העי, ליימענער גולם, עפן!

ידידיה האָט געשטשירעט מיט די ציין, פאַרוואָס מען באַליידיקט אים, זיך אַוועקגעדרייט און געשטאַמלט:

— איך נישט ליימענער גולם! איך נישט!

וואָלף האָט ברייט געעפנט די טויערן פון מאַרק. קצבים אויסגערוימטע האָבן זיך אַריינגעשאָטן.

— אַ שאָד, וואָלף, וואָס דו ביסט נישט מיטגעגאַנגען. — האָט אַ יונג אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע. — מיר האָבן געמאַכט אויף אייביס חשבון דעם אמתן לחיים!

— און אויב דו מיינסט, אַז אייבי וועט צו דיר עפּעס צולייגן, האָסטו אויך אַ טעות. — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן. — ער האָט שוין אַרויפגעריסן אַ סענט אויף אַ פונט.

די קצבים זענען געקראָכן איבער די שטייגן, געקליבן עופות, די הענער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ מיט די רויטע קעם, אָנגעשטעלט די שפּאָרן, ווי צו ווערן זיך, בייז געקוקט אויף די כאַפּער און געקרייט.

באַלד איז אָנגעקומען אייבי. ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ ווייסן כאַלאַט, מער נישט געזען קיין באַקאַנטע, קיין אייגענע און געהאַט אויפן אויג יעדן קצב. ער איז געשטאַנען ביים אָפּקלויבן די סחורה, ביים שעכטן, ביים וועגן, געשטאַנען און געקאָמאַנדעוועט, איבערגע־שריגן די קצבים, די עופות, דאָס בלוט.

האָט עס געמעגט זיין אַ חוב פון 100 דאָלאַר, וואָס אַ קצב האָט נישט געצאָלט, צי אַ סענט, וואָס אַ צווייטער האָט געוואָלט אַראָפּ־רייסן — די געשרייען זענען געווען די זעלבע. ער האָט געטריבן פון מאַרק, אַרויסגעריסן די סחורה, און ווער עס זאָל אים נישט קע־נען וואָלט געמיינט, אַז אייבי איז אַ גזלן. די קולות, די גראָבע ווער־טער, האָבן אָבער נישט באַליידיקט, נישט איין צד, נישט דעם צווייטן, געווען נייטיק, ווי ביי חברה־קדישה־לייט אַ שנאַפּס, באַרויקט. פאַר־קערט, ווען מען וואָלט מיטאַמאָל אין מאַרק אָנגעהויבן צו רעדן איי־דעלער, וואָלטן אי אייבי, אי די קצבים זיך ערשט דערפילט שלעכט, זיך מיט אַן אמת צעשלאָגן.

עס האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען קצבים. ווייבער, „קושער־נירקעס", וואָס האָבן גערעכנט פאַרטאָג איינצוהאַנדלען מציאות, האָבן זיך געשטופּט צווישן די שטייגן.

איבערן מאַרק האָט זיך יעדע ווילע אַן אַנדער האָן צעקרייט. הינער האָבן נישט אויפגעהערט צו קוואָקען און אין דער קאַלטער לופט איז געשטאַנען אַ שאַרפער, קרעלנדער ריח פון עופות, פון בלוט און געסמאַליעטע פעדערן.

די שוחטים האָבן געכאַפּט די ביינערנע הענטלעך פון די חלפים צווישן די ליפּן. די עופות האָבן זיך געצאַפּלט אונטער זייערע איי־דעלע הענט, געפלויגן מיט אַ כאָרכל אין די בלעכענע פעסלעך מיט זעגעכץ.

און אַז עס איז געוואָרן „ביזי", קצבים זענען געשטאַנען איי־נער איבערן אַנדערן, האָט דער „קינצלער" צווישן די שוחטים, אַ

יונגערמאַן מיט שטיקלעך געלער באָרד אויפן אויסגעווייקטן פּנים, גענומען קוילן קופּעסווייז. אַן אַרבעטער האָט געכאַפּט פּאַר די פיס זעקס, אַלץ עופות מיטאַמאָל. דער שוחט האָט אַ נעם געטון צווישן די פינגער אַ העלזל, אַ פידל געטון מיטן חלף, אַז עס איז צומאָל קיין בלוט נישט געגאַנגען. געזען, ווי ס'עוף פליט אין פעסל אַריין, שוין געהאַלטן אַן אַנדער העלזל און אין פינף מינוט איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט אַ שטייג פון איבער פינף און פערציק עופות.

די אויסגעהויכטע לעבנס האָבן צעוואַרעמט די געפרוירענע גלידער, אויסגעגלייכט די פאַרדרייטע פינגער, און די אויגן, ווייכע, אומשולדיקע, האָבן געזוכט סימנים אין די אויסגעבויגענע העלזלעך, זיך געשפּיגלט אין די בלישטשנדיקע חלפים.

קופּעלט איז געשטאַנען איבער אַ שטייג מיט הענער. דער קצב, וואָס האָט אים דערלאַנגט די עופות, איז געווען בייז, נישט אויפגעהערט אים אונטערצוטרייבן:

— אַז איר וועט זיך אַזוי שפּילן, ר' שלמה, מיט יעדן עוף, וועלן מיר אַרום מיטאָג-צייט פאַרטיק ווערן מיט דער שטייג סחורה.

קופּעלט האָט נישט געענטפערט, באַטאַפּט יעדן האָן, געזוכט דעם וושט, געוווסט, אַז הענער שלינגען אַראָפּ די סימנים און אויב מען טוט נישט אַכטונג, מאַכט מען טרייף. פלאַמען האָבן זיך ביי אים אַוועקגעשטעלט אין פּנים, געווען זיכער, אַז דער גאַנצער מאַרק קוקט אויף אים נאָך און די פינגער האָבן זיך ביי אים געפּלאָנטערט.

— ר' שלמה, דאָס איז אַ האָן, נישט קיין פיסטאָלעט. וואָס ציטערט איר מיטן חלף? — האָט דער קצב אים נישט אויפגעהערט צו מונטערן — ס'טאָגט דאָך שוין!

קופּעלט האָט אויפגעזוכט דעם ווושט, אים געהאַלטן פעסט, ער זאָל נישט אַנטלויפן, געטון אַ צי מיטן מעסער און די אויגן זיינע האָבן אַזאַ קוק געטון אויפן קצב, אַז יענער האָט באַהאַלטן דעם געגנבעלטן האָן און אים דערלאַנגט אַ צווייטן.

פון דער זייט האָט אייבי געקוקט, ווי קופּעלט שטייט נאָך אַלץ איבער דער זעלבער שטייג סחורה. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז זיינער אַ געוועזענער באַלעבאָס, געזען ווי אין דער מאַשין, וואָס ער, אייבי, האָט אויפגעבויט און וווּ ער אַליין איז דער ווילטיקסטער

טייל, האָט זיך אַריינגעריסן אַן איבעריק שטיק, וואָס באַוועגט זיך נישט, שטערט דער אַרבעט.

אייבי האָט נישט גערעדט, זיך גענומען דרייען אַרום קופּעלטן מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ גזלן און די בליקן זענען געגאַנגען איבער קופּעלטס קאַרק, איבער זיינע הענט, וואָס האָבן אַזוי איך געציטערט. אייבי האָט געהויבן מיט די אַקסלען, נישט געוווּסט פאַרוואָס מען האָט זיך איבער אים אָנגעזעצט. און אַז ער האָט געאַרבעט ביי קו־פּעלטן פאַרן בלויזן עסן, איז וואָס? וועט ער זיך קיינמאָל נישט קאָ־נען אָפּצאָלן?

אַ יידענע איז אונטערגעקומען צו אייבין מיט אַ קאַפּהאָן:

— מיסטער־לעבן, כ'וויל איר זאָלט מיר מאַכן ביליקער, דער מענטש אייערער וויל פערציק סענט אַ פונט.

— נישט ביליקער, נישט ביליקער. — האָט אייבי פון געוווינהייט אַ טאַפּ געטון דעם האָן און געטראַכט: ווי נאָך ווערט מען פּטור פון קופּעלטן. — גלויבט מיר, מיסעס, אַז דער האָן האָט וויניקער גע־זינדיקט פאַר מיר און אייך. ווייסט איר וואָס פאַר אַ האָן דאָס איז?

— אַ קאַפּהאָן.

— מיין מענטש האָט אייך גערעכנט צו ביליק.

— טאָ האַלט אייך אים! — האָט זי אַ שפּאַר געטון דעם האָן אייבין אין די הענט אַריין.

— געב איר קאַפּהענער, געב איר, — האָט אייבי אויסגעלאָזט דעם כעס צו דער יידענע, — אַנדערש נישט געוווינט! מ'עסט לונג־און־לעבער, ס'איז ביליקער!

— עסן זאָלט איר ביינער!

— טראָג זיך, „קושערגירקע״! — האָט אייבי זיך פאַרמאָסטן מיטן האָן אויף דער יידענע, אַז זי האָט אַזש אָנגעהויבן צו לויפן.

קופּעלט איז געשטאַנען מיטן חלף צווישן די ליפּן, די הענט עטוואָס אויסגעשטעקט, געקוקט אַן איבערראַשטער, ווי מען טראָגט איבער זיין שטייג מיט הענער צו אַ צווייטן שוחט. אַרום האַרץ איז מיטאַמאָל געוואָרן הויל, ווי ביי איינעם, וואָס קומט צו צום ברעג און דערזעט, אַז זיין יידן שיפל האָט זיך אָפּגעריסן, טראָגט זיך אין מיטן וואַסער.

ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון — זאָל ער זיך אַנטקעגנ־שטעלן, צי זיך נישט וויסן מאַכן.

די פלאַמען אין פּנים האָבן זיך גענומען לעשן, פון חרפה האָט אים געוואָרפן אין היץ און קעלט. אַלץ האָט זיך גענומען דערווײַטערן — די מענטשן, די הינער, די קולות, אַפּערגעשווומען פון אונטער די פיס און די ליידיקייט איז געוואָקסן, געשווילן פאַר די אויגן.

וואָלף, וואָס איז אונטערגעקומען מיט אַ שטייג הינער, האָט אים אונטערגעכאַפּט:

— נעמט אייך נישט צום האַרץ, ר׳ שלמה, וואָס דער משוגע־נער שרײַט! און אַז ס׳איז „ביזי”, זאָל ער אייך נישט אַוועקשטעלן איבער הענער!

קופּעלט האָט נישט געענטפערט. בלויז די נישט־זיכערקייט, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו אים אין די אויגן, האָט זיך געקלאָגט:

— האַ, וואָלף, צו וואָס איך האָב זיך דערוואַרט!

אַרום נײַן אינדערפרי איז דער „טשיקן־מאַרק” געוואָרן ליידי־קער, אויסגעזען ווי אַ קליינשטעטלדיקער מאַרק נאָך אַ יאַריד.

עופות־הענדלער האָבן אין אײַלעניש געפּאַקט די וואַרעמע סחורה אין זעק, זיי געלאָדן אויפן „טראָקל”, וואָס האָט געסאַפּעט ביים טויער פאַרטיק אָפּצופאָרן. די הענדלער האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פּלאַטפאָרם, זיך צעזעצט צווישן די זעק און דאָס „טראָקל” איז פאַרשוווּנדן.

איין הינער־הענדלערין, אַן אַלמנה מיט רויטע באַקן, וואָס איז שטענדיק געבליבן די לעצטע אין מאַרק, געשאָכטן ביי קופּעלטן, איז איצט געשטאַנען איבער אים מיט עטלעכע עופות און דערציילט אירע גליקן.

די אַרבעטער, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן די ליידיקע שטייגן, צוגעקערט דעם אָנגעטראָגענעם שנײַ און גענומען שיטן פרישן זעגעכץ, האָבן זיך געוויצלט אויף דער הענדלערינס חשבון:

— מיסעס פישער, דווקא ר׳ שלמה?

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי אַ שיינער ייִד ער איז. — האָבן די־

רויטע באַקן ביי דער הענדלערין געפּלאַמט. — זיין מינדסטער נאָגל פאַר אייך אינגאַנצן, חטאתים!

ידידיה האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ קוילן-אייוועלע, צוגעשטעלט די אייער, וואָס מען האָט אויפגעקליבן אין די שטייגן, געזען ס'וואַסער פאַר טיי זאָל אויפקאָכן.

די שוחטים, וואָס האָבן אַריינגעכאַפּט ס'דאַווענען אין אַ זייטיק צימערל, זענען איינציקווייז אַריינגעקומען מיט די תּפילות אויף די ליפּן און זיך צעשטעלט ביים אייוועלע. איינער האָט צונויפגעלייגט דעם טלית, דער צווייטער האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם פאַרשאַרצטן אַרבל, געוויקלט לייבלעך, העמדער און סוועטערס. זיי האָבן פאַרענדיקט אין איילעניש דאָס דאַווענען. כמעט אויסגעשפּיגן די ווערטער און בשעת מעשה צוגעגרייט דעם אָנבייסן.

מען האָט צעשפּרייט אויף אַ שטייג אַ צייטונג, געמאַכט אַ טיש, פונאַנדערגעלייגט די פלייש-„סענדוויטשעס", וואָס די ווייבער האָבן מיטגעגעבן. און איידער מען האָט זיך נאָך געזעצט עסן, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו מונטערן דעם קאַליקע:

— ידידיה, ווען דערלעבט מען שוין צו זען אַ גלעזל טיי?

ידידיה האָט זיך נישט אומגעקוקט, געוווסט, אַז פריער דאַרף מען דערלאַנגען דעם באַלעבאָס. ער האָט זיך פאַרבייגעקייקלט מיט אַ ברומעריי, געלאָזט וויסן, אַז ער טראָגט צוויי גלעזער טיי, און עס האָט אויסגעזען, אַז ער פאַלט איבער די גלעזער און בריט זיך אָפּ.

וואָלף איז געזעסן מיט אייבין אין אָפיס, געהאָלפן אויסציילן די זעקלעך מיט קליינגעלט, וואָס זענען געווען צעשטעלט איבערן טיש.

ביי ידידיהס אַריינקומען האָט אייבי אויפגעהערט ציילן. ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם קאַליקעס אויסגעצויגענעם פּנים, ווו צווישן די ברייטע באַקן-ביינער איז געלעגן פּיין און טעמפּקייט.

וואָלף האָט ביי ידידיהן צוגענומען די טיי, און אַז ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין, האָט אייבי, אַן אויפגעלייגטער וואָס ער האָט פאַרקויפט די גאַנצע סחורה, אים פאַרהאַלטן:

— ידידיה, האָסט טאַקע פיינט מיידלעך?

ידידיה האָט אַ כאַפּ געטון דעם אַרבל צום פּנים און זיך גע-שטיקט מיט אַ ציגן-געלעכטער.

— ער האָט נישט פיינט קיין מיידלעך, — האָט וואָלף אים גע-גלעט ווי אַ שטוב-חיה, — ער איז נאָר אַ שעמעוודיקער.

— אַ מינדיקער בחור דאַרף זיך נישט שעמען. — האָט אייבי זיך אויפגעשטעלט

— דאָס טענה איך דאָך מיט אים! — האָט וואָלף צוגעהאָלפן.

— איז עס טאַקע אמת, ידידיה, אַז דו האָסט ליב מיסעס פישער, די טשיקן-הענדלערין? אויב יאָ... — האָט אייבי זיך צו אים צוגע-בויגן און עפּעס איינגערוימט אין אויער.

ידידיה האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף צוריק, פאַרשטופט מיט די פינגער די אויערן, זיך געדרייט אַרום אייבין, וואָס איז געשטאַ-נען אין דער טיר, אים נישט אַרויסגעלאָזט און דער קאָליקע האָט פאַרשעמט געברומט דורך די שיטערע ציין:

— חזירים! חזירים!

— וואָס זאָגסטו, וואָלף, צו דער „בתולה", ווי ער רייטלט זיך? — האָט אייבי זיך געהאַלטן פאַרן בויך פון געלעכטער — עס געפעלט אים מיט אַן אמת!

די שוחטים האָבן גערופן ידידיהן. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר, זיך געטראָגן אויף די ליימענע פיס, אָנגעזאָגט מיט אַן אומגע-האָריש קול: — כ'גיי, כ'גיי — און מיטאַמאָל זיך אַ וואַקל געטון אויף צוריק.

די הינער-הענדלערין מיט די רויטע באַקן איז אים אַנטקעגנ-געקומען, ליבלעך אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— ווען דו ווילסט זיין אַ גוטער בחור, ידידיה?

— אַ גוטער? — האָט ער אַ לאַך געטון אין אַרבל אַריין.

— טאָ פליק מיר אָפּ די פּאָר הינער.

ידידיה האָט מער נישט געהערט ווי מען רופט אים, געגאַנגען מיט דער שיינער הענדלערין צו די געשאָכטענע עופות. ער האָט גע-נומען אַרבעטן מיטן גאַנצן גוף, זיך געוואָלט אויסבריהן, געפליקט טעלעכע עופות מיטאַמאָל, אַז מען האָט אים באַלד נישט אַרויסגעזען — די פעדערן האָבן זיך אַ הייב געטון און אים איינגאַנצן אָפּגעשאָטן.

אין מאַרק אַריין האָט איצט נאָך דער „ביזי״ געגומען גיין אַן אַנדער עולם. געקומען זענען לאַנדסלייט און סתּם עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פון קינדער.

געהייסן האָט עס, מען גייט אַריינכאַפּן ביליקער אַן עוף. אין אמתן האָט די טאָג־טעגלעכע גרויקייט דערעסן, דערמאָנט אין אייגע־נער נישטיקייט, ווו מען האָט געפּטרט דאָס אַלטע ביסל יאָרן ביי ביאַנטשען אייניקלעך, ביים באַדינען קינדער. דאָ אין מאַרק האָט מען זיך געטראָפן מיט היימישע מענטשן, געוואָרן אויף אַ ווײַלע ביי זיך ווילטיקער און נישט מיד געוואָרן צו רעדן פון „יענע גוטע צייטן״ אין דער אַלטער היים, ווו מען האָט איבערגעלאָזט די נשמה. אַהער, נאָך אַמעריקע, האָט מען מיטגעבראַכט דעם טייוול, וואָס ווייסט נישט פון קיין שבת, פון קיין יום־טוב. פון כּיבוד־אָב איז דאָך אָפּגערעדט.

קופּעלט האָט זיך געהאַלטן מיט די לאַנדסלייט פון דערווייטנס, זעלטן זיך געלאָזט דערקענען. ער האָט געליטן, וואָס מען באַדויערט אים און דווקא אויפן קול.

די לאַנדסלייט, פון זייער זייט, האָבן אים געוואָלט מקרב זיין. יעדער האָט אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט־מאָרגן, פאַרפירט אַ שמועס, געהאַלטן פאַר זייער חוב אים מהנה צו זיין מיט דער שחיטה. וואָס הייסט, ווי גייט מען עס אונטער צו אַ צווייטן שוחט, ווען ר׳ שלמה איז אין מאַרק? איז מען אונטערגעקומען צו אים מיט די עופות.

— נעמט נישט פאַריבל, ר׳ שלמה.

— זייט זשע מוחל, ר׳ שלמה.

קופּעלט האָט געוווסט, אַז עס איז נאַריש זיך צו באַליידיקן, זיך אָבער נישט געקענט העלפן. פּשוט געליטן, ווען ער האָט דערזען לעבן זיך אַ לאַנדסמאַן.

דער עולם האָט זיך צעזעצט אויף הינער־שטייגן אַרום דעם קוילן־אייוועלע. איינער האָט געפּיפקעט, דער צווייטער האָט צוגעלייגט די נאָז צום טאַבאַק־שקעטעלע און זיך מחיה געווען.

עטלעכע יונגען, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום מאַרק, זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל, זיך געטוליעט אין די זומער־רעקלעך מיט די אויפגעשטעלטע קעלנער, געשפּילט אין ווערפל: קום, מזלדיקע זיבן, קום!

— מיר לאָזן איבער אַ דור. — האָט אַן עלטערער ייד געוויזן אויף די יונגען.

— אַז שלאָגן קינדער אין אַמעריקע טאָר מען נישט. — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן. — וואַקסן גויים אין קורצע הויזן!

— ברוך-הבא, טשוואַק, — האָט אַ גרויסע, פעטע פישערין, וואָס האָט געבלישטשעט מיט שופן, זיך אַ שטעל געטון ביים אייוועלע ווי אַ מאָנומענט, — האָב איך מיין פיליפּן נישט געשלאָגן און ער דאַוונט יעדן טאָג!

— זי וויל זיין קלוגער פאַר שלמה המלך, — האָט אַ יידל מיט אַ תמעוואַטע פּנים געוויזן אויף דער פישערין, — שלמה המלך זאָגט בפירוש, אַז מען דאַרף קינדער שלאָגן, קומט די רביצין און איז נישט מסכים, הע, הע, הע.

— טאַקע, טאַקע, — האָט דער גאַנצער מושב-זקנים אונטער-געכאַפּט.

— אַז וואָס געפעלט אייך יע דאָ, גרינהאָרנס? — האָט די פי-שערין זיך אַזוי אַ רוק געטון צום אייוועלע, אַז אַרום איז געוואָרן קאַלט.

— אייערע פיש אוודאי נישט!

— אָבער אַ היימיש שטיקל סענדאַק? — האָט זי אַ כאַפּ געטון די הענט פאַדבאָקעם און אַ פּאָר אויגן האָבן אַרויסגעפינקלט פון די פע-טע באַקן.

— טאַקע סענדאַק, — האָט ביי אַ זקן זיך צעשמייכלט דער איינ-ציקער, פאַרגעסענער צאָן אין מויל, — אַז מיר האָבן געהאַט אין שטעטל סענדאַק, איז געווען אַ געפאַקטע השכמה!

— און אַז מען זאָל אייך געבן מאַרצעפּאַנען, ווערטעראַנער אַל-טער, וועט אייך שמעקן? — איז די פישערין נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער — אַז מען איז יונג איז נישט בלויז אַ שטיקל געבראָטע-נע קאַטשקע באַטעמטער, נאָר אפילו אַן אוגערקע!

זרח מיט לייזערן זענען אַריינגעקומען אין מאַרק, ווי היימישע מענטשן. לייזער איז געבליבן צווישן די שטייגן, געזוכט אַן עוף אויף שבת. זרח האָט זיך צוגעשאַרט צו די אַלטע לייט, געהערט די פי-שערין רעדן און זיך אָנגערופן אויפן פּלאַץ:

— וואָס לאַכט איר, מיסעס, פון אַלטע לייט? אין פאַרגלייך מיט אייערע אַמעריקאַנער זענען מיר, ווי אַלטער ווייַן, וואָס עלטער — אַלץ באַטעמטער! אַז ביי אייך אין אַמעריקע זעט מען גאָר קיין אַלטע לייט נישט. נאָך פערציק יאָר איז דאָ אַ מאַן אויסגעשפּילט. שלעפּט די פיס, ווי אַן אויסגעדינטער גענעראַל, מונטערט זיי מיט אַלקאָהאָל. מיין זיידע האָט צו אַכציק יאָר נאָך געמאַכט אַ ברית. און אויפן קוק נישט געויזען קיין גיבור, קלענער פון מיר...

דער עולם האָט געקוקט אויף דעם נישט-דערוואָקסענעם זרח, וואָס האָט קונציק, אָן ווערטער, אָפּגעשטופּט די צעוואָקסענע פישערין פון אייוועלע, פאַרנומען איר פּלאַץ און די אויגן זיינע האָבן בשעתן רעדן זיך געצונדן, געלאָשן ווי שוועבעלעך. ער האָט דערזען ידידיהן, זיך אַ צי געטון צו אים, ווי צו אַ חבר, וואָס מען זעט נישט יאָרן:

— זע נאָר, זע, וואָס מאַכסטו, ידידיה? — און ס'פּנים האָט זיך מיטאַמאָל ביי זרחן געביטן, שווער געווען צו זאָגן, צי ס'איז ערנסט צי ס'שפּאַסט — אויף ווען ס'איז יאָ א רחמנות איז אויף אים, אויף ידידיהן. — האָט זרח אַ שלעפּ אַריין געטון דעם קאַליקע אינדערמיט. — אַ שטומע בריה, אָן אַ צ נג... קוקט ווי ס'קרייזלט זיך ביי אים אַ בערדל אין די אויגן? ווי דאָס ליידט! אַ קליייניקייט, אַ יונג, אַ בעל-גוף. — און זרח האָט זיך אַ דריי געטון צו דער פישערין. — אויב איר ווילט זיך קויפן אַ מצווה, מאַכט אים חתונה!

— אויב איר האָט אַ טאָכטער. — האָט די פישערין זיך געבויגן אין דרייען.

— אַ דאגה אַ טאָכטער. — האָט זרח אָפּגעלעבט. ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּובליקום. — האָב א י ך נישט, האָט א י ר; דער עיקר, מיסעס, ווייסט איר ווער ידידיה איז? ער איז דאָך אַ רבינס אַ זון, געבוירן געוואָרן בקדושה ובטהרה. דער פאָטער, ר' אַברהם, נעמט קוויטלעך אין „שטיבל" אויף גרענד-סטריט.

דער קונצנמאַכער האָט זיך אַ וועק געטון אין זרחן. ער האָט עפּעס געפּלאַנט, געוואָרפן מיט די אויגן, געזוכט. דער אַדעסער יונג, וואָס האָט געאַרבעט אין מאַרק, האָט זיך אונטערגערוקט. ער האָט אַ כאַפּ געטון די פישערין, מיטגעשלעפּט דעם יונג און אַלע דריי האָבן זיך גענומען סודען, געקייכט אין די פויסטן.

אַז די פישערין מיטן יונג זענען אַרויס פון מאַרק, האָט זרח אַ צופרידענער אַריינגעשפּאַצירט אין אָפיס. די אָפענע קאַסע, די זעקלעך געלט אין מיטן טיש, די שווערע פנימער פון אייבין און וואָלפן — אַלץ מיטאַמאָל האָט צוריק פאַרטריבן דעם לץ צווישן די קנייטשן פון זרחס פנים און ער האָט זיך באַגריסט נעבעכדיק, ווי ער וואָלט קיין צוויי ווערטער נישט געקאָנט ציילן:

— האַלאָ, האַלאָ.

— זיצט, זרח. — האָט אייבי מיט אַ פוס אַרויסגערוקט אַ שטול.— דערציילט עפּעס.

— הלוואי וואָלט געווען אַזויפיל געלט צו ציילן, וויפל איך קאָן דערציילן מעשיות. — האָט זרח זיך אַוועקגעזעצט, איינגעצויגן די ליפּן, ווי ער וואָלט קיין ציין נישט געהאַט און אָנגעהויבן שטיל. — אַ גרויסע זאַך, זייער אַ גרויסע זאַך, ווען אַ באַלעבאָס געטרויט אַ מענטש זיינעם די קאַסע! מענטשן האָבן געוויינלעך קלעפּיקע הענט. נעמט מיך, למשל: ווען אייבי צאָלט מיר צו, וואָלט איך זיך נישט אַוועקגעזעצט דאָ ביים טיש, כ׳וואָלט נישט ערב געווען פאַר מיר, כ׳מיין פאַר די פינגער מיינע... יאָ, — האָט זרח געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן. געזען, אַז מען לאַכט נישט, האָט ער זיך אַ שטעל געטון, — כ׳בין נישט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, כ׳שטער אייך...

— איר שטערט נישט. — האָט אייבי אַלץ געלאָזט ליגן, זיך אַ קער געטון צו זרחן, געווען גרייט אויסצוהערן, באַמערקט, ווי זרח ווייזט אָן אויף וואָלפן, האָט אייבי אַ זאָג געטון צום יונג:

— זיי אַזוי גוט, וואָלף...

אַז וואָלף איז אַרויס, האָט זרח זיך צוריקגעזעצט און איינאייגעם מיט דער שטול זיך גענטער אַ רוק געטון צו אייבין:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַ טייער קינד רעגינע, זי האָט דאָך גאָר קיין ווערטער נישט אייך אָפּצולויבן, טענהט, אַז אַ ברודער וואָלט מער נישט געטון פאַר איר, ווי איר טוט... האַלט עס טאַקע אויף אַ דרך? כ׳מיין...

— זי וועט קריגן די שטעל, זי וועט קריגן. — האָט אייבי אים

געקוקט אין דער האַנט אַריין, געוואָרט זרח זאָל אים איבערגעבן אַ בריוול.

זרח האָט צייט געהאַט. פּאַמעלעך אַרויסגענומען פון אַ זייטיקער קעשענע ס׳בריוול און אַז ער האָט עס איבערגעגעבן, האָט ער געקוקט אויף אייבין מיט איין אויג, אים פאַרזיכערט, אַז ער, זרח, ווייסט אַלץ, הנאה געהאַט, ווען יענער האָט זיך פאַרלוירן. בשעת אייבי האָט געלייענט, האָט זרח באַטאַפּט יעדע זאַך, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און מעשה היימישער מענטש זיך אַ פרעג געטון:

— וואָס זאָל איך איר זאָגן?

— זאָגט איר, כ׳וועל זיך מיט איר זען אינאָוונט. — האָט אייבי כלאחר־יד אַ זאָג געטון

— ווו? — האָט זרחס אויג זיך געשאַרט איבער אייבין, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים אויסטון.

— זי ווייסט שוין, זי ווייסט שוין. — האָט אייבי מער נישט געקאָנט איינזיצן, אָנגעהויבן עפּעס צו זוכן אַרום דער קאַסע, אַרום טיש, געוועזן צופרידן, וואָס זרח שטעלט זיך. — איר גייט שוין?

ער האָט אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַריין עטלעכע דאָלאַר און צוגעפירט צו דער טיר.

דאָס צונויפגעצויגענע פּנים האָט זיך ביי זרחן געקנופּט, געקנייטשט, דער קאָפּ האָט זיך פאַרלוירן צווישן די אַקסלען און דער גאַנג איז געוואָרן שווערער. ער האָט אויפגעזוכט וואָלפן, אים אַריינגעפירט אין דעם צימערל, ווו די פּאַשע איז געלעגן, אָנגעהויבן פון דער מיט, דאָרט ווו ס׳האָט זיך ביי אים אויפגעהערט צו פּלאָנטערן אין קאָפּ:

— טויגסט נישט, וואָלף! ביי מיר וואָלט אַ מויד נישט געמאַכט אַזעלכע הינטישע שטיק: היינט יאָ, מאָרגן נישט... איז זי דיין מיידל? — האָט ער וואָלפן מיטאַמאָל אַ נעם געטון אויפן פאַרהער.

— און אַז זי איז מיין מיידל? — האָט וואָלף זיך צעפינטלט, געווען אומבאַהאָלפן ביי זיין גאַנצער גרייס.

— אַ מכה איז זי דיינע, וואָלף! — האָט זרח זיך געררייצט, געוווסט, אַז ער דאַרף נאָר וועלן, וועט ער זיך אַ שפּיל טון מיט די זעקס פוס וואָלף, ווי מיט אַ מויז — אַן אמתער מאַנסביל וואָלט קיינמאָל

נישט דערלויבט צו שפּייען זיך אין דער קאַשע! געפעלט איר גאָר דער דאָקטאָר, אַ יונג אַ פגירה, וואָס ליגט מער ווי ער גייט אַרום, און זי מוז אים דאָס באַדינען, אַרומטאַנצן אַרום אים.

וואָלף האָט געזען, אַז דעם אַלטן קוועלט עפּעס, דערעדט נישט. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס דער אַלטער איז אויסן, וווּהין ער ציט, און אַז זרח האָט אַ קער געטון דעם שמועס אויפן דאָקטאָר, איז וואָלף געוואָרן זיכער, אַז דער אַלטער וויל אים פאַררעדן די ציין. אַ פאַרביטערטער האָט וואָלף צוריקגעוואָרפן:

— וואָס דאָקטאָר, ווען דאָקטאָר, זאָגט בעסער, זרח, וואָס האָט איר געטון ביי אייבין?

— כ׳וועל דיר זאָגן, יינגעלע, קיין זאַך נישט אויסבאַהאַלטן. — האָט זרח זיך געיאָגט נאָך וואָלפס צעפּינטלטע אויגן, און אַז ער האָט זיי אַ כאַפּ געטון, האָט ער זיך צעשמייכלט. — געבראַכט אַ בריוועלע.

— פון רעגינען?

— ווען איר רעדן מיר דאָך! און נישט דאָס, יינגעלע, האָסטו געוואָלט פרעגן! מיינסט צו זאָגן, אַז איך, זרח, בין נישט קיין שיי־נער מענטש! ביסט דאָך אַ שוואַרצע גרייס, וואָלף, נאָר גלייב מיר, אַז דו ביסט נאָך נישט אויסגעוואָקסן, ביסט נאָך אַלץ קליי׳ן מיך צו משפּטן! ווען איך וואָלט געוואָרן איינשטימיק מיט רעגינען, פערד דו, וואָלט איך געקומען צו דיר זיך אויסטענהן? אַוודאי בין איך דער שליח צווישן איר און אייבין! קוק: איינס, צוויי, דריי. דריי טאָלער האָט ער מיר געגעבן פאַרן וועג. זעסט, אַן אַלטער פּאָקוסניק קאָן מאַכן פון דריי טאָלער זעקס. — און זרח האָט צעריסן די פּאַפּירלעך אין צווייען, זיי אונטערגעטראָגן מיט אַ פייף וואָלפן. — וואָס, וואָס, אונטערקויפן זרחן קאָן מען נישט! און אַז רעגינע וועט מיך מאָרגן צו אים שיקן, וועל איך ווידער גיין! דו אָבער, וואָלף, טויגסט אויף כפרות! אַלץ אין דער קאָרט איז זרח, אָבער אַ טאַטע איז ער און ס׳האַרץ טוט אים ווי פאַר דער מויד. דערצו האָב איך געדאַרפט עוקר מדינה זיין? דען וויסן זאָלסטו, אַז צוליב איר, רעגינען, בין איך אַוועק פון וואַרשע. זיך צעבראָכן אויף דער עלטער, אַבי נישט צו האָבן אַ פּאָניע פאַר אַן איידעם. וועל איך דערלאָזן זי זאָל ווערן

אייביס קייפסווייב? און דער יונג פאַרדרייט איר דעם קאָפּ. שיט מיט געלט רעכטס און לינקס!

— טאָ וואָס איז אייער עצה, זרח? — איז וואָלף געשטאַנען פאַרלוירן און שולדיק, ווי אַ יונגערמאַן, ועמענס ווייב גייט מיטן ערשטלינג צו קינד.

— זע, זי זאָל היינט ביינאַכט אַוועקגיין מיט דיר, נישט מיט אייבין. — האָט זרח מעשה טאַטע אַרויפגעלייגט אויף וואָלפן אַ האַנט, אים באַרויקט. — ער וועט בלייבן איינמאָל מיט אַ נאָז, נאָכאַמאָל וועט ער אויפהערן קריכן. און אַז ס׳וועט נישט העלפן, וועלן מיר געפינען אַן עצה, נאָר דער עיקר שלאָף נישט, טויג זיך אויס, זיי אַ מאַנסביל!

פון מאַרקעט האָט זיך דערטראָגן אַ הילכיק געלעכטער. זרח האָט אַן עפן געטון די טיר, דערזען די פישערין מיט אַ פאַרפּוצטער מויד, האָט ער איבערגעלאָזט וואָלפן און איז אַרויס.

ווי אַ ברייטע מחותנתטע האָט די פישערין זיך געשמאָלצן פון נחת, זיך געבעטן ביים עולם:

— זאָגט מיר מזל־טוב!

אין איין רגע האָט זרח אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס שווערע געמיט זיינס, זיך איבערגעגעבן אין די הענט פונעם לץ, וואָס איז געזעסן אין אים, און איז אונטערגעלאָפן צום קאַליקע.

ווי אַן אמתער מחותן, וואָס נעמט ס׳אונטערפירנס, האָט זרח אַ כאַפּ געטון ידידיהן. ער האָט אים נישט געפרעגט, צי ער וויל יאָ גיין, צי נישט, געשלעפּט דעם חתן־בחור, און אַז ער האָט אים אַריינגעפירט צווישן עולם, וואָס האָט זיך שוין געהאַט צעשטעלט אין אַ רעדל, האָט זרח אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פון אַ בדחן:

— זעסט, ידידיה, מיר האָבן אַ בורא אין הימל, וואָס פאַרלאָזט נישט קיין אָרעמעלייט, יתומים און קאַליקעס. האָט גאָט דיר צוגעשיקט אַ באַשערטע, אַ כלה מיין איך. נו, בחורל, זיך נישט געשעמט! נדן, אויסשטייער, חתונה־הוצאות, דאָס נעמען מיר, קהל, אויף זיך. — האָט זרח געוויזן אויף די זקנים, וואָס ‚טייל האָבן זיך געלאַכט אין די בערד אַריין. אַנדערע האָבן זיך דאָס אויך נישט געוואָלט פאַרגינען, געקוקט מיט ביטול און חוזק, ווי אויף אַ פּורים־שפּיל. — און אַ חתונה, ידידיה, וועלן מיר מאַכן כיד־המלך! שטיי־זשע נישט, ווי אַ

גולם, גיי אונטער, זאָג אַ וואָרט, פֿאַרשעם נישט אַ יידישע טאָכטער! נו, אין אַ מזלדיקער שעה. — האָט זרח גענומען קלאַפּן אַ האַנט אָן אַ האַנט, באַלד צונויפֿגעלייגט די הענט, ווי אַ פֿידל, און איבערן מאַרק האָט זיך צעשאָטן אַ פֿריילעכס.

אין מוח ביי ידידיהן, ווו געדאַנקען האָבן זיך כמעט נישט געקייטלט, געשטאַנען אין גראַדע שורות ווי זאַכן, און מער ווי אַ שורה האָט זיין מוח פֿאַר איינמאָל נישט באַנומען — אים, ידידיהן, האָט נישט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז די אַרומיקע טרייבן שפּאַס.

אַ בלאַסער איז ער געשטאַנען און געשמייכלט. יעדע ווײַלע אַראָפּגענומען אַ פֿעדערל פֿון אַ צווייטן לאַץ און פֿון דער זייט געקוקט אויף דער כּלה מיט אויגן, וואָס זענען געווען אי מוטנע, אי געבלישטשעט. נישט קיין דרייסטער, ווי אַ ייִנגל, ווען די מוטער שטופּט אונטער, האָט ער זיך גערוקט צו דער כּלה, די באַהאַלטענע פֿרייד, וואָס האָט זיך געוועקט אין אים, איז געבליבן אין ידידיהס טיפֿענישן און דורך זיינע ווייסע ליפּן, וואָס האָבן געציטערט, האָט זיך געהערט אַן אויסטערליש בורטשען.

— נו, גיי שוין, ידידיה, גיי שוין! — האָט מען אים געטריבן פֿון אַלע זייטן.

אַן אומרו איז געוואָקסן אין ידידיהן, זיך געשפּאַרט אונטערן האַרץ, אינגאַנצן צעמישט דעם אַזוי אויך שוואַכן מוח. רויטע פֿלעקן, קרענקלעכע, האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אויף זיינע בלאַסע באַקן. ער האָט אויפֿגעהערט צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים און אַן איינגעבוירענע שרעק האָט אים גענומען טרייבן אויף צוריק.

די שפּיל האָט אָנגעהויבן צו דערעסן דעם עולם, האָט די מויד צעשפּיליעט ס׳קלייד, אויפֿגעהויבן דעם וואַל. און אָנשטאָט דער כּלה איז געשטאַנען דער אַדעסער יונג.

ביי ידידיהן אין מוח האָט זיך אַ מיש געטון און ער איז געבליבן שטיין אָן מראה אין פּנים. זיין אונטערשטע ליפּ האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ביי אַ קינד, ווען ס׳גייט וויינען. ער האָט געזוכט מיט די אויסגעלאָשענע אויגן דעם אַדעסער יונג, אים נישט געפֿונען, האָט ער זיך שפּיציק צעברומט, ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה, און איז אַוועק אויף זיין געלעגער.

— פאַר אַזאַ הלצה, זרח, דאַרף מען דיר העננט און פיס... — איז לײזער אָנגעלאָפן, געהאַלטן פאַר די געבונדענע לאַפּקעס אַ האָן, ווי מען האַלט אַ כּפּרה און נישט דערזאָגט וואָס מען דאַרף זרחן טון, — נישט געפונען פון קיין אַנדערן אָפּצולאַכן, נאָר פון דעם וויסטן קאַליקע? און וואָס איז אַזוי די שמחה מיט אייך? — האָט ער זיך אַ דריי געטון צום תּמעוואַטן עולם, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיטן האָן, — אַלטע נאַראָנים!

— קוקט נאָר, ווי דער ייד מיטן האָן האָט זיך פונאַנדערגעדרשנט? — האָט די פישערין זיך אַ שטעל געטון לײזערן אין פּנים אַריין, — מיסטער, אין שבט שלאָגט מען נישט קיין כּפּרות.

— מיט יאַלאָווע ווייבער איז קיינמאָל נישט צו פרי! — האָט איר לײזער אַ שליידער געטון אויף צוריק.

— איר זאָלט אַזאַ גרויסע מכּה האָבן, ווי אַ גרויס קינד איך האָב? — האָבן די אויגן אַ בלישטש געטון ביי דער פישערין און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען קריגעריש.

— און איר האָט גאָרנישט מורא, זיי זאָלן שלאַקרירעק ווערן, ווי ידידיה? — איז לײזער נישט אָפּגעשטאַנען.

— „נעווער מיין" — האָט די פישערין נענטער אַ רוק געטון צו לײזערן, אויסגעזען, אַז זי הייבט זיך איצט אָן צו פאַרמעסטן — מיינע קינדער זענען יונג, האָבן צו וואָס צו לעבן, אָבער איר, אַזאַ אויסגעצופּטער האָן, איר טויגט דאָך אויף פלייש אויך נישט!

— דערפאַר זייט איר גוט!

— בראַוואָ, לײזער! — האָט זרח אַפּלאָדירט.

— גענוג, גענוג. — איז וואָלף אַריין אינדערמיט, גענומען צעטרייבן דעם עולם.

— וואָס פאַר אַ טרייבעניש? — האָט די פישערין אויסגעלאָזט דעם כּעס אויף וואָלפן, — וואָס מיינסטו זענען מיר, טשיקנס?

בשעת עס האָט זיך געטומלט אין מאַרק, איז קופּעלט געזעסן אָן אַ זייט איבער אַ צייטונג. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט אַ הייב טון, אָפּשייגעצן דעם עולם, מורא געהאַט איינצושטעלן, טאָמער וועט מען אים נישט פאָלגן, און איז געבליבן זיצן אין זיינע צרות. דאָס איז אים אָבער נישט אָנגעשטאַנען. ער האָט פּרובירט צו

פאַרענטפערן זיך אַליין. נו, טאַקע, וואָס גייט אים אָן דער מאַרק מיטן קאַליקע צוזאַמען? ער האָט נישט געדאַרפט קומען נאָך אַמעריקע. און אַז ער איז שוין יאָ געקומען, האָט ער דאָס צווייטע נאַרישקייט זיכער נישט געדאַרפט טון. פון אַ סוחר ווערן אַ שוחט און דערצו נאָך ביי זיין אייגענעם משרת, ביי אייבין.

דער פאַרדראָס איז ביי קופעלטן געוואָקסן און נישט אַזוי פאַרן קאַליקע, ווי פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער גלייכגילטיקייט, וואָס איז געזעסן אין אים, נישט געלאָזט זיך אויפהייבן פון אָרט. ער האָט זיך פאַרגעסן, געקוקט אויף די שטייגן מיט די הינער, אויף די מענטשן, וואָס דרייען זיך און גוואַלדעווען און געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָס אַלץ האָט צו טון מיט אים, מיט קופעלטן, דעם גרויסן סוחר, וואָס איז געפאָרן קיין אַמעריקע מיט אַזוי פיל פלענער?

— ר׳ שלמה, — איז לייזער אונטערגעקומען מיט אַ האָן, — האָב איך נישט געהאַט רעכט? גאַנצע חכמים! אַ קונץ אָפּצונאַרן ידידיהן! דאָס קען אַ קינד אויך! ווייניק וואָס ער איז אַ קאַליקע, דערגייט מען אים נאָך די יאָרן! יאָ, ר׳ שלמה, האָט נישט פאַראיבל,—האָט לייזער אים צוגעטראָגן דעם האָן מיט אַ שמייכל, — פון קיין אַנדער שחיטה עסן מיר נישט!

קופעלט האָט זיך אַ שטעל געטון און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרבענקטן „נאַהאַ״. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַזוי פלעגט זיין טאַטע אָפּזיפצן, ווען דער שבת איז אַוועק און מיט דעם „גוט-וואָך״ איז צוריקגעקומען דער שווערער עול פונעם לעבן מיט זיינע דאגות.

אַ שטומער האָט ער אַ נעם געטון פון לייזערן דעם האָן און זיך געלאָזט צו די באַרלעס מיט זעגעלך.

## 2. דער דאָקטאָר

די ליבע צו ביכער האָט זיךביים דאָקטאָר אַרויסגעוויזן נאָך גאָר יונג. מיט די יאָרן איז די ליבע איבערגעגאַנגען אין אַ הונגער, אים ביסלעכווייז אָפּגעשניטן פון אַרומיקן לעבן, אָפּגעטעמפּט זיין באַציונג צו מענטשן.

ער האָט געהאַט צוויי פּרנסות. דעם פּאַטערס צוגעציילטע האַלבע דאָלאַרס און צוויי-דריי ענגלישע לעקציעס. ער האָט זעלטן פאַרלעבט דעם פּאַטערס האַלבע דאָלאַרס. שטענדיק אַראָפּגענומען עטלעכע סענט פון אַ לעקציע, געזאַמלט און געחשבונט, ווי אַ קרע־מער, און זיין איינציקע פרייד איז געווען אַ ניי־איינגעהאַנדלט בוך.

אַפילו מעדיצין איז ביי אים בלויז געווען אַ מיטל. געהאָפט אַזוי־אַרום צו ווערן זעלבשטענדיק, וועט לייכטער זיך קענען איבער־געבן צו ספרים.

ער האָט נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן. אָפּט, גאַנץ אָפּט, האָט דער דאָקטאָר דערפילט, אַז ער האָט שוין קיין כוחות נישט. דאָס טראָגט אים בלויז דער אימפּעט. ער איז געוואָרן פאַרעקשנטער, פאַרביסענער, געגלייבט, אַז נאָך אַ טראָט, און די וועלט, וואָס ער טראָגט אין זיך, וואַרעמט זי אויס, וועט אים אַנטקעגנקומען.

דער אויסגעצערטער גוף זיינער, וואָס האָט זיך געבויגן פון שוואַכקייט איבער די קני, מבטל געמאַכט אַלץ, וואָס איז נישט אַריין אין זיינע ד׳ אמות, האָט אויפגעהערט צו זען, אַז איבערן פענצטער טראָגט זיך אַן אַנדער לעבן, וואָס רוישט טאָג און נאַכט, וואַרט נאָר אויף אַ געלעגנהייט אים, דעם פּרוש, מיטצורייסן.

און וואָס מער ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע פיר ווענט,

ניִשט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, אַלץ שטאַרקער האָט אין אים אויפגעפלאַמט די שיכּרות צו ביכער.

אויף די פּאָליצעס, אויפן טיש, אויף די בענקלעך, אומעטום זענען געלעגן ספרים, געווען אָנגעוואָרפן אַרום די ווענט אין וואַרשטעס ביזן סופיט, אַז מען האָט דעם דאָקטאָר שוין ניִשט אַרויסגעזען.

די יאָרהונדערטער אָבער, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין דור פונעם צווייטן, האָבן ווי דורך אַ כּישוף צענומען די ווענט און פאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט אַן אַנדערע וועלט, דעם דאָקטאָרס, וואָס האָט אים גערופן, זיך ניִשט געהייסן אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך.

און דער דאָקטאָר האָט זיך ניִשט אָפּגעשטעלט. ער איז געווען גלייכגילטיק, וואָס דער אַלטער טאַטע בעט נדבות און ער, דער זון, לעבט אויפן פאָטערס חשבון. ער איז געווען גלייכגילטיק צום טרויער פון רחלס אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט ליבע און דרך־ארץ. און אויב ער האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט מיט איר, איז עס געווען צוליב איר פאָטער, צוליב ר׳ אַברהמלען, וואָס האָט געלעבט ווי ער, דער דאָקטאָר, אין אַ וועלט פון שמות.

צייט אָבער רעגינע האָט זיך באַוויזן אויף גאָרעק־סטריט האָט זיך אין אים עפּעס איבערגעאַנדערשט. פאַרדראָסן, וואָס זענען וואָכן געשלאָפן אין אים, פון וועלכע ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט באַפרייט, האָבן אָנגעהויבן אַרויפצושווימען. ער האָט זיך געזעצט איבער אַ בוך. ער האָט געקענט עטלעכע מאָל איבערלייענען די זעלבע שורות און ניִשט וויסן וואָס דאָרט שטייט.

דאָס אָפּגעלאָזטע צימערל איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן און עס האָט אים ווי געטון פאַר זיין אייגן לעבן. ר׳האָט ניִשט דערעסן קינדווייז ביים טאַטן. צוגעהונגערט אין דער ישיבה און אַפילו איצט עסט ער זעלטן צו זאַט. ער איז מיט זיך אַליין ניִשט קלאָר געווען, צוליב וואָס ער ערגערט זיך, געזוכט די רויקייט פון נעכטן, אייערנעכטן, זי געוואָלט צוריקקריגן. און ווי ער האָט ניִשט געאַרבעט איבער זיך, וואָס ער האָט ניִשט געטון, — די פיר ווענט, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן, האָבן אָנגעהויבן שרעקן.

ער האָט געליטן, וואָס דאָס גלייכגעוויכט גליטשט זיך אַרויס

פון אונטער זיינע פיס. דאָס רווישיקע לעבן, די גאַס, וואָס האָבן ביז איצט אים נישט אָנגערירט, לאָזן אים נישט אָפּ, שטייען איבער אים ווי נישט-גוטע.

ער האָט זיך פּרובירט אַנטקעגנצושטעלן, גענומען צו הילף די שמות זיינע. דער געראַנגל האָט אָנגעהאַלטן אַ וואָך, צוויי, אים גע-מאַטערט ביי טאָג, ביינאַכט. ער האָט איבערגעלעבט יסורים, אַרומגע-גאַנגען, ווי אין אַ הינער-פּלעט און נישט געוווּסט, פאַרוואָס דער נישט-גוטער האָט זיך פאַרקליבן דווקא צו אים אין האַרץ אַריין און ברענט דאָרט זיינע, דעם דאָקטאָרס, ספרים.

וואָס ער האָט נישט געטון, ווו ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, — אומעטום איז אויסגעוואַקסן רעגינעס ליכטיק פּנים מיט די פייערדיקע האָר. אומזעבאַרע פעדים האָבן זיך געצויגן פון איר צימער צו זיינעם, מיטגעבראַכט פרייד. די פרייד האָט געשלאָגן פון אירע טונקעלע אויגן, פון די בייגיקע פיס, אויפגעבליצט אין איר געלעכטער, גע-פאַלן ווי טוי אויפן דאָקטאָרס דאַרן גוף, וואָס האָט זיך געקרישלט, ווי אויסגעטריקנטע ערד.

ער האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן אין צימערל, געקוקט אויף די ביכער, ווי אויף שונאים. ער האָט זיך געטראָגן גאַס-איין, גאַס-אויס. די גוט-באַקאַנטע גאַסן, די מענטשן, די הייזער — אַלץ האָט ביי אים איצט אויסגעזען ניי. פון די אויגן איז ווי אַ הייטל אַראָפּ. זיי האָבן באַקומען אַן אַנדער בלישטש. און דער דאָקטאָר האָט אויפגע-כאַפּט יעדע קליייניקייט, זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרן נייגעריקער, יונגער.

זיין לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי פיל יאָרן געשטיקט אין דעם צימערל מיט ביכער, ווי אין אַ האַרטער פאַרוואָקסענער שאָל, האָט זיך ווי באַפרייט. די שאָל, אַן איבערגעבראָכענע, האָט זיך געוואַלגערט אונטער זיינע פיס.

דער דאָקטאָר האָט נאָך איצט ווייניקער געגעסן, ווייניקער גע-שלאָפן, געוואָרן דאַרער, בלאַסער און די קרענקלעכע רויטקייט אין די באַקן האָט דערציילט, אַז ער פיבערט אינגאַנצן, טראָגט זיך אַרום מיט אַ באַהאַלטן פייער.

אויף דער פערטער וואָך האָט דער דאָקטאָר זיך צופעליק באַ-געגנט מיט רעגינען אויף די שטיגן, אָפּגעמאַכט, אַז איצט וועט ער

זי באַגריסן און זיך פאָרשטעלן. אויפן אָרט האָט ער חרטה געהאַט, געהאַלטן דאָס פאָרשטעלן זיך גאָר איבעריק, געווען זיכער, אַז זי קען אים. ער האָט זי אומדערוואַרט געגעבן אַ שטעל אָפּ. רעגינע, אַן איבערגעשראָקענע, האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן פאָרענטש.

— האַ?

— איך האָב אייך נישט געמיינט איבערצושרעקן. — האָט דער דאָקטאָר זיך גערוקט אויף צוריק, מורא געהאַט רעגינע זאָל נישט דערהערן, ווי זיין האַרץ קלאַפּט. — געוואָלט בלויז פרעגן ווי נאָך איר באַגייט זיך אָן ענגליש.

זי האָט זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצולאַכן, אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ רויטע האָר, אַז אויף די טונקעלע שטיגן איז ליכטיקער געוואָרן און געענטפערט:

— דערווייל קום איך אין ערגעץ נישט.

— איר וועט דאָך אָבער שטענדיק נישט זיצן אויף גאָרעק־סטריט? — האָט דער דאָקטאָר געוואָלט דערשטיקן אין זיך די אומ־רויקייט און געפילט ווי די אויערן פלאַמען ביי אים.

— גאָט זאָל מיך אויסהיטן! — האָט זי זיך קינדיש צעלאַכט.

אַ שכנה איז אָנגעקומען אויף דער שמאָלער טרעפּ. רעגינע האָט זיך נענטער אַ רוק געטון צום דאָקטאָר, דורכגעלאָזט די שכנה און פון דער נאָענטקייט האָט זיך איבערן דאָקטאָר אַ טראָג געטון אַן אויסשטראַלונג, געקילט זיין צעהיצט פנים. ער איז אַראָפּ מיט אַ טרעפּ נידעריקער, מורא געהאַט, אַז די נאָענטקייט וועט אים שטערן רעדן, אויסגעבן, און די אייגענע ווערטער האָבן געקלונגען ביי אים אין די אויערן, ווי אַ בייזער:

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך לערנען.

— כ׳דאַנק אייך זייער, דאָקטאָר, כ׳מוז אָבער פריער האָבן מיט וואָס צו צאָלן. — האָבן אירע ציין נישט אויפגעהערט לאַכן.

דער דאָקטאָר האָט עפּעס געזאָגט, אַליין נישט געוווּסט וואָס. רעגינע האָט זיך אַ דריי געטון צו אים. דאָס ליכט איז געפאַלן אויף דער בליציקער ווייסקייט פון איר האַלז, וואָס האָט זיך געשוימט אונטער אירע רויטע האָר. דער האַלז האָט זיך געבויגן שטאָלץ און קלוג. דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויפן האַלז, געפילט, ווי אונטער

דער ווייסקייט פֿלעמלט אויף אַ ציטער און אין די הייסע אויערן האָט ביי אים געראַשט, ווי דאָס שיפֿן פון צעגליטע ק׳ילן.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, ווען רעגינע האָט געדאַרפט אַריינקומען אויף דער ערשטער לעקציע, איז דער דאָקטאָר געבליבן ביי זיך. ער האָט אָפּגעשטויבט די בילער, זיי צעשטעלט אין קליינע וואַרשטעס ביז צום סופיט, עס זאָל זיין מער פלאַץ אין צימער. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען איבער די צימערן, געלאָפן יעדע ווײַלע אין קיך אַריין, אַז לייבלען דעם וואָכערניק איז עס געוואָרן פאַר־דעלטיק. יעדעס מאָל, ווען דער דאָקטאָר איז פאַרבייגעלאָפן, ווי מ׳וואָלט אים געיאָגט, האָט לייבל זיך איבערגעשראָקן, געוואָלט פאַר־האַקן זיין אַלט־פרענקישע קאַסע, ווו ער האָט זיך געפּאָרעט.

— וואָס איז, דאָקטאָר? וואָס פאַר אַ „שמעלקע” דאַרף דאָס קו־מען, וואָס איר קענט נישט איינזיצן, האַלט אין איין אַרומלויפן? — האָט לייבלס רעכטע אויג אַ געקוקט אין הימל אַריין, אי, דאַכט זיך, אָפּגעלאַכט פון אים.

דער דאָקטאָר האָט זיך באַטאַפּט מיט די הענט, מיט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי עס איז טאַקע קענטיק אויף אים, אַז עס דאַרף עמעצער קומען. ער האָט גאָרנישט געענט־פערט. דער אַלטער דערווידער צו לייבלען, צו זיין פרנסה, איז איצט שטאַרקער געוואָרן אין אים. ער האָט נישט פאַרטראָגן לייבלס קוק, וואָס האָט זיך געפלאָנטערט ביי אים צווישן די פיס. געוואָרן אומ־רויק, ווי דער קוק וואָלט באַפלעקט דאָס, וואָס ער, דער דאָקטאָר, רופט ביים נאָמען נישט אָן, און ער האָט באַשלאָסן, אַז עס איז פאַר אים קיין דירה נישט. ער איז אָבער אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט דעם, וואָס עס דאַרף געשען, אַז ער האָט אויפן פלאַץ פאַרגעסן אָן לייבלען און ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן צוראָמען.

אַ שטיק צייט פאַר דער לעקציע איז דער דאָקטאָר פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט. דאָס צימער, וואָס האָט שטענדיק געיאָגט פון זיך, פול געווען מיט שווערע מחשבות, ווי די שווערע, בייליקע בילער, וואָס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, — דאָס צימער האָט איצט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. אַ שטוביקע וואַרעמקייט, ווו עס איז קענטיק אַ פרויען־האַנט, האָט זיך געטראָגן פון יעדן ווינקל.

זיין אומרויקייט איז געוואָקסן, אים נישט געלאָזט איינזיצן ביים טיש, געטריבן פון איין ווינקל צום צווייטן. ער האָט יעדע ווייל׳ע אַרויסגענומען דעם זייגער, נישט געגלייבט, אַז עס זענען אינגאַנצן דורך עטלעכע מינוט און זיך איינגעהערט צי דער זייגער גייט. ער האָט אַן עפן געטון דאָס פענצטער, געקוקט אויף גרענד-סטריט, ווו אין דעם טורעם פון דער אייזן-פאַבריק איז געווען אַ זייגער.

ער האָט זיך געדרייט פון פענצטער צו דער טיר, אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן רויש, געפילט ווי יעדעס גליד זיינס ווערט אויער. דאָס האָט אָנגעהאַלטן איבער אַ שעה, אים אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס האָט אים אָנגעהויבן צו נאָגן ביים האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פון צוועלף, ווען ער האָט איבערגעביסן, האָט ער נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל. ער וועט אַראָפגיין עפּעס איבערכאַפּן, וועט זיך לאַנג נישט זאָמען.

ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם קאַפּעליוש, געלאָזט ברענען דעם גאַז און אַרויסגייענדיק געזאָגט צו לייזערן:

— טאַטע, כ׳גיי אַראָפּ אויף אַ ווייל, זרחס טאָכטער דאַרף דאָ אַריינקומען, הייס איר צוואַרטן ביי מיר אין צימער.

בשעת רעגינע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיטן דאָקטאָר אויף די שטיגן, געהערט ווי דער פרעמדער מיט וועמען זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט גערעדט, בייזערט זיך אויף איר, האָט זי זיך נישט באַליידיקט. זי איז געווען זיכער, אַז דער דאָקטאָר באַהאַלט עפּעס פון איר. די לעקציעס זענען אַ ביי-זאַך. צווישן רעגינעס וואַכיקע חושים, איז דער פרויען-חוש געווען דער שאַרפסטער. עס איז גענוג געווען, אַז זי זאָל אַ קוק טון אויף אַ מאַנסביל. אַ קניייטש, אַ גרימאַסע, אַ מינע — דאָס זענען געווען פאַרשטענדלעכע ווערטער. און אַז רעגינע איז געשטאַנען מיט אַ מאַן אויג אויף אויג, האָט זי אַפילו אויפגעכאַפּט אַ געדאַנק, וואָס האָט נאָך געדאַרפט ביים מאַן אַ׳יין קלאָר ווערן. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַרן ווילדסטן איינפאַל, געפילט, אַז דאָס, וואָס זעט אויס ווילד און נישט דורכפירבאַר, איז זייער אָפט דער אייניציקסטער און זיכערסטער וועג.

רעגינע האָט נאָך דערווייל נישט איבערגעקליבן, נישט געקומען די צייט, געווען מער ווי צופרידן, ווען דער רייכער אייבי איז איר

באַלגעגאַנגען, געהאַפּט, אַז זי וועט נישט אַרבעטן לאַנג אין שאַפּ. פאַר דער קורצער צייט האָט זי שוין געהאַט געביטן איין פאַך אויפן צווייטן. פון שניפּסן איבערגעגאַנגען צו קאַפּעליושן, געאַרבעט האַלבע טעג און דאָס אויך זעלטן.

זי איז געווען יונג, הונגעריק, מיטגעשלעפּט וואָס ס'איז געשטאַנען אין וועג. און אַז די שוואַרצע גבורה האָט זיך צעשפּילט אין איר, געטריבן פון געלעגער, האָט זי יעדעס מאָל אָפּגעמאַכט, אַז זי האָט נישט ליב וואָלפן. ווען זי וואָלט אים מיט אַן אמת ליב געהאַט, וואָלט די ליבע געשטילט איר הונגער, אויסגעברענט דעם הונגער מיט טרערן און זי, רעגינע, וואָלט ווי אַ געטרייער הונט געלעגן ביי זיינע פיס. אַזוי איז עס אַ שפּיל, וואָס קען זיך צו יעדער צייט בייטן און עס בייט זיך.

די מאַנסבילן, וואָס זענען יאָרן-לאַנג געווען אָן ווייבער, האָבן ביי רעגינעס אַריינקומען זיך געגומען רוקן פון די ווינקלען. יעדער איז געווען גרייט עפּעס צו טון פאַר איר, געקוקט דעם מיידל אין מויל אַריין און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז זי דאַרף דעם דאָקטאָר, האָט לייבל זיך אָנגערופן:

— דאָס האָט ער פאַר אייך אַזוי צוגעקליבן?

— ווען איך וויים, אַז ס'וועט העלפן, — האָט בונים אַריינגעשמייכלט אין זיין בערדל, וואָס האָט זיך ביי אים געקאַלטנט אונטער דער גאָמבע, — וואָלט איך אויך צוגעראָטן!

— פּרובירט. — און פון רעגינעס קליינע ליפּן, וואָס האָבן זיך קוים געעפנט, פון די טונקעלע אויגן, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געלעכטער, געפּאַלן אויף יונג און אַלט, ווי די פרייד וואָלט געלעגן אין דעם לאַכן אַליין.

דעם אַלטן לייזער איז נישט אָנגעשטאַנען, וואָס זרחס טאָכטער מאַכט זיך אַ פּיסל צו זיין דודן, ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת-הכבוד, וואָס זיין זון רעדט גאָר מיט אַזאַ מויד. דאָס איז אַן עסק פאַר וואָלפן, נישט פאַרן דאָקטאָר, מיט וועלכן ער האָט געחלומט צו טון אַ יחוס-שידוך און טאַקע מיט געלט. אַן אָנגעברוגזטער איז ער אונטערגעקומען:

— אויב דו ווילסט, וואַרט צו ביים דאָקטאָר אין צימער. ער קומט גלייך אַרויף.

רעגינע האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען ביי אַ מענטשן אַזויפיל ביכער און זיך געחידושט, צי דער דאָקטאָר האָט זיי טאַקע אַלע אויסגעלייענט, וואָס לענגער זי איז געשטאַנען צווישן די וואַר־שטעס מיט ספרים, געקוקט אויף די הונדערטער רוקנס, דיקע, דיקע־רע און גאָר דינע, אַלץ מער האָט זיך דערוויטערט פון איר דאָס קאָמישע, וואָס זי האָט געזען אינעם דאָקטאָר. עס זענען פאַרשוווּנדן די הויכע פּלייצעס, דער גאָלער קאָפּ, די קורצזיכטיקע אויגן. געבליבן איז אַ דרך־ארץ צום דאָקטאָר, צו וועלכן זי האָט אַרויפגעקוקט, זיך אפילו אָנגעהויבן שרעקן, אַז זי וועט נישט וויסן וואָס צו רעדן מיט אים. מורא געהאַט, ער זאָל זי נישט נעמען אויפן עקזאַמען.

רעגינען איז געפעלן אַ געליישטער רוקן פון אַ בוך. זי האָט אים אַרויסגעשלעפּט. אַ וואַרשטע האָט זיך אַ וויג געטון, געפאַלן אויף אַ צווייטער. אַן איבערגעשראָקענע האָט זי אונטערגעשטעלט די פּליי־צעס, די הענט, דעם קאָפּ, געוואָלט אונטערשפּאַרן די וואַרשטעס זיי זאָלן נישט פונאַנדערפאַלן. און אַז בונים, לייבל און לייזער זענען זיך אָנגעלאָפן אויף רעגינעס קוויטש, האָבן זיי געזען, ווי די ביכער שיטן זיך איבער איר קאָפּ, פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ קלאַפּעריי. קייקלען זיך אונטערן טיש.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אַ בלאַסע, פאַרלוירן געשמייכלט ווי אַ קינד, וואָס מען כאַפּט ביי אַן עוולה. זי האָט מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, די ביכער זאָלן זיך נישט אַ שיט טון נאָך איר.

פּונקט דעמאָלט איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר. ער האָט געקוקט אויף רעגינען און אויף די בייוווינערס און זיך צעבייזערט:

— וואָס שטייט איר און גלאָצט מיט די אויגן?

זיי זענען אונטערגעלאָפן, אויסגעגלייכט די וואַנט מיט ביכער, און אַז דער דאָקטאָר איז געבליבן מיט רעגינען, האָט ער זי איצט געפרעגט:

— איר האָט זיך עפּעס געטון?

— בלויז זיך איבערגעשראָקן. — האָט רעגינע אים געהאָלפן

אויפקלויבן די ביכער. — ס'איז אָבער אַ שלעכטער סימן.

— פֿאַרוואָס?

— איידער וואָס, ווען, האָבן זיך אייערע ביכער געוואָרפן אויף מיר, — און ס'צימער איז געוואָרן פול מיט געלעכטער, — וואָס וועט זיין שפעטער?

— שפעטער וועט איר זיך וואַרפן אויף זיי. — האָבן די שייבלעך פון די ברילן ביים דאָקטאָר געשמייכלט און ער האָט צוגערוקט פאַר רעגינען אַ שטול.

זיי האָבן זיך געזעצט ביים טיש. אַ וואָרט, צוויי, און דער דאָקטאָר האָט זיך געענדערט, ווי נישט בלויז די אויגן, נאָר ס'גאַנצע פנים וואָלט געקוקט דורך די ברילן. מיט דער רגע, ווי ער האָט געעפנט ס'מויל, האָט פון אים אָנגעהויבן אַרויסצורעדן דער לערער, דערצו נאָך אַ שטרענגער, אַ פאַרשלאָסענער, און ס'האָט אויסגעזען, אַז פאַרן דאָקטאָר זיצט נישט מער רעגינע, נאָר בלויז זיינס אַ שילערין.

זי האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווינט געווען מען זאָל זיך מיט איר אַזוי באַגיין. הינטער די ווייסע באַקן זענען געשטאַנען פלאַמען. דעם דאָקטאָרס ווערטער זענען נישט דערלאָפן צו איר, זיך צעשאָטן אויפן וועג און די ערשטע האַלבע שעה האָט זי אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט.

און אַז זיין האַלטונג האָט זיך נישט געביטן, ווי אַנדערש האָט נישט געקענט און נישט געדאַרפט זיין, האָט רעגינע אַ באַרויקטע אָנגעהויבן אויפצוכאַפן וואָס ער זאָגט, געווען איבערראַשט, זיך געפרייט, ווי אַ קינד, וואָס הייבט אָן אַליין צונויפצולייגן ווערטער.

די ערשטע פאָר וואָכן איז רעגינע געזעסן אויף די לעקציעס מיט אַ פאַרדאַכט. זי האָט נישט געוווּסט וווהין דער דאָקטאָר ציט, געוווינט געווען צו באַצאָלן פאַר יעדער זאַך, אויב נישט מיט געלט, איז מיט אַ שמייכל, מיט אַ צוזאָג, און דאָ וויל אַ מענטש פון איר גאָרנישט.

אָפט, גאַנץ אָפט, האָט רעגינע באַמערקט, ווי ביים דאָקטאָר צעשפילן זיך די אויגן הינטער די שייבלעך פון די ברילן, באַקומען אַזאַ פאַרדעכטיקן בלישטש. און דער בלישטש פאָדערט עפעס, מאָנט, האָט דאַכט זיך פאַראיבל פאַרוואָס זי, רעגינע, שווייגט.

דאָס האָט אָבער לענגער נישט אָנגעהאַלטן ווי אַ מינוט, צוויי. דער דאָקטאָר איז געוואָרן פאַרשלאָסענער, שטרענגער און אַז ער האָט זיך צערעדט, איז דער בלישטש פון די אויגן אַריין צו אים אין די באַקן, ווו רויטע פלעקן, קרענקלעכע, האָבן זיך גערעדלט.

מיט דער צייט איז רעגינע געוואָרן צוגעבונדן צום דאָקטאָר, אויפגעהערט צו פאַרדעכטיקן און אָפט זיך צעפלאַפלט אינמיטן דער לעקציע, געלאַכט, דערציילט וועגן וואָלפן, וועגן אייבין.

זי האָט געפילט, אַז דער דאָקטאָר האָט זי ליב, אָבער אַנדערש, ווי אַ שטרענגער זיידע האָט ליב זיין אייניקל, נישט חושד געווען, אַז דער שטילער מענטש פיבערט אין איר געגנוואַרט, וואַרט אויף אירס אַ וואָרט, איז נישט זיכער, צי זי, רעגינע, וועט אָננעמען זיין פאָרשלאָג.

זיין פריערדיק לעבן האָט ביים דאָקטאָר אויסגעזען אַזוי נישטיק, און אַז עס האָט זיך ווען־נישט ווען באַוויזן, האָט עס פון דער ווייט אַרויפגעגלאָצט צו אים, ווי די ליידיקייט פון אַן אָפגרונט.

ער האָט געהאָפט, אַז רעגינע קען נישט בלייבן טויב צו זיין שטום געשריי, צו דעם נייעם לעבן, וואָס ער, דער דאָקטאָר, האָט געשאַפן. און ווו זי, רעגינע, גייט אום דאָרט אַ ליכטיקע.

ער האָט זיך געגרייט צו די לעצטע עקזאַמענס, געאַרבעט ביי־טאָג, ביינאַכט, אַליין נישט געוווּסט פונוואַנען עס נעמען זיך צו אים אַזויפיל כוחות. און אַז דער קאָפּ זיינער איז געזונקען איבערן טיש, האָט זיך אין די אויגן נישט פאַרקליבן דער שלאָף, נאָר אַ פיבער, וואָס האָט אים געמאַטערט, פאַרוואַנדלט דעם קלענסטן ריר, אָדער סקריפּ, אין אַ לעבעדיקער זאַך.

ער האָט געהערט טריט, געזען ווי רעגינע עפנט די טיר. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער שטעלט זיך אויף, גייט איר אַנט־קעגן און די ליפּן האָבן ביי אים געשרפּהט.

— איצט וועסטו בלייבן מיט מיר... די אומרויִקייט, וואָס טרייבט דיך פון איין מאַנסביל צום צווייטן, האָב איך פאַרשלאָסן...

ער האָט געעפנט די אויגן, געלעגן ווי פריער, — דער קאָפּ אין די הענט, די הענט אויפן טיש און ס'לייב האָט געפיבערט.

## 3. וואָלף

נאָכדעם ווי זרח האָט גערעדט מיט וואָלפן, איז דער יונג ביי זיך זיכערער געוואָרן. די אייער, וואָס ידידיה האָט אויפגעקליבן פאַרטאָג אין די שטייגן, אָנגעגרייט מיטצושיקן דער מוטער, האָט וואָלף אַריינגעלייגט אין אַ טיט מיט זעגעכץ און איז פריער ווי שטענדיק אַוועק דעם טאָג פון מאַרק.

אויפן וועג האָט ער אָפּגעטרעטן ביי אַ פריזירער, זיך געלאָזט צושערן, אָפּגאָלן, און אַז ער איז געגאַנגען אַהיים איז ער געווען צופרידן מיט זיך, מיט זיין גאַנצן געשטעל, הנאה געהאַט, וואָס דער קאָפּ שמעקט ביי אים מיט אָדעקאָלאָן.

לופט-מענטשן, וואָס קענען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, האָט ער נישט ליב געהאַט, געקוקט אויף זיי מיט ביטול. גרויס דרך-ארץ געהאַט פאַר אַלעם וואָס איז איינגעזעסן, איינגעפונדעוועט. האָט אייבי געמעגט פאַרדינען צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפל ער האָט איינגעשטעלט— ביי וואָלפן האָט עס נישט געהייסן מיסחר, עס איז ביי אים געווען אַ קאָרטן-שפיל, וואָס מוז סוף-כל-סוף פּלאַצן. און יעדעס מאָל, ווען אייבי איז געקומען פון גרויסן מאַרק באַלייגט מיט הונדערטער געשעפטן, גענומען דערציילן, ווי ער האָט דעם אָפּגעטון אַ שפיצל, יענעם אויסגעקויפט די סחורה, איז אין וואָלפס שטילער קנאה געווען אויך אַ באַהאַלטענע טרייסט — לאָזן זיך די געשעפטן אַ דריי טון, בלייבט דער מענטש מיט גאָרנישט. נאָר אַ „חוש“, אַ דריי-קאָפּ, פּאַקט אַריין אין מיסחר אַלץ וואָס ער האָט. פונדעסטוועגן האָט וואָלף אַרויפגעקוקט צו אייבין, אים נאָכגעמאַכט דאָס לשון, די ווערטלעך, דעם טראָפּ. ער האָט געהאַלטן דעם ציגאַר אין עק מויל אַזוי נאָכלעסיק ווי אייבי, און אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט וואָלף, ווי זיין באַלעבאָס,

אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער פון די הענט אין די וועסטל-קעשענעס.

וואָלף האָט ליב געהאַט רעגינען מיט אַלע אירע משוגעתן, געפילט, אַז ער האָט רעכט דערויף, געקויפט ס׳רעכט מיט דעם, וואָס זי איז געווען נאָענט מיט אים, פונדעסטוועגן האָט וואָלפן שטענדיק עפּעס געשראָקן אין רעגינען, אפילו מורא געהאַט פאַר איר. ווייל ווי ער זאָל זי נישט ליב האָבן, איז ער, וואָלף, אַלץ בילכער און אויב ער וועט זיך לאָזן, קען אַזאַ רעגינע אים אינגאַנצן צעברעכן.

רעגינע וועט זיך קיינמאָל נישט סטאַטקעווען, וועט שוין בלייבן אַ שטיק ווינט. דערצו האָט וואָלף געוואָרפן אַן אומחן אויף זרחן. איינס איז ביי אים קלאָר געווען: מיט אַזאַ שווער ווי זרח איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען.

דאָס האַרץ האָט אים אָבער געצויגן צו רעגינען. עס האָט אים אויך געצויגן צום באַנק-ביכל, וואָס איז געלעגן אין בוזעם-קעשענע פון זיין וועסטל. און ווען מען שטעלט וואָלפן אַ באַדינג: אָדער רעגינע, אָדער דאָס באַנק-ביכל — וואָלט ער זיך מיטן באַנק-ביכל נישט געשיידט.

דאָס אַלץ האָט וואָלף נישט געטראַכט, אפילו נישט צונויפגעבונדן, עס איז נאָך געלעגן ווייט פון אים. עס האָט אים בלויז וויי געטון, וואָס מען גייט זי ביי אים צונעמען, — רעגינען.

ער איז אַריין צו ר׳ אברהמלען. אין קיך האָט אים באַגעגנט חייה-רבקה.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי היינט, וואָלף?

ער האָט נישט געענטפערט, איר דערלאַנגט דעם טיט מיט אייער:

— ידידיה האָט אייך געשיקט.

— מען זאָגט אַ קאַליקע, — זענען ביי חייה-רבקהן פאַרלאָפן די אויגן, ווען זי האָט צוגענומען דעם זונס מתנה, — ס׳איז כאָטש נישט קאַלט, ווו ער שלאָפט?

— ס׳איז אַזאַ היץ פון די קוילן, אַז די האָר שטעלן זיך. — האָט וואָלף אַריינגעקוקט אין צווייטן צימער. — רעגינע איז נישטאָ?

— זי טוט זיך אָן, — האָט חייה-רבקה אַוועקגעשטעלט די אייער

און מיט אַ פינגער אַ רוף געטון צו זיך וואָלפן. — זי גייט שוין ווי־דער מיטן באַלעבאָס מיט דיינעם, און כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, ס'איז מיר אַ חידוש, וואָס דו לאָזט...

— זי וועט נישט גיין! — האָט וואָלף פאַררויכערט אַ ציגאַר, גע־טון עטלעכע האַסטיקע צי, און אַז ער איז צוגעקומען צו רעגינעס טיר, איז די זיכערקייט פון אים אַוועק.

רחלע האָט זיך געדרייט אַרום רעגינען, איר געהאָלפן אָנטון. רעגינעס שיינקייט האָט אַ שלאָג געטון וואָלפן אין מוח אַריין, פאַר־שטאַרקט דעם פאַרדרוס און אויפן אָרט איז אים די נכפּה באַפאַלן:

— וווהין קלייבסטו זיך?

— און דער „האַלאָו" ווו איז? — האָט רעגינע געשפּאַסט.

וואָלפן האָט זיך געדאַכט, אַז זי רייצט זיך נאָך מיט אים און פון ערגערניש האָט ס'קול ביי אים געציטערט:

— כ'האָב געזאָגט!

— הינטער דער טיר. — האָט זיך צעשאָטן רעגינעס געלעכטער, און אין איר לאַכן איז געווען פאַרדרוס אויף זיך, פאַרוואָס זי שפּאַסט מיט וואָלפן, ווען זי דאַרף צו אים זיין גוט.

וואָלפס גאַנץ געשטעל, פון וועלכן ער האָט אַזאַ הנאה געהאַט, גייענדיק אַהיים, האָט אים איצט צווישן די צוויי מיידלעך, אויסגעזען נאַריש. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט זיך. די הענט, די פיס, ס'שטומע מויל — אַלץ איז אים געשטאַנען אין וועג, געשטערט. דעם כּעס האָט ער אויסגעלאָזט צום ציגאַר. מיט די פינגער האָט ער אים געקרישלט און שטילער ווי פריער זי איבערגעפרעגט:

— וווהין קלייבסטו זיך?

די לופט איז אין צימער געוואָרן הייס. רחל האָט געזען, אַז ביי דער חתונה, וואָס וועט זיך באַלד דאָ אָפּשפּילן, איז זי איבעריק, אַז די גלייכסטע זאַך איז צו לאָזן וואָלפן מיט רעגינען אַליין, און זי האָט זיך אַ דריי געטון צו דער טיר.

— ווו גייסטו, רחלע? — האָט רעגינע נישט געוואָלט בלייבן אַליין מיט וואָלפן און זיך געלאָזט נאָך רחלען.

— ווען איר וועט זיך אויסטענהן, וועל איך צוריקקומען. — האָט

רחלע אַן עפּן געטון די טיר. און איידער רעגינע האָט צייט געהאַט זי צו פאַרהאַלטן, האָט רחלע שטיפעריש אַ הייב געטון אַ האַנט און זיך געזעגנט: — באַי באַי!

— וואָס יאָגסטו, זיך אַזוי נאָך איר? — האָט וואָלף פאַרשטעלט רעגינען דעם וועג, — ווילסט דווקא מאַכן לייטיש געלעכטער?

רעגינען האָט ווי געטון פאַר וואָלפן. זיך געפילט שולדיק און אים געוואָלט איינגעמען מיט גוטן. דאָס בייזע בלוט האָט אָבער נישט דערלאָזט און זי האָט זיך אַ שטעל געטון אַ גלייכגילטיקע אין שפּיגל:

— רחלע ווייסט, אַז איך האָב דיך נישט ליב!

— און אים האָסטו ליב? — האָט וואָלף זיך געוואָלט מאַכן האַרץ און ווילעריש אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער אין די וועסטל-קעשענעס.

זי האָט נישט געענטפערט.

וואָלף איז צוגעגאַנגען, געוואָלט זי איבערבעטן. ער האָט אַ נעם געטון רעגינען פאַר אַ האַנט און זיין פּנים מיט די גרויסע באַקנביי-נער, אַן אומבאַהאָלפנס, האָט געזוכט איר בליק.

רעגינע האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער, צומאָל נישט אַ קוק געטון אויף אים, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אין צימער נישט געווען.

וואָלף האָט לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס וווּ דו גייסט!

ער האָט געפילט, אַז ער מאַכט אַלץ קאַליע, אַז ער קען נאָך פאַרבעסערן, דאַרף זיך אַ ביס טון אין דער צונג, האָט אים דער אימפּעט געטראָגן און ער האָט ערגער געמאַכט:

— כ׳ווייס אַפילו, אַז דו האָסט מיט דיין טאַטן היינט געשיקט אייבין אַ בריוול!

— אַז דו ווייסט ווידער, וואָס פרעגסטו? — האָט רעגינע זיך אַלץ געקליבן אַ סוף צו מאַכן פון דער שפּיל.

— ווייל כ׳וויל נישט דו זאָלסט גיין!

— וואָס דו ווילסט נישט, איז ווייניק! — איז די לופט פול געוואָרן מיט פולווער.

וואָלף האָט זיך געטרעסלט אינגאַנצן, געשראָקן ער זאָל עפּעס נישט אָפּטון, וואָס ער וועט זיין גאַנץ לעבן באַדויערן. ער האָט אַ כאַפּ געטון רעגינען פאַר אַ האַנט, נישט געוואָלט איר וויי טון, גע- זען ווי זי שאָקלט זיך אָפּ ווי נישט ער וואָלט זי אָנגעכאַפּט, נאָר אַ שרץ, האָט די רציחה אין אים אַזאַ ברען געטון, אַז רעגינע האָט זיך פון ווייטיק פאַרקרימט און איז וויס געוואָרן. ער האָט איר אונ- טערגעטראָגן זיין גרויס פּנים, ווו פון מויל און נאָז האָט געשלאָגן פּאַרע:

— ווו גייסטו, ווו?

— ווו כ'וויל. — האָט זי אַ צישע געטון מיט די שאַ'פּע ציין.

אין רעגינעס אויגן, וואָס האָבן זיך ביי איר צעשפּילט, פאַר- זיכערט, אַז זי איז אויף אַלץ פעיק, איז געווען נישט קיין מענטש- לעכע רויקייט. זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון וואָלפס הענט, זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן בייגיקער, די באַוועגונגען געשיקטער און די שיינקייט איז געלעגן אין אירע צעפּאַטלטע האָר, אין די אויגן, אין דעם האַלז, געוואָקסן מיט דער רישעות, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אַ רגע, צוויי, דריי. וואָלף האָט נישט אויסגעהאַלטן איר בליק און זיך דער ערשטער אַוועקגעדרייט. ער האָט נישט געזען ווו ער גייט, נישט געוווסט וווהין די פיס טראָגן אים, און אַז ער איז שוין געלעגן אויף זיין בעטל, איז נאָך אַלץ ביי אים אין די אויערן געשטאַנען איר געלעכטער, וואָס האָט אים געטריבן ווי מיט בייטשן. האָט זי געלאַכט? ער האָט נישט געדענקט, געלעגן מיט אָפענע אויגן, געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, וואָס מיט אים איז געשען.

קעגנאיבער, ביי אַ קופערט באַשלאָגן מיט בלעך איז געזעסן דער אַלטער לייזער אין זיין ווינטער-פּאַלטן, ווי ער וואָלט איצט גע- קומען פון גאַס און ביי אַ ליכט געציילט אין אַ טאָרבקע אַריין פּעניס. ער האָט עס געטון אין איילעניש, געציילט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט איבערגעחזרט אַ כישוף-שפּרוך, און וואָלף האָט ס'ערשטע מאָל פאַרדעכטיקט דעם אַלטן לייזער, אַז ער קלייבט נדבות.

ביים טיש האָט קופּעלט זיך געוויגט איבער אַן ענגליש ביכל,

געלייענט מיט אַ גמרא־ניגון און יעדע ווײַלע געקוקט אין ענגליש־יידישן ווערטערבוך. די ווערטער האָט ער אַזוי צעדרייט, אַז אַחוץ אים האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט.

אַ פּעדלערקע, וואָס האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט אַרײַנגערעדט אין לייבלען און די רייד אירע האָבן זיך נישט אויסגעשעפּט, מרה־שחורהדיקער געמאַכט די אַזוי אויך אָפּגעלאָזטע צימערלעך. און אַז די יידענע איז אַרויס, איז לייבל געבליבן שטיין בײַם גאַז־פּלעמל, עפּעס פֿאַרצייכנט אין זײַן דיק ביכל מיט חובות, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, צענומען די הענט, ווי ער וואָלט דערמיט אויסגעגלײַכט זײַנע אַלע חשבונות מיט דער וועלט, אָנגעריבן די פֿינגער אָן די נאַסע שויבן און מיט אַן אַנדער קול, אַ פֿרום קול, זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

דער דאָקטאָר איז אויסגעוואָקסן אין מיטן קיך. ער האָט אַרויסגעמאַכט די ברילן זײַנע אויפֿן שטערן און גענומען ציען די אײַנגעזעסענע גלידער, אַז די געלענקען האָבן בײַ אים געקנאַקט. ער האָט זיך צעגענעצט הויך און לאַנג, ווי ער וואָלט אַליין געווען אין הויז, און איז צוגעגאַנגען צום פֿאָטער:

— טאַטע, האָסט אפֿשר אַ פּאָר סענט?

לייזער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט נישט, אַז היינט איז נדערפֿרי האָט ער אים איבערגעלאָזט פֿופֿציק סענט, זיך דערמאָנט, אַז דער זון ענדיקט שוין און אים אַרײַנגעשטעקט אַ מטבע אין דער האַנט אַרײַן, ווי מען שטעקט אַרײַן אַ נדבה:

— אין שענקל שטייט אַ גלאָז מילך, דוד. טרינק עס אויס, ביסט לעצטנס אײַנגעגאַנגען אַראָפּ פֿון פּנים!

דער דאָקטאָר האָט צוריק אַראָפּגערוקט די ברילן אויפֿן נאָז, געשמייכלט, וואָס דער „אַלטער" האָט אים אין זינען און זיך אָפּגעשטעלט בײַ קופּעלטן:

— און איר, מיסטער קופּעלט, לערנט נאָך אַלץ ענגליש?

— צוביסלעך, דאָקטאָר. — האָט קופּעלט געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך און דווקא גענומען רעדן מיטן דאָקטאָר ענגליש, געוואָלט ווײַזן, וואָס ער קען.

דער דאָקטאָר, ווי ער וואָלט קופּעלטן נישט געוואָלט צוליב טון, האָט סתם אַזוי, נישט קלערנדיק, אים אַ פרעג געטון אין יידיש:

— און מיט די ספרים אייערע?

— כ'האָב שוין געשריבן מ'זאָל זיי מיר שיקן...

קופּעלטס ווערטער זענען געבליבן הענגען אינדערמיט, נישט געהאַט ווער עס זאָל זיי אויסהערן. דער דאָקטאָר איז אַוועק צו זיך. קופּעלט איז געבליבן זיצן אַ ווייל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, זיך איינגעהערט ווי לייבל דאַוונט פרום, און זיך ווידער גענומען פאַרן ענגלישן ביכל, געליי‍ענט אויף אַ קול אַ קינדער־מעשה וועגן אַ פּרינצעסין, וואָס איז איינגעשלאָפן און מען האָט זי נישט געקענט אויפוועקן.

וואָלפן האָט וויי געטון פאַר זיך. ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן ביי רעגינען חסרונות, אַ פאַרלאַנג זי מיאוסער צו מאַכן איז געוואָקסן אין אים. פון דער רעגינע, וואָס ער האָט ליב געהאַט, איז קיין זכר נישט געבליבן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ כיטרע מויד מיט אַ געשמדטן האַלז, וואָס איז אויף אַלעס פעיק. אַנדערש וואָלט זי אים אַזוי נישט אויסגענוצט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אים געטוישט אויף אַן אַנדערן, נאָר דערפאַר, וואָס יענער האָט געלט.

און וואָס מער ער האָט זי געוואָלט פאַרמיאוסן ביי זיך אין די אויגן, אַלץ שטאַרקער איז ביי אים געוואָקסן אַ רחמנות צו זיך, נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטון, אַזאַ אומרו איז אים באַפאַלן.

זרח איז אַריינגעקומען. וואָלף האָט זיך געוואָלט אויסדרייען, זיך מאַכן, אַז ער שלאָפט. עס איז געווען צו שפּעט. זרח איז שוין געזעסן ביי אים אויפן בעטל, און אין זיין קליינער האַנט, וואָס האָט זיך געהויבן איבער וואָלפס קאָפּ, איז געווען בלויז ביטול:

— כ'האָב נישט קיין נחת פון דיר, וואָלף!

— אַז אייער טאָכטער איז משוגע! — האָט וואָלף זיך געוואָלט פאַרענטפערן.

— יאָ משוגע, נישט משוגע, — האָט זרח שטילער גערעדט, — אַ שאָד, אַ שאָד. איך, זעסטו, האָב דיך געוואָלט פאַר אַן איידעם! טויגסט אָבער נישט. טויגסט נישט!

די לעצטע ווערטער האָט זרח געזאָגט, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי קופּעלטן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין טיפער

קעשענע אַ פּעקל איינגעוויקלט אין אַ דורכגענעצטער צייטונג:

— כ'האָב געקויפט פיש אויף שבת, ר' שלמה. איינמאָל פיש!

ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט קופּעלטן, צוגערופן לייבלען, לייזערן, און אַז זיי זענען צוגעקומען האָט ער אַרויסגענומען פון דער צייטונג אַ קאַרפּ און אים צעלייגט אויפן טיש.

יעדער האָט אַריינגערוקט זיין האַנט, מען האָט געהויבן דעם פיש פאַר די באַקן, געזען, צי ער האָט רויטע זשעברעס.

— מבינים מיינע, — האָט זרח זיך געפילט באַליידיקט, וואָס די יידן שמעקן דעם פיש, — אַז כ'האָב געקויפט דעם קאַרפּ, האָט ער זיך נאָך געוואָרפן!

— אַ פריש פישל, אַ פריש פישל, — האָט לייזער אַ כאַפּ געטון דעם קאַרפּ מיט דער צייטונג, געגאַנגען מיט אים אין קיך אַריין, — מיר וועלן אים אָנפילן.

— למען־השם, פאַרגעס נישט אַריינצוטון אַביסל צוקער! — האָט זרח אים נאָכגעשריגן, אַרויסגענומען בשעת־מעשה אַ גאָלדן רינגל, עס געדרייט אויף זיין קליינעם פינגער און עס אונטערגעטראָגן לייבלען.

לייבל מיט קופּעלטן האָבן זיך איינגעקוקט אין דעם שטיינדל, וואָס האָט געשטעקט אינעם פינגערל. לייבל האָט געזען, אַז עס איז אַ ברילליאַנטל, זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט, געטראַכט, ווייסט נישט זרח, איז ער, לייבל, נישט מחויב צו זאָגן אים. קופּעלט האָט זיך אָנגערופן:

— ס'איז דאָך אַ בריליאַנטל!

— און איר האָט געמיינט, כ'וויז אייך אַ גלעזל? — האָט זרח גערעדט צו קופּעלטן און אין זינען געהאַט לייבלען.

לייבל האָט זיך אַ קרום געטון אויף קופּעלטן, ווי ער וואָלט אים געקראָכן אין וועג אַריין און אַרויסגענומען ביי אים פון דער האַנט ס'פינגערל. ער האָט עס באַטראַכט ביים גאַז־פלאַם און אַ גלייכ־גילטיקער זיך געפרעגט:

— איר ווילט עס פאַרקויפן?

— כ'וויל עס פאַרמשכונען.

לייבל האָט אים צוריקגעגעבן ס'רינגעלע, און אין דער באַוועגונג פון דער האַנט איז געווען אַ גרינגשעצונג, ווי עס וואָלט זיך

נישט געהאַנדלט וועגן אַ בריליאַנטל, נאָר וועגן עפּעס אַ „בבל".
— כ'האָב ליגן צופיל משכונות.
— און קויפן? — האָט זרח געציילט די ווערטער.
— וויפל ווילט איר פאַר אייער אַנטיק?
— פופצן טאָלער!
— צען גיב איך.
— ס'איז אַ מציאה פופצן! — האָט זרח זיך געהאַלטן ביי זיינס.

ליבל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַז ער גיט נישט. זרח איז נישט צוגעשטאַנען. פאַרקערט, געווען נאָך גלייכגילטיקער פון לייבלען. ער האָט אַריינגעלייגט ס'פינגערל אין אַ שטיקל וואַטע און גענומען דערציילן אַ שפּאַס. באַלד אַריינגעצויגן צוהערער. און אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער שוין אַליין נישט געוווסט, וואָס איז אמת, וואָס נישט, געהאַלטן אין איין איבערחזרן זיינע אויסגעטראַכטע מעשיות, אַז ער האָט אַליין אָנגעהויבן אין זיי גלייבן.

לייבלען האָט ס'בריליאַנטל נישט געלאָזט רוען, מורא געהאַט, קופּעלט זאָל עס נישט קויפן, און ער האָט זרחן איבערגעריסן אינ-מיטן דערציילן.

— מאַכן מיר ביזנעס?
— נישט ביליקער, לייבל.
— קען מען וויסן, זרח, ווו איר האָט גענומען די מציאה? — האָט לייבל אים געוואָלט נעמען אויף זיכער.
— דאָרט, ווו איר נעמט אייערע! — האָט זרח געוויזן אויף לייבלס אייזערנער קאַסע.
— און צוועלף טאָלער? — האָט לייבל זיך אַ בייג געטון צו זרחן — אַ סענט נישט מער!

זרח האָט זיך צומאָל גישט אומגעקוקט, ווייטער אַריינגערעדט אין קופּעלטן, און אַז ער האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט לייבל מיט אַ קרעכץ אים אַריינגעשטעקט די פופצן דאָלאַר אין דער האַנט:
— וואָס זאָל איך מאַכן מיט אייך? גיט אַהער דאָס רינגל!

וואָלף האָט געוווסט, אַז זרח וועט לייבלען אָפּנאַרן. קען נישט אַנדערש, ווייל ס'איז ביי אים אין בלוט. ער האָט נישט געקענט הערן ווי דער קונצנמאַכער רעדט. אַלץ: — דאָס קול, די אויסשפּראַך,

דער געלעכטער, האָבן אים דערמאָנט אָן רעגינען. און אַז זרח איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, איז לייבל אַ בלאַסער אים נאָכ־געלאָפן, באַלד צוריקגעקומען מיט צעקרימטע אויגן אַרום דער נאָז, ווי אַ נישט־אויסגעגלייכטע וואָגשאָל:

— ער האָט דאָך מיך באַשווינדלט, פאַרקויפט מיר אָנשטאָט אַ ברילי־אַנטל אַ גלעזל!

— גוט אַזוי! — איז וואָלף אַראָפּ פון בעטל, אַ כאַפּ געטון דעם קאַפּעליוש מיטן פאַלטן און איז אַראָפּ אויף דער גאַס.

ער איז לאַנג געגאַנגען, געשניטן מיט די זייטיקע געסלעך, ווו מ'זעט ווייניק מענטשן. עס האָט אים געשפריצט אין פּנים אַריין. נישט געוווּסט, צי ס'איז אַ שטעכיקער שניי, צי אַ קאַלטער רעגן. זיין גרייס האָט אָנגעיאָגט אויף דורכגייער אַ שרעק, אַז מ'האָט אים פונדערווייטנס דערזען, איז מען איבערגעגאַנגען אויפן צווייטן טראָ־טואַר. און ער אַליין איז געווען אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד. פאַר קיין פאַל נישט געקענט צונויפנעמען די שטיקלעך געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פאַר זיינע אויגן. און וואָס מער וואָלף האָט זיך אָנגע־שטרענגט, אַלץ לייִדיקער איז ביי אים געוואָרן אין קאָפּ. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס דער נאַסער שניי פּאַטשט אין די אויגן אַריין, דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן טעמפּ, אויסגעצויגן און די אונטער־שטע ליפּ האָט געציטערט. מיט דער נאָז האָט ער דערשמעקט דעם מאַרק און געבליבן שטיין.

וואָלף האָט אָנגעקלאַפּט, אַליין נישט געוווּסט צו וואָס, און אַז ידידיה האָט אים געעפנט, איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט אַזוי פאַרקלייבן ווי דער קאַליקע, ווייט פון מענטשן.

ידידיה האָט זיך געדרייט אַרום וואָלפן אַ גליקלעכער, געבור־טשעט פון פרייד. וואָלף האָט אים אַרומגענומען מיט איין האַנט, גע־קלאַפּט אים אין דער פּלייצע, געפילט, אַז ידידיה איז דער איינצי־קער מענטש, וואָס איז אים געטריי און אַ רחמנות איז אים באַפאַלן אויף דעם קאַליקע, וואָס שלאָפט איינער אַליין צווישן די עופות.

און אַז ידידיה האָט אויפגערודערט דאָס פייער אין אייוועלע און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט מיט אַ שיפּעריי דורכן טירל, דורך די פּאַיערקעס, האָט

וואָלף מיטאַמאָל אָנגענומען ידידיהן פאַר אַ קני און שטיל געזאָגט:

— ידידיה, האָסט געקענט רעגינען?

— געקענט. — האָט זיך געעפנט זיין פאַרשטיקט קול הינטער די פאַרמאַכטע ליפּן.

— זי האָט מיך אַוועקגעוואָרפן.

וואָלף האָט אַריינגענומען דאָס פּנים אין זיינע שווערע הענט, געזעסן אַזוי אַ געבויגענער איבערן פייער, און אַז ער האָט די הענט אַראָפּגעלאָזט זענען די באַקן ביי אים געווען אויסגעשמירט מיט טרערן.

וואָלף האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען ידידיהן אַזאַ צע־טראָגענעם. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון פריער. דאָ האָט ער צוגעשאָטן קוילן, דאָ צוגעשטעלט טיי, זיך געדרייט אין אַ רעדל און נישט אויפגעהערט צו בורטשען, ווי אַ קעסל לאָזט פּאַרע.

די טעמפּקייט איז פאַרשווונדן פון זיין לענגלעך פּנים און אַ הינטישע איבערגעגעבנקייט האָט אַרויסגעפינקלט פון זיינע אויגן. ער האָט זיך מיטאַמאָל גענומען דרייען אַרום וואָלפן, די צונג עטוואָס אַרויסגעבלעקט, גלייך ער וואָלט זיך מיט איר געקליבן אָפּצולעקן וואָלפס הענט, דאָס פּנים, אָפּווישן די טרערן פון זיינע באַקן.

אַ פאַרשעמטער האָט ער זיך גענומען רוקן צו וואָלפן, ווי דע־מאָלט אין מאַרק, ווען מען האָט אים געבראַכט אַ כּלה. און ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט, האָט ער זיך צעברומט:

— רחלע...

— וואָס, רחלע? — האָט וואָלף אים געקוקט אין מויל אַריין.

— נעם אַ כּלה, — האָט דאָס פּנים ביי אים אויפגעלויכטן און פון גרויס באַגייסטערונג זיך גענומען דרייען אין אַ רעדל.

וואָלף האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ. איבער די פּלייצעס, ווי מע גלעט אַ שטוב־חיה, וואָס מען האָט ליב, און אים אַ שלעפּ געטון צו זיך:

— וואָס וועסטו אַליין דאָ נעכטיקן צווישן די עופות! קום היינט אַהיים.

## 4. פינחס

צייט פינחס איז געקומען צום שכל איז אין שטוב ביי זיי געווען אַ גיהנום. געקריגט האָט מען זיך איבער זיין שוועסטער חנה, אַ „פּאָבליק סקול"-לערערין, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „קריסטשען סייענס". די מוטער האָט געהאַלטן מיט דער טאָכטער און פינחס — מיטן פאָטער.

דער פאָטער, שבתי, האָט געקוקט מיט ביטול אויף איינגעזעסענע מענטשן. ער האָט זיך שטענדיק געאיילט, איז קיינמאָל נישט פאַרטיק געוואָרן מיטן טאָג און האָט געליטן, וואָס זיין לעבן ווערט צעטרעגצלט ביי זיך אין הויז, אין גאַס, אין חסידים-שטיבל.

זיין אויסזען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אַ הויכער, אַ ברייטער און אַז ער האָט זיך געטראָגן איבער די גאַסן, האָבן דורכגייער זיך גערוקט אָן אַ זייט, געמאַכט פּלאַץ.

ער האָט געקענט אָפּשטעלן אַן אומבאַקאַנטן, גענומען רעדן און אַז עס איז אויסגעוואָקסן אַרום אים אַ רעדל, האָט ער געשלעפּט אין די פּאַרקס, הינטער דער שטאָט, ווו די לופט איז ריינער, ס'אויג פרייער און דער מענטש ווערט נענטער צו גאָט.

שבתי האָט גערעדט וועגן גאָט, וועגן דער שכינה, וואָס איז אין גלות. ער האָט גערעדט מיט אַ ברען, מיט אַ רעש, מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט די אייגענע ווערטער, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון זיין מויל, נישט געוווסט ווען אויפצוהערן און אויסגעזען, ווי אַ טייך אין פרילינג, וואָס ברעכט דורך דאָס אייז.

און נישט איין מאָל האָט שבתי זיך געכאַפּט, אַז ער רעדט צו זיך אַליין. די שכינה, וואָס ער האָט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, נישט געקענט לעבן אָן איר, די שכינה איז דווקא דורך שבתין געוואָרן

וואָכעדיק, זיך אָפּגעטון פון אים. די צוהערער זענען זיך צעלאָפּן און שבתיס רייד זענען געפאַלן ווי אין אַ מדבר.

ער האָט געהאַט גרויס צער דערפון, געגומען אויסמיידן מענטשן און איז געוואָרן פרומער.

און כאָטש שבתי איז געווען אַ קליינער פאַרדינער, האָט מען פאַר אים אין שטוב גרויס דרך־ארץ געהאַט. און אַז דאָס ווייב, צי אַ לאַנדסמאַן איז צוגעקומען צו אים אינמיטן לערנען, האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, געקענט לאָזן וואַרטן אויף זיך אַ שעה צייט, נישט מפסיק געווען.

די טאָכטער האָט ער מדריך געווען איבער פופצן יאָר. געלערנט מיט איר חומש און מוסר־ספרים. ביים לערנען איז שבתי געשטאַנען איבער חנהן, וואָס איז בטבע געווען אַ פרומע, אָנגעוואָרפן אויפן מיידל אַזאַ שרעק, אַז זי איז שטענדיק אַוועקגעגאַנגען פון אים אַ פאַרוויינטע.

שפּעטער, אַז פּינחס איז אונטערגעוואָקסן, האָט שבתי די צוואַנציק־יעריקע טאָכטער איבערגעגעבן דער מוטער און אַליין האָט ער זיך גענומען פאַרן יינגל.

זיין מאַכט אין שטוב האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. און אַז די טאָכטער איז געוואָרן אַ „פּאָבליק סקול"־לערערין, געווען די איינציקע פאַרדינערין אין הויז, האָט נאָך אַלץ קיין יונגערמאַן נישט געטאָרט אַריבערטרעטן שבתיס שוועל. שבת, ווען ס'איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצורעדן אין שטוב אַן ענגליש וואָרט, האָט מען פאַר שבתין מיטן יינגל געגרייט אַ באַזונדערן טיש. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן געגעסן אין קיך.

אומדערוואַרט פלעגט דער פאָטער אַהיימברענגען אַן אַלמן צי אַ גרינעם בחור, געוואָלט די טאָכטער מאַכן פאַר אַ כלה.

מיט די יאָרן איז די טאָכטער געוואָרן פאַרביטערט, געטראָגן אַ האַס אויפן פאָטער. זי האָט געגלויבט, אַז איבער אים פאַרזיצט זי, דער האַס איז געוואָקסן. און מיטאַמאָל, ווי פון זיך, האָט די טאָכטער זיך אָפּגעשאָקלט פונעם פאָטער. זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט מיט אַזאַ שנאה צו אַלץ, וואָס איז יידיש, אַז שבתי האָט זיך דערשראָקן און אויף אַ ווייל איר נאָכגעגעבן.

אין האַרץ איז חנה געבליבן דאָס זעלבע פרומע מיידל. זי האָט זיך בלויז באַפרייט פון די פענטעס, וואָס דער פאָטער האָט געוויקלט אַרום איר אין משך פון אַזוי פיל יאָרן, און אַז עס האָט זיך אונ־טערגערוקט אירער אַ באַקאַנטער אַ „קריסטשען סייענס"־דאָקטאָר, האָט זי זיך איבערגעגעבן דער נייער תורה מיט לייב און לעבן.

שבתי האָט נישט געשוויגן. ער האָט איינגעלייגט וועלטן, גע־פירט מיט דער טאָכטער אַ לאַנגע מלחמה. קיין זאַך האָט נישט גע־האָלפן. און אַז דאָס ווייב איז צוגעשטאַנען צו דער טאָכטער, האָט שבתי זיך פון זיי אינגאַנצן דערווייטערט. ער איז עטלעכע מאָל אַוועק פון הויז, צוריקגעקומען צוליב פינחסן און האָט געשווירן קיין זאַך נישט נהנה צו זיין פון דער טאָכטערס פאַרדינסטן.

פינחס איז געווען דער היפוך פון דער שוועסטער. ער האָט געקאָנט אָפזיצן שעהן מיטן פאָטער, ליב געהאַט אים אויסצוהערן. די מעשיות זענען געווען אויסטערלישע, גאָרנישט געהאַט צו טון מיטן אַרומיקן לעבן. דאָס קול איז געוואָרן נידעריקער, דער אָטעם איינגעהאַלטענער, און פון דער באַהאַלטענער וועלט, וואָס האָט זיך געשפרייט פאַר פינחסן, האָבן נאָר געוווּסט דער פאָטער און ער.

דאָס יינגל איז געווען גליקלעך, ווען דער פאָטער איז מיט אים געגאַנגען אין אַ פאַרק, אָדער אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט. די שפאַצירן פלעגן זיי מאַכן פאַרנאַכט. מען איז פאַרקראָכן אין אַ וועלדל, צי לעבן אַ וואַסער. שבתי האָט זיך אויסגעצויגן מיטן בחורל אויפן גראָז, זיך געקייקלט מיטן יינגל, איז געוואָרן ווילד פון פרייד, גלייך דער שבתי, וואָס האָט ליב געהאַט צו פייניקן זיך און אַנדערע, וואָלט דאָ, צווישן הימל און ערד, מגולגל געוואָרן אין אַ צווייטן שבתי . אין שטוב האָט פינחס דעם פאָטער קיינמאָל אַזאַ פריילעכן נישט געזען.

איינע פון די נעכט, ווען פינחס איז געגאַנגען שפאַצירן מיטן פאָטער, איז אים געבליבן אויפן גאַנצן לעבן אין זיכרון.

ס'איז געווען הייס און שטיקנד. טאַטע און זון זענען פאַר־קראָכן אויף אַ לאָנקע לעבן אַ וועלדל, האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, געזען ווי ווייטע שטערן בלישטשען אויף. פון אַרום און אַרום האָבן זיך גענומען טראָגן שטילע קולות. די קלאַנגען זענען געקומען

פון ווערדל, פון דער לאַנקע, פון דער נאַכט, וואָס איז געהאָנגען איבערן קאָפּ, זיך גערוקט נענטער, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט טויזנטער אויגן.

שבתי האָט זיך צערעדט:

„... גאָט, דו ביסט איין-איינציק... האָסט אויך איין וועלט באַשאַפן... דעם מענטשן אָבער האָסטו צעשפּאָלטן, אים געגעבן אַ יצר-הרע און יצר-טוב. און וואָס איז יצר-טוב, אויב נישט געלייטערטער יצר-הרע? און וואָס איז תּשובה, אויב נישט קיין שטענדיקע מלחמה מיטן יצר-הרע?"

שבתי האָט שוין מער נישט גערעדט. זיין קאָפּ איז געלעגן אין דעם טרוקענעם, דורשטיקן גראָז, און מיט יעדן זיפץ, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, ווי זיין נשמה וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון גוף, האָט זיך פונאַנדערגענומען דאָס פּינצטערניש און די אויגן האָבן דערזען אַ העלקייט.

און אַז די שטערן האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער, געבליבן שטיין פאַר די אויגן, ווי בערג, האָבן פון פאָטערס רייד נאָך אַלץ געפינקלט ביי פּינחסן אין האַרץ שטערן, איינגעזאַפּט דאָס פּינצטערניש.

דער הימל האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן, גענומען פלאַצן איבער פּינחסעס קאָפּ, אויסגעזען ער צערייסט זיך — איין גוואַלדריס נאָכן צווייטן.

שבתי האָט אַ נעם געטון פּינחסן צו זיך, אים פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די פינגער, ווי אַ טאַטע פאַרשטעלט פאַר זיין יינגל דאָס דוכנען פון כהנים און צוויי מאָל איבערגעחזרט:

— קוק נישט! קוק נישט!

אַ שטיק פייער האָט זיך אַ שטעל געטון, אַרומגעכאַפּט די לאָנקע, דאָס ווערדל. און אין די אויגן האָבן זיך געצונדן בליצן ווי פאַרצווייגטע הירשן-הערנער.

פּינחס האָט מורא געהאַט צו קוקן, זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך אָבער געאַמפּערט מיט אים, נישט געוואָלט פאָלגן און פאַמעלעך, בגנבה, זיך געעפנט. ער האָט דערזען דורך דעם פאָטערס צעעפנטע

פינגער, ווי אַ געשטאַלט טראָגט זיך פאַרביי מיט בליצן און דונערן.

פון גרויס פּחד האָט פּינחס אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן פּאָטערס, פאַרשטעלט די שפּעלטלעך, ער זאָל נישט קאָנען קוקן. און אַז ער האָט די אויגן צוריק געעפנט, האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן דאָס פינצטערניש.

עס האָט געגאָסן אַ זומער־רעגן, פול געמאַכט די לופט מיט ריחות, וואָס זענען געלעגן אין די גראָזן, אין וועלדל.

באַשעפעענישן האָבן זיך געוועקט, זיך צעזונגען אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, פאַרהילכט שבתים ספקות, וואָס זענען צעשוומען, זיך אויסגעמישט מיטן רויש פון דער נאַכט.

און אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט, בלויז איינצלנע טראָפּנס זענען געפאַלן מיט אַ קלימפּער פון איין בלאַט אויפן צווייטן, און צווישן די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ שטערן, אַ צווייטער, איז פּינחס מיטאַמאָל, ווי פון זיך, דורכגענומען געוואָרן מיט אַ שטילער פרייד.

ער איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר.

אין דער ישיבה „ר׳ יצחק אלחנן״, ווו דער פּאָטער האָט אים אַריינגעגעבן, איז פּינחס נישט געווען פון די בעסטע תּלמידים. עס איז אים נישט געגאַנגען ער זאָל זיך אויסצייכענען, האָט קיינמאָל נישט געענטפערט, ווען אַ צווייטער האָט נישט געוווסט, און אַז מען האָט אים ווען עס איז אַרויסגערופן, זענען אַלע געווען איבעררראַשט פונוואַנען ער ווייסט. דערצו האָט ער זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, געבליבן אַ פרעמדער אין דער ישיבה, זיך נישט געקאָנט צוקלויבן קיין חבר.

אין די העכערע קלאַסן האָט פּינחס אויסגעפונען, אַז דער גרעסטער טייל פון די תּלמידים וואָלטן זיך צעלאָפן פון דער ישיבה, טייל האָבן זיך נישט געקאָנט איינרייסן מיט די עלטערן, אַנדערע האָבן נישט געוואָלט אָנווערן דאָס חודש־געלט, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דער ישיבה, און די וואָס זענען גערן געבליבן — איז עס געווען צוליב אַ תּכלית.

די צופרידנקייט פון די יונגע רבנים איז פּינחסן געווען דער־ווידער, נישט געקאָנט הערן ווי זיי רעדן מיט פּסוקים. ווייסן אַליין נישט וויפל צביעות עס ליגט אין זייער פרומקייט. אַלע באַציען זיך

מיטן זעלבן ביטול צום „אַלרייטניק", צו די פּאַרגעניגנס פון לעבן, און אין דער זעלבער צייט זוכט יעדערער אַ רייכן שידוך און נאָך אַ רייכערע „קאָנגרעגיישאָן", ווו צו ווערן רב. מען דינט גאָט פון זאַטקייט.

חדשים־לאַנג האָט פּינחס קיין רו נישט געהאַט, זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ הונגער, געזוכט אַ וועג, וואָס פירט צו גאָט. אַז די יונגע רבנים, די חברים זיינע, האָבן גאָר קיין גאָט נישט, דאָס איז מער ביי אים קיין ספק נישט געווען. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, זיך איבערגעגעבן דעם יצר־טוב, דעם יצר־הרע, זיך אַרומגעזען, אַז יעדער שאָטן האָט זיין ביסל ליכט.

פונקט דעמאָלט איז זיין מוטער געשטאָרבן. ס'הויז איז פונאַנדערגעפאַלן. דער פאָטער איז פאַרשוווּנדן, די טאָכטער האָט זיך געדונגען אַ שטיבל אין אַ פּאַרוואָרפענעם געגנט, זיך אינגאַנצן גענומען אָפּגעבן מיט „קריסטשען סייענס" און פּינחס איז געבליבן איינער אַליין.

דאָס זענען בלויז געווען אויסערלעכע סיבות, וואָס האָבן אים געשטופּט ער זאָל אויפהערן לערנען. אין אים האָט שוין לאַנג געשרפהט אַ פאַרלאַנג איבערצואַנדערשן זיין לעבן, איבערצורייסן די רצועות, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום אים פון קינדווייז אָן. און אַז פּינחס האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן רב, איז ער אינגאַנצן אַוועק פון דער ישיבה.

ער האָט זיך אַליין מער נישט דערקענט. דער רעש פון דער גאַס האָט אים מיטגעצויגן, נישט געלאָזט זיך פאַרטראַכטן וואָס מאָרגן וועט זיין און ער האָט געלעבט מיטן טאָג, מיט דער שעה.

ס'איז פאַרביי אַ חודש, צוויי. פּינחס האָט זיך אַזוי געענדערט, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געוואָקסן ביי שבתין אין הויז, קיינמאָל נישט געווען אין קיין ישיבה.

אַן אָפּגעריסענער, אַ הונגעריקער האָט ער זיך געדרייט איבער גאַסן און געסלעך, זעלטן עפּעס פאַרדינט. ער איז געשלאָפן, ווי הונדערטער אַנדערע, אין אַ פּאַרק, אין אַ קאָרידאָר, נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן, ווען ער האָט געקענט איבערנעכטיקן אין די קליידער אויף דער באָוערי פאַר פינף און צוואַנציק סענט. ער האָט זיך

אַרומגעזען, אַז צווישן מענטש און מענטש איז נישט אַזאַ אונטערשייד, דער גאַנצער תּהום ליגט צווישן שיינע קליידער און טראַנטעס.

ער האָט איצט מער געליטן ווי פריער. יעדער פאַרגאַנגענער טאָג האָט עפּעס געמאַכט ביי אים, געשטאַנען נע־ונד, ווי ער, פּינחס, זיך גערייצט: צוליב דעם האָסטו אַוועקגעוואָרפן ס'רבנות און פאַר דער אייגענער נשמה האָסטו שוין עפּעס געטון? ביסט געגאַנגען זוכן גאָט און האָסט זיך איבערגעגעבן דעם יצר־הרע אין די הענט, זינקסט אין קליינע תּאוות־לעך, וואָס עסן דיך אויף אינגאַנצן.

און ווער ווייסט, צי דער אמתער וועג, וואָס פירט צו גאָט, איז נישט דורך זינד?

האָט משה געזינדיקט. און אַז קורח האָט געוואָלט יושר — וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער ביי יידן? דאַרף מען אַ זינדיקערן ווי דוד? און צי זאָגט נישט די וועלט ביזקל היינטיקן טאָג זיינע תּפילות?

פאַר די אויגן האָט זיך געטראָגן ר' יונתן אייבשיץ, ווי ער איז געשטאַנען אויפן בעלעמער אינעם ווייסן קיטל. דער טלית איז געפאַלן איבער די אַקסלען, אַ לויזער, ברייטער אַרבל האָט זיך פאַר־בויגן און אַ ווייסע, דורכזיכטיקע האַנט האָט אויפגעפלאַטערט, זיך גע־שלאָגן „על־חטא". דער גאון האָט געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז ער האָט נישט געהאַט, האָט נישט און וועט נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די שבתי־צביניקעס. און ווען עמעצער וואָלט דעמאָלט צעקנעפּלט ביי ר' יונתן אייבשיץ די סאַמעטענע וועסט, וואָלט אויפגעהויבן דעם טלית־קטן — — — דער גאון האָט אויפן האָריקן לייב געטראָגן אַ צלם.

איינמאָל אַ פריייטיק־צונאַכטס, ווען פּינחס האָט זיך געשלעפּט אי־בער יידישע געסלעך, האָט אים אַ יונג מיידל אָפּגעשטעלט:

— העי, אייזמאַן!

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'מיידל האָט אַ טעות. איר קול און דער עיקר ס'יונגע, פרישע לייב האָבן גערייצט אין אים דעם הונגער. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שטים פון אַן איטאַליענער:

— וואָס ווילסטו?

— מיין מוטער איז נישט געזונט און די גאַז איז אויסגעגאַנ־גען. — האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן.

— וואָס וועסטו מיר געבן? — האָט ער איר איבערגעהאַקט די רייד.

— וויפֿל די מוטער גיט דיר שטענדיק: פֿינף סענט און שנאַפּס.

— אָל־ראַיט!

ער האָט זיך געשלעפּט נאָכן מיידל, געקוקט אויף אירע שמאָלע פּלייצעס, אויף די ברייטע באַקעס, וואָס האָבן אויסגעפּילט ס׳קליידל, זיך געוויגט בשעתן גייען און די הענט האָבן זיך ביי איר גע־הויבן זי אַרומצונעמען.

מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָט פּינחס אָנגעצונדן די גאַז.

— וואָס האָסטו געבראַכט אַ פֿרעמדן ערל? — האָט די מוטער זיך אַ הייב געטון פֿון בעט. זיך געערגערט. — דער וועט דאָך וועלן מען זאָל אים גלייך באַצאָלן און כ׳האָב נישט קיין פֿינף סענט.

— איר וועט מיר באַצאָלן זונטיק. — האָט פּינחס זיך אַ רוק געטון צו דער טיר, שוין געוואָלט אַרויסגיין און דערפֿילט אויף זיך אַ האַנט.

— איר זייט דאָך אַ ייד. — האָט ר׳ אברהמל אים באַגעגנט מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן.

פּינחס האָט געוואָלט זאָגן אַ ליגן, נישט געקענט און ער איז רויט געוואָרן.

— כ׳האָב נאָך אויך נישט געגעסן. מיר וועלן עסן צוזאַמען. — האָט ר׳ אברהמל אַ נעם געטון פּינחסן פֿאַר דער האַנט און צוגעפֿירט צום טיש.

פּינחס האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס ער זעצט זיך מיט דעם פֿרעמדן ייד צום עסן. דינה, דאָס מיידל, וואָס האָט אים אַרויפֿגע־בראַכט, האָט דערלאַנגט חלות, אַ פֿאַרווּנדערטע אַ קוק געטון אויף אים און זיך פֿאַרשעמט. פּינחסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קען שוין די מענטשן לאַנג, געזעסן ביים טיש אַן אויפֿגערוימטער, ווי איי־נער, וואָס קומט אויף מיט אַ גוטן חלום.

צו יענער צייט האָט זיך שלמה אונטערגערוקט, אַריינגעפֿירט פּינחסן אין אַ נייעם „קדשי־קדשים“. מיט אַ זיכערער און געשיקטער האַנט האָט שלמה געעפֿנט יעדעס קניפּל, יעדן פֿלאָנטער. פּינחס האָט אים ליב געקראָגן, געגלויבט, אַז דער אמת איז מיט שלמהן, איז

מיט די מיליאָנען אַרבעטער. ער האָט אים אָבער נישט געקענט מוחל זיין, וואָס אויף יעדער קשיא האָט שלמה אַ תּירוץ, איז צופרידן מיט זיין תּירוץ. שלמה ווייסט ווי נאָך וועלטן זענען געבוירן געוואָרן, ווייסט אויך, אַז גאָט איז אַ קינדישע איינרעדעניש, אַז אַ נשמה, און דערצו נאָך אַן אומשטערבלעכע נשמה, איז אַ בבא-מעשה. ער, וואָס איז אַזוי זיכער, אַז אַ נשמה איז געגליכן צו אַ קנויט פון אַ לאָמפּ, גייט אויס דער נאַפט, פאַרלעשט זיך די קנויט — דער זעלבער שלמה געפינט נישט קיין סתירה צווישן געאָמעטריע און פיזיק. שלמה טראַכט צו-מאָל נישט, אַז די געאָמעטרישע ע י ק ר י ם — פּינטלעך, ליניעס, פלאַכן — זענען אַן אומזין פאַר דער פיזיק, זענען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

און פונדעסטוועגן?

פונדעסטוועגן איז פּינחס נאָכן מיטינג ביי די האַפן-אַרבעטער אַוועק מיט פישלען אין דער אייזן-גיסעריי. ער איז געשטאַנען מיט צענדליקער נעגערס איבער שמעלץ, וואָס האָט געכוואַליעט, זיך גע-בלעזלט מיט פייער און רויך. די טרוקענע היץ האָט זיך געטראָגן מיט אַ סווישטש, צוגענומען די ראיה. פּינחס האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון פאַר אַ פּוס, פאַר אַן אַקסל, גלייך ער וואָלט געטראָפן גע-וואָרן פון אַ בליץ, און ער האָט זיך גענומען רוקן פונעם שמעלץ. די נעגערס האָבן זיך האַרציק צעלאַכט, געשלעפט די שטיקלעך גאַטקעס, וואָס האָבן קוים צוגעדעקט די לענדן. צווישן זייערע גלאַנציקע, צע-וואַקסענע לייבער האָבן פּינחסעס שמאָלע, ווייסע פּלייצעס אויסגעזען מיידליש, געצייצט. אַ נעגער האָט זיך אָנגערופן:

— כ'וועט, ס'איז אַ מיידל!

— דזשים איז גערעכט, ס'איז אַ מיידל! — האָט אַ צווייטער זיך צעלאַכט.

— מען קען אַ קוק טון. — האָט איינער פאַרקוועטשט אַן אויג.

פּליישיקע ליפּן האָבן זיך פאַרקאַטשערט, אָפּגעדעקט גרויסע, ליכטיקע ציין און דער צעגליטער חלל איז פול געוואָרן מיט הירזשען.

אַן עלטערער סקאַטלענדער, וואָס איז געשטאַנען לעבן פּינחסן, האָט אויסגעשפּיגן אַ פול מויל קיי-טאַבאַק:

— איך אויף דיין פּלאַץ, ביל, וואָלט דאָ נישט געאַרבעט.

— פאַרוואָס?

— צום אויוון וועט מען דיך נישט צולאָזן און דאָביים שמעלץ קען מען העלסטנס זיך אָפּבריען, נישט אַרויפאַרבעטן זיך.

— אויב אַזוי, וואָס אַרבעט איר דאָ? — האָט פּינחס זיך געפרעגט.

— איך קען זיך נישט העלפן, אין מיינע יאָרן איז שווער צו קריגן אַרבעט.

— דאָ ביי די פורעמס אַרבעטן דאָך אַפילו קינדער. — האָט פּינחס געוויזן אויף די דרייצן-, פערצן-יעריקע יינגלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווער מיטן פאָטער, ווער אַליין, און האָבן אַריינגעגאָסן טיגלען שמעלץ אין פורעמס.

— איך וואָלט מיינס אַ קינד ליבערשט געסמט, איידער אים אַהערגעבראַכט דאָ אין גיהנום אַריין! — האָט דער סקאָטלענדער זיך אַ בייג געטון צו פּינחסן, אים געוויזן אויף אַן איבערגעוואָקסענעם בעגער, וואָס איז געשטאַנען מיט זיין שמאָל יינגל האַרט ביים אויוון.

פון גרויס היץ האָבן טאַטע-זון געקראָגן „קישוי-אבר”, און די שטיקלעך גאַטקעס זענען געוואָרן ענג, געשניטן די לענדן. אַ צווייט בעגערל, וואָס האָט אויך געקראָגן „קישוי-אבר”, איז אויסגעוואָקסן מיט אַ טיגל שמעלץ.ביידע יינגלעך האָבן זיך באַטראַכט, זיך וווילעריש איבערגעוווּנקען, זיך באַגעגנט מיטן פאָטערס טרויעריקע אויגן, און אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

— ביסט דאַכט זיך אַ ייד, האַ? — האָט דער סקאָטלענדער נישט אָפּגעלאָזט פּינחסן — ווייסטו דאָך די מעשה, ווי נח האָט זיך אָנגעשיכורט און זיך אָפּגעדעקט. דאָ אין דער אייזן-גיסעריי וועסטו זען ווי טאַטעס דעקן זיך אָפּ פאַר די אייגענע יינגלעך און די יינגלעך פאַר די טאַטעס. דער מענטש קען זיך נישט העלפן, די היץ איז גרויס, נישט איבערצוטראָגן. דאַרף אָבער אַ טאַטע נישט זיין קיין „דעם-פּול” (נאַר) און מיטנעמען אַ דרייצן, פערצן-יעריק יינגל אין דער אייזן-גיסעריי. אַ נעגער האָט דאָך גאָר קיין שאַנד נישט, לאָזט נישט אַרויס יעזוסן פון מויל, און אַז ער צערעדט זיך, ווער איך, אַן אַלטער מאַן, רויט. און די קליינע „בעסטאַרדס” (ממזרים) הערן אַלץ אויס — — — אַן ענגלענדער, אַ סקאָטלענדער, אַפילו אַ ייד, וואָלטן

זייערע קינדער אַהער נישט געבראַכט — — — די אַלע, וואָס אַרבעטן דאָ, זענען סלאָוואַקן, אַ נידריקע ראַסע... און דו, ביל, — האָט דער אַלטער אַ נעם געטון פּינחסן פאַר אַ האַנט, — אַזאַ מאָגערער, אַנטלויף פונדאַנען, ווערסט סיי־ווי־סיי נישט אויסהאַלטן!

— כ'זאָג אויך אַזוי. — האָט אַן אירלענדער מיט אַ פאַרפּלאָמטער נאָז זיך אַריינגעמישט. — אַ ייד דאַרף גאָר עפּענען אַ שפּייז־געוועלבל, צי ווערן אַ פּעדלער, ס'איז לייכטער און מען קען זיך אַרויספאַרבעטן.

— זעסטו דאָך, — האָט פּינחס אַ בלישטש געטון מיט זיינע גרויסע, טיפע אויגן, — אַז ס'זענען פאַראַן יידן, וואָס זענען צופרידן צו אַרבעטן.

— ווו זענען זיי? — האָט דער אירלענדער זיך צעלאַכט.

— און איך?

— ביסטו טאַקע אַ נאַר!

— ער איז קלוגער פון דיר. — איז אונטערגעלאָפן פישל און גוט־ברודעריש אַראָפּגעלאָזט דעם אירלענדער אַ פּאַטש צווישן די ליד־קעס. — וואָס, וואָס, נאָר אירלענדער שיכּורים און כאַבאַרניקעס זענען נאָך אַלץ דאָ מער ווי יידן!

די אַרבעטער האָבן געלאַכט.

— נו, פּינחס, ווי אַרבעט זיך? — האָט פישל געזוכט ביים חבר די מראה אין פּנים.

— כ'שטיי קוים אויף די פיס.

— איז ער דאָך גערעכט, דער גוי. — האָט פישל געשמייכלט.

— אַז איך טויג נישט, טויגן אַלע יידן נישט. — האָט פּינחס קיין כּוח נישט געהאַט אַפילו צו שמייכלען. — און דו, פישל, דו אַר־בעטסט דאָך פאַר צוויי גויים.

— און מאָרגן? — האָט אים פישל אַרומגענומען — קומסט מאָרגן צו דער אַרבעט?

— כ'האָב מורא, אַז נישט.

פּינחס האָט אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס, נאָר צומאָרגנס איז ער קריק אַוועק צו ר' אַברהמלען. מעגלעך ר' אַברהמלס גוטע אויגן, זיינס אַ וואָרט און אפשר דינה — פּינחס האָט אויף אַ ווייל צוריקגע־פונען ס'גלייכגעוויכט.

## 5. דער ייד מיט דער שער

חייה־רבקה איז געזעסן צווישן פונאַנדערגעוואָרפענע זעקלעך מיט שמאַטעס און געלייענט אויפן קול מיט אַ תחינה־ניגון אַ ראָמאַן. דאָס צעקנייטשטע קינדישע פּנים איז געווען געהילט אין אַ דריי־עקיק טיכל פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען שיטערע האָר אָן אַ קאָליר. בשעת אין לייענען האָבן זיך די קאַרבן אויף איר צעקנייטשט פּנים אויסגעגלייכט און פון דעם קוילן־שטויב, וואָס האָט זיך דאָרט געקליבן, איז איר חושכדיק פּנים נאָך שוואַרצער געוואָרן.

רחלע, וואָס האָט סאָרטירט צודאַטן פאַר שניידערס, איז געווען בלאַס און בייגיק ווי אַ פלאַנץ, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אין אַ פּייכטן, פינצטערן קעלער, שפּראָצט אַרויס פון צוגעלעגענע גרינס. זי האָט געשלעפּט פון עק קנוילן שוטאַזש, שפּיצן, קאָלירטע סטענגעס, צעהאָנגען אויפגעוויקלטע בענדער אויף שטריקלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די צימערלעך און אַ פאַרטראַכטע, עטוואָס אַ מידע, זיך איינגעהערט, ווי די מוטער לייענט.

אויפן קוק האָט דאָס אָרעמקייט אַרויסגעשטאַרט פון יעדן ווינ־קעלע. עס איז נישט געווען קיין שטיקל מעבל ס'זאָל נישט האָבן אַ מום. אַ שטול איז געשטאַנען אויף דריי פיס, אין טיש האָט גע־פעלט אַ ברעט, דער שפּיגל, אָן אַלטער, אַ גרינלעכער, האָט געהאַט אינדערמיט אַ לאָך, טיף און שוואַרץ, ווי אַן אויסגעהאַקט אויג. אַרום דעם לאָך האָבן זיך צעשטראַלט שפּאַלטן און שפּעלטלעך, געמאַכט פונעם שענסטן פּנים אַ פאַרזעעניש.

די מוטער האָט געלייענט אויפן קול, הנאה געהאַט פון די ווערטער, וואָס האָבן זיך געקייקלט ביי איר פון מויל און אין מוח האָט זיך געפלאָנטערט, אַז דאָס, וואָס אַברהמל איז אַוועק פון הויז,

איז גאָר געווען צום גוטן. גאָט האָט צוגעשיקט זייטיקע מענטשן, וואָס זאָרגן פאַר איר. די פּאָר קונים, וואָס אַברהמל פּלעגט פאַרנאָכ־לעסיקן, האַלט אָן דער גרויסער משה, נעמט נישט פאַר דער טרחה קיין סענט. צייט ידידיה איז אַוועק אַרבעטן שיקט מען אַריין פון מאַרק אַן איי, אַן עוף. און מיט דינהן איז גאָר אַ גליק געשען. די זעלבע וואָך, ווען זי האָט געענדיקט האַי־סקול און איז אָנגעקומען אין קאָלעדזש, האָט זי געקראָגן אין „סעטעלמענט" אַרבעט. די מויד איז אָבער צעדרייט. גערעדט אין טאַטן, נו, טאַקע, וואָס דאַרף אַ מיידל אַ קאָלעדזש? און אויב שוין יאָ שטודירן — איז אויף לערערין... פאַרגלוסט זיך דינהן צו ווערן אַ פילאָזאָף!

חייה־רבקה האָט געוווסט, אַז דער רמב"ם איז געווען אַ פילאָ־זאָף, מענדעלסאָן אויך, און וועגן שפּינאָזען האָט זי געליינט אַ ראָמאַן. דער אייגענער פאַרגלייך האָט איר אויסגעזען אַזוי ווייט, נישט דער־גרייכבאַר און אין דער זעלבער צייט האָט איר עפּעס שטאַרק הנאה געטון, ווי די שיינע געזעלשאַפט וואָלט אָפּגעשוואַכט דער פאַראיבל אויף דער טאָכטער. ווייל אין תוך איז זי גאָר געווען צופרידן. די זעלבע חייה־רבקה, וואָס איז אַזוי בייז געווען אויפן מאַן, נישט געקענט אים מוחל זיין פאַרוואָס ער לערנט שטענדיק, זי אַליין האָט געקאָנט אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג איבער אַ ראָמאַן, פאַרגעסן אָן דעם הויז און אָן די קינדער.

זי האָט געליינט אויפן קול, געוויקלט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און הינטער די ווערטער האָט זיך געפּאַלדעוועט אַ געדאַנק, זיך צע־עפנט און חייה־רבקה האָט דערזען ווי דער מאַן שלעפּט זיך מיטן טלית־זאַק ערגעץ אויף אַ וועג. די באָרד קריכט אים אין גאַרטל אַריין, פלאָנטערט זיך מיטן באַוואָקסענעם לייב. אַ באַנדע יינגלעך טראָגן זיך נאָך אים, שרייען: „שיני, וויסקי, וויסקי!", שפּייען אים אין פּנים אַריין.

דער מאַן טרייבט נישט די קינדער פון זיך, שמייכלט, רעדט מיט זיי יידיש:

— קינדער, וואָס האָט איר צו מיין באָרד? אַ באָרד, קינדער, טאָר מען נישט רייסן!

— מאַמע! — האָט רחלע מיט אַ גלעט אַרויסגענומען די מוטער

פון איר וועלט און זי צוריק אַריבערגעטראָגן אין דער וועלט פון שמאַטעס — האָסט אַוודאי איבערגעמישט צוויי בלעטלעך! ס'לייגט זיך עפּעס נישט צונויף!

— יאָ, איבערגעמישט, טאָכטער. — האָט די מוטער אויפגעהערט לייענען. — אַז ס'מישט זיך מיר אין קאָפּ! און כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז ס'בוך הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן! און אַז אַ מענטש איז אָרעם, דערשלאָגן, דאַרף מען אים אַזוי צעשמירן, אַרויסטראָגן פאַר דער וועלט אויף טעלערלעך? דען, צוריקגערעדט, טאָכטער, אַז דו ווילסט, באַשרייבט ער דאָך אונזער ביסל צרות, — דעם טאַטן, מיך און אַפילו דיך, רחלע.

— ס'איז אָבער אמת, מאַמע!

— רכילות, טאָכטער, איז אויך אמת! און אַז אַ מענטש טרייבט רכילות איז טאַקע גאַנץ מיאוס! זעסט דען נישט וואָס פאַר אַ פּנים אונזער זרחל האָט? און נאָכקרומען עמעצן קאָן ער אויך!

— ער האָט שוין ווידער עמעצן אָפּגעטון אַ שפּיצל! — האָט רחלע זיך אָפּגערופן.

— אַ שיין שפּיצל. — האָט חיה-רבקה געשמייכלט. — ער האָט לייבלען פאַרקויפט אַ גלעזל פאַר אַ בריליאַנט. און לייבל שלעפּט אים צום טאַטן, וויל אים דווקא געבן אַ שבועה! כ'פאַרזיכער דיר, אַז זרחל וועט שווערן! און דיין רעגינע, מיינסטו, איז בעסער?

— וואָס עפּעס מיינע? — האָט רחלע אַ טרייסל געטון מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשאָקלט פון איר, — כ'שענק זי דיר אַוועק! זי איז אָבער אַ טייוול, מאַמע, נישט בחינם רייסן זיך איבער איר אַזוי פיל מענער!

— איבער יעדער אומליף רייסן זיך מענער. — האָט חיה-רבקה ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט צו פאַרמיאוסן רעגינען אין דער טאָכטערס אויגן. — זי איז דאָך פונדערהיים אַ דראָטן-גייערין! וואָס פאַר אַ ייד האָט צו טון מיט די לייט? אַז מען האַלט זיי גאָר פאַר קיין יידן נישט! און אַז אַזאַ מויד ווי רעגינע דערלעבט נאָך נישט אויפצוואַקסן, שלעפּט זי זיך שוין אַרום מיט אָפיצירן! האָב איך נישט געטענהט פון דער ערשטער מינוט, אַז ס'איז נישט קיין שידוך פאַר וואָלפן? און כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז כ'וואָלט איר געשאָנקען

די פּאָר טאָלער, וואָס עס קומט מיר פאַרן צימער, אַבי געגאַנגען!

דינה, פּינחס און שלמה, דורכגעווייקטע, מיט צעשמיסענע פּנימער פון קעלט, זענען אַריינגעקומען מיט אַ ווינט.

— האַלאָ!

— האַלאָ, מאַמע!

שלמה איז געבליבן אין קיך, צעוויקלט ס׳פּעקל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און אַרויסגענומען ברויט, פּוטער, געריכערטע פיש. ער האָט צוגעשטעלט טיי און זיך געפּאָרעט ביים אויוון.

— מאַך מיר דאָרט גאָרנישט טרייף, שלמה. — האָט חיה־רבקה אַריינגעשריגן אין קיך אַריין.

— זאָל גאָט אָפּהיטן!

דינה האָט אָפּגעצויגן מיט די פינגער די נאַסע האָר, וואָס זענען געווען צוגעקלעפּט צום שטערן, און אַ פּרייזלעכע זיך אַ דריי געטון אויף אירע מענערשע אָפּצאַסן.

אויגן האָט זי געהאַט גרויע, לאַכנדיקע, און נישט נאָר אויגן, די העלע האָר, ס׳פּנים, אַפילו די פלייצעס מיט די שטילע באַוועגונגען — אַלץ האָט געשמייכלט. ס׳פּנים, וואָס איז פול געווען מיט זומער־שפּרענקלעך, האָט געלויכטן, ווי אַ שטיק צעבליטע גריקע, קיין אָנבליק נישט געהאַט מיט רחלען, ווי זיי וואָלטן קיין שוועסטער נישט געווען.

— וואָס איז, מאַמע? — האָט דינה ווי אַ חברטאָרין, נישט ווי אַ טאָכטער, אַ נעם געטון ביי דער מוטער ס׳בוך און קוים איבערגעלייענט: „פאַרלוירענע מענטשן”.

— דער מאַמען געפעלט נישט ס׳בוך. — האָט רחלע זיך איבערגעקוקט מיט דער שוועסטער, און די מידקייט אויף איר פּנים האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן.

— מאַמע, נישטאָ אין בוך קיין פּרינצן? — האָט דינה געשיינט, און די יידישע ווערטער זענען ביי איר אַרויסגעקומען ווי ביי אַ קינד, וואָס לערנט זיך רעדן.

— לאַכט, לאַכט. — האָט די מוטער געקוקט אויף די טעכטער און געמוזט מיטלאַכן. — כ׳האָב מער בילער געלייענט פאַר אייך, און אָן פּרינצן...

— אָן פּרינצן, מאַמע? — איז דינה שוין געזעסן ביי דער מו־טער און זי אַרומגענומען — רעכן טאַקע אויס!

— כ׳וועל אויסרעכענען, כ׳וועל. — איז די קליינע מאַמע מיט־געריסן געוואָרן ווי אַ יונג מיידל, גענומען ציילן אויף אירע קורצע, אויסגעבויגענע פינגער, ווי ראָגאַלעס. — באַלד: „אהבת־ציון״ — איינס, יעצט „די געהיימניש פון פּאַריזש״—צוויי, „סודות״. פּונקט דאָס? כ׳האָב געליינט ספּעקטאָרן, שלום־עליכמען, טענענבוימען, שמ״רן. און דינעזאָנען נישט? יעצט גויישע — ווער קאָן זיי אַלע אויסרע־כענען! זאָלען, וויקטאָר הוגען, דניאל דאָראָנדען...

— האָט איר טאַקע אויסגערעכנט דריי ראָמאַנען מיט פּרינצן!— האָט פּינחס זיך נישט איינגעהאַלטן און די אויגן האָבן ביי אים געשמייכלט.

דאָס צימערל מיט די קאָלירטע סטענגעס איז פול געוואָרן מיט געלעכטער, זיך געטראָגן פון די מיידלעך מיט אַזאַ פרישקייט און יונגקייט, אַז דער דלות האָט נישט געמינערט די פרייד.

די מוטער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון דער טאָכטער, זיך אויפגעשטעלט, גענומען מאַכן מיט די הענט, ווי זי וואָלט דערמיט אַוועקגעטריבן דאָס לצנות.

— פּטור, נו, פּטור! ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק, דינה?

— מאַמע, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן. — איז דינה אויפגעשפּרונגען. — כ׳האָב פאַר דיר נייעס!

— נייעס? — האָט די מוטער איבערגעפרעגט.

דינה האָט אַ נעם געטון פּינחסן און אים אַרויסגעפירט אינמיטן שטוב:

— לאָז ער דערציילן!

ערשט איצט, ווען דינה האָט גענומען די מוטער אונטער דעם אָרעם, האָט פּינחס באַמערקט, אַז זיי זענען שטאַרק ענלעך, די מו־טער האָט געהאַט די זעלבע אויגן, נאָז און שטערן. אַפילו די האָר זענען געווען די זעלבע, נאָר אָפּגעשוירן. און ביי דער גאַנצער ענ־לעכקייט איז געווען אַזאַ מהלך צווישן מאַמע־טאָכטער. די מאַמע איז געווען מיאוס, קיין איין גליד נישט דערוואַקסן, ווי עס וואָלט ביים געבוירן געקראָגן אַ קנייטש, צעדרייט געוואָרן. די טאָכטער איז

געוועז שיין און אפשר נישט אַזוי שיין, ווי עס האָט זיך געוואָלט קוקן אויף איר.

פינחס האָט זיך פאַרשעמט פון אייגענעם פאַרגלייך און זיך אָנגערופן:

— ר׳ אברהמל קומט מאָרגן צוריק אַהיים.

— וואָס ער קומט, איז ווייניק. — האָט חייה-רבקה געלאָזט שטיין דינהן און אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט. — כ׳וועל אים אָבער נישט אַריינלאָזן! ס׳איז נישט הפקר! וויל ער — גייט ער, וויל ער — קומט ער. איך דאַרף אויך וועלן!

— שרייסט, מאַמע, שרייסט, און אַ טשאָלנט מיט אַ געוויקלטן קוגל וועסטו מאַכן דעם שבת! — האָט דינה זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ יינגל.

— כ׳זאָל אַזוי פון קיין צער נישט וויסן, — האָט זי זיך געעדותט מיט די קינדער, — צי כ׳וועל אים אַריינלאָזן!

— שווער נישט, מאַמע, שווער נישט. — האָט דינה זיך פאַרשטעלט די אויערן.

— חייה-רבקה האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך. און כאָטש זי האָט געקליבן די עוולות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון אברהמלען, געקליבן פון דעם ערשטן טאָג, וואָס זי האָט מיט אים חתונה געהאַט און ביי יעדער געלעגנהייט אים פאָרגעוואָרפן, אַז עס איז פאַר איר קיין שידוך נישט געווען, — האָט חייה-רבקהן פונדעסטוועגן וויי געטון פאַרן מאַן, וואָס קומט-אָפּ אין בית-המדרש, זיך געשעמט עס אַרויסצוווייזן פאַר די קינדער. זי האָט דערזען לעבן זיך דינהן און האָט זיך אַ בייג געטון צו איר:

— געלעכטערס אָן אַ זייט. זאָג דיין טאַטן, דינה, אויב ער וועט זיך נישט נעמען צו מיסחר, מעג ער ווייטער זיצן אין בית-המדרש.

— דאָס וועסטו אים שוין זאָגן, מאַמע. — האָט דינה געשפּאַסט.

— זע בעסער, עס זאָל זיין פיש אויף שבת!

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

ס׳איז אַריינגעקומען אברהמלס אַן אַלטער חסיד, אַ גאַליציאַנער שוסטער אין אַ לאַנגן כאַלאַט, אויפן קאָפּ אַ רבניש קאַפּעלושל און מיט אַ פּנים, וואָס שרעקט איבער קינדער. ער האָט אַ קוש געטון די מזוזה,

אוועקגעלייגט אויפן טיש אַ ספר און זיך אוועקגעזעצט ווי אַ בן-בית:
— כ'בין געקומען צו אייך מיט אַ שליחות.
— פון וועם? — איז חיה-רבקה געוואָרן נייגעריק.
— פון אייער מאַן. — און דעם יידס פינצטער פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אומדערוואַרט צעלאַכט. — אָט איז דאָך פּינחסל! ר' אברהמל האָט היינט געפרעגט אויף דיר. וואָס איז דער מער, וואָס מען זעט דיך נישט? ביסט שוין עטלעכע טעג נישט געווען אין בית-המדרש.
— ר' אברהמל האָט געפרעגט אויף מיר? — האָט פּינחס אַ פאַרזאָרגטער זיך איבערגעפרעגט.
דער ייד האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, פאַרעקשנט געקוקט אויפן וואַסערל, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום זיינע פאַרשנייטע שיך און עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס, וואָס ער קלויבט זיך זאָגן, קומט אים אָן שווער.
— כ'וויל דיר נישט זאָגן קיין מוסר, פּינחסל, אין פאַרגלייך מיט דיר בין איך אַן עם-הארץ, כ'וויל דיר בלויז דערמאָנען, אַז ס'איז נישט גלייך אַ מאַנסביל זאָל זיין איינער אַליין צווישן נשים. ווייסט דאָך בעסער ווי איך, אַז „אין אפטרופוס לעריות".
— פּינחס איז נישט דער איינציקער מאַנסביל דאָ, — האָט דינה געוויזן אויף שלמהן, וואָס איז אַריינגעקומען פון קיך און זיך געהאַלטן אין איין באַלעקן.
— קיינער פרעגט ביי דיר נישט, דינה. — האָט דער שוסטער זיך אַ וואָרף געטון.
— זענט איר דאָך טאַקע אַ בייזער ייד. — האָט שלמה זיך נענטער אַ רוק געטון.
דער פרעמדער, וואָס וואָלט זיך אין גאַס געוויס דערשראָקן פאַר שלמהן, האָט דאָ אין שטוב אַ קוק געטון אויף אים מיט ביטול און נישט געענטפערט. ער האָט גענומען סאָפּען, געוואָרן רירעוודיקער, ווי אַ פרומער ייד, וואָס גרייט זיך פאַר אַ מצווה. ער האָט געעפנט דאָס ספר און אַרויסגענומען אַ לאַנגע שער. די שטוביקע האָבן זיך איבערגעקוקט, געשטאַנען איבערגעשראָקענע. דער ייד האָט אויסגעבויגן אַ פאַרקנייטשטן בלאַט און אָנגעהויבן לייענען:
— „... אַז אַ ווייב גייט אין די אייגענע האָר, קומען אַלע

פורעניות אויפן הויזגעזינד״... איר הערט? ווייסט איר שוין פאַרוואָס איר האָט געבוירן אַ קאַליקע? דאָס האָט מיך אייער מאַן אַהערגעשיקט. געהייסן אייך וויזן דעם דין, נאַט, דאָ האָט איר אַ שער, נעמט און שערט אָפּ די האָר. שוין צוויי טעג, ווי ס׳לאָזט ר׳ אברהמלען נישט רוען...

— גייט שוין אַרויס פונדאַנען!—איז רחל אויפגעשפרונגען—גייט!

— טאָכטער, דו מיש זיך נישט.

די מוטער האָט געעפנט די טיר:

— שלאָגט אייך קאָפּ אָן וואַנט מיט מיין משוגענעם מאַן צוזאַמען! אַזאַ העזה!

פּינחס איז אַריין צווישן חיה-רבקהן און דעם פרעמדן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נישט געפונען ס׳פּאַסיקע וואָרט און זיך געבעטן:

— מען דאַרף נישט טרייבן, אָט גייט ער אַליין!

דער גאַליציאַנער ייד האָט אַריינגעלייגט די שער אין ספר און זיך גענומען אַרויסשאַרן. די מוטער האָט אים נאָכגעשיקט קללות, און אַז ער איז אַרויס, האָט זי צענומען די הענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ צו דינהן:

— ווערסטו מיר זאָגן, אַז דער מענטש איז ביים שכל?

רחלע האָט זיך פון ערגערניש צעלאַכט, אויפגעהערט, זיך דערמאָנט אָן דעם ייד מיט דער שער, ווידער געלאַכט. די מוטער האָט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף דינהן געבן עסן, זיך צוריק געזעצט צווישן די שמאַטעס און זיך שטיל צעוויינט.

אין צווייטן צימער האָט דינה געלאַכט, נאָך איצט געווען לוסטיקער ווי פריער. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן דער מוטער, זי איינגענומען, ווי מ׳נעמט איין אַ קינד:

— אַז דו מאַכסט פון אַלעס אַ וועזן, מאַמע! ס׳איז ס׳ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע הייסט דיר אָפּשערן די האָר? נו, געווג, מאַמע, גענוג. — האָט די טאָכטער גענומען קושן די מוטער.

דינה האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ סאַמעטל, אַרומגענומען דערמיט דער מאַמעס שיטערע האָר, אויסגעבונדן אַ שלייף. חיה-רבקה מיטן פאַרעלטערטן פּנים האָט זיך גענומען ווערן, נישט אויסגעהאַלטן און דאָס פאַרוויינטע פּנים איז פול געוואָרן מיט געלעכטער.

— לאָז, משוגענע, לאָז...

## 6. ביי ר׳ אברהמלען אין הויז

וואָלף מיט ידידיהן זענען געגאַנגען אַהיים.

באַרג אַרויף, ווו די גאַס איז געווען נאַס און גליטשיק, האָט זיך געשלעפּט אַ ייִד איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע מיט פיר רעדער, די זעק, איינגעשנורעוועטע מיט שטריק, זענען געווען אַזוי הויך אָנגעלאָדן, אַז זיי האָבן מיט דער אייגענער משא געקענט איבערדרייען דאָס וועגעלע. און יעדעס מאָל, ווען דער איינגעשפּאַנטער האָט אַ שלעפּ געטון דעם וואָגן, האָבן זיך די רעדער אַ גליטש געטון אויף צוריק, אים מיטגעשלעפּט, און דער ייִד, אַ געפּענטעטער, האָט מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן די משא.

אַ פּאַרע האָט געשלאָגן פון זיינע קליידער, פונעם פּנים. די צעכמאַליעטע באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן גבורה, האָט זיך געשפּאַרט אַזש אין די אויגן אַריין, געוואָרן איינס מיט די פּאות און עס האָט נאָר געפעלט אַ פּאָר הערנער, ער זאָל אויסזען, ווי אַ געצנדינערשער גאָט.

ידידיה האָט אָפּגעשטעלט וואָלפן, אים געוויזן אויפן וועגעלע מיט שמאַטעס און זיך צעברומט:

— משה!

— האַלאָ, ר׳ משה! — איז וואָלף אַראָפּ פון טראָטואַר, צוגעלייגט ביידע הענט און דאָס וועגעלע האָט זיך געטראָגן מיט אַ סקריפּ באַרג אַרויף.

ידידיה האָט זיך נאָכגעשאַרט, זיך געהאַלטן ביי די הייזער און די ליימענע פּיס זיינע, ווי זיי וואָלטן קיין שייכות נישט געהאַט מיטן גוף, האָבן זיך געוויגט ווי ביי אַ שיכּור.

דאָס וועגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער גרויסער משה האָט

באַגלאָזט דעם שטריק, זיך אויסגעגלייכט און זיין הייך און ברייט האָבן אָנגעיאָגט אַ פחד. מען האָט געוואַרט אויף ידידיהן.

— זעסטו, וואָלף, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט? — האָט משה אַ נעם געטון וואָלפן פאַר אַן אַקסל, ווי אַ דערוואָקסענער נעמט אַרום אַ יינגל — אַפילו דיר, אַזאַ זינדיקן ייִנג, האָט גאָט צוגעשיקט אַ מצווה! האָסט דאָך אַמאָל געלערנט חומש, געגאַנגען אין חדר אַריין אויך?

וואָלף האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר, געטראַכט ווי אַ דריי צו טון דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש און איז אַריין משהן אין די רייד:

— אַוודאי געלערנט, און וואָס הערט זיך, ר׳ משה? וווהין שלעפּט איר זיך מיט דער סחורה?

— ס׳איז נישט מיינע. — האָט משה נישט-ווילִיק געענטפערט. — ס׳איז ר׳ אַברהמלס. ער קומט שוין אַהיים. פיר איך אים אָפּ די סחורה.

ידידיה איז צוגעקומען, זיך אָנגעהאַלטן אָן די שטריק, וואָס אַרום די זעק און דאָס וועגעלע האָט זיך גערירט.

— וואָס, ר׳ אַברהמל קומט טאַקע צוריק? — האָט וואָלף אָנגע-כאַפּט דעם דישעל און ביידע זענען געגאַנגען, ווי אין שפּאַן.

משהן האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט וואָלפן אין אַ שמועס.

זיינע אויגן, פינקלדיקע, אויסגעהונגערטע, האָבן געהאַט אין זיך עפּעס, וואָס האָט נישט פאַרגונען, שטענדיק גרייט געווען צו רודפן דעם, וואָס איז נישט געגאַנגען אין זיינע, משהס, דרכים. וואָלפס פּנים, וואָס האָט נישט געהאַט קיין סימן פון קיין באָרד, האָט אים אויסגעזען מגושמדיק, ווי עס וואָלט פאַרלוירן דעם „צלם אלקים", און משה האָט זיך געחידושט, צו וואָס לעבט אַזאַ ייִנג ווי וואָלף אויף דער וועלט. ער האָט אים אַ פרעג געטון, פון דער העלער הויט:

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה, וואָלף?

— האָט איר עפּעס אַ שידוך פאַר מיר, ר׳ משה?

— פאַר אַ מחלל-שבת האָב איך נישט!

— ווער איז אַ מחלל-שבת, ר׳ משה? — האָט וואָלף איינגעהאַלטן

ס'וועגעלע — צייט כ'בין אין ניו-יאָרק האָב איך נאָך קיין איין מאָל נישט פאַרפעלט צו דאַוונען!

— ווייסטו, אַז אַ ייד טאָר זיך נישט גאָלן די באָרד? — האָט משה אַ שלעפּ געטון מיט די ברייטע פּלייצעס דעם שטריק און גע-נומען פאָרן ווייטער.

— וואָס פאַר אַ יונגער מענטש גאָלט זיך נישט אין אַמעריקע?— האָט וואָלף זיך פּרובירט פאַרענטפערן.

— דערפאַר איז עס דאָך סם! — האָט משה פאַרקוועטשט די ציין — מען וועט אָבער בראָטן און ברענען, וואָלף! און פאַר יעדער אָפּגעגאָלטער האָר! ווייל וויסן זאָלסטו, אַז די האָר פון דער באָרד, דאָס זענען גאָר קיין האָר נישט. ווי זאָל איך דיר זאָגן, דו זאָלסט פאַרשטיין? דאָס זענען דינע פּעדים, וואָס פאַרבינדן דעם מענטש מיטן רבונו-של-עולם, און גאָלסטו אָפּ אַ האָר, ווערט די שפע, וואָס קומט פון גאָט, געמינערט, פאַרשיטסט גאָטס קוואַל מיט די אייגענע הענט. און אַז דיין פויערישער שכל, וואָלף, וועט פרעגן אַ קשיא: — ס'טייטש? גאָלט זיך אַ וועלט מיט יידן און מ'איז רייך, מ'הולטאַיע-וועט, און דער גרויסער משה, דער אָפּגעהיטער ייד, איז איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע מיט שמאַטעס, ווי אַ פערד? איז דער תירוץ, אַז דו און טויזנטער אַנדערע ווי דו, וואָלף, זענט אַזוי אַריינגעטון אין שמד-שטיק, אינגאַנצן אָנגעוווירן דעם „צלם-אלקים", אַז איר קענט נישט פאַרשטיין, וואָס איך וועל אייך זאָגן. אייער גאַנצער „האָרי-אָפּ" מיטן „גוד טאַים" איז ביי מיר אַ קינדער-שפּיל. מען פטרט אַ לעבן, מען יאָגט זיך נאָך אַ צאַצקע, וואָס מען קען זי קיינמאָל נישט כאַפּן, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָבן ביי מיר אַזעלכע מענטשן? געדענק אָבער, וואָלף, מען וועט בראָטן און ברענען!

וואָלף, וואָס האָט יעדן טאָג געדאַוונט, געגלויבט, אַז אין דעם זכות וואַקסט זיין באַנק-ביכל און ער פונדעוועט זיך איין, איז איצט געגאַנגען אַ צעטראָגענער. ער האָט מער נישט געוווּסט, וועמען צו גלייבן, צי דעם באַנק-ביכל, צי דעם גרויסן משה, וואָס רעדט אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און פון וועמעס רייד עס איז ביי אים בלויז געבליבן, אַז מען וועט בראָטן און ברענען.

זיי זענען צוגעפאָרן צום הויז, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען

אָפּבינדן די זעק. אַרום ידידיהן האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן קעץ.

— ס'זיצט אין דיר אַ נישט־גוטער, ידידיה, אַנדערש וואָלטן די קעץ אַזוי נישט געקלעפּט אַרום דיר. — האָט משה אַװעקגעזעצט דעם קאַליקע אויפן װעגעלע, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף די פּלייצעס אַ פּאַק מיט סחורה און זיך אויסגעדרייט צו וואָלפן. — און דו, וואָלף, טראָג אַריין די זעק מיט שמאַטעס אין קעמערל.

אַז וואָלף איז פאַרטיק געוואָרן און איז אַריין צו חיה־רבקהן אין קיך, האָבן די שטוביקע, וואָס זענען געזעסן אין דריטן צימער, אים נישט באַמערקט. די מוטער, די מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט ידידיהן, אים אויסגעפרעגט. און עס איז געשען אַ נס — דער אייזל האָט אָנגעהויבן רעדן, ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג האָבן זיך געשפּאַרט מיט אַ וואָרקעריי ביי ידידיהן פון האַלז. און אַז די ווערטער האָבן אָנגעהויבן צו קומען גיך, איינס נאָכן אַנדערן, זיך פאַרענדיקט מיט אַ קוויטש, איז עס מער נישט געווען קיין לשון, נאָר אַ גודעריי פון עופות. די אַרומיקע האָבן זיך איינגעהערט, זיך געפרייט, ווי אַ מאַמע פרייט זיך פון איר קינדס פּלאַפּל, וואָס זי אַליין פאַרשטייט אים

דער גרויסער משה האָט אַראָפּגענומען פון אויוון אַ טאָפּ מיט קרופּניק, זיך אָנגעגאָסן אַ שיסל און געגעסן מיט ברויט. זיין לאַנגע באָרד מיט די וואָנסן האָבן זיך געפּלאָנטערט אין דער שיסל, גע־שטערט עסן. ער האָט געשלונגען אין איילעניש, נישט צעקייט, ווי ער וואָלט פונעם עסן נישט געוואָלט הנאה האָבן. און אַז דער לעפל האָט שוין נישט געהאַט וואָס אָנצושעפּן, האָט משה אַ רוק געטון פון זיך די שיסל, איינגעהילט ס'פּנים אין דער שוואַרצער באָרד און אַ פאַר־שטיקט וויינענדיק בענטשן האָט זיך געטראָגן איבער דער קיך.

וואָלף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעט, וואָס איז געלעגן איבערן קוילן־קאַסטן. געקוקט אויפן גרויסן משה און נישט געוווסט פאַרוואָס ס'קוועלט אים ביים האַרץ. די זיכערקייט האָט זיך ביי אים אַ וואַקל געטון. קיין זאַך איז מער נישט קלאָר געווען, געזען אַלץ, ווי דורך אַ פאַרע. און וואָס לענגער ער איז געזעסן אַליין אין קיך, אַלץ פאַרלאָזענער האָט ער ביי זיך אין די אויגן אויסגעזען און די איי־גענע גרייס האָט גענומען זינקען אין אים. אין פאַרגלייך מיט משהן,

וואָס האָט געבענטשט, אַז מען האָט געקענט ציילן יעדעס וואָרט, האָט וואָלף זיך דערפילט קליין.

משהס רייד זענען נאָך אַלץ געבליבן אַזוי אומפאַרשטענדלעך פאַר וואָלפן ווי פריער. די פרעמדקייט איז אָבער אַוועק. צי דערפאַר וואָס וואָלפן איז געווען שלעכט, צי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערפילט זינדיק, ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער געוואַרט משה זאָל אָפּבענטשן און זיך פונאַנדעררעדן, ווי ער האָט גערעדט מיט אים אויפן גאַס.

נאָכן בענטשן איז משה געבליבן זיצן אַ ווייל ביים טיש, ס׳פּנים אין די הענט און דורך זיינע פאַרקוועטשטע ליפּן האָט זיך געטראָגן אַ זשומעריי.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעשאָקלט די קרישקעס פון דער באָרד, צומאָל נישט באַמערקט וואָלפן און איז אַריין אין צווייטן צימער.

פינחס האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם קאַליקע. ידידיה האָט זיך פאַר דעם האַלבן יאָר, וואָס ער איז געווען אין מאַרק, אינגאַנצן געענדערט. די קריידלעך אויפן פּנים, וואָס האָט אָנגעהויבן פולער צו ווערן, זענען געוואָרן שיטערער. דאָ אַ האָר, דאָרט אַ האָר, ווי עס טרעפט ביי ווייבער עקרות מיט מאַנסבילשע פּנימער. דאָס קול האָט זיך ביי אים געביטן, זיך פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש ווי ביי אַ האָן, ווען מען רייסט אים איבער דעם קריי. ער איז געשטאַנען אַ צעשמאָלצענער, זיך געלאָזט גלעטן פון דינהן, פון רחלען, זיך בלויז געשעמט, וואָס פינחס קוקט און יעדע ווילע געוואָרפן אויף אים אַן אויג. און אַז פינחס האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגעדרייט, גערעדט מיט משהן, האָט דער קאַליקע נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין וואַרפן מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס האָט מורא, מען זאָל אים הינטערוויילעכס נישט אַ קלאַפּ טון.

— כ׳האָב היינט מיט אַן אמת פאַראיבל געהאַט אויף דיר, פינחס.

— האָט משה אים אַריינגעשפאַרט אין אַ ווינקל, זיך אָנגעלענט מיט די הענט אָן דער וואַנט, אַז מען האָט פינחסן נישט אַרויסגעזען.

— אויף מיר? — האָט פינחס איבערגעפרעגט.

— אַז מען האָט יאָ אַזאַ טאַטן, ווי לאָזט מען נישט פאַלן

אַ וואָרט? ווי איז אַ מענטש אַזוי פאַרשלאָסן? — האָט משה געהאַלטן אין צוקלויבן ווערטער, געוואָלט פּינחסן אי אויסרעדן, אי נישט באַליידיקן.

— כ׳האָב שוין חדשים דעם טאַטן נישט געזען. — האָט פּינחס זיך גענומען פאַרענטפערן, ווי ער וואָלט מיט אַן אמת שולדיק געווען.

— איז עס טאַקע אַן עוולה, פּינחס, אַ גרויסע עוולה. — האָט משה זיך געקוקט אין דער באָרד אַריין. — קענסט דאָך הענעכן, וואָס האָט די סאָדע-פאַבריק? ער איז געווען ביים טאַטן, און וואָס הענעך דערציילט זיך אָן!

— ווו האָט ער געכאַפּט דעם טאַטן? — האָט פּינחס אַרויסגעוויזן אַ נייגעריקייט — דער טאַטע זיצט דאָך זעלטן אויף אַן אָרט?

— וואָס פרעגסטו, פּינחס! ערגעץ אין אַ וואַלד, אין אַ הייל, — האָט משה אָנגעהויבן מיט אַן אומגעהייעריש קול, — צוויי מעת-לעת האָבן זיי אים אַרומגעזוכט אין וואַלד, כ׳מיין הענעך מיט נאָך חסידים, און אַז זיי האָבן אים געפונען, האָט ער זיי נישט געוואָלט אויפנעמען, צומאָל די אויגן נישט געוואָלט אויפהויבן פונעם ספר, ווו ער האָט אַריינגעקוקט. די חסידים זענען צוגעשטאַנען:

— סטייטש, נאָך אַזאַ שווערע נסיעה? יידן האָבן איבערגעלאָזט הייזער, פאַרמעגנס, שלעפן זיך שוין צוויי מעת-לעת אין וואַלד?

האָט ער אויפגעהויבן די ברעמען, געקוקט אויף הענעכן און זיך געפרעגט:

— ווער איז צווישן אייך דער פאַרמעגלעכסטער?

— איך, רבי. — האָט הענעך זיך אַרויסגערוקט.

— פירסט מיט זיך אַסך געלט? — האָט דער רבי אים געפרעגט.

— נישט קיין סך, רבי. אַחוץ מיין באַנק-ביכל האָב איך מיט זיך אַרום פופציק דאָלאַר.

— צערייס די פופציק דאָלאַר! — האָט דער רבי באַפוילן.

הענעך דערציילט, אַז בשעת ער האָט געריסן ס׳געלט, האָט דער רבי אים געקוקט אין פנים אַריין און ס׳איז אים אַזוי הייס געוואָרן, ווי אין דרויסן וואָלט נישט געווען שבט, נאָר תמוז. און אַז ער האָט צעריסן ס׳געלט אויף פּיצלעך, עס צעשאָטן איבערן שניי, האָט דער רבי אים געזאָגט:

— איצט, אין דער רגע האָסטו צוריקגעקראָגן דעם „צלם-אלקים”. זאָג, וואָס ווילסטו?

— הענעך האָט שוין גאָרנישט געוואָלט. — האָט משה אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף פּינחסעס אַקסלען. — אַז מען קריגט צוריק דעם „צלם-אלקים”, וואָס קען מען נאָך וועלן? און דאָס, פּינחס, איז דער ריכטיקער וועג! וואָס דען, זיצן דאָ אויף גרענד-סטריט, אין דעם סדום, און פּראָוון חסידות? — האָט משה צוגעפּגעלייגט די הענט, זיי אַ שאַר געטון צום פּענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו גרענד-סטריט.

— אויב איך גלייבט טאַקע, אַז ניו-יאָרק איז סדום, — האָט זיך פּינחס אָנגערופן, — דאַרף מען דאָ בלייבן, משה, נישט אַנטלויפן אין וואַלד אַריין! ס'איז שווערער אָפּצוהיטן דעם „צלם-אלקים” צווישן מענטשן, ווי צווישן חיות!

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, פּינחס, צייט הענעך האָט מיר דערציילט וועגן דיין טאַטן, ציט מיך אין וואַלד אַריין. צי כ'לערן, צי כ'דאַוון, צי כ'האַנדל, — כ'בין שוין נישט קיין היגער...

אַברהמלס משפּחה איז געזעסן איבער אַן אָפּענעם זאַק און אַלע, — די מוטער, רחלע, דינה, דער קאַליקע און שלמה, — האָבן אויפגעצויגן פּערלמוטערנע קנעפּ אויף טאָוועלעך.

רחלע איז אַריין אין קיך, אַן איבערראַשטע האָט זי אַ קוק געטון אויף וואָלפן, וואָס איז געזעסן אויפן קוילן-קאַסטן. די פּיס אַראָפּגעוואָרפן און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט:

— וואָס איז, וואָלף? וואָס זיצט איר דאָ איינער אַליין?

די פּאָר געוויינלעכע ווערטער, וואָס וואָלף וואָלט אַן אַנדערש מאָל אפשר נישט באַמערקט, פּאַר די ווערטער איז ער איצט רחלען געווען דאַנקבאַר. ער האָט זיך אַ הייב געטון, צוריק געבליבן זיצן אויפן קאַסטן און פּאַרלוירן געשמייכלט:

— איר וועט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי, געמאַכט פּלאַץ ביים קליינעם קיך-טישל און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

אין פאַרגלייך מיט רעגינען האָט רחלע אויסגעזען צנועהדיק און דאָס וואָס זי איז געווען אַזוי בלאַס און דין, האָט וואָלפן באַזאָרגט, זיך געשראָקן, אַז דער קלענסטער ריר, צי הויך, קען איר פאַרשאַדטן.

וואָלף האָט געוואַרט, רחלע זאָל מיט אַ וואָרט דערמאָנען רעגינען. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז צווישן אים און רעגינען איז אַלץ געענדיקט. רחלע האָט גערעדט וועגן ידידיהן, וועגן איר פאָטער, וואָס קומט מאָרגן אַהיים, און אַז וואָלף האָט איר געגעבן אָנצוהערן וועגן רעגינען, האָט זי זיך געמאַכט נישט־הערנדיק. ער האָט אויסגעטרונקען דעם טיי און זיך אויפגעשטעלט:

— צייט צו גיין שלאָפן.

— ס'איז נאָך פרי. — האָט רחלע זיך אויך אויפגעשטעלט.

— איך דאַרף זיך שוין באַלד אויפהייבן.

— או, דאַרף זיין קאַלט זיך אויפצוהייבן אינמיטן דער נאַכט.— האָט רחלע זיך גענומען וואַרעמען ביי דער קיך. — ס'איז מיר אַ רחמנות אויף ידידיהן.

— און אויף מיר? — האָט וואָלף געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער, וואָס האָבן זיך שוין געפּלאָנטערט אַרום רחלען.

נישט דרייסט האָבןביידע זיך אָנגעקוקט, זיך צעשמייכלט און ס'ערשטע מאָל זיך געגעבן די הענט:

— אַ גוטע נאַכט!

## 7. אין רעסטאָראַן

ווען רעגינע האָט אָפּגעשניטן מיט וואָלפֿן האָט איר אויפֿן אָרט נישט אַזוי געאַרט, וואָס זי צעגייט מיט אים, ווי דאָס וואָס וואָלף האָט אַזוי לײַכט נאָכגעגעבן. זי איז עס נישט געוווינט געווען. דער פֿאַרדראָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. און אַז רעגינע האָט פֿאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, זיך געטראָגן אין איר פֿונאַנדערגעקנעפּלטן מאַנטל איבער די טרעפּ, ס׳קלײנע פּילצענע היטעלע האָט זיך קוים אַרויסגעוויזן פֿון צווישן די געדיכטע רויטע האָר, האָט זי שוין אָן אַלעם געהאַט פֿאַרגעסן. מיט דער לײַכטקייט פֿון אַ דרימל איז זי איבערגעגאַנגען פֿון איין וועלט אין אַ צווייטער.

בײַ די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט אין גאַס אַרײַן, איז זי געבליבן שטיין. אַ שניי האָט געשפּריצט, צעגאַנגען איידער ער איז נאָך אַראָפּגעפֿאַלן אויף די שטיינער. אַרום דער לאַמטערנע, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרן הויז, האָבן זיך דורכגעזיפּט רויטע פֿינטעלעך, זילבערנע שטויבעלעך האָבן געציטערט, זיך געצויגן צום לאַמטערנע-פּלאַם, זיך געדרייט אין דער לופֿט, ווי קליינע שטערנדלעך.

אַ יונג בחורל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, אָנגעשטעלט אויף רעגינען אַ פּאָר אויגן:

— אָ, יאו—או!

זי האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט ליב געהאַט יונגע בחורימלעך. און ס׳האָט איר פֿאַרדראָסן צו וואָס זי האָט געהייסן אייבין וואַרטן בײַ וויליאַמסבורג-בריק. ער האָט זי געקאָנט אָפּוואַרטן דאָ בײַם הויז. נישט זי זאָל זיך יעצט דאַרפֿן שלעפּן אין אַזאַ נעץ, ווערן דורכגעווייקט.

אַ פֿאַרזאָרגטע האָט זי געהאַלטן אין איין אַרויסשטעקן דעם קאָפּ

פון קאָרידאָר, און אַז זי האָט אָפּגעמאַכט צוריק אַרויפצוגיין און קריגן ערגיץ אַ שירם, איז אייבי אויסגעוואַקסן ביים טרעפּל:

— האַלאָ, רעגינע!

זיין העלער מאַנטל, דער קאַפּעליוש פונעם זעלבן קאָליר, מיט די שמאָלע ראַנדן, האָבן אים געמאַכט אויסזען יינגער. ער האָט אַ פייף געטון, און איידער רעגינע האָט זיך אומגעקוקט, איז פאַרפאָרן אַ טעקסי, זיי זיינען אַריין אין דער מאַשין. און אַז רעגינע איז שוין געזעסן מיט אייבין אין דער ווייכער טעקסי, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אַ רעוועץ איבער די שמאָלע געסלעך, האָט זי אַ ליכטיקע אַ נעם געטון זיינס אַ האַנט:

— איר ווייסט גאָרנישט, אייבי, ווי צופרידן כ׳בין, וואָס איר זייט פאַרפאָרן נאָך מיר!

— כ׳וואַרט שוין דאָ אויף אייך פופצן מינוט, — האָט זיך ס׳קול ביי אייבין געביטן פון דעם, וואָס רעגינע האָט געהאַלטן זיין האַנט, — כ׳האָב נאָר מורא געהאַט מיר זאָלן זיך נישט אויסמיידן.

— איר ווייסט וואָס מיר געפעלט אַזוי אין אייך, אייבי? — האָט זי אים דורכגענומען מיט די אויגן. — דאָס, וואָס איר זענט אַזוי יונג.

— ווער איז יונג, רעגינע, — האָט אייבי זיך געהאַלטן אין איין דרייען, זיך נישט געקאָנט איינזעצן, — כ׳האָב דאָך שוין אַ זון פון צוועלף יאָר!

— כ׳קען טאַטעס, וואָס זענען יונגער פון די זין. — האָט רעגינע זיך צעלאַכט.

די מאַשין האָט זיך איינגעדרייט, געשניטן מיט בראָדוויי.

ס׳בלוט האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אייבין. דער פאַרלאַנג אויסצונעמען, צו געפעלן האָט זיך געוועקט אין אים. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף רעגינען, זיך געשפּיגלט אין ווייסן פּנים, וואָס האָט אַפּירגעבליצט פון אונטער די פייערדיקע האָר, האָט געגומען וואַקסן אין אים רחבות, אַז ס׳האָט אַזש פאַרפעלט אָטעם און ער האָט געשוויגן.

— וווהין פאָרן מיר? — האָט רעגינע געפרעגט.

— ס׳ערשטע ווועלן מיר אָפּעסן, — האָס ער זי אַ נעם געטון פאַר ביידע הענט, — כ׳בין מיט אַן אמת הונגעריק.

— און דערנאָך?

— דערנאָך װעלן מיר זען.

— שױן? — האָט רעגינע זיך אַ הײב געטון און איז צוריקגעפאַלן, װען די טעקסי האָט אָנגעהױבן פאָרן פּאַמעלעכער.

— מיר זענען שױן דאָ!

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אײבי איז אַרױסגעשפּרונגען, געהאָלפן רעגינען אַרױסגײן. די לאָמפּן, װאָס האָבן געהאָנגען פאַרן רעסטאָראַן, האָבן אַרײנגעכאַפּט רעגינען װי אין אַ ראָד, און אַלע, װאָס זענען פאַרבײגעגאַנגען, האָבן זיך אױף איר אומגעקוקט.

— װאָס קוקט מען אַזױ אױף מיר? — האָט רעגינע אַ צעפּיעשטשעטע געפרעגט אײבין

— װײל דו ביסט שײן!

— ע, — איז רעגינע געבליבן הענגען אױף אײביס אָרעם און אים אײנגערוימט, — װײל כ'בין אַ „גרינע".

זײ האָבן געלאַכט. אײבי האָט געקראָגן אַן אַנדער אױסזען, װי דאָס, װאָס ער גײט מיט אַזאַ שײנער דאַמע, װאָלט פאַרגרעסערט זײַן װיכטיקײט.

ער האָט אָפּגעזוכט אַ װינקל אין דער װאַנט, װאָס איז געװען פאַרהאָנגען מיט פּאָרטיערן. אַ קעלנער האָט ליכטיק געמאַכט און ס'װינקל האָט אױסגעזען, װי אַ באַזונדער צימערל.

צװישן די לאָמפּן און שפּיגלען, װאָס האָבן געבלענדט װי אַ כישוף-ראָד, האָט רעגינע דערזען װי אָרעם אירע קלײדער זעען אױס. אײבי, די קעלנערס האָבן זיך געדרײט אַרום איר, נישט געלאָזט זיך פאַרטראַכטן, מען האָט בײ איר אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, ס'היטל, זי באַקװעם אַװעקגעזעצט בײ אַ געדעקטן טיש. אײבי, װי אַ הײמישער מענטש, האָט אױפן װונק באַשטעלט אָװנט-ברױט.

די עסטראַדע איז געװען אַזױ קונציק געבױט, אַז װו מען איז נישט געזעסן, איז מען אױסגעקומען אין דער סאַמער מיט. פאַר דער עסטראַדע, אַרומגערינגלט מיט אַ צױם פון פּלושענע שטריק, האָט זיך געפונען אַ קלײנער אָרקעסטער. אַ יונגע טענצערין, מיט אַ שאַל פון זילבערנע שיפן, װאָס האָט זיך גערוקט פון האַלז אױף די נאַקעטע הענט, פון די הענט אַרום די פיס, װי זי װאָלט נישט געטראָגן אײן

שאַל נאָר אַסך, ווי געשפּרייט אַרום זיך ווי נעצן, האָט זיך געשאַרט איבער דער עסטראַדע, געטאַנצט צום טאַקט פון דער מוזיק, די געסט זענען געווען פאַרטון מיטן עסן, זעלטן אַפּלאָדירט, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז די טענצערין טאַנצט פאַר זיך.

אייבי איז געזעסן איבער אַ סטייק, געגעסן מיטביידע באַקן, פאַרביסן מיט אוגערקע, מיט סאַלאַט, פאַרטרונקען מיט ביר. די היץ האָט אים אַזוי דורכגענומען, אַז די אויערן, רויטע, האָבן אויסגעזען גרעסער. רעגינע איז נאָך איצט געווען רויקער ווי פריער. ביי דער עלעקטרישער שיין איז זי געוואָרן דורכזיכטיקער. דער האַלז, די הענט — הערמיל־ווייס. בלויז די האָר האָבן געפלאַמט, זיך געשפּיגלט אין דער ווייסקייט פון פּנים. זי האָט זיך נישט געמאַכט פון די בליקן, וואָס זענען געקומען פון אַלע זייטן, ווי זי וואָלט געווען געוווינט צו דעם. און אַז אייבי האָט איר געוויזן אויף אַן עלטערן מאַן, וואָס האָט שוין צוויי מאָל געהאַט געביטן זיין טישל, ער זאָל אַרויסקומען נענטער צו רעגינען, האָט זי זיך צעלאַכט:

— ד׳ווייסט גאָר וואָס, אייבי? לאָמיר מאַכן אַ געשעפט!

— אַשטייגער? — איז אייבי געזעסן אַ צעפּינטלטער פון פרייד, וואָס נישט נאָר אין „גרויסן מאַרקעט" קען יעדער אייבין, נאָר אפילו אויף בראָדוויי.

— דינגט אַ קליין טעאַטערל.

— און איר וועט שפּילן?

— צו וואָס שפּילן? — האָט רעגינע געלאַכט — מען וועט קויפן בילעטן מיך אָנצוקוקן!

— דהאַט׳ס עי גוד וואן! — האָט אייבי זיך געטרעסלט פון געלעכטער.

אַ גלאַט־ראַזירטער מאַן אין די פערציקער איז אונטערגעקומען, די האָר, ברוינע, זענען געווען צעטיילט אויפן קאָפּ אין אַ שרונט, געלעגן ווי צוגעפּרעסטע. אויף דער גלייכער פיגור, וואָס האָט זיך קיין בייג נישט געטון, זענען די קליידער געלעגן ווי אָפּגעגאָסן. ער האָט זיך באַגריסט:

— האַלאָ, אייבי!

— אַ, האַלאָ, בען! — האָט אײבי זיך אַ הײב געטון, געמאַכט פּלאַץ און געװיזן אויף רעגינען. — באַקאַנט זיך: מיס מאַלער, און דאָס איז מײן פרײנט בען, דער פון װאָדעװיל.

דאָס רעכטע אויג ביי בענען, אַ געניטס, האָט אַ פינקל געטון און ער האָט אויפן פּלאַץ באַשלאָסן, אַז רעגינע איז „אָלרײט". ער האָט זיך עלעגאַנט אַװעקגעזעצט און געפרעגט:

— איר רעדט דאָך ענגליש?

— אַביסל.

— װעלן מיר רעדן יידיש. — און ער האָט איר אונטערגעטראָגן אַ שמאָלן זילבערנעם פּאָרטסיגאַר. — איר רויכערט?

זי האָט פאַררויכערט.

בען האָט געטריבן מיט דער האַנט דעם רויך, װאָס האָט זיך געקליבן אין רעגינעס זײט. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ לײכטן װאַלס, ס׳פּובליקום איז נישט אײנגעזעסן, צוגעקלאַפּט מיט גאָפּל-מעסער, מיט די פיס.

רעגינע האָט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל געטון, געװאָרן בײגיקער, און אין דעם ציטער, װאָס האָט זיך באַװיזן אין אירע אויגן, האָט בען דערקענט, אַז רעגינע איז שוין נישט אײן מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר אַ פּובליקום אין אַ טריקאָ. ער האָט זי געפרעגט:

— װוּ האָט איר אַרויסגעטראָטן?

— כ׳האָב געטאַנצט אין אַ באַלעט. — און זי האָט געװיזן אויף דער טראַפּעציע, װאָס האָט זיך צעװיגט איבער דער עסטראַדע. — קלײנערהײט האָב איך געאַרבעט ביי טראַפּעציעס.

— אין אַ צירק?

רעגינע האָט נישט געענטפערט.

די עסטראַדע איז אָפּגעגאָסן געװאָרן מיט ליכט. אַ מײדל האָט זיך באַװיזן אין אַ פלאַשטש, אים אַראָפּגעװאָרפן און איר ראָזע טריקאָ האָט זיך נישט געזען אונטער דעם שטאַרקן ליכט, װי זי װאָלט געשטאַנען אַ נאַקעטע.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן מעשענעם שטעקעלע און דער בײגיקער קערפּער האָט זיך געװיגט צװישן די שטריק, זיך געהויבן,

געפאַלן. אַ פוס האָט זיך געפּלאָנטן מיט אַ האַנט, אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ, דעם האַלז. און אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן, האָט ס׳מיידל זיך גענומען דרייען אין דער אייגענער נאַקעטקייט, גיך, גיכער, אַ פאַל געטון, געבליבן שטיין אויף די פיס, זיך פאַרנייגט און איבערן זאַל האָט זיך ווידער געוויגט דער וואַלס.

— ר׳ווייסט, מיס מאַלער, — איז בען צוגעשטאַנען, — כ׳וואָלט געקענט מאַכן אַ ספּעציעלן נומער פאַר אייך.

— דאָס וואָלט געווען גוט! — האָט רעגינע פון גרויס גליק אַזש צונויפגעלייגט די הענט.

אייבין האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס דער שמועס גייט אָן צווישן בענען און רעגינען, ווי ער וואָלט געווען איבעריק. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די קעלנערס, וואָס שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, גלאָצן אויף די געסט, קוקן אויף אים מיט אַ שמייכל. קיין זאַך איז אים מער נישט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסרעדן צו וואָס ער האָט אַהער רעגינען אַראָפּגעבראַכט, און וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט אים געטריבן ער זאָל זי באַקענען מיט בענען! ער האָט מיטאַמאָל צוגערופן דעם קעלנער, כמעט אַ געשריי געטון:

— ווי לאַנג וועל איך דאָ זיצן און וואַרטן אויף אַ רעכענונג?

— איר האָט דען פאַרלאַנגט אַ רעכענונג?

רעגינע האָט זיך אויפגעשטעלט. בען האָט געהאַלטן גרייט איר מאַנטל, געפרעגט בשעתן אָנטון:

— איז ווען זעען מיר זיך?

— אייבי, — האָט רעגינע אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער, — ווען נעמט איר מיך צו מיסטער...

— פּוירקינס. — האָט בען אַרויסגעהאָלפן.

אייבין איז געוואָרן לייכטער, נישט געווען צופרידן מיט זיך, וואָס ער ווערט באַלד אַזוי אויפגעקאָכט. ער האָט אַרומגענומען בענען, געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אויפגערוימט:

— ווען זאָלן מיר קומען צו דיר, בען?

— אַפילו מאָרגן.

— מאָרגן... באַלד... מאָרגן קאָן איך נישט! וואָס איז דען מאָרגן? פרייטיק? שבת ביסטו פאַרנומען?

— גוט, קום אַריבער שבת!

בען האָט זיך פאַרנייגט, נאָכגעקוקט רעגינען מיטן רעכטן אויג, זיך באַגעגנט מיטן אויבערקעלנערס בליק און אין דעם שמייכל איז געווען קאָנטיק, אַזביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען.

## 8. אין אַ ווינטער־נאַכט

בראָדוויי איז געוועז ווייס.

מיליאָנען שנייעלעך האָבן זיך געדרייט, אויסגעגלייכט דעם טראָטואַר מיט דער גאַס, און הינטער דער ווייטקייט האָבן פייערלעך געצאַפּלט, ווייסע, רויטע, געצייכנט די גרויסע הייזער ווי שאָטנס.

דאָ האָט אויפגעבליצט אַ סקווער, דאָרט — די הייך פון אַ געביידע מיט טויזנטער פענצטער. אַ וואַנט האָט זיך געריסן איבער אַ וואַנט, העכער און העכער.

אַוטאָמאָבילן האָבן זיך געטראָגן מיט אַ רעווען, דאַכט זיך דורכגעריסן די שניי-נעצן און ווי די מאַשינען זענען נאָר פאַרביי, האָבן די שנייעלעך זיך ווייטער צעוויגט, אָנגעפילט דעם ליידיקן חלל.

רעגינע מיט אייבין זענען אַרויס אויף דער גאַס.

דער שניי האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז ביידע האָבן אַזש אונטערגעטאַנצט, געפילט ווי דאָס בלוט צעשפּילט זיך, די גלידער ווערן שטייפער, הערן זיך איין ווי דער יונגער שניי פידלט.

רעגינע האָט אַ כאַפּ געטון אייבין, אונטערגעשטעלט דעם שניי ס'וואַרעמע פּנים און זיך געטראָגן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. פאָרלעך האָבן זיך געשאַרט הין-און-צוריק. די באַקן אָנגעקנופּט, די אויגן פינקלדיקע, אויסגעהונגערטע. אין דער ווייטקייט האָבן הונדערטער שילדן יעדע ווילע אויפגעפלאַמט מיט אַ געלעכטער, מיטגעבראַכט די ליכטיקייט פון דער נאַכט. די שטומע פינצטערע געביידעס, וואָס האָבן זיך געריסן מיט אַזאַ שטאָלץ אין הימל אַריין, האָבן אויסגעזען קינדיש אין די קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס האָבן זיך געלאָשן און געצונדן. און אין דער הייך און גרייס פון די מויערן איז געווען אַ נישט-דערוואָקסנקייט.

מענטשן זענען אָנגעקומען פון אַלע זייטן, געשניטן הין און צוריק, זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט און אַריבערגעגאַנגען די גאַס מענגעסווייז.

רעגינע האָט אַרייַנגעאָטעמט דעם פײַכטן, אָנגעברענטן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אויטאָמאָבילן, געקוקט אויף די מע־נער, הויכע, מיט אָפענע פּנימער, געביטן אַ שײַנעם אויף אַ שענערן, ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען מיט אייבין, נאָר מיט די שפּאַצירנדע.

דער שניי האָט געבלענדט, געצונדן רינגען, און אין איינעם פון די רינגען האָט זיך באַוויזן אַ שליטעלע, פאַרשטעלט רעגינען דעם וועג. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז זי אַרײַן אין שליטעלע, זיך צוגעטוליעט צום פערעמדן און ס׳שליטעלע איז געפלויגן מיט אַ קלימפּערײַ.

אייבי איז געווען גליקלעך, וואָס רעגינע טוליעט זיך צו אים. זײַנע פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין אירע, אַזעלכע דינע, ווײַ־כע. ער האָט זיך אַ בייג געטון צו איר פּנים, עס שיער נישט אָנגע־רירט מיט די ליפּן:

— לאָמיר אַרײַנגיין אין אַ „מוווי“.

רעגינע האָט אַ קוק געטון אויף אייבין, דאַכט זיך, נישט גע־הערט, וואָס ער זאָגט. אירע קליינע ליפּן האָבן געלאַכט און אינ־גאַנצן האָט זי זיך אַ צי געטון צו אים, זיך געלאַשטשעט:

— אַ שאָד, וואָס מען פאָרט נישט אין ניו־יאָרק אויף שליטלעך!

— נעמט מיך אַהין. — האָט רעגינע זיך געבעטן, געהאַט בשעת־מעשה אַזאַ ווײַל פּנים, אַז קיינער וואָלט איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

— אומעטום! — האָט אייבי אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ און זיך פאַרנייגט — מיר וועלן אפשר אַרײַנגיין אין אַ „מוווי“?

— נישט אין אַ „מוווי“, נישט. — האָט זי אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ, און דער שניי, וואָס האָט זיך געקליבן אויף אירע האָר, האָט פאַרשאָטן אייבין די אויגן.

ביידע האָבן געלאַכט.

— און אפשר זיך גאָר דורכפאָרן? — האָט אייבי זיך געווישט ס׳פּנים און געוואָלט עפּעס צוטראַכטן.

— אָל־ראַיט!

זיי זענען ווידער געזעסן אין אַ טעקסי, זיך געשאָקלט אַרויף־אַראָפּ, זיך געדרייט מיט זייטיקע גאַסן.

אייבי האָט רעגינען אַרומגענומען.

ער האָט געגלעט אירע הענט, איר קלייד, אַריינגעזאַפּט די וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון איר אָטעם, געשטראַלט פון אירע האָר, ווו שפּריצן שניי האָבן געפינקלט.

רעגינע האָט אַראָפּגענומען זיין קאַפּעליוש.

לייכט, זייער לייכט האָבן די נעגל פון אירע דינע פינגער זיך געגליטשט צווישן זיינע האָר, געוועקט אין אים אַ שטילע פרייד, וואָס האָט געשוועבט, ווי אַ גוטער געטראַנק.

רעגינע איז מיטאַמאָל אונטערגעשפּרונגען. געבליבן ביי אייבין אויף די קני און זיך צעלאַכט:

— האָסט זיך איבערגעשראָקן?

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, פאַרמאַכט די אויגן און דער מוח, אַ לופטיקער, האָט זיך געוויגט.

זיינע פינגער, אומרויִקע האָבן זיך געשאַרט, געבלאָנדזשעט אי־בער וואַרעמע ווענקלעך, איבער אונטערווינקלען, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט ענדיקן.

די ליפּן האָבן אויפגעזוכט רעגינעס מויל, אַ קליינס, אַ זאַפּטיקס און אַז ס׳בלוט האָט זיך אַ גאָס געטון אין זיינע אָדערן, געקומען מיט אַזאַ הונגער, וואָס אייבי האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, איז די פרייד אַזש איבערגעגאַנגען אין אַ פּיין.

און יעדעס מאָל, ווען אייבי האָט אַן עפן געטון די אויגן, זיי אויסגעצווירעט אין דער ווייסקייט פון איר האַלז, האָט ער דערפילט אין זיך אַ ניי לעבן, אַ ליכטיקס, אַ צאַפּלדיקס, וואָס האָט זיך אים אַמאָל געחלומט.

ס׳פּנים ביי רעגינען האָט זיך געביטן און אין דעם בייטן איז געלעגן שיינקייט, געוואָקסן מיט יעדן שמייכל, מיטן קינדישן פלאַפּל, וואָס האָט זיך נישט איבערגעחזרט, זיך נישט אויסגעשעפּט. בלויז פאַרגרעסערט דעם הונגער אין אייבין.

ער האָט זי אַ בייג געטון צו זיך:

— האָסט מיך ליב?

— אַביסל. — האָבן די אויגן געשמייכלט.

— אַסך! — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

— אַ קליין ביסעלע. — האָט זי געזשמורעט מיט די אויגן, לויט דעם ווי זי האָט געצויגן די ווערטער, איבערגעלאָזט שפּעלטלעך, וואָס האָבן געבלישטשעט, ווי טיפּע וואַסערלעך, און מיטאַמאָל זיך אַ צי געטון צו אים, זיך געבעטן: „העלף מיר קריגן דעם אַנגאַזשמאַנט אין וואָדעוויל".

— צו וואָס דאַרפסטו עס? — האָט ער אַ זאָג געטון, ווי מען רעדט צו אַ קינד.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אים אָנגעקוקט און די אויגן האָבן זיך ביי איר געביטן, געוואָרן שאַרפער. הינטער יעדן בייג פון איר פּנים איז געלעגן טרויער, געקומען פון דער טיפעניש, ווו אַ פּאַרדראָס האָט געזאָטן.

אייבי האָט זי געוואָלט איבערבעטן און אָנגעהויבן קושן איר האַנט:

— וואָס איז, רעגינע?

— וואָלסט זיך נאָר געקושט! — האָט זי אַ ריס געטון פון אים די האַנט, אַראָפּ פון זיין קני, זיך אַ רוק געטון אין אַ ווינקל פון דער טעקסי און איידער ער האָט צייט געהאַט אַ קלער צו טון, וואָס דאָ איז געוואָרן, איז רעגינע שוין ווידער געזעסן לעבן אייבין, אים אונטערגעטראָגן ביידע הענט — נאַ, קוש!

די אייגענע פּאַרשייטקייט איז געוואָקסן מיט יעדן אַרומנעם, מיט יעדן בליק. די באַוועגונגען זענען געוואָרן ווילדער, די ווערטער גרעבער. די פרייד האָט געפּלייצט, זיך געגאָסן פון איינעם אין צווייטן און קיין זאַך האָט שוין מער נישט באַליידיקט.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון, צוריק אַרויפגעזעצט צו זיך אויף די קני, געוויגט ווי אַ קינד:

— זאָלסט מיר זיין אַ גוטע, הערסט?

— כ'וועל זיין נאָך ערגער. — האָט זי פאַרלייגט איין האַנט אַרום זיין האַלז. — און ווייסט גאָרנישט ווי שלעכט איך קאָן זיין מיט אייך, מענער. — האָבן אירע ווייסע ציין זיך געשוימט. — איר דאַרפט אויסבעטלען יעדן קוש, יעדן צוגעוואָרפענעם ביין... דעמאָלט

דערוועקט זיך אין אייך די הינטישע איבערגעגעבנקייט! איר זייט אַלע אַזוי, אַלע. — האָט זי צוגעלייגט די ליפּן צו אייביס אויער, אַז ער האָט אויפגעציטערט, געפילט, ווי עפּעס טיילט זיך אָפּ פון זיין גוף, ווערט נישט. — מיך אַרט עס אָבער נישט! אויב אין יעדן פון אייך, אייבי, זיצט אַ טייוול, — האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט אין דער פינצטערער טעקסי, — זיצן אין מיר הונדערט טייוואָלאָנים! און רעגינע קאָן זיך אַלץ דערלויבן! דען וויפל זי זאָל זיך נישט צעטרענצלען, וועט נאָך אַלץ גענוג בלייבן פאַרן אמתן טייוול, וואָס דאַרף ערשט קומען! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? — האָט זי מיט די שפּיץ פינגער געקילט זיין צעהיצטן שטערן. — דו מיינסט טאַקע, אַז צו קריגן דעם אַנגאַזשמענט ביי דיין פריינט דאַרף איך דיך?

ער האָט דערפילט, אַז זי דאַרף אים נישט.

די טעקסי איז אַריין אין אַ פאַרוואָרפענער עוועניו, גענומען פאָרן גיכער און אין דעם אַוטאָמאָביל איז פינצטערער געוואָרן.

אייבי האָט זיך פאַרגעסן, ווי ס'וואָלט מיט אים נישט געזעסן זרחס טאָכטער, נאָר אַ מיליאָנערס, וואָס ער, אייבי, אַנטלויפט מיט איר. און הינטער דעם אַלעם האָבן זיך געגרייט זיינע טאַטע-מאַמע, אָרעמעלייט אין אַ קליין שטעטל, וואָס האָבן אים, אייבין, צו צוועלף יאָר שוין אָנגעדונגען פאַרן בלויז עסן צו קופּעלטן.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער רעגינען, אַרויפגעלייגט זיין באַק אויף אירער און אַליין נישט געוווסט, וואָס די ליפּן פּרעפּלען:

— פאַרוואָס דערציילסטו מיר קיינמאָל נישט וועגן זיך?

— דו ווייסט אַלץ וועגן מיר. — האָט זי זיך צעלאַכט.

— כ'ווייס גאָרנישט, וואָס ווייס איך! כ'ווייס בלויז — און אייבי האָט מער קיין ווערטער נישט געהאַט — ס'איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען, ווי מיט דיר, רעגינע... קיינמאָל... און אין וועמען געראָטסטו? אין דיין מאַמען?

— ווען דו, אייבי, וואָלסט געקענט מיין מאַמע? — האָט זי אַוועקגעלייגט אויף איר שויס זיינע גרויסע הענט — אין פאַרגלייך מיט איר בין איך אַ מיאוסע!

— דיין מאַמע לעבט?

— זי דאַרף זיך געפינען ערגעץ אין אַמעריקע.

— און האָסטו זי קיינמאָל נישט פּרובירט אויפצוזוכן?

— דער טאַטע האָט געפונען אַ שפּור. — האָט רעגינע זיך צו־געטוליעט צו אים. — און ס׳קען זיין ס׳וועט זיך איינגעבן זי אויפ־צוזוכן.

— זי איז שוין לאַנג אַוועק? — האָט אייבי זי איבערגעשלאָגן.

— כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר. מיר זענען אַרומגע־פאָרן איבער דער פּראָווינץ אין אַ בויד. ס׳איז געווען פריילעך. אָנ־געקומען אין אַ שטעטל אַריין, האָט דער טאַטע צונויפגעקלאַפּט אַ שאָ־פּע פון ברעטער און דער צירק איז געווען פאַרטיק. איך מיטן טאַטן זענען מיר געווען די אַרטיסטן און די מאַמע איז געשטאַנען ביי דער קאַסע, און ווער, מיינסטו, האָט געצויגן דאָס פּובליקום? — די מאַמע! אויגן האָט זי געהאַט ווייסע, גרינלעכע, און אַז זי איז בייז געוואָרן, זענען די אויגן געוואָרן רונדיק, געפינקלט ווי ביי אַ טיגער.

— ווו מיר זענען נישט געווען האָבן זיך געדרייט אַרום אונז אָפיצירן, — איז רעגינע מיטגעריסן געוואָרן מיט יעדן וואָרט אירן, — געבראַכט מתּנות, געהוליעט גאַנצע נעכט. דער טאַטע האָט עס נישט געוואָלט ליידן. זעלטן אָבער דער מאַמען אויסגערעדט. ער האָט מורא געהאַט פאַר איר. און אַז די מאַמע האָט זיך פאַרזאַמט אין גאַס, האָב איך איר חלק אַריינגעכאַפּט, ווי עס וואָלט געווען מיין שולד. עס איז אָבער גענוג געווען זי זאָל זיך ווייזן מיט דער סוויטע, און דער כעס איז פון אים אַוועק. אויפן פּלאַץ פלעגט ער זיך בייטן, ווערן אַן אַנדערער און די שטיק זיינע האָבן זיך דעמאָלט אַמבעסטן איינגעגעבן. און אַז די לופט פלעגט ווערן צו הייס אין שטעטל, האָט דער טאַטע איינגעפּאַקט די בויד, איבערגעלאָזט די שאָפּע און אַנטלאָפן מיט אונז אין מיטן דער נאַכט.

די רייד ביי רעגינען זענען געווען אָפּגעהאַקט, גלייך זי וואָלט נישט דערציילט, און אין דעם פּלאָנטערן זיך איז געווען קענטיק, אַז זי קלייבט איבער. זי האָט איבערגעוואָרפן די צעפּאַטלטע האָר איבערן פּנים און אירע טונקעלע אויגן האָבן אַפּערגעבלישטשעט, ווי פון הינטער צונויפגעוואַקסענע פלאַנצן.

— איינמאָל אין אַ זאַווערוכע, — האָט רעגינע אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אייביס קני, — כ׳בין שוין געלעגן אין בעט מיט דער

מאַמע, איז אָנגעלאָפן דער טאַטע אַ פאַרשנייטער, געשריגן, אַז די בויד שטייט שוין אַן איינגעשפּאַנטע, מיר זאָלן זיך גיכער אָנטון. און אַז די מאַמע האָט זיך נישט געאײַלט, האָט דער טאַטע זיך גענומען שווערן ביי זיינע טויטע עלטערן, ביי מיר, אַז ער וועט איר גע־ליבטן, מאַקאַראָוו האָט ער געהייסן, דערשיסן.

הינטער דער שטאָט האָט זיך דער ווינט אַזוי צעפייפט, געריסן די פלאַכטעס פון די רייפן מיט אַזאַ רציחה, אַז ס'האָט אויסגעזען מיר דרייען זיך איבער מיט דער בויד אין שניי אַריין. פון שרעק האָב איך זיך געטוליעט צו דער מאַמע, וואָס האָט מיך נישט אויפ־געהערט קושן און כ'בין איינגעשלאָפן. אַז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך ס'ערשטע גענומען טאַפּן אַרום זיך — די מאַמע איז נישט געווען. די בויד איז געשטאַנען. דער ווינט האָט ווי פריער זיך גע־ריסן פון אַלע זייטן. כ'האָב גענומען רופן: טאַטע, מאַמע! — קיינער האָט נישט געענטפערט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך איינע אַליין געלעגן אין דער בויד, געלעגן מיט אָפענע אויגן, געוווּסט, אַז די מאַמע איז אַנטלאָפן מיטן קאָזאַק, און כ'האָב געוויינט.

– פאַרטאָג איז דער טאַטע צוריקגעקומען אַ דורכגעווייקטער, אַ פאַרעלטערטער. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דער מאַמע, געלאָפן אין אַזאַ נאַכט עטלעכע מייל צופוס. איך האָב אים קיין וואָרט נישט גע־פרעגט, געזען אין דעם פנים זיינעם, וואָס איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק, אַז די מאַמע איז נישטאָ. ער האָט זיך געשעמט פאַר מיר און דאָס האָט מיר ווי געטון. כ'האָב זיך געגעסן פאַרוואָס איך וויין נישט, און מיטאַמאָל האָט דער טאַטע מיך אַרומגענומען:

— נישטאָ קיין מאַמע, טאָכטער. נישטאָ! דער קאָזאַק האָט זי ביי מיר אָפּגעשלאָגן!

רעגינע האָט זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זי האָט זיך דערפילט אַן אויסגעליידיקטע. דאָס וואָס זי האָט זיך פאַר אייבין פאַרטרויט און וואָס עס האָט זי געדאַרפט דערנענטערן צו אים האָט רעגינען אין דער רגע דערווייטערט.

די טעקסי האָט זיך אויסגעדרייט, געפאָרן פאַמעלעכער. אייבי האָט געגלעט רעגינעס הענט. געוואָלט עפּעס זאָגן, אַ פאַרדראָס פאַר רעגינען, פאַר זיך, האָט זיך געבלעזלט אין אים, נישט געקענט דעם

פאַרדראָס איבערגעבן אין ווערטער און ס׳מויל האָט בײַ אים גערעדט׳ אָן אַ צוזאַמענהאַנג:

— ביסט נישט די איינציקע, רעגינע... כ׳האָב אויך אויף מײַן לעבן קיין האָניק נישט געלעקט... האָט גאָט געהאָלפן... כ׳מיין אויף גאָרעק-סטריט איז נישט קיין דירה פאַר דיר... מען דאַרף זען עפּעס אַ פײַנעם צימער... און מיטן וואָדעוויל וועסטו קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן...

רעגינע האָט געעפנט אַ פענצטער, אַרײַנגעאָטעמט קאַלטע, פרי־שע לופט. זיי זענען געפאָרן דורך אַ פּאַרק.

איינגעטוליעטע פאָרלעך זענען געפלויגן באַרג-אַראָפּ. אַ שליטל נאָך אַ שליטל האָבן געשניטן דעם באַרג פון אַלע זײַטן. די היטלען איבער די אויערן, די קעפּ פאַרריסן, די אויפגעשטעלטע פּיס אויסגע-בויגן ווי קראָקוועס. אַנדערע זענען געלעגן אויף די בײַכער, פעסט געהאַלטן די מיידלעך, זיי זאָלן זיך נישט איבערקערן און די נאַכט איז פול געווען מיט מיידלשע געשרייען.

אייבי האָט זיך צוגעטוליעט צו רעגינען.

הימל און שניי האָבן זיך געשפּרייט פאַר די צוגעמאַכטע אויגן. באַפעלצלטע עסקימאָסן האָבן זיך געטראָגן אויף שליטלעך, זיך גע-צויגן פון אַלע זײַטן, און איבער דער ווייסקייט האָט זיך געקײַקלט אַ רויט געלעכטער, זיך געוויקלט איבערן שניי.

## 9. ביי אייבין אין הויז

נאָך מיטאָג, ווען אייבי האָט זיך צוגעלייגט אויף אַ שעה אַנדערהאַלבן, האָט מען אין דעם אַזוי אויך שטילן הויז כמעט אויפֿגעהערט צו אָטעמען.

דאָס הויז, געגאָסן פֿון קאָנקריט, מיט אַ בײַכיקער וועראַנדע, איז געשטאַנען צווישן אַלטע, נאַקעטע קאַשטאַנען־בוימער, וואָס האָבן פֿאַרקלענערט דעם רויש פֿון דער גאַס.

די מאַסיווע שטיקער מעבל, די האַריקע דיוואַנען האָבן פֿאַרגרעסערט די שטילקייט אין די צימערן. דער אומרו פֿונעם זייגער, אַ גלאַנציקער, אַ לאַנגער, ווי אַ שווערד, האָט זיך געוויגט הינטער אַ גלאָז און ס׳איז געווען גענוג מען זאָל בלייבן אַליין אין זאַל עטלעכע מינוט און עס זאָל באַפֿאַלן אַ דרימל. דערצו האָבן די פֿלאַנצן, וואָס זענען געוואָקסן אין וואַזעס, אין געגלייזטע טעפּ, פֿאַרשפּרייט איבער די צימערן דעם טולעגן ריח פֿון אַ בלומען־געשעפֿט.

די שטוביקע זענען געגאַנגען שטיל, אָן אַ סקריפּ, ווי זייערע שיך וואָלטן געווען פֿילצענע. ביי דער באַלעבאָסטע איז דער גאַנג געווען אַן איינגעבוירענער. זי איז געווען אַ דינע, אַ הויכע און די ריינקייט אַרום איר האָט אַזש געקילט. די קינדער, די דינסטן האָט זי איינגעבראָכן אין דער שטילקייט, געוואָלט דערמיט פֿאַרגרעסערן דעם דרך־ארץ צום באַלעבאָס, וואָס האָט ביי זיך אין שטוב קיין צווייטע ווערטער נישט געקאָנט צייכן.

עס איז מער נישט געווען אייבי פֿון מאַרק, דער יונג, דער איינרייסער, וואָס פֿלאַנט שטענדיק, קאָמבינירט, קען נישט לעבן אָן אַ גראָב וואָרט. ביי זיך אין הויז האָט ער אָנגעווירן ס׳לשון, נישט

געטון די מינדסטע זאַך, ער זאָל זיך נישט שואל-עצה זיין מיט דער פרוי.

אין דעם פּליושענעם שלאָפראָק מיט די ווייכע שטעקשיך איז ער געוואָרן פולער, ברייטער, באַקומען אַן אַנדער פּנים און קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז פאַר דעם שטילן מענטש האָט מען מורא אין גרויסן מאַרק, מען רעכנט זיך מיט אים.

ווען אייבי איז מיט זעכצן יאָר צוריק אָנגעקומען צו עוועלינס טאַטע אין מאַרק אַריין, האָט אים צומאָל זיך נישט געחלומט, אַז דאָס מיידל, וואָס ענדיקט אויף שול-לערערין, וועט אַמאָל ווערן זיין פרוי.

שפּעטער האָט ער אַליין געעפנט אַ מאַרק, גענומען וואַקסן, ער האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון זיינע אַמאָליקע חברים, אַרבע-טער. און מיט די טובות, וואָס ער האָט געטון דעם פריערדיקן באַ-לעבאָס, האָט ער געזען זיך איינצוקויפן אין יחוס.

און אַז ס'איז אים צווישן אַנדערע פּלענער איינגעפאַלן די משוגעת, אַז ער, אייבי, דער יונג, וואָס קען זיך קוים חתמענען, דאַרף האָבן פאַר אַ ווייב עוועלינען, האָט דער געדאַנק ביי אים נישט אויס-געזען ווילד.

ער האָט געוווּסט, אַז מיטן בלויזן פאַרמעגן וועט ער ביי עוועלינען נישט אויסנעמען, ער דאַרף ווערן אַן אַנדערער. זי, עוועלין, זאָל זיך נישט שעמען צו קומען מיט אים צווישן מענטשן.

אייבי האָט זיך אָנגעהויבן לערנען ענגליש, זיך געהיט אַרויס-צורעדן אַן איבעריק וואָרט אין עוועלינס .געגנוואַרט און גענומען גיין אין איר פאָטערס דרכים.

ער האָט געהאַט געדולד, נישט צוגעשטאַנען צום מיידל, געזען מען זאָל אים האַלטן אין הויז פאַר אַ פריינט. און יעדעס מאָל, ווען מיסטער שעפער, עוועלינס טאַטע, האָט געדאַרפט אַ טובה, האָט אייבי זי אים געטון אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן. דערצו האָט ער זיך געמאַכט נוצלעך אין הויז. האָט מען געדאַרפט אַ פוטער פאַר עוועלינען — אייבי האָט געהאַט אַ באַקאַנטן קירזשנער, געקראָגן בי-ליקער. האָט מען געדאַרפט אַ ברילי־אַנטן פינגערל — אייבי האָט גע-בראַכט אין שטוב אַריין אַ יוועליר. ער האָט פאַרזאָרגט עוועלין מיט

מיט אָפּערע־בילעטן, מיט בלומען, נישט געמאַכט די מינדסטע אָנ־שטרענגונג, אַז ער וויל עפּעס דערפֿאַר, ווי ער וואָלט גאָרנישט אויסן געווען. אַזוי דאַרף האַנדלען אַ פֿריינט. און אַז דאָס האָט אָנגעהאַלטן חדשים, האָט זיך ביי עוועלינען געוומען וועקן אַ דאַנקבאַרקייט צו איי־בין. ער האָט זיך נישט איבערגענומען, אַרויפגעקוקט צו יעדן איינעם פֿון די הויז־מענטשן מיט דרך־ארץ, געווען גליקלעך, וואָס מ׳רעדט מיט אים.

עוועלין איז געווען שטיל און גלויביק, קיין טראָט נישט גע־שטעלט אָן דער מוטערס וויסן. די מוטער, אַן ענגלענדערין, איז גע־ווען פֿרום, זיך געקהלט אַרום דעם טעמפּל, וווּ זי האָט געדאַוונט, גע־זען, עוועלין זאָל ביים ראַבינער לערנען יידישקייט. פֿון קליינוויז־אָן האָט די מוטער געליינט מיט דער טאָכטער יידיש־ענגלישע וואָכנ־בלעטער, און עוועלין איז אַזוי באַהאַוונט געוואָרן, אַז זי האָט אפֿילו געוווּסט וואָס פּאַר אַ סדרה ס׳גייט. שפּעטער, אַז זי איז געוואָרן פּאָבליק־סקול־לערערין, האָט די מוטער זי אַריינגעצויגן אין טעמפּל, געזען, אַז עוועלין זאָל אָן געלט איבערנעמען די שבת־שול פֿאַר מיידלעך.

און אַז די מוטער האָט געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט וועגן אייבין, האָט די טאָכטער זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט און מיט איר שווייגן איבערגעגעבן די זאַך אין דער מאַמעס הענט. די מאַמע איז אויך נישט צוגעשטאַנען. און אַזוי פֿון זיך אַליין איז מיט דער צייט גע־וואָרן דער שידוך.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אייבים לעבן ווי צעבראָכן אין צווייען. אין מאַרקעט איז געבליבן דער אַלטער אייבי, דער איינרייסער, וואָס האָט זיך איצט נאָך מער ווי אַמאָל געקוויקט מיט אַ גראָב וואָרט. און ווי ער פֿלעגט נאָר איבערטרעטן די שוועל פֿון זיין הויז, אָנגעהויבן צו רעדן ענגליש, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט, האָט ער שטענדיק געהאַט ס׳געפֿיל, אַז ער איז נאָך אַלץ ערגעץ אויף דער לער און דאָס מוז זיך אַמאָל ענדיקן.

דאָס לעבן האָט זיך געהאַרטעוועט, זיך געלייגט איבער מאַן־ווייב ווי אַ שאַל. די וואָכעדיקייט האָט זיך געוויקלט איבער זיי ווי־וואַטע, נישט דורכגעלאָזט ס׳קלאַפּן פֿון די אייגענע הערצער.

אין זיינע געשעפטן האָט זיך עוועלין נישט געמישט, אים אויך נישט אַרייַנגעלאָזט אין איר וועלט. דער מאַן, די דריי ייִנגלעך, וואָס זי האָט אים געבוירן, דאָס הויז און די שבת-שול אין טעמפּל, — מיט דעם האָט זי געלעבט פון דערפרי ביז בייַנאַכט, איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיטן טאָג.

מיט יעדער קרענק פון אַ קינד איז זי פרומער געוואָרן, אויף איר שטייגער, גערעדט מיט פסוקים פון דער ביבל, און די פרומקייט האָט איר נישט געשטערט צו גלייבן אויך אין „קריסטשען סייענס״. נאָכן קינפּעט מיטן דריטן ייִנגל האָט זי געקראָגן שרעקלעכן קאָפּ-ווייטיק. ווי אַ פּראָפעסאָר, איז זי געווען ביי אים. ס׳האָט נישט גע-האָלפן. און אַז דער קאָפּ-ווייטיק האָט אָנגעהויבן צו באַפאַלן יעדן צווייטן, יעדן דריטן טאָג, זענען באַקאַנטע צוגעשטאַנען, זי זאָל רופן אַ „קריסטשען סייענס״-דאָקטאָר. זי האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוווערן, גערופן אַ „היילער״ און דער קאָפּ-ווייטיק איז פאַרשוווּנדן. פון דע-מאָלט אָן האָט עוועלין זיך גענומען אַרומטראָגן מיט „קריסטשען סייענס״-ביכער. די פלעצער, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן יעזוסן, האָט זי דורכגעלאָזט, געלעבט מיט זיך, איינגעשלאָסענער, זיך אַרומ-געזען, אַז ס׳לעבן איז אַן איינרעדעניש, און אַחוץ שכל עקזיסטירט קיין זאַך נישט. דער שכל, ווידער, קאָן נישט ליידן, קאָן זיך בלויז איינרעדן, אַז ער ליידט. די נייע תורה האָט נישט געשטערט ס׳זאָל אַרייַנקומען אַ סטודענט פון אַ ראַבינער-סעמינאַר, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער יידישקייט, צוגעגרייט דעם עלטסטן ייִנגל צו בר-מצווה.

---

דער לערער, אַן עלטערער בחור, אַ דאַרער, איז געזעסן נישט קיין דרייסטער ביים טיש, געוואַרט אויפן תלמיד. די קליידער זענען אויף אים געווען אויסגעוואָקסן, געפינקלט אַרום די קני, ווי שפּיגלען. ער האָט געקוקט אויף זיינע צעפּאָרענע שיך, זיי גערוקט אונטער דער שטול, ווייל אין די שמאָלע הויזן האָבן זיי אים אויסגעזען משונהדיק גרויס.

אין עסצימער איז נאָך געשטאַנען דער ריח פונעם נאָר-וואָס

אָפּגעגעסענעם מיטאָג, געקיצלט ביים לערער די נאָז־פליגל און ער האָט נישט געקאָנט שלום־מאַכן, וואָס די וועלט באַגייט קעגן אים אַן עוולה.

ער, וואָס קען דעם רמב״ם אין אָריגינאַל, יהודה הלוין אויך, און נישט נאָר די יידישע פילאָזאָפיע — ער מאַטערט זיך, און דאָ לעבט אַ היגער־סוחר אין אַזאַ עשירות.

די וואַרעמקייט, אַ ריינע, אַ טרוקענע, האָט געגלעט, צענומען די ביינער און אין די אויערן איז געשטאַנען אַ ווייטער רויש. דער פאַרדראָס האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. און אַז די רעיונות ביים לערער זענען געוואָרן לופטיקער, דער גוף לייכטער, האָט ער גע־קוקט מיט ביטול אויף די שטומע שטיקער מעבל, געזען אין דעם איבערפרעסן זיך אַ נידעריקע מדרגה.

דער לערער האָט נישט געהערט, ווי די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען און אַז ער האָט זי דערזען לעבן זיך האָט ער זיך אַ האַסטיקן הייב געטון, מיטגעשלעפט מיט זיך די שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און זי באַגריסט:

— גוטן טאָג, מאַדאַם!

עוועלין האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי האָט דעם לערער אי־בערגעשראָקן, און זיך געקלאָגט אויפן יינגל:

— אַרטור וואָלט זיך נאָר געשפּילט! אָט ברענג איך אים גלייך אַריין!

דער לערער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, און אין דער זעלבער צייט זיך געערגערט, פאַרוואָס ער פילט זיך נישט באַקוועם אין דער באַלעבאָסטעס געגנוואַרט.

ס׳האָט זיך געהערט ווי די מוטער רופט מיט אַ שטים פון אַ געוועזענער לערערין:

— אַר־טור! אַר־טור!

זיינע גרויסע שיך האָבן דעם לערער באַאומרויקט, דערצו זע־נען די פּשישוועס געווען צעשפּאָלטן און דער געדאַנק, אַז ס׳לעדער קאָן זיך עפענען, האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך דורכגעגאַנגען איבערן לאַנגן עסצימער, געקוקט אויפן בילד פון אַ בעטלער, וואָס האָט געהאָנגען

אויף דער וואַנט, און נישט געוווסט צו וואָס מען קויפט אַזעלכע בילדער, ווען מען לאָזט דעם בעטלער איבער דער שוועל נישט אַריבער. ער איז געבליבן שטיין ביים טיש, געקוקט אויפן שמאָלן קרישטאָלענעם קלאָש, וואָס די דינסט האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען. אינעם קלאָש האָבן געפינקלט זילבערנע לעפל-גאָפל.

זיין רעכטע האַנט, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהאַט צו טון מיטן גוף, האָט אַ נעם געטון אַ לעפל צווישן די פינגער, אים פּרובירט ווי שווער ער איז און אונטערגעבראָמט:

— נישט חולה צו עסן מיט געוויינלעכע לעפל!

דער לערער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ רוק געטון דעם קלאָש וואָס ווייטער פון זיך. דער לעפל האָט זיך געדרייט צווישן זיינע פינגער און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם האַרטן האָלץ פון טיש, האָט דאָס זילבער אַ קלונג געטון ווי אַ קאַמערטאָן.

— אַ מציאה אַ לעפל? — האָט דער לערער געטריבן פון זיך דאָס מנוועלע, וואָס איז געזעסן אין אים — און צו וואָס דאַרף ער אים? אַ נייער קאָסט אַוודאי נישט מער ווי דריי דאָלער!

ס׳דינסטמיידל איז מיטאַמאָל אויסגעוואָקסן, פאַרשייט אַ קוק געטון אויפן לערער. אומדערוואַרט האָט זי אַ כאַפּ געטון דעם קלאָש פון טיש און איז צוריק אַרויס. דער לערער איז געוואָרן בלאַס, דערנאָך רויט. ס׳האַרץ איז זיך צעלאָפן ביי אים און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיטן לעפל.

ער איז געווען זיכער, אַז ס׳דינסטמיידל האָט געזען, ווי ער האָלט דעם לעפל. וואַרט נאָר די מאַדאַם זאָל אַריינקומען און מען וועט אים אַרויסוואַרפן. מאָרגן וועלן אַלע אין סעמינאַר זיך דערוויסן דערפון. ער האָט זיך אַליין פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נאָך צייט, איידער די באַלעבאָסטע קומט אַריין, אַוועקצולייגן דעם לעפל אָן אַ זייט. ס׳וועט הייסן, אַז די דינסט האָט אים פאַרגעסן. און צו וואָס דאַרף ער דעם לעפל? וואָס וועט ער טון מיט אים? און וואָס פאַר אַ שוואַרץ-יאָר האָט אים געשטופּט.

ס׳איז געווען צו שפּעט.

אַרטור, אַ געוויקסיק יינגל, מיט אויסגעקנעטענע באַקן, האָט אים

שוין באַגריסט, זיך אַוועקגעשטעלט אַזוי נאָענט, אַז דער לערער האָט אויסגעשטרעקט דעם עלנבויגן, אים נישט צוגעלאָזט צו זיך. ס'ייִנגל האָט זיך געהאַלטן אין איין באַלעקן, ווי דער טעם פון דעם מי-טאָג וואָלט אים נאָך געלעגן אויף די ליפּן.

דער לערער האָט זיך אָנגעברוגזט, געביטן ס'קול, געוואָלט אַזוי נאָך אַרויסרופן צו זיך מער דרך-ארץ, ער האָט נערוועז געשריבן מיטן פינגער איבערן גלאָז, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און זיך געבייזערט:

— שטענדיק דאַרף מען וואַרטן אויף דיר!

אַרטור, אַ פאַרחושטער, האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט געזוכט צווישן די ביכער, צווישן די העפטן, גע-פונען אַ צעקנייטשט זייטל פּאַפּיר און עס דערלאַנגט דעם לערער:

— די קאָמפּאָזיציע.

— איבער וואָס האָסטו געשריבן?

— ווי די ברידער פאַרקויפן יוספן.

דער לערער האָט געלייענט, אויסגעשטראָכן איין שורה נאָך דער אַנדערער, און דערמיט וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין שטראָפן דעם תלמיד, האָט ער זיך געוואָלט באַרויקן.

אַרטור איז געשטאַנען, ווי מען וואָלט אים נישט געמיינט. ער האָט געקוקט דעם לערער אין מויל אַריין, באַשלאָסן, אַז ער האָט אַ צו-לאַנגע נאָז און מיט הנאה זיך געטראַכט, וואָס וואָלט געווען, ווען ער נעמט אָן דעם לערער פאַר די אויערן.

אַרטור האָט זיך אומדערוואַרט צעלאַכט. דער לערער האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט חשד, צוגעדריקט אַזוי שטאַרק מיטן עלנ-בויגן דעם לעפל, וואָס איז ביי אים געלעגן אין דער בוזעם-קעשענע, אַז ער אַליין האָט אים מער נישט געפילט. דער לערער האָט זיך צעשריען:

— וואָס לאַכסטו? וואָס איין וואָרט קלעפּט זיך ביי דיר נישט צום צווייטן? אַבי געשריבן!

דער לערער האָט אַ שאַר געטון פון זיך די קאָמפּאָזיציע, אַרויס-גענומען פון אַ זייטיקער קעשענע אַ זיידן קאַפּעלע, עס אָנגעטון און אויפגעמישט:

— זאָג!

אַרטור האָט געזאָגט מיט אַ ניגון, פּאַרטייטשט יעדעס וואָרט אויף ענגליש און אין דעם גרויסן, שטילן עסצימער האָט עס אָפּגע־קלונגען ווי אַ דרשה אין אַ טעמפּל.

אין קאָרידאָר ביי אַן אָפענער שאַנק איז געשטאַנען די באַלע־באָסטע. זי האָט איבערגעלייגט דעם מאַנס אָנצוגן, אָנגעגרייט, די דינסט זאָל זיי אַוועקטראָגן צום שניידער אויסצופּרעסן, און אַרויסגע־נומען די בריוו פון די קעשענעס.

די ענגלישע בריוו זענען געווען פון עופות־הענדלער, געקומען פון דער וועסט, פון דער סאוט. די יידישע, האָט זי געוווסט, זענען פון פּוילן, פונעם מאַנס שטעטל. דאָרט האָט אייבי זיין משפחה, שטיצט אַלעמען. און די בריוו זענען פול מיט ברכות: מען בענטשט אייבין, עוועלינען, די קינדער.

די מוטער האָט געשעפּט נחת, ווי אַרטור זאָגט אַרויס די העברעישע ווערטער, עפּעס נישט געגלייבט, אַז דאָס איז איר יינגל, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אַ „בייבי", און דאָ שטייט פאַר איר אַ געוויקסיק בחורל און זאָגט חומש. אַ מוטערלעכע וואַרעמקייט צו די קינדער, צום מאַן האָט זיך געוועקט אין איר און אין דער שטילער פרוי איז געווען אַ פאַרלאַנג, אַז די אַרומיקע זאָלן זען ווי גליקלעך זי איז. זי האָט געוואָלט אויסנעמען ביים לערער, וואָס ענדיקט אויף רבי, — לאָז ער וויסן מיט וואָס פאַר אַ ברייטער האַנט איר אייבי גיט צדקה.

אויפן לערער האָט די הויט געברענט. ער האָט נישט געהערט ווי סיינגל זאָגט, ווי ער אַליין זאָגט מיט די ווערטער, געפילט אי־בערן קאַרק דער באַלעבאָסטעס אויגן, און זיינע פינגער, נערוועזע, האָבן געשריבן און אָפּגעמעקט:

— לעפל — — — לעפל — — — —

— אַרטור, זעט אויס, איז אָל־ראַיט! — האָט די מוטער אַ גלעט געטון דעם יינגל, ווען די לעקציע האָט זיך געענדיקט.

— ער וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי פויל! — האָט דער לע־רער כלומרשט געשמייכלט און פאַר די אויגן האָט דער לעפל זיך געגרינט.

— הערסט, אַרטור? — האָט די מוטער צוגעדריקט דאָס יינגל

צו זיך און מיט אַ פּאָר צנועהדיקע אויגן געפרעגט דעם לערער —
איר זענט דאָך אַ פּוילישער?

— יעס, מאַדאַם. — האָט דער לערער זיך אַ קער געטון מיטן שטול צו איר. — צוליב וואָס פרעגט איר?

— כ'האָב דאָ אַ יידישן בריוו פון מיין מאַנס משפחה. — האָט איר לענגלעך פּנים זיך אַ רויטל געטון. — כ'לייען אָבער קיין יידיש נישט. ווילט איר אַזוי גוט זיין און פאַר מיר איבערלייענען?

— מיט פאַרגעניגן!

דער לערער האָט געעפנט דעם בריוו, מיט די אויגן געכאַפּט דעם טיטול און אַן איבערראַשטער אַ קוק געטון אויף דער באַלע־באָסטע. ער האָט געלייענט:

— גאָלד מיינער...

— וואָס? — האָט זי זיך אַ בייג געטון צום לערער, ווי זי וואָלט נישט דערהערט, און מיט פאַרדאַכט געקוקט אויפן בריוו.

ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן:

— גאָלד מיינער...

— ווייטער. — איז די באַלעבאָסטע געוואָרן נערוועז.

— כ'וועל זיין פּונקט זיבן ביי וויליאַמסבורג־בריק. וואַרט אויף מיר — — —

— כ'האָב, ווייזט אויס, פאַרטוישט די בריוו. — האָט זי אַרויס־געכאַפּט ביים לערער ס'פּאַפּיר, געשמייכלט און דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן ווייס ווי לייוונט.

זי האָט אין איילעניש צונויפגענומען די פּאַפּירן, נישט געוווסט וואָס צו טון מיט זיך און מיטאַמאָל אַ נעם געטון אַרטורן פאַרן קאָלנער:

— האָסט גאָר קיין לעקציעס נישט?

— כ'האָב.

— טאָ וואָס שטייסטו און גלאָצסט מיט די אויגן?

זי איז אַרויס מיטן יינגל פון צימער.

דער לערער האָט אַ וויילע נאָכגעקוקט עוועלינען. דער שמייכל איז אין אים ערגעץ געבליבן שטעקן, נישט דערגאַנגען צום פּנים. ער האָט באַהאַלטן זיין זיידן קאַפּעלע, אויף גיך אָנגעטון דעם

קאַפּעליוש מיטן ראָק און אויף די שפּיץ נעגל זיך געלאָזט מיטן קאָרידאָר.

אין פּעדערהויז האָט ער אַרויסגענומען דעם לעפל פון בוזעם-קעשענע, אים אַ וואָרף-געטון, ווי מען וואַרפט אַ שרץ, אין דעם באַרעל מיט שמוץ, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און מיט גיכע טריט אַרויס אויף דער גאַס.

## 10. עווען

עווען איז אַריין אין זאַל, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר און מיטן בריוו צונויפגעקוועטשט אין דער האַנט זיך געלאָזט צום טיש. זי איז נישט דערגאַנגען, געבליבן שטיין, זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ איז מיטאַמאָל געשען. די אָדערן אַרום די שלייפן האָבן געצוקט און אין קאָפּ איז ביי איר געווען שווער.

זי האָט נישט געגלייבט, געטריבן פון זיך יעדן פאַרדאַכט, זיך געטרייסט, אַז אייבי וואָלט געווען פון יענע, וואָלט זי פאַר די דרייצן יאָר, וואָס זיי זענען צוזאַמען, דאָס שוין לאַנג באַמערקט. זי האָט געבענטשט, וואָס זי וויסט אין איר אייגן לעבן, ווי מען זוכט אין אַן אָנגעפּאַקטן קאַסטן, איבערגעוואָרפן אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר די דרייצן יאָר, גאָרנישט געקאָנט געפינען עס זאָל וואַרפן אַ חשד אויפן מאַן.

פאַר די אויגן זענען געשטאַנען אייביס ברייטע פּלייצעס, ווי עס איז אַזוי באַקוועם געווען זיך אָנצולענען. עס איז געשטאַנען דאָס הויז געגאָסן פון קאָנקריט, וואָס אייבי האָט אויסגעבויט, עס אָפּגעשריבן עווענען, ווען זי האָט אים געבוירן דעם דריטן זון. דאָס אַלץ האָט פאַרשטאַרקט די זיכערקייט.

דער בריוו אין דער האַנט האָט אָבער נישט געלאָזט רוען, דאָס צעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר האָט באַקומען לשון, געטריבן פון עווענען די זיכערקייט און זי האָט ווידער נישט געוווסט ווו זי האַלט.

זי האָט אויסגעגלייכט דעם בריוו, געקוקט אויף די צעדרייטע אותיות, דערקענט אַן אַלף, אַ יוד און זיך דערמאָנט, אַז אַרטור האָט

אַ ביכל, ווי דער אַלף־בית, אַ געשריבענער, איז איבערגעגעבן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן.

עוועלין האָט אויפגעזוכט ס׳ביכל, זיך אָפּגעשלאָסן אין זאַל און גענומען פאַרגלייכן יעדעס אות פון בריוו מיט דעם אַלף־בית. נאָך אַ האַלבער שעה אַרבעט האָבן די צונויפגעשטעלטע בוכשטאַבן זיך געלייענט אַזוי:

„מיין גאָלד! כ׳וועל זיין זיבן אַזייגער ביי דער וויליאַמסבורג־בריק. וואַרט אויף מיר. כ׳קוש דיינע לאַפּעס, דו, בער מיינער.
דיין ר ע ג י נ ע״.

זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן דעם ווענטל פון דער שטול, געקוקט מיט פאַרמאַכטע אויגן אין זיך, ווי אין אַ טיפער פינצטערניש. די ווענט האָבן זיך צוזאַמענגערוקט, געוואָרן שמעלער, זיך געלייגט איבער איר מיט זייער גאַנצער משא און עוועלינען האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז געענדיקט. דאָס אייגענע לעבן צעפליט זיך אויף טויזנטער פּיצלעך.

די אָדערן אַרום די שלייפן האָבן שטאַרקער געקלאַפּט, אונטערגעהויבן דעם מוח און זי איז זיכער געווען, אַז דער קאָפּ־ווייטיק, וואָס האָט זי מיט יאָרן צוריק אַזוי געמאַטערט, קומט ווידער. ס׳האָט זי אָבער איצט נישט געאַרט. פאַרקערט, זי האָט געזען אין דעם אַ נקמה, ווי אַ קינד, וואָס איז אָנגעברוגזט אויף טאַטע־מאַמע, וויל שטאַרבן אויף צו להכעיס די עלטערן.

דאָס איינגעפונדעוועטע לעבן, אַ פאַרוואָרצלטס, האָט זיך אַ וואַקל געטון און נישט באַמערקטע פאַרדרוסן, עוולות האָבן זיך גענומען טראָגן פון אַלע זייטן.

וואָס איז געשען?

די זעלבע צימערן, דאָס זעלבע מעבל. איבער דער וואַנט זיצן די קינדער איבער די לעקציעס, דער מאַן שלאָפט נאָכן מיטאָג ווי נעכטן, ווי פאַראַיאָרן, ווי מיט דרייצן יאָר צוריק. בלויז זי, עוועלין, האָט געקראָגן אַ מיש אין קאָפּ.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אייערנעכטן איז אייבי אַהיימגעקומען שפּעט. ער האָט זי אויפגעוועקט, דערציילט וועגן וואַגאָנעס סחורה, וואָס מען האָט געדאַרפט ביינאַכט אויסלאָדענען. ער האָט זיך

געטוליעט צו איר, געווען אַזוי ווילד, ווי די ערשטע וואָכן נאָך דער חתונה, און אַז זיי זענען איינגעשלאָפן, האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן.

עוועלין האָט באַשלאָסן, אַז אייבי איז דעמאָלט אַהיימגעקומען פון איר, פון רעגינען, וואָס קושט זיינע לאַפּעס. די שנאה, וואָס איז געוואָקסן צום מאַן, האָט אויפגעשוימט אין איר. זי האָט זיך אַליין פיינט געקראָגן, זיך געזידלט, וואָס זי האָט קיין זאַך נישט באַמערקט, געלעבט מיט אַ מענטשן, וואָס איז איר פרעמד געווען דאָס גאַנצע לעבן: זי האָט דאָך מיט אים זיך צומאָל נישט געקענט צונויפרעדן. און עס האָט ביי איר אויסגעזען ווי שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג, האָט מען זי פאַרשפּאַרט אין דעם הויז. אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין, אויף אירע מיידלשע יאָרן, האָט עוועלינען אַרומגענומען און זי האָט זיך צעוויינט, געשלונגען די טרערן. איצט איז איר מער נישט געבליבן ווי נעמען די קינדער און אַוועקגיין. עוועלין האָט מער נישט איבערגעקלערט, זיך געטראָגן איבער די טרעפּ, געגאַנגען אָנזאָגן דעם מאַן, אַז זי גיט אים צוריק דאָס הויז, וויל ער זאָל זי באַפרייען.

פון דעם קלאַפּ מיט דער טיר האָט זיך אייבי אַ ריס געטון פון בעט. דערזען ס׳ווייב און אַן איבערגעשראָקענער אַראָפּגעלאָזט די באָרוועסע פיס אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס איז?

— איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן. — האָט עוועלין זיך איינגעהאַלטן, געוואָלט זיין רויק.

— מיט מיר?

ער האָט אָנגעהויבן אָנצוטון די שיך. זיין קאַרק, אַ שטייפער, אַן אָפּגעגאָלטער, איז ביי יעדן בייג אָנגעלאָפן, געוואָרן רויט, און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז עס רוקן זיך צרות.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ נעם געטון דאָס ווייב פאַר די הענט, געוואָלט ווייטער מאַכן דעם כעס, וואָס האָט געבלישטשעט אין אירע אויגן. זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון אים, ווי פון אַן אומציכטיקער זאַך. פון דער זייט אים געטראָגן דעם בריוו און די אונטערשטע ליפּ האָט ביי איר געציטערט:

— איך האָב אַוועקגעגעבן דיין אָנצוג צו פּרעסן, האָב איך צופעליק דאָס געפונען אין דיין קעשענע...

אייבי האָט גענומען דעם בריוו, אָנגעהויבן לייענען. ער האָט זיך מיטאַמאָל אײַנגעגאַנצן געביטן, נישט געקענט קוקן דעם ווייב אין די אויגן, זיך גענומען דרייען אויפן אָרט אין אַ רעדל, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— דאָס איז נישט צו מיר! דאָס איז נישט צו מיר!

— צו וועמען דען?

ער האָט פאַרלוירן אַ צי געטון מיט אַן אַקסל.

— ביסט נאָך אַ ליגנער אויך דערצו און אַ מיאוסער ליגנער? — האָבן הייסע טרערן פאַרגאָסן אירע אויגן. כ׳וויל, דו זאָלסט שוין אַוועק פון הויז! נאָך היינט! איך וועל מיט דיר נישט וווינען

— עוועלין! — האָט אייבי זיך אַ בייג געטון צו איר.

— כ׳בין נישט מער דיין עוועלין, — האָט זי געציטערט אינגאַנצן, — נעם צוריק ס׳הויז, די בריליאַנטן, אַלץ, אַלץ, אַלץ! — האָט זי געטופּעט מיט די פיס — כ׳וויל קיין זאַך נישט פון דיר! קאָנסט אַלץ אַוועקשענקען דער מויד!

פאַר די אויגן האָבן זיך געדרייט גרינע רייפן, איינע אין דער אַנדערער, מיטגעשלעפּט דעם כעס, און זי איז געבליבן אַן אויסגעליידיקטע. אַלע פיילן אויסגעשאָסן און קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. ס׳הויז, דער מאַן, דאָס צעוואָרפענע בעט, אַלץ ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. פינטעלעך פייערדיקע, שטעכיקע, האָבן זיך געהויבן פון די רייפן, געפייפט אין די אויערן. עוועלין האָט אַ שלעפּ געטון די מירמלשטיינערנע פליטע, וואָס איז געלעגן אויף אַ נאַכט-טישל. שאָלן, וואַזעס זענען צעפלויגן מיט אַ קלימפּער, באַלד האָבן די שויבן אויפגעציטערט און דער קלאַפּ פון דער פליטע האָט אָנגעקלונגען אין אַלע ווינקלען.

עוועלין האָט צוגעהאַקט הינטער זיך די טיר, נישט געהערט ווי דער מאַן שרייט איר נאָך, לויפט איבער די טרעפּ. די דינסט איז איר אַנטקעגנגעקומען, געפרעגט:

— וואָס איז, מאַדאַם?

— וואָס פּלאָנטערט איר זיך אונטער די פיס? — איז אייבי גרייט געווען אויסצולאָזן ס׳ביטערע האַרץ צו דער דינסט — גייט אין קיך אַריין!

אין איילעניש האָט עווע‏לין אַ כאַפּ געטון ס׳פוטער און איז אַרויס פון הויז.

זי איז געגאַנגען שנעל, זיך נישט אומגעקוקט, ווי זי וואָלט געדאַרפט צו דער מינוט ערגעץ זיין. זי האָט געהערט ווי מען גייט איר נאָך, אָנגעהויבן צו גיין נאָך שנעלער, צוגעטראַכט וואָס צו זאָגן אייבין ס׳זאָל אים ווײ טון, ער זאָל האָבן צו געדענקען. דער שטח צווישן איר און דעם הויז איז געוואָקסן, ס׳האָט זיך שוין געזען פעלד.

עווע‏לין האָט זיך אומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען. ס׳האָט איר מאָדנע פאַרדראָסן. דער וועג, וואָס האָט געדויערט צוואַנציק מי־נוט, האָט ביי איר אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען מיילן פון דער היים.

די אָפענע ווייטקייט האָט זיך געצויגן פון אַלע זייטן, גע־שראָקן. דער שניי איז געלעגן אַ צוגעפרוירענער, געפינקלט ווי אייז. דאָ און דאָרט איז געשטאַנען אַ הייזל, אָפּגעשניטן פון אַ וועג.

ערשט איצט האָט זיך עווע‏לין אַרומגעזען, אַז קיינער דאַרף זי נישט. די קינדער זענען אונטערגעוואָקסן, קאָנען זיך באַגיין אָן אַ מאַמע, אייבי האָט אַן אַ נ ד ע ר ע... זי האָט זיך דערפילט פאַרלאָזן, נישט געהאַט וווהין צו גיין. אַן אומבאַהאָלפענע האָט זי פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט און אַזוי געבליבן שטיין אינמיטן פעלד.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, געוואָרן קעלטער. און כאָטש ס׳איז נישט געווען קיין ווינט, האָבן שנייעלעך זיך געהויבן איבער די פעלדער, זיך געלייגט ווי פּריזמעס.

ס׳איז פאַרבייגעלאָפן אַ הונט. עמעצער איז אָנגעקומען מיטן פעלד. עווע‏לין האָט קיינעם איצט נישט געוואָלט טרעפן, געשראָקן זי זאָל זיך נישט דאַרפן באַגריסן. זי האָט זיך געלאָזט מיט אַ שמאָל אויסגעטראָטן וועגל, וווּ דער שניי האָט זיך געגרויט, ווי אַקסידירט זילבער. אָט איז דער דאָקטאָרינס שטיבל. זי האָט זיך געוואָלט אויס־דרייען, איז איר אַנטקעגנגעקומען שבתיס טאָכטער, מיס לאַנדע, אַ „קריסטשען סייענס״־דאָקטאָרין.

מיס לאַנדע איז שוין געווען אין די הויכע דרייסיקער אַ נידע־ריקע, שמאָלע מיט אַ פּנים פון אַ קלויסטער־שוועסטער. זי איז געווען

עוועלינגס הויז-דאָקטאָרין. זיי האָבן זיך באַגריסט. די דאָקטאָרין מיטן שמים-פּנים האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף עוועלינען, גערעדט ווי אַ היילִיקע:

— וואָס איז, טייערע?

עוועלין האָט נישט געענטפערט, זיך צוגערוקט נענטער צו דער דאָקטאָרין, דאַכט זיך קלענער געוואָרן און זיך צעוויינט ווי פאַר אַ מאַמע.

די דאָקטאָרין האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב, וווּ אַ קוילן-אויוון האָט געברענט. ס'האָט אַ שלאָג געטון מיט היץ, איינגעהילט דאָס פּנים, אַז ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

די דאָקטאָרין האָט איר אויסגעטון ס'פוטער, זי אַריינגעזעצט אין אַ וויג-שטיל און אַליין האָט זי אַראָפּגענומען אַ בוך פון טיש און זיך געזעצט אַזוי נאָענט, אַז זייערע קני האָבן זיך אָנגערירט.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט עוועלין איר דערציילט וועגן בריוו, וועגן מאַן, וועגן דעם, וואָס זי איז אַוועק פון דער היים. וועט שוין קיינמאָל זיך נישט אומקערן אַהין...

— וויין נישט, שוועסטער. — האָט מיס לאַנדע געהאַלטן אירע הענט, הייסע הענט, אויף עוועלינס קניען. — קיין זאַך האָט דאָך נישט פּאַסירט, נישט געקענט פּאַסירן...

— ס'טוט אָבער ווי, מיס לאַנדע, — האָט עוועלין געוויזן אויפן האַרץ, — דער ווייטיק האָט זיך איינגעגעסן ווי אַ ראַנע.

— ווייטיק, טייערע, איז אַן איינרעדעניש און אַן איינרעדעניש קאָן נישט וויי טון, — האָט מיס לאַנדע אַרויפגעלייגט אירע ווייסע הענט אויף עוועלינס קאָפּ, געפירט מיט די פינגער צווישן די פּאַסמעס האָר. — טראַכט, שוועסטער, וועגן גאָט. גיב זיך אים איבער, פאַרטיף דיך אין גאָטס-בוך, — און זי האָט געוויזן אויפן בוך, וואָס איז געלעגן ביי איר אין שויס, — און נישט נאָר דו וועסט געהיילט ווערן, עוועלין, וועסט נאָך העלפן דעם מענטש פון גאָר דער וועלט, ער זאָל זיך באַפרייען פון יעדער חולאת, פון יעדער פיין.

די דאָקטאָרין האָט געעפנט ס'בוך, געלייענט שטיל אָן ווערטער. בלויז די ליפּן האָבן געציטערט.

זי האָט געהייסן עוועלינען צוריקגיין צום מאַן, זען אים צו געווינען אויף איר זייט. נישט אָפּצושטויסן. און אַז זי וועט אים געווינען,

ווּעט ממילא דאָס שלעכטס, וואָס באַווייזט זיך אינעם געשטאַלט פון אַ פרעמדער פרוי, פאַרשווינדן. ווי שטייט געשריבן אין די הייליקע אַפּאָקאַליפּסן:

„... און אַז דו ווּעסט זיך אומקערן צו גאָט, ווּעט דאָס זינדיקע, וואָס זיצט אין דיר, אַנטלויפן אין דער וויסטעניש..."

— מיס לאַנדע, כ'קען נישט. — האָט עוועלין זיך פּרובירט אַנטקעגנצושטעלן. — האָט איר אַ טראַכט געטון, וואָס ס'הייסט דער מאַן איז אומטריי?

— כ'ווייס, שוועסטער. — האָט מיס לאַנדע גענומען עוועלינס האַנט צווישן אירע קליינע, וואַרעמע פינגער. — געדענק אָבער, אַז ווער ס'איז אומטריי אין פאַרהייראַטן לעבן פלעכט אַליין פאַר זיך אַ בייטש. אויף אַ גוט צונויפלעבן צווישן מאַן און ווייב שטייט די וועלט. דער מאַן ווערט דערהויבענער דורך דער פרוי און די פרוי ווערט שטאַרקער, באַוווסטזיניקער דורכן מאַן. איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן. און אויב דער מאַן איז אומטריי דער פרוי, איז די פרוי אַזויפיל שולדיק, ווי דער מאַן. זי דאַרף זען פאַרוואָס דאָס צוזאַמענלעבן איז געשטערט געוואָרן. און די קריגערייען צווישן מאַן און ווייב וועלן אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי ס'שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן — „ווען דאָס ערדישע ווּעט פאַרשווינדן און פון דער ערד ווּעט ווערן הימל".

דער שיין פון אויוון איז געפאַלן אויף ביידע פרויען, אַריבערגעטראָגן זייערע געשטאַלטן. גרויע, געבויגענע, אויף דער טונקעלער וואַנט, נאָכגעקרומט יעדע באַוועגונג.

ס'איז געוואָרן שפּעט, די דאָקטאָרין האָט געהאָלפן עוועלינען אָנטון ס'פוטערנע היטל, זי האָט זי באַגלייט מיט אַ „שיין-וואַרפער", עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— גלייך מיטן וועג, גלייך! גייט מיט גאָט!

עוועלין איז געגאַנגען מיטן שניי, געקוקט ווי איר שאָטן לויפט אויף פאָראויס. זי האָט זיך אַ צי געטון איבער די פעלדער, דערפילט אין זיך אומבאַקאַנטע ווייטן און כאָטש ס'איז איר איצט לייכטער געוועזן אויפן האַרצן, האָט זי אַלץ נישט געוווּסט וואָס צו טון מיטן אויפגעשנורעוועטן לעבן, וואָס האָט געברומט אין איר:

— ווער דאַרף עס, ווער דאַרף עס?..

# .11 פֿאַרהייראַט לעבן

אייבי האָט זיך געדרייט אַרום עוועלינען, געווען פֿריילעך, ווי אַ מאַן קאָן זיין, ווען ער בעט זיך איבער נאָך אַ לאַנגן ברוגז מיטן ווייב. ס׳האָט זיך אים עפּעס יאָ געפּלאָנטערט, אַז עוועלין איז מיט אים געווען צעקריגט. זיך געטרייסט, אַז ס׳איז אַוודאי געווען אַ חלום און קיין גליקלעכערער איז אייבי קיינמאָל נישט געווען.

מיטן אויפֿכאַפּן זיך אָבער איז אייביס גליק פֿאַרשוווּנדן, און ס׳גיהנום, וואָס האָט זיך נעכטן צעבערענט, האָט זיך אַ שפּאַר געטון אויף אים פֿון יעדן פֿינצטערן ווינקל. ער האָט אַ שטעק געטון די הענט, וואָס זענען געפֿאַלן אין אַ ליידיקייט, זיך דערמאָנט, אַז ס׳ווייב שלאָפֿט נישט מיט אים, און ער האָט זיך אויפֿגעזעצט.

אייבי האָט ליכטיק געמאַכט. די מירמלשטיינערנע פּליטע, די צעבראָכענע שאָלן, וואָס זענען געבליבן ליגן פֿון נעכטן אין אַ ווינקל פֿון דער פּאָדלאָגע, האָבן אַ גלאָץ געטון אויף אים. ער האָט געקוקט אויף די שערבלעך און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ: ס׳ווירטשאַפֿט, ס׳הויז, זיין גאַנץ לעבן איז צעפֿלויגן אויף פּיצלעך. געבליבן איז בלויז דער זייגער מיט זיין שווערן אומרו, וואָס מאַכט טיפֿער די שטילקייט.

אייבי האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכטן, ווען עוועלין איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז, האָט ער צומאָל נישט אַ טראַכט געטון, אַז מען דאַרף איר נאָכגיין. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז געלאָפֿן צו טאַטע-מאַמע אים פֿאַרמסרן, וועט דאָרט בלייבן אַ פּאָר טעג. דער שווער, די שוויגער וועלן זיך אַריינלייגן אין שלום. זיי וועלן אַריבערקומען, מאַכן פֿונעם גאַנצן ברוגז אַ שפּאַס און אים, אייבין, שלעפּן צו זיך אויף אָוונט-ברויט. נאָכן עסן וועט מען זיי איבערלאָזן אַליין,

אַזוי איז שוין איין מאָל געווען, באַלד נאָך דער חתונה. דאָס מאָל וועט ער זיך נישט לאָזן איבערבעטן און אויב עוועלין וועט פאַר־לאַנגען אַ גט, וועט ער איר נאָך צוגעבן העלפט פון זיין פאַרמעגן.

אייבי האָט זיך גענומען אָנטון, זיך געדרייט איבערן שלאָף־צימער, פיינט געקראָגן ס׳ווייב, ס׳טאָפּלטע בעט, די שאַכטלעך און פלעשלעך, וואָס זענען געווען צעשטעלט אויפן טואַלעט־שפּיגל, די פּאַלמע מיט די ברייטע בלעטער, וואָס מען זעט ביי אַ גויישן קבֿרן אין פענצטער.

אייבי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט גאַנצע דרייצן יאָר געשוויגן: די יאָרן האָבן זיך אַ שטעל געטון פאַר אים, טרוקע־נע, ווי ס׳ווייב. און ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען, צי ער איז אַמאָל גליקלעך געווען מיט איר. עוועלין האָט אים שטענדיק אַ טובה געטון, ווי זי וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן אים. די לעצטע יאָרן, ווען זי האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט „קריסטשען סייענס״, האָט זי אים פּשוט געטריבן פון זיך. און אַז אייבי איז צוגעשטאַנען, האָט זי פון מאָל צו מאָל אים צוגעוואָרפן אַ גלעט.

מיטן כּעס זענען ביי אים אַרויסגעשווומען אָן אַ שיעור עוולות. צוממערסטן האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזוי פיל יאָר געווען פאַרשפּאַרט אין זיין אייגן הויז, מורא געהאַט ס׳מויל צו עפענען און זי, עוועלין, דאָס שטילע ווייב האָט נישט נאָר געטון מיט אים, וואָס זי האָט געוואָלט, נאָר אויך, וואָס איר מוטער האָט געוואָלט.

אייבי איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין אינמיטן צימער, זיך גע־וואָלט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס ס׳ווייב האָט אים אָפּגעשפּילט אַזאַ חתונה. ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי עוועלין, אַז אַלע זייערע באַקאַנטע פירן אַ טאָפּלט לעבן. בלויז ער, אייבי, איז געווען געטריי דעם ווייב, נישט געקוקט וואָס גוטע־ברידער לאַכן פון אים. אַפילו ס׳ווייב, אַז זי איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט געמאַכט שפּאַס פון אים, געזאָגט, אַז ער איז מן־הסתם נישט קיין אמתער מאַנסביל, אַנדערש וואָלט ער אויך געהאַט אַ געליבטע. איצט האָט זי זיך איבערצייגט.

אַ באַליידיקטער האָט ער זיך געדרייט מיט פאַרקוועטשטע פויסטן איבערן שלאָפצימער און באַשלאָסן, אַז ער האָט קיין מזל נישט. איידער וואָס־ווען, און ס׳אייגענע הויז איז אים ענג געוואָרן.

פון די יאָרן, וואָס ער איז געווען מיט עוועלינען, איז אין אים גע־בליבן די מורא, אַז ער זיצט נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין צווישן מענטשן, רעדט נישט צו דער זאַך. דערצו האָט ער זיך שטענדיק געפילט שולדיק, ווען ער פלעגט זיך צורירן צום ווייב און פאַר קיין פאַל זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין איר לעבן.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי עוועלין האָט אים אויפגעוועקט, געשטאַנען איבער אים מיטן בריוו אין דער האַנט, איז אויך אויסגעוואָקסן רעגינע, אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ פרישע. זי האָט איבערגעלאָזט אַרום אים אַ פלאַטער פון רויטע האָר, פון זאַפטיקע ליפּן. און דער פלאַטער האָט זיך איצט געטראָגן איבער זיין פּנים, געררייצט די נאָז־פליגלען, ווי אַן איידעלער ריח, איינגערוימט, אַז ביז רעגינען האָט אייבי נישט געוווּסט וואָס אַ פרוי איז. עוועלין איז אַ צו טרוקענע, אַ קאַלטלעכע, עס יאָגט פון איר.

די בענקשאַפט נאָך רעגינען איז געוואָרן גרעסער, אַרויסגעלויכטן פון די געפּטרטע יאָרן, וואָס האָבן געשוועבט איבער אים. אין דער רגע איז אייבי געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב. דאָס עלטערע יינגל וועט ער נעמען מיט זיך, די קלענערע איבערלאָזן עוועלינען — און אַ סוף.

אין אויפשליסן די טיר, אין אירע שטילע טריט האָט אייבי דערקענט עוועלינען. ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. זייגע פלע־נער האָבן געצומען פונאַנדערפאַלן זיך, זיך דערווייטערן פון אים און דער גרויסער שלאָפצימער האָט אָנגעהויבן איינצולויפן.

אין איילעניש האָט ער אַרויפגעלייגט די מירמלשטיינערנע פּלי־טע אויפן טישל, צונויפגעקליבן די שערבלעך, זיי באַהאַלטן אין דער שאַנק און געוואַרט אָן אַן אָטעם עוועלין זאָל אַריינקומען. ס׳האַרץ ביי אים האָט זיך געהויבן און דער מוח האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: — זי וועט יאָ אַריינקומען, זי וועט נישט אַריינקומען.

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, געצומען שפּרייזן איבערן חדר און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. ער האָט געהערט ווי עוועלין פאַרשליסט זיך אין שלאָפצימער פאַר געסט און ס׳האָט אים עפּעס אָנגעהויבן באַנק צו טון, זיין כּעס האָט זיך ביסלעכווייז געצומען

שטילן, די עוולות — לעשן, און ס׳איז אים אַ רחמנות געוואָרן אויף עוועלינען.

אייבי האָט זיך אונטערגעגנבעט הינטער דער טיר, געוואָלט זען דורכן שליסל־לאָך, וואָס זי טוט. ס׳איז געווען פינצטער, און אַז ער האָט זיך לענגער איינגעהערט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עוועלין קרעכצט. ער האָט אָנגעקלאַפּט איינמאָל, נאָכאַמאָל, זיך געבעטן:

— עפן, עוועלין!

קיינער האָט נישט געעפנט.

ער האָט זיך לאַנג געדרייט איבערן שלאָפצימער, זיך אָפּגע־שטעלט ביים פאַמיליען־בילד, ווו דער שווער מיט דער שוויגער זע־נען געזעסן פון פאָרנט מיט די אייניקלעך און ער מיט עוועלינען זענען געשטאַנען פון הינטן.

אייבי האָט דעם שווער נישט ליב געהאַט. אַ געפּוצט מענטשל מיט אַ שטענדיקן קנייטש אין די הויזן. אויגן גראָע, ליטרע און ס׳מויל מיינט קיינמאָל נישט וואָס עס זאָגט. אַפילו היינט נאָך קוקט ער אויפן איידעם פון אויבן אַראָפּ. נעמט זיך זייער איבער, וואָס ער רעדט ענגליש אָן אַן אַקצענט און אַז ער קומט באָרגן געלט טוט ער אייבין אַ טובה. די שוויגער, הויך און דאַר, מיט אַ מאַנסבילש פּנים, הערט נישט אויף צו לערנען די טאָכטער, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ מאַן, און ס׳האַרץ האָט אייבין געזאָגט, אַז עוועלין וועט מיט די יאָרן איינגאַנצן געראָטן זיין אין איר מוטער.

איצט, פאַרטאָג, ווען אייבי איז געשטאַנען אַן אָנגעטוענער, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, פאַרטיק צו פאָרן אין „מאַרקעט" אַריין, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישט אַזוי לייכט איבערצואַנדערשן ס׳לעבן, און די שווערקייט איז נישט אין די מאַסיווע שטיקער מעבל, אין דעם הויז, געגאָסן פון קאָנקריט. דאָס אַלץ קאָן מען אַראָפּשאָקלען פון זיך, צעברעכן, ווי ס׳ווייב האָט צעבראָכן די שאָלן. ס׳פאַמיליען־לעבן ליגט נישט בלויז אויף זיינע פּלייצעס, ס׳איז אויך איינגעוואָקסן אין אים, ס׳באַשטייט נישט בלויז פון ווייב מיט די קינדער. ס׳איז אויך דער שווער מיט דער שוויגער, שוואָגערס און שוועגערינס. און מיט יעדן טרייסל בלוטיקט ס׳אייגענע האַרץ.

אַן אומבאַהאָלפענער, ווי ער וואָלט פאַרמשפּט געוואָרן צו ליידן ס׳גאַנצע לעבן, איז אייבי אַרויס פון הויז.

## 12. בלוט

אייבי איז געקומען שפּעט אין מאַרקעט אַריין.

וואָלף, אין אַ ווייסן כאַלאַט, איז געשטאַנען ביי דער וואָג, גע־וואָרפן זעק מיט עופות, געפּרייזט הינער, באַרעכנט, און ס׳געלט האָט געקלימפּערט.

די קצבים האָבן איבערגעשריגן דאָס קרייען פון די הענער, זיך געדונגען, אַראָפּגעריסן ווער אַ סענט, ווער אַ האַלבן פון אַ פונט, זיך געדרייט צווישן די שטייגן.

די שוחטים, פאַרבלוטיקטע, האָבן אויסגעבויגן די קעפּלעך פון די עופות, וואָס די אַרבעטער האָבן זיי דערלאַנגט, קוים אָנגעריררט מיט די חלפים די העלזער.

איטאַליענער, נישט דרייסטע, מען זאָל זיי נישט אַרויסטרייבן פון מאַרקעט, זענען אויסגעוואָקסן מיט קרוגן, געכאַפּט פון יעדן עוף צו ביסלעך בלוט, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו פאַרשלאָגן אַ באָרשטש.

ידידיה איז געזעסןביים פונאַנדערגעבערענטן אייוועלע אָן אַ שטאָך אַרבעט. דריי קעץ מיט אויפגעטורעמטע רוקנס האָבן זיך גע־דרייט און געריבן אַרום זיינע פיס מיט אַ וואָרטשען. דער ריח פון די פריש־געשאָכטענע עופות האָט זיי נישט געלאָזט איינליגן.

אַן אַרבעטערס אַ מיידל, וואָס האָט געבראַכט דעם פּאָטער אי־בערבייסן אין אַ צעראַטענער טאָרבע, האָט זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג. זי האָט דערזען דעם באַלעבאָס, זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרגעסן און איז אַרויף אויף וואָלפן.

וואָלף האָט זי אָפּגעשטעלט און אַריינגערוקט די האַנט אין דער טאָרבע:

— וואָס טראָגסטו דאָ?

— נישט פון מאַרקעט, וואָלף, נישט פון מאַרקעט. — איז דער אַרבעטער אונטערגעלאָפן.

— וואָס הייסט נישט פון מאַרקעט? — האָט וואָלף אַרויסגע־שלעפּט אַ הון.

— כ׳האָב די „טשיקען" אַרויסגענומען ביי אַ קצב פון זאַק. — האָט דער אַרבעטער געשטאַמלט.

— לייג שוין אַוועק די „טשיקען". — האָט וואָלף אים אַ שטופּ געטון מיטן עלנבויגן. — און דאַנק גאָט וואָס דער באַלעבאָס האָט זיך נישט געכאַפּט: וואָלסט געפלויגן!

דער אַרבעטער האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל, פּרובירט אַ שמייכל צו טון. דער שמייכל האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, גע־מאַכט ס׳פּנים נעבעכדיק און די איבערשטע ליפּ האָט זיך געקרימט:

— מיך אַרט נישט! ר׳קענט צונעמען די „טשיקען"!

אייבי האָט מיטן ערשטן קוק אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן מאַרקעט. ער האָט דערשמעקט, אַז ס׳איז נאָר־וואָס עפּעס פאָרגעקומען צווישן וואָלפן און דעם אַרבעטער און ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז, וואָלף?

— גאָרנישט.

אייבי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען באַהאַלט פון אים עפּעס אויס, און מער נישט איבערגעפרעגט. ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די קצבים דינגען זיך, וואָס וואָלף לאָזט אַראָפּ פון פּרייז, וואָס אַפילו דאָ אין מאַרקעט, ווו ער, אייבי, איז דער איינציקער באַלעבאָס, ווערן אָפּגעטון הינטער אים מעשים. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי אים, זענען זיינע שונאים, צעטרענצלען זיין פאַרמעגן.

אַ קצב איז געשטאַנען איבער וואָלפן, געשפּריצט בשעתן רעדן, ווי ס׳וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ דאָלער, נאָר וועגן הונדערט. ער האָט געשטופּט וואָלפן אין דער האַנט אַריין אויסגע־שמירט געלט און געטענהט:

— נעם, נעם! האָסט אַזוי אויך ביי מיר איבערגענומען אַ דאָלאַר!

אייבי האָט נישט געקענט הערן ווי דער קצב דינגט זיך. ער

האָט ביי אים אַ ריס געטון פון אונטער דער האַנט דעם זאַק מיט עופות:

— אַ סענט נישט בילי̄קער!

דער קצב האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אויפהערן קויפן. לאָז ער נישט מיינען, אייבי, אַז ער איז איין-און-איינציק, ס'איז פאַראַן געגוג סחורה אין שטאָט...

— גייט אייך געזונטערהייט ערגעץ אַנדערש! — האָט אייבי מיט ביידע הענט געטריבן דעם קצב פון מאַרקעט.

— איך וועל טאַקע גיין!

— ביי אַזעלכע פרייזן קענסטו דאָך צעטיילן דעם גאַנצן מאַר־קעט! — האָט אייבי זיך אַ דריי געטון צו וואָלפן.

— ער האָט דאָך הענער.—האָט וואָלף אים פּרובירט איינרוימען.

— אַלץ איינס! — האָט אייבי שוין געשריגן — מען זאָל זיך נישט קענען פאַרלאָזן פון דאַנען ביז אַהער! עס קאָסט זיי טייערער, די מענטשן מיינע? מיט אַ פּרעמדער קעשענע קאָן מען זיין אַ גוטער!

וואָלף האָט זיך נישט געמאַכט הערן, געהאָפט, אַז אין אַ חודש צוויי אַרום וועט ער שלאָגן מיט אייבין כפרות, עפענען פאַר זיך אַליין אַ מאַרקעט. און אַז ער, וואָלף, וועט זיין גרייט, וועט ער אייבין פאַר אַלעמען אין די אויגן וואַרפן דעם גט צו די פיס.

גלייך אויפן שטעל האָט אייבין פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, פאַר־וואָס ער טרייבט די קצבים פון מאַרקעט, ליגן שוין ביי אים צוויי זעק מיט געשאָכטענע עופות. וואָס הייבט ער אָן טון מיט זיי? וואַרטן אויף אַ „קושענירקע"? די נכפה האָט אים אָנגעהויבן עסן און אַ וויל־דער האָט ער זיך גענומען טראָגן צווישן די שטייגן. ער האָט אָנ־געכאַפּט וואָלפן, אים געוויזן אויף אַביסל אַרבעס, וואָס איז געלעגן אויסגעשאָטן:

— מען שטעלט דאָך מיך בדיל-הדל!

— ווער?

— כ'ווייס ווער? אַז מען קאָן זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן! ווי קומען דאָ אַהער גאַנצע אַרבעס? האָסט עמעצן פאַרקויפט פאַשע?

— אַז ביסט מיך חושד, אייבי, — האָט וואָלף אַ בלאַסער זיך

אָנגעשטרענגט צו זיין רויק, — שיק מיך אַוועק! ביסט היינט אויפגע־שטאַנען, ווייזט אויס, אויף דער לינקער זייט!

— עסט אייך נישט אויפן ניכטערן מאָגן, ס'וועט אייך פאַר־שאַדטן. — איז אונטערגעקומען אַ פלינק יידל, אַן עופות־הענדלער, גע־וויזן אויף די זעק מיט היינער, וואָס זענען געלעגן אויף דער פאָדלאָ־גע. — וויפל ווילט איר, אַזוי אויפן אויג?

— פערציק דאָלאַר.

— דרייסיק. — האָט דער הענדלער אויסגעשטעקט אַ האַנט, אייבי זאָל צופּאַטשן.

אייבי האָט געוואָלט ווייזן דעם עולם, אַז ס'גייט אים נישט אין אַ סענט. ער קאָן די גאַנצע סחורה אַוועקגעבן אָן געלט. ער וועט נישט אָרעמער ווערן. קצבים האָבן זיך גענומען קלייבן, געוואָרן ביי־געריק. דער אַזאַרט האָט זיך צעשפּילט ביי אייבין און ער האָט צו־געפּאַטשט דעם קצב אין דער האַנט אַריין:

— אָל־רייט!

וואָלף, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, זיך צוגעקוקט ווי אייבי פירט מיסחר, איז אונטערגעקומען:

— אויף מיר האָסטו געשריען, אַז כ'שטעל דיך בדלות, כ'לאָז אַראָפּ אַ סענט און אַליין האָסטו אַוועקגעגעבן מיט צען טאָלער ביליקער...

— כ'האָב אַזוי געוואָלט! — האָט אייבי זיך אַ קלאַפּ געטון אין דער ברוסט אַריין.

דער הענדלער האָט אין איילעניש, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן מען זאָל נישט חרטה האָבן, אַרויסגעטראָגן די זעק מיט סחורה, זיי אַרויפגעלייגט אויף אַ וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען געשפּאַנט אין אַ רויט פערד און צוגעאיילט דעם אָנטרייבער:

— פאָר שוין אַמאָל!

אַז דער וואָגן, אויף וועלכן מען פירט אָפּ באַשטעלונגען, איז אָפּגעפאָרן, האָט אייבי זיך גענומען זידלען מיט די גרעבסטע ווער־טער, און אַז ידידיה איז אונטערגעקומען מיט אַ זעקל נאַסע פאַשע, מיט וועלכער ער האָט געפיטערט די עופות, האָט אייבי ביי אים אַרויסגענומען דאָס זעקל, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַשעפטיקונג:

— גיב אַהער, דו ליימענער גולם!

ער האָט זיך געטראָגן צווישן די שטייגן, געגעבן די עופות עסן, געזוכט זיך צו פאַרגעסן, איז ווי אויף צו להכעיס יעדע ווייל אַ שווים אַפּיר געטון די אייגענע הוילקייט, אים דערמאָנט, וואָס ס׳וואַרט אויף אים אינדערהיים.

קופּעלט האָט זיך געבויגן איבער אַ באַרעל מיט זעגעכץ, זיך געפּאָרעט מיטן חלף. אייבי האָט פון דער זייט געקוקט אויף אים, געזען ווי ער שפּילט זיך מיט יעדן עוף, איז נישט מסוגל צו שחיטה, און נישט געוווּסט, פאַרוואָס דער ייד נעמט שוין ביי אים חדשים-לאַנג געלט. דאָס איז דאָך אַ מאַרקעט, נישט קיין מושב-זקנים. איז ער דאָס מחויב ס׳גאַנצע לעבן צו ליידן פון קופּעלטן?

קופּעלט האָט געגנבעט אַ האָן, אים געוואָלט באַהאַלטן אין דעם באַרעל, וווּ ס׳ליגן טרפהנע עופות, און אויג-אויף-אויג זיך באַגעגנט מיט אייבין. קופּעלטס האַנט מיט דעם טרפהנעם האָן איז ווי פאַראַליזירט געוואָרן, געבליבן הענגען אין חלל. דאָס איז גענוג געווען. אַ צערייצטער איז אייבי אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די שטייגן, אונטערגעלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט צו קופּעלטן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַריבערשפּרינגען איבער אים, און מיט אַ פּוס איבערגעדרייט ס׳באַרעל מיט זעגעכץ:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? אַז מען איז אַלט, מען איז שוואַך, די הענט ציטערן, איז פאַראַן אַ מושב-זקנים! נישט מע לייגט זיך אויף מיר! ווי לאַנג איז דער שיעור? כ׳זאָל האָבן ראָקפּעלערס עשירות וועט נישט זיין גענוג.

— שריי נישט!—האָט קופּעלט, פון גרויס שרעק, אַז ער ווערט אָן דעם פּלאַץ, צוריקגעוווּנען זיין אַמאָליקן שטאָלץ און אָנגעהויבן אייבין צו זאָגן דו.

— ס׳טוט מיר וויי, שריי איך! — האָט אייבי גענומען שלעפּן פון באַרעל די טרפהנע הינער.

— וואָס ווילסטו, כ׳זאָל אַוועקגיין? — האָט קופּעלט אינגאַנצן געציטערט און ס׳פּנים אָן מראה איז געווען טויט.

— איר האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקגיין!

קופּעלט האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטייפן כאַלאַט, זיינע

ווייכע אויגן זענען געוואָרן שפּיציק, געלאָפן הין און צוריק, גע־זען ווי ס׳קומען אַלץ צו מער שטייגן אין מאַרקעט, אַ וואַרשטע אי־בער אַ וואַרשטע, און דער וועג צום אַרויסגאַנג ווערט לענגער.

די שוחטים האָבן אויף אַ רגע נישט מפסיק געווען. און אַז ס׳האָט זיך ביי איינעם דערוועקט אַ פּאַרדרוס אויף אייבין, וואָס ער האָט צוגענומען ביי קופּעלטן די פּרנסה, האָט די אייגענע מורא אָנ־צוווערן דעם פּלאַץ גובר געווען און ער האָט געשוויגן. מען האָט שנעלער געפּידלט מיט די חלפים, געשליידערט פון זיך די עופות, און פונעם אָפּטן כאַפּן די הענטלעך צווישן די ציין, זענען טראָפּנס בלוט געשטאַנען אויף די אויסגעווייקטע ליפּן, אויף די וואָנסן.

וואָלף איז ערגעץ־ווו פאַרשוואונדן, נישט געקאָנט צוזען ווי איי־בי פּאַרגיסט קופּעלטן ס׳בלוט. ידידיה, וואָס האָט פון פּאַרדרוס גע־טריבן פון זיך די קעץ, איז אונטערגעלאָפן צו קופּעלטן, אים גע־האָלפן אָנטון דעם מאַנטל און דורך זיינע פאַרקוועטשטע ליפּן האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקט ברומעריי.

אין מאַרקעט איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. בלויז אַ האָן, אַ חצוף, האָט זיך יעדע ווײַלע אַ ציִ געטון אין דער שטייג, פאַרוואָרפן ס׳קעפּל און זיך צעשריגן.

## 13. איבערגעבעטן

פון צופיל וויינען זענען ביי עוועלינען אונטער די אויגן אַרויס קישעלעך און ס'בלאַסע פּנים איז געוואָרן לענגער און דורכזיכטיקער.

ס'איז ביי איר נישט געווען קיין נייעס, אַז פאַרהייראַטע פרויען געפינען ביי זייערע מענער בריוולעך פון געליבטע. זי האָט געלייענט וועגן דעם אין ראָמאַנען, אין צייטונגען. ס'האָט שוין אויך פּאַסירט ביי אירע באַקאַנטע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען איר צוזאַמענלעבן מיט אייבין האָט אָנגעהויבן צו דערעסן, האָט עוועלין אַליין געחלומט וועגן אַ געליבטן, זיך געחידושט פאַרוואָס דער מאַן זוכט זיך נישט אָפּ קיין אַנדערע. די זאַך האָט ביי איר אויסגעזען אַזוי פּשוט, געגלייבט, אַז ס'מוז קומען. איצט אָבער, ווען זי האָט געפונען ביים מאַן אין דער קעשענע אַזאַ בריוול, האָט עוועלין פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט שלום מאַכן, אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט איר.

מיט דער נאַכט, וואָס עוועלין איז נישט געשלאָפן, איז זי צוגעוווינט געוואָרן צו דעם ווייטיק, וואָס איז שוין געזעסן אין אירע ביינער, זיך געפּאַטשקעט ווי אַ מכה, וואָס וויל זיך נישט פאַרהיילן. אָבער די מורא, אַז אייבי איז מיט אַן אמת גלייכגילטיק צו איר, האָט נישט אָפּגעלאָזן עוועלינען אויף אַ רגע. זי איז געווווינט געווען, ער זאָל איר נאָכלויפן, איבערבעטן אויפן אָרט, און אַז זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן אויף נאַכט, פלעגט אייבי אַריין דורכן פענצטער. וואָס אייבי איז דאָס מאָל איר נישט נאָכגעלאָפן, נישט געקומען צו איר, האָט פאַרשטאַרקט עוועלינס פאַרדאַכט.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שטיק אויפן טאָג. די קינדער זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין שול. די שטילקייט איז געלעגן

איבערן גאַנצן הויז. בלויז דער זייגער, דער איינציקער באַלעבאָס, האָט געקלאַפּט.

דאָס צימער איז פול געווען מיט ליכט, וואָס האָט זיך געגאָסן דורך ביידע פענצטער, זיך געלייגט איבערן דיל, איבערן בעט, נישט געלאָזט איינליגן.

עוועלין איז אַראָפּ פון בעט, געקוקט אַ ווייל אין דער זון, וואָס איז געשטאַנען אין פענצטער, דערוואַרעמט אירע פייכטע אויגן.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן ס'נאַכט-העמד. דער בויך אַ צעצויגענער, דורכגענומען מיט בלאָע אָדערלעך, ווי אַ לאַנד-קאַרטע, האָט שלאַבער-דיק אַראָפּגעהאָנגען. יעדעס ניי-געבוירן קינד האָט איבערגעלאָזט אויף עוועלינס בויך זיינע סימנים. זי האָט אויף גיך זיך גענומען אָנטון, געטראַכט, אַז פאַרהייראַטע פרויען האָבן זיך נישט וואָס איבערצונע-מען מיט זייער נאַקעטקייט און איז געבליבן שטיין אין שפּיגל.

קליינע קנייטשלעך האָבן זיך געקנופּט אונטער עוועלינס אויגן, ווי די הויט וואָלט געווען דורכגענומען מיט אַ זייער דינער נאָדל, און אַרום מויל האָבן זיך געצויגן צוויי קאַרבן, זיך נאָך נישט גע-האָט אויסגעגלייכט נאָך דער נאַכט, ווען ס'פּנים עלטערט זיך אין שלאָף.

זי האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער מאַן לויפט נאָך אַנדערע און אַ מיטלייד פאַרן אייגענעם לייב האָט זיך געוועקט אין איר.

עוועלין האָט אויפגעזוכט אַן אַלט זיידן קלייד, וואָס איז אַמאָל ברוין געווען. אַרויפגעצויגן אויף די לאַנגע פּיס ווייסע זאָקן, אָנגע-טון ווייכע שטעק-שיך און מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ, ווי איינע, וואָס זיצט שבעה, איז זי אַראָפּגעגאַנגען אין קיך אַריין.

זי האָט זיך נישט פאַרלוירן פאַר דער דינסט, זיך געהאַלטן מיט איר שטייף, איר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו זאָגן אַ וואָרט, און איידער זי האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל האָט זי שוין געפרעגט:

— די קינדער האָבן געגעסן?

— יעס, מאַדאַם!

— און אין שלאָפצימער האָסטו צוגעראַמט?

— כ'האָב נאָך נעכטן געוואָלט צוראָמען, האָט דער באַלעבאָס נישט געלאָזט.

— גיי אַרויף און ראָם־צו!

עוועלין האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי, זי אַוועקגעשטעלט אין עסצימער אויפן טיש, ס'זאָל זיך אָפּקילן און אַליין האָט זי זיך צו־געזעצט צום טעלעפאָן. זי האָט גערעדט מיט דער מוטער, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט. מען האָט זיך אויסגעפרעגט, וואָס יעדע קאָכט אויף מיטאָג, וואָס מען רעכנט צו טון אין אָוונט, און עוועלינס פּנים האָט בשעת־מעשה געשמייכלט, ווי זי וואָלט פאַר זיך נישט גע־האַט קיין טעלעפאָן־רערל, נאָר די מוטער אַליין.

נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעביסן, אַ קוק געטון אויפן זייגער, אַז אייבי דאַרף באַלד קומען, איז זי צוריק אַרויף צו זיך אין צי־מער. זי האָט זיך איינגעהילט אין אַ טוך, אַרויסגענומען פון אַ ביכער־שענקל די ביבל, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער לעדערנער אָטאָמאַנע און אָנגעהויבן בלעטערן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטל, גע־נומען לייענען: „———און ראובן איז געגאַנגען די טעג פון ווייץ־שניט און האָט געפונען ליב־עפּעלעך אין פעלד און האָט זיי גע־בראַכט צו זיין מוטער לאהן״.

עוועלין האָט זיך פאַרטראַכט. די מעשה מיט די ליב־עפּעלעך איז איר קיינמאָל נישט קלאָר געווען. נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז די הייליקע מוטערס זאָלן זיך אַרומקריגן איבער אַ מאַן. אין דער רגע אָבער האָט אַלץ ביי איר אויסגעזען פּשוט. זי האָט געהאַלטן מיט לאהן. ווייניק וואָס רחל האָט צוגענומען ביי לאהן יעקבס ליבע, האָט זי נאָך געוואָלט אָנקריגן די ליב־עפּעלעך אויך! ס'איז אייביק אַזוי געווען און וועט ווייסט, צי דער מענטש וועט זיך אַמאָל ענדערן.

זי האָט אָנגעקלונגען. די דינסט האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ:

— די מאַדאַם האָט מיך גערופן?

— האָסט צוגעשטעלט מיטאָג?

— יעס, מאַדאַם.

ס'האָט זיך געהערט ווי מען פאַרמאַכט די אונטערשטע טיר. עוועלין איז געווען זיכער, אַז ס'איז אייבי. און זי האָט אַרויסגע־שיקט די דינסט:

— זע, װער ס׳איז אַרײַנגעקומען!

זי האָט אַװעקגעלײגט די ביבל, זיך אײַנגעטוליעט אין טוך, זיך אײַנגעקאָרטשעט װי אַ בײגל און געהערט, װי אײבי פֿרעגט זיך אויס בײַ דער דינסט:

— װוּ איז די מיסעס?

— זי פֿילט נישט גוט.

— זי איז בײַ זיך?

— נײן, אין צװײטן שלאָפֿצימער.

עװעלין איז מער נישט אין כּעס געװען, געװאָלט דער בּרוגז זאָל זיך װאָס שנעלער ענדיקן. זי האָט בלויז געװאַרט, אײבי זאָל אַרײַנקומען, איר צושװערן, אַז ער װעט נישט מער. װאָס, האָט זי אפֿילו נישט געטראַכט. די גאַנצע מײדלשע אומבאַהאָלפֿנקײט איז געלעגן אין איר, און איצט, נאָך מער װי אַן אַנדער מאָל, האָט זי נישט געװוּסט װי צו האַנדלען.

ס׳זענען דורך פֿינף מינוט, צען, אַ פֿערטל שעה און אַז אײבי איז נישט אַרויפֿגעקומען, האָט עװעלינען פֿאַרקװעטשט אין האַלז און זי האָט אײַנגעביסן די צײן אין דעם אויסגעהאָפֿטענעם קישן.

די פּרוי אין איר האָט זיך געפֿילט באַלײדיקט. דער פֿאַרדראָס איז געװאָרן שאַרפֿער, אָנגענעם געמאַכט דעם װײטיק. זי װעט אים אַרויסטרײַבן, נישט צולאָזן צו זיך, נאָך הײנט זיך באַפֿרײַען פֿון אים.

זי האָט פֿעסטער אַרומגעבונדן דעם קאָפּ, זיך אַ שאַר געטון אין אַ װינקל פֿון דער אָטאָמאַנע, כּמעט קײן פּלאַץ נישט פֿאַרנומען, בלויז די װײַסע זאָקן האָבן אַרויסגעבליצט.

עװעלין האָט געהערט װי אײבי איז אַרײַנגעקומען, געשטאַנען אַ רגע אין דער טיר, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איר און לײַכט אַרויפֿגעלײגט זײַן גרויסע האַנט אויף איר קאָפּ:

— ביסט טאַקע בּרוגז, עװעלין?

זי האָט זיך אַ װאָרף געטון, װי נישט דער מאַן װאָלט זי אָנגערירט, נאָר אַ שרץ. שטאַרקער זיך אײַנגעקאָרטשעט. איר לאַנגער גוף איז קלענער געװאָרן, זיך פֿאַרקליבן אין שאָל אַרײַן, װי אַ טשערעפּאַכע אין דער האַרטער שאָל, און אירע אײַנגעצױגענע אַקסלען האָבן זיך געהויבן, געקראָגן קאָנװולסיעס.

עוועלינס פלענער זענען זיך צעשוווּמען. זי האָט נישט גע־וווּסט וואָס ווייטער צו טון, ווי צו האַנדלען מיט אייבין און זי האָט זיך מיטאַמאָל צעהעשעט אין קישן אַריין.

פאַר אייבין איז עס מער נישט געווען די ברוגזע עוועלין, ס'האָט געוויינט די מוטער פון זיינע קינדער. אַ שולדיקער איז ער געפאַלן צו אירע פיס, גענומען קושן די זאָקן, די לאַטשן, זיך געבעטן:

— כ'וועל נישט מער... כ'שווער דיר... נו, וויין נישט...

ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר, מיט כּוח אַ נעם געטון איר קאָפּ צו זיך אויף דער שויס, אויסגעווישט איר די אויגן, גערעדט וואָס עס איז אים געקומען אין מויל אַריין:

— מיינסט טאַקע... אַז דו לאָזט נישט רעדן... כ'קאָן דיר שווערן, אַז ס'בריוול... כ'גענאַר דיך אָסור...

זי האָט זיך אַ ריס געטון פון אים. ס'פּנים איז געווען פאַר־וויינט, צעקרימט און די אויגן געשוואָלענע האָבן געזוכט זיין בליק. אומדערוואַרט האָט זי אַ הייב געטון אַ האַנט, אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, באַלד נאָך איינעם און אירע ביידע הענט האָבן זיך צעוויגט איבער אים. אייבי האָט זיך נישט געוועהרט, ער איז געזעסן קעגנ־איבער, געפּינטלט מיט די אויגן און זיך קיין ריר נישט געטון. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט איר כּעס. זי האָט זיך נאָך העכער צעוויינט, מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען, געריסן פון זיך ס'קלייד, געשריגן, אַז ס'האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן הויז:

— אַרויס פון דאַן! גיי שוין אַרויס! כ'האָב דיך פיינט! כ'וויל מיט אַזאַ ליגנער ווי דו מער נישט וווינען!

זי האָט אַ כאַפּ געטון ס'פּנים אין די הענט אַריין, אַ פאַל גע־טון אויף דער אָטאָמאַנע און אָן כּוחות געהעשעט.

אייבי האָט אָפּגעאָטעמט, געוווּסט, אַז עוועלינס פּולווער איז אויסגעשאָסן, דער ברוגז איז געבראָכן, און ער האָט זיך נענטער צוגעזעצט צו איר.

# דריטער טייל

## 1. אין „שטיבל"

ס'איז געווען נאָך מיטאָג.

די שטענדיקע תּושבים פֿונעם שטיבל „אַנשי־מעמד" זענען נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען פֿונעם עסן. די טיר האָט אָבער נישט גערוט. מען איז געגאַנגען, געקומען, און ביים יעדן עפֿענען פֿון דער טיר האָט דער ווינט דורכגעשפּאַצירט זיך איבער די חדרים.

דאָס איז געווען די איינציקע צייט, ווען דער גבאי, אַ קליי־נער, מיט אַ שיטער בערדל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון בלויז שפּיצן, האָט געקענט עפּעס טון. ער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר. דער גבאי האָט צעלייגט איבער אַ האַלבן טיש די ביכער פֿון דער חברה, געשלעפּט פֿון די קעשענעס קוויטלעך, שטיקלעך פּאַפּיר, ווו ס'איז געווען פֿאַרשריבן אַ פּדיון, אַ נדר, פֿאַר וועמען מען דאַרף קדיש זאָגן, פֿאַר וועמען לערנען משניות און אַלץ פֿאַרשריבן אין די ביכער.

אַרום דעם גאַז־אייוועלע, וואָס האָט געברענט ביים גבאי, זע־נען געזעסן צוויי זקנים, שטענדיקע תּהילים־זאָגערס. די זקנים האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין שטיבל. זיי זענען געשלאָפֿן בייטאָג, געוואַכט גאַנצע נעכט, געוואַרט מען זאָל זיי רופֿן צו אַ מת.

ביי אומגעהובלטע טישן איז דאָ און דאָרט געזעסן אַ ייד אי־בער אַ ספֿר און געלערנט. יעדער אויף זיין שטייגער און מיט זיין ניגון.

ס'איז אַריינגעקומען אַ דערפֿרוירענער פּעדלער, אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּאַק מיט סחורה פֿון די פּלייצעס און מיט אַ קרעכצעריי גע־שטעקט די הענט אין אייוועלע. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

אין דער טיר איז געשטאַנען אַן אָנגעפּעלצטע יידענע. דער

לייוונטענער בייטל מיט געלט, וואָס האָט געקלימפּערט ביים גיין, האָט געהאָנגען איבער איר האָריקן סוועטער. זי איז אַריינגעקומען ברייט, ווי אַ מחותנתטע, מיטגעבראַכט מיט זיך אַ שאַרפן ריח פון פיש און גלייך צוגעגאַנגען צום גבאי:

— האַלאָ, ר׳ יאָסל, היינט האָב איך יאָרצייט נאָך דער מאַמען.— האָט זי געזאָגט מיט אַ נעבעכדיק קול, ווי אַן אמתע יתומה, און דאָס קול האָט נישט געפּאַסט צו איר גאַנצן געשטעל.

— כ׳ווייס, שיינדל, — האָט דער גבאי דערקענט די פישערין אָן דער שטים, צומאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן און ווייטער געשריבן, — האָט איר געבראַכט אַ יאָרצייט-ליכט?

— געבראַכט. — האָט זי זיך אַ בייג געטון איבער דעם קליין-געוואוקסיקן גבאי.

צי איבער שיינדלס בוזים, וואָס איז געהאָנגען אַן אייל פאַר איר, צי איבער דעם שאַרפן פיש-ריח — דער גבאי האָט אויפגעהערט שרייבן, זיך געוואָלט אָפּרוקן פון דער יידענע, האָט ס׳וועגטל פון דער שטול נישט געלאָזט. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און די אויגן זיינע האָבן שטום געפרעגט:

— נו?

— כ׳וואָלט געוואָלט מען זאָל נאָך דער מאַמען היינט ביי דעם יאָרצייט לערנען משניות. — האָט די פישערין איינגערוימט.

— איר וועט דאָס ביי מיר אויך פועלן. — האָבן די קלוגע אויגן ביי יאָסלען געשמייכלט.

— פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט פועלן? — איז די פישערין געוואָרן דרייסטער און אָנגעשפּאַרט אָן טיש אַ פּאָר הענט ווי ריב-אייזנס. — כ׳בין עפּעס אַ שלעכטע „מעמבערקע״?*) אויף סוכות האָב איך געשאָנקען אַ פּרוכת און אויף פּסח, מען זאָל עס דערלעבן, וועל איך אַריינשיקן אַ „ש״ס״, שוין באַלד אויסגעצאָלט.

— דאַנקט-זשע גאָט, שיינדל, וואָס איר קענט. — האָט דער גבאי איינגעטונקען די פעדער. — ווי האָט געהייסן אייער מוטער, עליה השלום?

---

*) „מעמבערקע״ — מיטגליד.

— שרה, צו לענגערע יאָר. — האָט די פישערין אַ קלימפּער גע־טון מיטן בייטל און אָנגעהויבן שטאַמלען. — כ'בין דאָך אַ פּראָסטע אישה, ר' יאָסל, נאָר ווען כ'קען פועלן ר' אַברהמל זאָל לערנען נאָך מיין מוטער, זי האָט עס כשר פאַרדינט, וואָלט איך מנדר געווען...

— וויפל אַשטייגער?—האָבן די אויגן ביי יאָסלען זיך צעשפּילט.

— כ'ווייס, ר'ווייסט דאָך, ר' יאָסל, אַז קיין גבירטע בין איך נישט, ביז מען פאַרדינט ביי די פיש אַ טאָלער, פרירט מען זיך אויס דעם מאַרך פון דיביינער, כ'זינדיק חלילה נישט... אַ פינפערל, ר' יאָסל...

— אָל־ראַיט!

— געדענקט־זשע, לערנען זאָל ר' אַברהמל, נישט קיין אַנדערער!

— אַ וואָרט, שיינדל, איז אַ וואָרט.

— יעס, ר' יאָסל.—האָבן שיינדלס רויטע באַקן זיך צעפלאַמט, אויסגעזען, אַז מען וועט זיך צורירן צו זיי מיט אַ נאָדל, וועט אַ שפּריץ טון בלוט. — מען דערציילט, אַז אין וואַלד נואַרק האַלט זיך אויף אַ גוטער־ייד... אין אַ הייל וווינט ער... איר קענט דאָך די אַלמנה, ר' יאָסל, וואָס שטייט לעבן מיר מיט אַ וועגעלע עפּל? זי איז געווען מיט איר שלאַקרירִיקער טאָכטער ביי דעם גוטן־ייד און די קאַליקע פּילט זיך בעסער... כ'האָב אַליין געזען ווי זי שטעלט זיך ביי אַ בענקל...

— איר מיינט ר' שבתין? — האָט דער פּעדלער, וואָס איז גע־שטאַנען די גאַנצע צייט ביים אייוועלע און געשוויגן, זיך אָנגערופן.

— כ'ווייס נישט ווי ער הייסט, — האָט די פישערין זיך אַ דריי געטון צום פרעמדן, — נאָר וואָס מענטשן דערציילן זיך אָן... אַז כ'וואָלט אַליין זיך אַריבערגעכאַפּט... ס'איז נישט ווייט... פון נואַרק מיט אַ מאַשין צום וואַלד, זאָגט מען, איז פינף מייל...

— קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז אַמעריקע וועט אַמאָל זוכה זיין צו האָבן דעם אמתן גוטן־ייד. — איז די שמחה אין פּעדלערס פּנים געוואָקסן מיט יעדן וואָרט. — כ'מיין, דעם אמתן צדיק־הדור... אַ מענטש לעבט מיט אַ קאַרטאָפל, וואָס ער באַקט זיך אַליין אָפּ, עסט אַ שטיקל ברויט, וואָס מענטשן לאָזן איבער, שלאָפט אין אַ הייל און איז עוסק יומם־ולילה אין סתרי־תורה. וואָס דאַרפט איר מער,

ס'איז געווען אַ געפּערלעכער וואַלד, זאָגט מען. ווילדע חיות פלעגן באַפאַלן. זינט אָבער ר' שבתי האַלט זיך אויף אין וואַלד איז רויק. מען טרעפט אַ הירש, אַ האָז, — דאָס אַלץ. און אַז מען קומט אָן ביידערנאַכט צו דער הייל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מען זעט קיין לעבעדיק נפש נישט, קיינעם נישט... ביימער, ביימער... פון דעם אַריינגאַנג אין דער הייל שפּאַרט זיך אַ פייער און אַרום און אַרום הערט זיך אַ געזאַנג... דאָס לערנט ר' שבתי.

— איר זענט געווען ביי אים אין וואַלד? — איז די פישערין מיטגעריסן געוואָרן מיטן פעדלערס רייד.

— איין מאָל? — איז דעם פעדלער געגאַנגען אין לעבן מען זאָל אים גלויבן — כ'פאָר אַלע צוויי, דריי וואָכן.

— נישט אַזאַ גדול, נישט אַזאַ גדול. — האָט דער גבאי געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי עמעצער וואָלט זיך מיט אים געשפּאַרט. — זעט איר דאָך, אַז ר' שבתיס בן־יחיד פינחסל איז נישט מיטן פאָטער, נאָר ביי אונז, לערנט ביי ר' אַברהמלען... אָט קומט ער אָן אויף דער וואָר.

פינחס האָט געוואָלט גלייך אַריינגיין צו ר' אַברהמלען. געזען, ווי מען קוקט אויף אים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט דעם גבאי:

— עמעצער פרעגט זיך אויף מיר?

— מען האָט נאָר־וואָס דיך דערמאָנט, פינחסל. — האָט דער גבאי געוויזן אויפן פעדלער. — דער ייד איז געווען ביי דיין טאַטן אין וואַלד.

— ווען זענט איר געווען ביים טאַטן? — האָט פינחס אַ הייב געטון דעם קאָפּ און ס'ווילע פנים זיינס איז געוואָרן אומרויק.

— לעצטע וואָך.

— ס'איז געווען אַן עולם?

— אַז ר' שבתי טרייבט פון זיך! — און די אויגן ביים פעדלער, אי תמעוואַטע, אי בייגעריקע, האָבן געקוקט הין און צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין—האָט נישט קיין פאַריבל... כ'מיין, אַז מען האָט אַזאַ טאַטן, ווי שיקט זיך... וואָס איר זיצט דאָ?

— כ'קלייב זיך צו אים. — האָט פינחס אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט און איז אַריין אין צווייטן חדר.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ר׳ יאָסל, — האָט די פישערין גע־שיינט פון תענוג, — די שכינה רוט טאַקע אויפן בחורל... יאָ, מען דאַרף דאָך אייך באַצאָלן!

בשעת זי האָט געשלעפט דאָס קליינגעלט פון בייטל, אויסגע־ציילט קלעפיקע מטבעות, איז אונטערגעקומען אַ ייד אין גומענע שטיוול, אַרויפגעלייגט אויף שיינדלען אַ האַנט.

— שיינדל, וואָס טוט איר צווישן חסידים?

— איך בין שוין אַן אַלטע „חסידיתטע״! — האָט זי געקוקט מיט איין אויג אויפן געלט און מיטן צווייטן אויף איר באַקאַנטן פי־שער — און איר, משה־בער, האָט שוין לאַנג דאָ געדאַרפט באַלאַנגען!

— דערצו בין איך דאָך געקומען, — האָט משה־בער פאַררייכערט אַ ציגאַרעט, מכבד געווען דעם גבאי מיט אַ צווייטן און זיך גע־פרעגט: — וויפל קאָסט ביי אייך אַ יאָר?

— זענט איר אַ שומר־שבת?

משה־בער האָט עטוואָס צעשפרייט די פיס, ברייטער געוואָרן, אַרויפגעלייגט אויף זיין ברוסט צען פינגער צעוואָקסענע, וואָס האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ און מען האָט געזען, אַז דער פישער איז צו־פרידן מיט זיך:

— דערווייל נאָך נישט מחלל־שבת געווען אין אַמעריקע!

די טיר האָט זיך געעפנט, אָנגעלאָזט אַ קעלט און פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן שרייען:

— די טיר, די טיר! ס׳איז דאָך ווינטער, וואָס פאַרמאַכט איר נישט די טיר?

דער ערשטער איז אַריין זרח. נאָך אים לייבל, לייזער, וואָלף און קופעלט. זאַלבעפערט האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם גבאי:

— ר׳ אַברהמל איז דאָ?

— דאָס וואָרט ער אויף אייך? — האָט דער גבאי באַטראַכט דעם עולם און זיי געהייסן אַ ווייל צוּוואַרטן.

דער עולם האָט זיך צעשטעלט. לייבל איז געשטאַנען מיט ליי־זערן און וואָלפן. קופעלט אָן אַ זייט, אַ נישט־אויפגעלייגטער, ס׳פנים פאַרעלטערט, ווי ס׳גאַנצע עסק וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען. זרח האָט זיך אַרומגעדרייט. אַז ער איז צוגעקומען צו די צוויי זקנים,

האָבן זיך ביידע אַ שטעל געטון אויף זייערע שטייפֿע פּיס, פֿאַרלאָפֿן איינער דעם צווייטן דעם וועג און ביידע האָבן אַ זאָג געטון מיטאַמאָל:

— מיסטער-לעבן!

זרח האָט דערשמעקט, אַז דאָס זענען תהילים-זאָגערס און אויפֿן אָרט איז אים איינגעפֿאַלן אַ שפּיצל:

— רייסט אייך נישט, מען וועט אייך ביידע נעמען. איר זעט דעם מיט די שיקלדיקע אויגן? — האָט זרח געוויזן אויף לייבלען — ביי אים איז ס'ווייב געשטאָרבן.

די זקנים האָבן געשיקט זייערע שטעקנס אויף אַפֿריער, זיך געיאָגט, און אַז דער ערשטער איז צוגעקומען צו לייבלען האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיך, מיסטער-לעבן!

— מיך! — איז דער צווייטער נאָכגעקומען.

— וואָס ווילט איר? — האָט לייבל נישט געכאַפּט וואָס די אַלטע לייט ווילן פֿון אים.

— מיר באַרייסן נישט.—האָבן ביידע זקנים גערעדט מיטאַמאָל.— צוזאַמען דריי דאָלאַר.

— פֿאַרוואָס? — האָט לייבל זיי אָנגעקוקט ווי משוגעים.

איצט ערשט האָבן די תהילים-זאָגערס זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן אַ טעות געמאַכט און דער ערשטער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— ביי אייך איז דאָך געשטאָרבן...

— אַ ווייב. — האָט דער צווייטער אַרויסגעהאָלפֿן.

— צו אַלדי ווייסטע יאָר. — האָט זיך לייבל אַ רוק געטון אויף צוריק.

די זקנים האָבן זיך איבערגעקוקט, דערזען זרחן און מיט רויט-לעכע, בייזע אויגן האָבן זיי זיך געלאָזט צו אים:

— נישט געהאַט פֿון וועמען צו טרייבן לצנות?

— וואָס, ס'ווייב לעבט נאָך? — האָט זרח זיך געמאַכט תמעוואַ-טע — אַ שאָד, אַ שאָד... און איר, יידן, דאַרפֿט נישט זיין בייז. — האָט ער איינעם אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַריין אַ מטבע. — נאַט, טיילט אייך!

— איר קענט אַריינגיין! — האָט דער גבאי געעפֿנט אַ טיר און אַריינגעלאָזט דעם עולם.

## 2. די דין־תּורה

ר׳ אַברהמל איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען. ער איז געווען נישט קיין הויכער, אַן אויסגעצערטער. זיין לאַנגע, שוואַרצע באָרד מיט די גראָלעכע פּלעקן האָט נאָך קלענער געמאַכט דאָס אַזוי אויך שמאָלע פּנים. צווישן דער דינער, שאַרפער נאָז האָבן געפּיבערט אַ פּאָר קליינע אויגן.

— זיצט. — האָט ר׳ אַברהמל געוואָלט אַרויסרוקן אַ שטול.

לייזער איז אונטערגעלאָפן, אַרויסגעכאַפּט די שטול ביי ר׳ אברהמען פון דער האַנט און ער מיט פּינחסן האָבן צוגערוקט צום טיש אַ לאַנגע באַנק, ווו לייזער און וואָלף האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

דאָס צימער איז געווען כמעט ליידיק. אַחוץ דעם טיש מיט די בענקלעך איז דאָרט גאָרנישט געווען. אויף דער וואַנט האָט געהאָנ־גען אַ שלעכט־צונויפגעקלאַפּטע פּאָליצע, ווו עטלעכע ספרים אַלטע, אָן רוקנס, זענען געלעגן.

— איר ווייסט דאָך, ר׳ אַברהמל, צו וואָס מיר זענען געקומען.

— האָט לייזער אָנגעהויבן און דער שפּיץ־נאָז האָט זיך ביי אים גערייטלט.

— אַוודאי ווייס איך. — האָט ר׳ אַברהמל זיך אַ וויש געטון איבער דער באָרד. — מיין עצה איז אָבער איר זאָלט אַריבערגיין צו אַ רב. ס׳איז אַ דין־תּורה. און איך בין נישט קיין רב.

— רבי־לעבן, — האָט זרח זיך אַ שטעל געטון, — ס׳איז טאַקע אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה, וואָס מיר זענען אייך מטריח, און נישט נאָר אייך, רבי־לעבן, אַ רב דאַרף מען אויך נישט מטריח זיין... פּאַר אַזעלכע לומדים ווי איך און לייבל איז גענוג אונזער שוחט ר׳ שלמה. — און זרח האָט געוויזן אויף קופּעלטן.

אי לייבל, אי קופעלט האָבן זיך אויפגעשטעלט. קופעלט, וואָס האָט זיך געשעמט מיט שוחטעריי, איז געוואָרן בלאַס, געוואָלט זאָגן, אַז ער איז מער קיין שוחט נישט און אויפן פּלאַץ חרטה געהאַט. ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך אויסצושמועסן מיט זרחן און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. לייבל האָט אַ גלעט געטון זיין דאַרע באָז און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעשיקלט:

— נישט געגוג וואָס דו ביסט אַ שווינדלער, זרח, ביסטו נאָך אַ בלאָזען אויך!

— לייבל באַליידיקט מיך — האָט זרח זיך אַ בייג געטון איי־בערן טיש — און ער באַליידיקט אייך אויך, רבי! כ'בין טאַקע אַ זינדיקע נשמה, אָבער ביים אָטוואָצקער רבי בין איך געווען אַ בן-בית! יעדן שבת-צו-נאַכט נאָך הבדלה האָב איך דעם עולם געדאַרפט פריי־לעך מאַכן און ביים אָטוואָצקער איז שטענדיק געווען אַן עולם...

— וואָס זענט איר אַ בעל-מנגן? — האָט ר' אַברהמל געפרעגט זרחן.

— אַ בלאַזען בין איך, הייליקער רבי, אַ קונצנמאַכער. — האָט זרח געזאָגט שטיל. — פון די פאַרשווינען, וואָס קאָנען זיך פאַרשטעלן פאַר אַ העכט, פאַר אַן אינדיק און אַז כ'וויל, ווער איך אַ „רואה ואינו נראה"...

— וואָס? — האָט ר' אַברהמל מיט אַ שמייכל אַריינגעקוקט זרחן אין די אויגן.

— יאָ, רבי, כ'קען ווערן אַ רואה ואינו נראה... פרעגט קופעלטן...

— ער זעט, וואָס ס'טוט זיך ביי יעדן איינעם אין קעשענע. — האָט קופעלט זיך צעלאַכט.

— צו דעם דאַרף מען אויך זיין אַ שטיקל רבי. — איז זרח שוין געשטאַנען ביי קופעלטן. — דער אָטוואָצקער, ר' משהלע, האָט עס געוווסט און מיך טאַקע דערפאַר מקרב געווען. וואָס האָב איך אָבער געוואָלט אַרויסברענגען? — האָט ער זיך אַ שאַר געטון צו ר' אַברהמלען און ס'איז געווען קענטיק, אַז הינטער די קנייטשן פון זיין פנים אַר־בעטן זיך מעשים — יאָ, אין אָטוואָצק האָב איך קיינמאָל נישט געהערט

מען זאָל זאָגן צו אַ רבין: ר׳ משהלע, ווי לייבל זאָגט אײַך: ר׳ אַברהמל...

— איך בין נישט קיין רבי. — האָט ר׳ אַברהמל אויפגעהערט שמייכלען. — כ׳בין אַ פּשוטער ייִד, ווי איר, זרח, און כ׳וועל אײַך טאַקע בעטן מיך נישט צו רופן רבי.

— זענט איר דאָך, רבי-לעבן, אַ הייליקער — האָט זרח פון גרויס באַגײַסטערונג פונאַנדערגענומען די הענט — און אַ הייליקער האָט רוח-הקודש! טאָ וואָס שווייגט איר, רבי? איר ווייסט דאָך יאָ, אַז מען האָט אויף מיר אויסגעטראַכט אַ בילבול! איך האָב פאַרקויפט לייבלען אַ בריליאַנטל, נישט קיין גלעזל!

— אַ גלעזל, אַ גלעזל! — איז לייבל אַ פּלי געטון זרחן אין פּנים אַרײַן — ווען מיר זענען נישט ביי ר׳ אַברהמלען, וואָלט איך דיך צעפּאַטשט!

וואָלף האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון ר׳ אַברהמלען. ער איז געזעסן מיט גרויס דרך-ארץ, זיך געטראַכט, אַז היינט, מאָרגן, וועט ר׳ אַברהמל צוגיין און אַרויפלייגן אַ האַנט אויף אים:

— זאָגסט מיר צו, וואָלף, אַז וועסט יעדן טאָג דאַוונען, אָפּהיטן שבת? גוט, גוט!

וואָלף האָט נישט געקענט הערן ווי זרח מאַכט שטיק. געזען אין דעם אַ באַליידיקונג פאַר ר׳ אַברהמלען. ער האָט זיך אַ שטעל געטון, אָנגערירט מיטן קאָפּ דעם סופיט און איז רויט געוואָרן:

— איך קען שווערן, אַז זרח האָט איבערגעטוישט דאָס פינגערל, געגעבן לייבלען אַ גלעזל!

ער איז געשטאַנען אַ ווייל, געפילט, אַז מען דאַרף נאָך עפּעס זאָגן און אַ פאַרפלאַמטער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק.

— איך וועל אויך שווערן! — האָט לייזער זיך אַ שטעל געטון.

מיט ביטול האָט זרח געקוקט אי אויף וואָלפן, אי אויף לייזערן. דער בליק איז געווען פון אויבן אַראָפּ, אַז זרח איז ביי זיך אַליין ווילטיקער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויף לייזערן און גערעדט צו ר׳ אַברהמלען:

— אַלע אויף מיר, הייליקער רבי. ווען כ׳וואָלט לייזערן נישט שולדיק געווען פאַר אַ חודש דירה-געלט, וואָלט ער אַנדערש גערעדט.

— ס׳איז אַ ליגן! — איז לייזער אויפגעשפּרונגען, און דער קנופּ פון זיין וואָלענעם שאַליק איז אים פאַרקראָכן אַזש אויפן קאַרק.

— און ווען מיין טאָכטער — האָט זרח נישט געהערט ווי ליי־זער שרייט, אָנגעשטעלט דעם פינגער אויף וואָלפן און גערעדט זיינס — וואַרפט אים נישט אַוועק, וואָלט ער אויך אַנדערש גערעדט.

וואָלפן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ער איז געווען גרייט פאַלן זרחן צו די פיס, אַבי ער זאָל שווייגן, נישט באַגראָבן. ער האָט מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אַברהמלס בליק, גע־זעסן אין געהאַקטע צרות און געהערט ווי זרח רעדט:

— וואָס בין איך שולדיק, הייליקער רבי, אַז מיין טאָכטער האָט נישט קיין האַרץ צו וואָלפן? איר געפעלט דווקא פינחס! זי בעט מיך כ׳זאָל אים מיטברענגען!

פינחסל האָט דערפילט אַלעמענס בליקן אויף זיך, אַפילו ר׳ אַברהמלס. דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. ער האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס די פאָדלאָגע עפנט זיך נישט, ער זאָל האָבן ווו זיך צו באַהאַלטן.

— און אַז כ׳וועל איר זאָגן הונדערט מאָל: — האָט זרח ווייטער גערעדט: — טאָכטער, פאַרליב זיך נישט אין וואָלפן, וועט זי מיך דען פאָלגן? פונקט ווי איר, הייליקער רבי, זאָלט זאָגן צו אייער ידידיהן: הינק נישט און שטאַמל נישט. כאָטש אייך, רבי, דאַרף ידידיה יאָ פאָלגן און אַז ער פאָלגט נישט, צו וואָס דאַרף מען דעם רוח־הקדש מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג?

— שווייג, קונצנמאַכער! — האָט לייבל זיך אַ שטעל געטון.

לייזער האָט זיך פאַרמאָסטן, געוואָלט אויסהאַקן זרחן אַ פּאַטש. זרח האָט קונציק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און לייזערס פינגער האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט.

ר׳ אַברהמל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— נישט שיין, נישט שיין, לייזער! ווי הייבט מען דאָס אַ האַנט אויף אַ ייד?

— מיר וועלן זיך מיט אים אָפּרעכענען! — האָט דער אַלטער לייזער זיך געטאַפּט די צעשלאָגענע האַנט.

וואָלף מיט קופּעלטן האָבן זיך אַרויסגערוקט. ר׳ אַברהמל האָט אװעקגענומען לייבלען אָן אַ זייט:

— מען טאָר אים נישט געבן קיין שבועה.

— וועל איך אים איינקלאָגן!

— טו עס נישט, לייבל!

— כ׳קען נישט שענקען קיין פּופּצן טאָלער!

— וועסט נישט אָרעמער ווערן, לייבל.

— און אַז ער וועט מיך באַגנבענען, וואָס וועל איך טון? — האָט לייבלס בלאַסע נאָז פון ערגערניש אויסגעזען דאַרער און לענגער.

— ער וועט מער מיין שוועל נישט איבערטרעטן! — האָט לייזער זיך געעדותט מיט לייבלען.

— און אַז דו וועסט מיר צוזאָלן, לייזער, וועל איך איבערטרעטן דיין שוועל? — האָט זרח אונטערגעהויבן אַן אַקסל, געאַרבעט מיט די פינגער, נאָכגעמאַכט ווי לייזער ציילט זיינע פּעניס און זרחס אויגן האָבן געוווּנקען.

לייזער האָט זיך איבערגעשראָקן, מורא געהאַט, דער לץ זאָל זיך נישט אַרויסדרייען. ער האָט אַ שלעפּ געטון לייבלען, און אַז ביידע זענען אַרויס, האָט זרח זיך אָנגערופן:

— כ׳וועל דאָ צוואַרטן, די קאַפּעליע קאָן מיך נאָך באַפּאַלן!

— האָט נישט מורא, זרח, — האָט פּינחס אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, — קומט, איך וועל אייך צופירן.

— האָט נישט פאַריבל, הייליקער רבי. — האָט זרח זיך אַ בייג געטון פאַר ר׳ אַברהמלען און אַז ער איז שוין געשטאַנען אין דער טיר, האָט ער זיך נאָך אַמאָל פאַרנייגט. — האָט נישט פאַריבל!

## 3. קאַליקעס

אויפן גאַס האָט זרח געזומען פּינחסן אונטערן אָרעם, אָפּגע־גאַנגען מיט אים עטלעכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן:

— און אויב דו מיינסט, אַז איך האָב מורא פאַר לייבלען האָסטו אַ טעות. נישט דערצו האָב איך דיך גערופן. דיר האָב איך געוואָלט זאָגן דעם אמת, ווייל דו ביסט מיר געפעלן. פון דער ערשטער רגע, וואָס כ׳האָב דיך דערזען, פּינחס, ביסטו מיר געפעלן. איך, זרח, האָב איבערגעטוישט ס׳ברילליאַנטל אויף אַ גלעזל. אַ צווייטן וואָלט איך עס קיינמאָל נישט געטון, ווי כ׳בין אַ ייד. קענסט פרעגן קופּעלטן, געהאַט געלעגנהייטן און נישט געטשעפּעט. אים, לייבלען, דעם גנב, וואָס לעבט פון גזלה, איז אַ מצווה געווען אָפּצונאַרן און כ׳האָב נישט קיין חרטה! וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— איז דאָך ר׳ אַברהמל גערעכט געווען. — האָט פּינחס אים געקוקט אין פּנים אַריין און שטיל געשמייכלט.

— וואָס ער האָט מיר נישט געוואָלט געבן קיין שבועה?

— יאָ.

— ר׳ אַברהמל וואָלט מיר סיי־ווי נישט געגעבן קיין שבועה.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך בין ביי ר׳ אַברהמלען נישט מער ווי אַ קונצנ־מאַכער... און וואָס פאַר אַ פּנים אַ קונצנמאַכער האָט ביי יידן, ווייסטו דאָך! דו איילסט זיך, פּינחס?

— ניין.

— טאָ פיר מיך צו.

— וווהין גייט איר דען?

— כ׳פאָר אין די בראָנקס צו רעגינען. —האָט זרח אַ נעם געטון

פּינחסן, געוואָרן אויפגעהייטערט און זיי זענען ווייטער געגאַנגען. — ווייסטו כאַטש, אַז מיין טאָכטער איז פאַרליבט אין דיר, פרעגט זיך נאָך, צי כ'זע דיך און האָט מיך שוין עטלעכע מאָל געבעטן כ'זאָל דיך מיטנעמען... מיר וואָלטן זיך אפשר איצט אַריבערגעכאַפּט צו איר? ס'נעמט נישט לאַנג, אַ האַלבע שעה...

— נישט איצט, אַן אַנדערש מאָל. — איז דאָס קינדישע פּנים ביי פּינחסן געוואָרן ערנסט.

— רעגינע גלייבט דאָך מיר נישט, אַז כ'וויל דיך ברענגען. — האָט זרח זיך צעלאַכט. — חיה־רבקה און די מיידלעך האָבן איר אָנ־דערציילט, אַז דו האָסט געהאַלטן ביי ווערן אַ רב, עסט נישט, שלאָפסט נישט, שלעפּסט זיך אַרום גאַנצע טעג מיט אַברהמלען... כ'ווייס, אַז איר קלויבט זיך צו ברענגען משיחן, כאַ, כאַ, כאַ!

— וואָס וווינט עפּעס רעגינע אין די בראָנקס? — האָט פּינחס געוואָלט בייטן דעם שמועס, באַלד חרטה געהאַט און זיך גערייטלט.

— אייבי האָט זי דאָרט באַזעצט.

— ווער?

— דער רייכער אייבי, קענסט דאָך אים...

— כ'קען אים! — האָט פּינחס אַ קוק געטון אויף זרחן, זיך גע־חידושט, וואָס אַן אייגענער פאָטער רעדט אַזוי רויק וועגן דער טאָכ־טער, ווי רעגינע וואָלט נישט געווען אַ באַווייבטן מאַנס אַ געליבטע, נאָר זי וואָלט געאַרבעט אין אַ שאַפּ.

— כ'זע, דו חידושסט זיך אויף זרחן, — האָט דער קונצנמאַכער פעסטער אַרומגענומען פּינחסעס האַנט, —אַ טאַטע, אַן אייגענער טאַטע... אין דיינע אויגן האָב איך באַמערקט, ביסט נישט דרייסט געווען עס מיר צו זאָגן... ס'איז אמת, פּינחס. וואָס דאַרפסטו מער? איך אַליין טראָג יעדן טאָג בריוולעך פון איר צו אים און פון אים צו איר. דאָס איז מיין פּרנסה אויף דער עלטער. נישט קיין שיינע פּרנסה, אפשר טאַקע אַ פּאַסקודנע פאַר אַ לייבלעכן טאַטן... דו וואָלסט רעגינען גע־הייסן גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ, האַ? זאָג איך דיר, אַז זיין גוט צום באַלעבאָס, צום פאָרמאַן, איז ערגער, ערגער, פּינחס.

— און וואָס זאָגט וואָלף?

— שוין לאַנג אויס, — האָט זרח אַ הייב געטון מיט די שמאָלע

אַקסלען, — און דעם אמת גערעדט, האָב איך וואָלפֿן געוואָלט פֿאַר אַן איידעם. אַ פּשוטער יונג, קען האַלטן אַ סענט, אַלץ מעלות, וואָס איך האָב נישט. איז דאָך אָבער רעגינע מיינע אַ טאָכטער... זי האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן ווי וואָלף נעמט אַרויס דאָס היימישע בייטעלע, ציטערט איבער די פּאָר סענט און זי האָט אים משלח געווען, אויסגעביטן אויף אייבין. ביי אים, ביי אייבין, האָט שוין געלט גאָר קיין ווערט נישט, נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פּינחס, ס'האַרץ טוט מיר ווי פֿאַרן מיידל... און ווען ס'רוקט זיך אונטער אַ לייטישער יונגערמאַן, וואָלט איך געזען ער זאָל אַרויסשטופּן אייבין... מיט זיין גאַנצן עשירות געפֿעלט ער מיר נישט! כ'קען זיך אָבער נישט העלפֿן, ס'איז שוין אַזאַ טרייף בלוט... האָב איך עס, ס'טרפֿהנע בלוט מיין איך, מיין ווייב האָט עס געהאַט און רעגינע האָט אין וועמען צו געראָטן!

— אייער ווייב לעבט נישט? — איז פּינחס די גאַנצע צייט, וואָס זרח האָט גערעדט, געגאַנגען מיט אָפֿענע מויל און אויערן.

— זי לעבט ערגעץ מיט אַ רוסישן אָפֿיצער! — האָט זרח אויסגעשאָסן פּינחסן אין פּנים אַריין און די אויגן האָבן ביי אים אַזוי אויפֿגעלויכטן, ס'פּנים זיך צעשמייכלט, ווי ער וואָלט נישט דערציילט וועגן זיך, נאָר וועגן אַ דורכגייער, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל געשטעלט אינמיטן גאַס אויפֿן קאָפּ — מיך איבערגעלאָזט מיט אַ פּיצעלע קינד, מיט רעגינען... און מען זאָגט כאָטש אַ שיינער. אַ פּאָניע, אַ פֿאַרזעעניש, אַ געשטופּלטער. פֿאַרשטייסטו שוין, וואָס עס הייסט טרייף בלוט? וואָס ווייסטו, פּינחס? דו ביסט דאָך אַזאַ שטיל בחורל, אַ צדיקל, נישט דו דאַרפֿסט עפּעס און נישט דו זינדיקסט! און גישט נאָר דו! פֿאַרוואָס זאָל ר' אַברהמל נישט זיין קיין צדיק? אַן עוקץ בראָנפֿן, אַ פּאָר קרישקעס, אַז דער גוף וויל גאָרנישט! און איך, אַלטער בעלעבירה, וויל דיך, פּינחסל, דווקא שלעפּן צום יצר-הרע, צו מיין טאָכטער. זאָלסטו נישט גיין מיט מיר. הערסט, פּינחס, ווייל קוים וועסטו אַריינשטעלן אַ פֿוס צו איר אין שטוב, וועסטו שוין קיין תּקומה נישט האָבן! זרח ווייסט וואָס ער רעדט. מיר האָבן נאָך אייביס סוף נישט געזען! נישט פֿאַר דיר, פּינחסל, נישט פֿאַר דיר... דו לערן, פֿאַסט, אַנדערש וועט דאָך די וועלט אינגאַנצן אונטערגיין!

זיי זענען שוין געשטאַנען ביים עלעווייטער. פּינחס האָט געקוקט

אויף זרחס גאָר דינע ליפּן, וואָס האָבן זיך געשנירלט, נישט באַהאַלטן דאָס חוצפּהדיקע שמייכעלע, וואָס איז געלעגן אַרום די ווינקלען פון מויל. די רירעוודיקייט האָט אויסגעגלייכט די קנייטשן פון זיין פאַר־מעטענעם פּנים, אים יונגער געמאַכט און אין זיינע אויסגעהונגערטע אויגן, אויף זיינע ליפּן, איז געלעגן אַזוי פיל שמד־שטיק און יצר־הרע, וואָס זרחס דאַרער גוף האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרנוצן.

פון אַ זייטיקער גאַס איז אָנגעקומען דינה אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ לעדערן טעשל אין דער האַנט.

— העלאָ, דינה! — האָט זרח זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט—כ׳קען דיר אָפּגעבן אַ גרוס פון דיין טאַטן.

— איר זענט געווען ביי אונז?

— אין „שטיבל" בין איך געווען.

— און רעגינע וואָס מאַכט?

— זי איז אָל־ראַיט. נעם פּינחסן און קום אַמאָל אַרויס צו אונז.

— מיר וועלן קומען.

— געדענק־זשע. — האָט ער אויפגעהויבן אַ פינגער און עפּעס געזאָגט, וואָס מען האָט נישט געהערט איבערן קלאַפּעריי פונעם עלעווייטער.

זרח האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּ ווי אַ יונגערמאַן. איי־בער די קעפּ איז אָנגעלאָפן מיט אַ געפּילדער אַ באַן, געהילכט איז די אויערן, אַז מען האָט נישט געקענט הערן, וואָס דער צווייטער רעדט. פּינחס מיט דינהן זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, געווען אומגעדולדיק און אַז ס׳קלאַפּעריי האָט אויפגעהערט, האָט דינה זיך אָנגערופן:

— כ׳וועל נאָר אַריינלויפן צו אַ קראַנקן אויף צוויי־דריי מינוט, אָט דאָ, — זי האָט אָנגעוויזן אויף אַן אָפּגעבליאַקעוועט הויז, — און כ׳גיי מיט דיר אַהיים.

— גוט, כ׳וועל צוואַרטן. — איז פּינחס מיטגעריסן געוואָרן מיט דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון דינהס פּנים.

ער האָט פון דער זייט געכאַפּט אַ בליק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט נאָך אַמאָל אַ קוק צו טון אויף איר, און כאָטש זי איז געווען

אַזוי נישט ענלעך אויף רעגינען, האָט דינה פונדעסטוועגן אין דער רגע אים שטאַרק דערמאָנט אָן איר.

— ס'איז זייער אַ טשיקאַווע שטוב, קום מיט מיר אַריין, — האָט דינה אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַ האַנט. — דער פּאַציענט מיינער איז אַ בלינדער, זיין מוטער, אַ פּאַראַליזירטע, ליגט שוין יאָרן אין בעט און קען זיך נישט רירן. די איינציקע, וואָס גייט אַרום אין שטוב, פירט דאָס ווירטשאַפט, איז אַ פאַרזעסן מיידל, אַ שוועסטער, איז זי שטום און טויב. ביז איצט האָט דער בלינדער ברודער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטע ביכער, אויסגעהאַלטן ס'הויז, האָט אים אָן אויטאָמאָביל איבערגעפאָרן און ער ליגט אין בעט מיט אַ צעבראָכענעם פוס.

— וואָס טוסטו צווישן אַזויפיל קאַליקעס? — האָט פּינחס אי גע־שמייכלט, אי געווען איבערראַשט.

— איך? — האָט ס'פּנים מיט די זומער־שפּרענקלעך געלויכטן ווי אַ שטיקל ערד מיט צעבליטער גריקע — דעם בלינדן לייען איך איבער אַ צייטונג, הער אויס, וואָס ס'קלייבט זיך אָן ביי דער פּאַראַ־ליזירטער מאַמע אויפן האַרצן און דער שטומער לאָז איך יעדע וואָך איבער עטלעכע דאָלאַר.

— און צו וואָס מאַטערן זיך די אַלע מענטשן אויף דער וועלט?

— האָט פּינחס אַ באַזאָרגטער געפרעגט.

— זיי מאַטערן זיך גאָרנישט. — האָט דינה אַ באַגייסטערטע אָנ־געהויבן. — די טויב־שטומע איז אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען. זי וואַשט, קאָכט, לייגט דעם ברודער אַ לאַטע אויף אַ לאַטע און נישט נאָר אויף דער אונטערוועש, אויפן ראָק, אויף די הויזן. זי איז זייער אַ קאַרגע און שכנים דערציילן, אַז זי האָט קניפּלעך. די פּאַראַליזירטע מאַמע ווידער האַלט זיך אין איין ווינטשן, זי זאָל נאָך דערלעבן די פּופּציק־יעריקע טאָכטער חתונה צו מאַכן, דערנאָך וועט זי רויק קע־נען שטאַרבן. און מיטן ברודער, דעם בלינדן, איז מיר אַנומלט אויס־געקומען צו רעדן, האָב איך אים נישט דירעקט, נאָר אַזוי אַ פרעג געטון, צי ס'גייט אים אין ס'לעבן — האָסטו געדאַרפט הערן... ווי באַגייסטערט דער מענטש איז פאַרן לעבן! אַפילו איצט, מיטן צע־בראָכענעם פוס. ער שלאָפט איין, קומט אויף, ליגט אַ גאַנצן טאָג מיט דער איינציקער מחשבה, און אַלץ ביי אים דרייט זיך אַרום אַ קליין

פינטעלע — אַרום דער פאַרלוירענער ראיה זיינער. ער גלויבט, אַז די ראיה קען יעדע מינוט צוריקקומען, דער נס איז הינטער זיינע פליי־צעס. ער דאַרף נאָר ווערן, שטאַרק ווערן און ער וועט צוריקקריגן די ראיה, דערזען מיטאַמאָל עפעס אַזעלכעס, וואָס נישט נאָר ער, די גאַנצע וועלט וועט דערפון באַגליקט ווערן. און ווען קאָן דאָס גע־מאָלט זיין, ווען ער, דער בלינדער, איז פאַראינטערעסירט אין זיין לעבן. טאָמער וועט ער זיך נעמען ס'לעבן, — טענהט דער בלינדער, — איז אַלץ געענדיקט, אַלץ! כ'וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט, פינחס, אַז אַ בלינדער זאָל טראָגן אין זיך אַזאַ ליכטיקע וועלט.

זיי זענען אַריין אין אַ פינצטערן קאָרידאָר, ווו די שטיינערנע טרעפ האָבן זיך געקלעפט צו די שיך און דער שטיין איז ערטערווייז געווען אויסגעהאַקט. דינה איז געגאַנגען אויף אַפריער, זיך לייכט גע־הויבן פון אַ שטאָק אויף אַ שטאָק. זי האָט אָנגעקלאַפט אָן אַ טיר. די בלעך, וואָס איז אָפגעשטאַנען, האָט הייזעריק געענטפערט. קיינער האָט נישט געעפנט. זי האָט געקלאַפט שטאַרקער.

— מן־הסתם אַ נס געשען. — האָט פינחס געשמייכלט. — די לאָמע האָבן אָנגעהויבן גיין, די בלינדע — זען און אין שטוב איז קיינער נישטאָ.

— ס'זענען אַלע דאָ. — האָט דינה געלאַכט און געהייסן פינחסן צולייגן אַן אויער צו דער טיר. — הערסט?

— מען שרייט, — האָט פינחס געענטפערט אַ פּאָר איבערגעשראָקע־נע אויגן, — כ'הער קולות.

— דאָס שרייט מען אויף דער טויבער, וואָס שטייט אַוודאי אויסגעדרייט, זעט נישט ווי די מאַמע רייסט זיך, זעט נישט ווי דער ברודער רופט, מאַכט מיט די הענט זי זאָל עפענען די טיר. וואַרפט וואָס ס'קומט אים אין דער האַנט אַריין. ס'נעמט אָן אַ פחד, ווען ביי־דע, דער זון מיט דער מוטער, הייבן אָן רופן די שוועסטער. אָט גייט מען, דאַכט זיך, הערסט?

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ גראָער קאָפּ מיט אַ פּאָר פאַר־צערטע, טעמפּע אויגן האָבן פאַרדעכטיקט אָפּגעקוקט, דערזען דינהן, האָט ס'פּנים מיטאַמאָל זיך געביטן, געשמייכלט פון איין אויער צום צווייטן. זי האָט אָנגעהויבן גודערן מיט די ליפּן, מיט דער צונג,

מיט די פינגער, געוויזן אויף אירע אויערן, אַז זי האָט נישט גע־הערט. זי איז אַריינגעלאָפן אָנזאָגן דעם ברודער, אַז דינה איז דאָ, באַלד ווידער געקומען, געגלעט דינהן די האָר, די באַקן, געשמייכלט צו פינחסן.

די קליינע קיך האָט מען נישט געקענט דורכגיין, פול געווען מיט קעץ. צוויי פליישיקע קעץ האָבן זיך אַרומגעפירט מיט קליינוואַרג, געקוקט מיט די פאַרזשמורעטע אויגן, ווי די קינדער שפּילן זיך, יאָגן זיך נאָך אַ פּילקע. אַ דריטע קאַץ איז געלעגן אין אַן אויסגעבעט קעסטל מיט בלינדע קעצלעך.

— דאָס זענען דער שטומערס קינדער, — האָט דינה געוויזן פינחסן אויף די קעץ, — און די אַלטיטשקע, די מוטער אירע, האָט מיר דערציילט, אַז ס׳האָט שוין געטראָפן פינף קעץ מיטאַמאָל זענען געלעגן ביי דער שטומער אין קינפּעט.

די שטומע האָט געכאַפּט אַ קליין ווייס קעצל מיט אַ שוואַרץ נעזל, געוויזן מיט די פינגער, מיט די ליפּן, אַז ווען ס׳קעצל וועט אונטערוואַקסן, וועט זי עס אַוועקשענקען דינהן.

די צימערלעך זענען געווען קליין, די ווענט שוואַרץ און אין דער לופט איז געשטאַנען אַ קרענקלעכע זויערקייט, וואָס טראָגט זיך פון אַ צימער, ווו ס׳ליגט לאַנג אַ קראַנקער.

אויף אַ שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין צימער אין צווייטן, האָבן געהאָנגען נאַסע שטיקער וועש, אָפּגעטריפט אויפן דיל אין גריבלעך וואַסער.

די מוטער, הויט און ביינער, אין אַ ווייס שלאָף־הייבל אויפן קאָפּ, איז געלעגן אין אַן אייזערן בעטל. די אויגן קליינע, פאַרשטויבטע האָבן געקוקט ערגעץ אין אַ פינטעלע. קעגנאיבער איז געלעגן דער זון אויף אַ ברייטער סאָפע, וואָס איז אַמאָל געווען באַשלאָגן מיט פּליוש. ער האָט אויסגעשטעקט אַ ברייטע האַנט, באַגריסט דינהן מיט אַ טיף קול:

— האַלאָ, מיס געלענט!

- ווי פּילט איר, מר. קערש? — איז דינה אונטערגעגאַנגען, אים געגעבן אַ האַנט.

דאָס רויקע פּנים ביים בלינדן האָט אויפגעלויכטן. ער האָט

געהאַלטן אַ ווײַל דינהס האַנט אין זײַנער און זיך אָנגערופן, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט:

— בעסער, מיס געלענט, פיל בעסער! כ'קען שוין איבערדרייען דעם פוס! איר זעט? — און ער האָט זיך אַ צי געטון מיטביידע הענט צום פלאַץ, ווו די שוועסטער איז געשטאַנען, אויפגעהויבן צוויי פינגער און גענומען רופן: בעסי, געב אַ שטול, כ'מיין צוויי!

פינחס האָט באַמערקט ווי די טויבע האָט לייכט אויפגעציטערט, ווי זי וואָלט געהערט ס'געשריי פונעם ברודער. זי האָט גענומען רוקן צוויי שטולן. ס'איז אים אַ חידוש געווען פונוואַנען דער בלינ־דער ווייסט, אַז אַחוץ דינהן איז דאָ נאָך עמעצער אין צימער. דינה האָט אַ שאַר געטון איר שטול צו דער אַלטיטשקער, זיך צוגעזעצט.

— האַלאָ, באָבעשי!

— אַ לעבן אויף דיר, טאָכטערשי, — און די פּאַראַליזירטע האָט זיך קיין ריר נישט געטון.

אירע קליינע אויגן האָבן זיך געעפנט, דאַכט זיך אָפּגעטרייסלט פון שטויב, גרעסער געוואָרן און דער בלישטש פון די אַפּלען האָט נישט געפּאַסט צו דער גרינצלטער הויט פונעם פּנים: די ווערטער זענען געווען פרעמדע, ווי זיי וואָלטן געקומען פון איבער דער וואַנט, נישט פון די אָנגעוואָרפענע קאָלדרעס, ווו די פּאַראַליזירטע איז געלעגן.

— ליג איך, קרוינעשי, און דאַנק זײַן הייליקן נאָמען, וואָס דער פוס בעסערט זיך ביי משהלען... גענוג, אַז דער שפּייזער אונ־זערער איז בלינד... זאָל חס־וחלילה געשטראָפט ווערן מיטן פוס, איז דאָך אויס וועלט... בין איך נישט גערעכט, קרוינעשי?

— גערעכט, באָבעשי, גערעכט.

— ליג איך שוין יאָרן, קינד מיינס, מיט אַ פּאָר פיס ווי קלע־צער און כ'קען זיך נישט רירן. ווען נישט די פיס, בין איך ברוך־השם געזונט... די לעצטע צייט זענען מיר די אויגן געוואָרן שוואַך... די שפּין דאָרט אין ווינקל, זעסט, טאָכטערשי, די שפּין איז זיך לעצטנס אַזוי צעוואָקסן, אַן אימה! אַז פיל מאָל פאַרמאַך איך פון שרעק די אויגן. נאָר גאָרנישט, געלויבט גאָט דערפאַר. געווען דער

דאָקטאָר, זאָגט, אַז אין אַ וואָך צוויי וועט משה ווערן אינגאַנצן געזונט... האָבן מיר נישט קיין גרויסן גאָט?

— מיר האָבן, באָבעשי.

— און ווער איז דער יונגערמאַן, — האָט די פּאַראַליזירטע אָנגעשטעלט ביידע אויגן אויף פּינחסן, — אַ חתן דיינער?

— אַ פריינט, באָבעשי. — האָט דינה זיך צעלאַכט.

— אַזוי, אַ פריינט... כ'האָב מורא, אַ לעבן אויף דיר, דו גענאַרסט מיך. — האָט ס'אַלטע צערונצלטע פּנים אויפגעלויכטן. — אין דיינע יאָרן, אַז כ'בין אַ כּלה געוואָרן, האָב איך זיך אויך געשעמט. זיך געשעמט, טאָכטערשי, זיך געשעמט... זיך באַהאַלטן הינטער דעם אויוון און געשליסן פּעדערן. ע, שוין יאָרן... איבער דריי און פופציק יאָר... ס'האָט זיך מיר דעמאָלט נישט געחלומט, אַז כ'וועל האָבן אַזאַ סוף... אַז כ'וועל קומען קינדער צו לאַסט. — האָט די זקנה זיך צעוויינט. — זעסט די שפּין, זעסט?

דינה און פּינחס האָבן געקוקט פון איין ווינקל אין צווייטן, נישט געזען קיין שפּין. פּינחס האָט זיך אָנגערופן:

— אויב איר ווילט, באָבעשי, וועל איך די שפּין אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער.

— זאָלסט נישט דערוועגן. — האָט די אַלטע זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

— מאַמע, מאַמע, נו, מאַ-מע, — האָט דער בלינדער זיך אַ רוק געטון און געבליבן זיצן אויף דער סאָפע ווי אַ כינעזישער גאָט,—נאָר נישט געוויינט, כ'בעט דיך, מאַמע, גלייב מיר, אַז דו ביסט נישט קיין לאַסט. און אַז מיר קווען זיך אַביסל, איז וואָס? זינדיקן, מאַמע, דאַרף מען נישט. נאָך אַ וואָך און כ'וועל געזונט ווערן, און דיין שפּין טשעפּעט קיינער נישט...

די מורא, וואָס איז געלעגן אויף דער זקנהס פּנים, איז מיט דעם זונס רייד אַוועק. זי האָט פון שוואַכקייט צוגעמאַכט די אויגן, דאַכט זיך געדרימלט.

דער בלינדער האָט צוגעלייגט צום שטערן אַ פינגער, געוויזן, אַז די מוטער איז נישט מיט אַלעמען, האָט אַ ריץ אין קאָפּ. ער האָט אָנגעשטעלט אויף דינהן די אויגן:

— פאַרוואָס זיצט איר נישט, מיס געלענט? און אייער פריינט?

— מיר גייען. — האָט פינחס זיך אָנגערופן.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מר. קערש, — איז דינה נענטער צוגעגאַנגען צו אים, — היינט בין איך גראָד פאַרנומען, נישט קענען לייענען פאַר אייך.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד. — איז ס'פנים ביים בלינדן געוואָרן טרויעריק.

— דערפאַר וועלן מיר מאָרגן שוין לייענען פאַר היינט אויך. — האָט דינה אים באַרויקט.

— טאָ גייט געזונט. — האָט דער בלינדער מיטביידע הענט־פלאַכן אָנגענומען דינהס קליינע האַנט. — די שטים איז ביי אייך היינט אַן אַנדערע, האָט אַן אַנדער קאָליר.

— וואָס פאַר אַ קאָליר? — האָט דינה געשמייכלט.

— זי האָט דעם זילבערנעם קאָליר פון געהאַקטע שטיינדלעך, וואָס ליגן אויף היימישע שאָסייען אָנגעשאָטן אין פריזמעס. אַ שאָד, מיס געלענט, כ'וועל זיך מודה זיין, אַז כ'בין נייגעריק, כ'וואָלט ווייס נישט וואָס אַוועקגעגעבן, אַבי געוואָר ווערן צי מעקסי איז געבליבן מיט סיידין, צי נישט?

— דעם ראָמאַן, מיינט איר? — האָט דינה זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— יאָ. — האָט דער בלינדער מיטגעלאַכט.

דינה האָט אַן עפן געטון די צייטונג, זיך צוגערוקט מיטן שטול צום בלינדן און אַן אויפגעהייטערטע אַ זאָג געטון:

— גוט, כ'וועל אייך איבערלייענען די היינטיקע פאָרזעצונג, איר הערט?

— כ'הער, ווי דען? — האָט אַ פרייד געשלאָגן פון בלינדנס פנים און די אָפענע אויגן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן צוריק געקראָגן די ראיה.

## 4. אַ פאַטש

נאָכן איבערלייענען די פאָרזעצונג פונעם ראָמאַן האָט די טויבשטומע זיי אַרויסבאַגלייט, פינחס מיט דינהן האָבן געשוויגן. דאָס שווייגן האָט אָבער נישט געשווערט — דערצו האָבן די פאַרבייגייער זיי יעדע ווײַלע פונאַנדערגעטיילט, נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיי זאָלן גיין צוזאַמען. אי פינחס, אי דינה האָבן געקוקט אויף די דורכגייער, געקוקט אין די וויסטאַוועס און קיין זאַך נישט געזען. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. און אַז זיי זענען שוין געהאַט אָפגעגאַנגען אַ פאָר מינוט, האָט דינה זיך אָפגעשטעלט:

— ווו גייען מיר?

מיט דינהס אָפשטעלן זיך האָט זיך אַרום פינחסן עפּעס איבערגעריסן, וואָס ער האָט שוין נישט געקענט צוריקכאַפּן. אַלץ איז צעפלויגן, אָפּגענומען בײַ אים הענט און פיס און דער מוח זײַנער האָט זיך גענומען וויגן אין דער אייגענער הוילקייט. איצט ערשט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זיי זענען פאַרקראָכן, געגאַנגען דעם פאַרקערטן וועג. ער האָט אַ קוק געטון אויף דינהן, וואָס האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען באַאומרויקט און זיך געפרעגט:

— טאַקע, ווו גייען מיר?

זיי זענען געשטאַנען בײַ אַ רעסטאָראַן. אין פענצטער האָט אַ מאַן אין ווייסן געבאַקן אין אַן עלעקטרישן אויוון קעז-קיכלעך. דער אויוון איז געווען אָפּגעדעקט און די פײַערדיקע גערדערים, ווי צעגליטע קוילן, האָבן זיך געהויבן מיט זייערע בלאָלעכע פלעמלעך צום געבעקס, האָבן זיך געשפּיגלט אין דער גרויסער שויב פונעם רעסטאָראַן.

דער פרישער געבעקס-ריח האָט זיי אַרײַנגעשלעפּט. זיי האָבן

זיך געזעצט אין אַ זייט ביי אַ טישל, באַשטעלט ביים קעלנער קאַווע מיט קיכלעך.

פינחס האָט זיך אַרומגעזען, אַז עפּעס קוועלט אים און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט דערגיין די סיבה, אַלץ טעמפּער האָט אים געמאַכט די אייגענע עקשנות. די געדאַנקען זענען געוואָרן אומ-באַוועגלעך, זיך אָנגעשטויסן אָן די אָפּגעריסענע ווענט, ווי דער בלינדער איז געלעגן, זיך געטומען לעשן פאַר דער אַרומיקער אומ-באַהאָלפנקייט. ער האָט נישט געקענט איינזיצן, זיך געדרייט, געהאַט ס'געפיל, ווי אין דעם ליידיקן רעסטאָראַן באַהאַלט זיך עמעצער, וואַרט נאָר, ער, פינחס, זאָל זיך אויפשטעלן, וועט ער אים נעמען טרייבן. וווהין, האָט ער אַליין נישט געוווסט.

דער קעלנער איז צוגעקומען מיט דער קאַווע, פינחס האָט אַ בייג געטון דעם קאָפּ צו דער שאָל. ביי יעדן זופּ האָט ער פון דער זייט אַ בליק געטון אויף דינהן און די אומרויקייט איז אין אים גע-וואָקסן. דאָס, וואָס ער האָט נאָר-וואָס געהאַט פאַרלוירן אויף דער גאַס, איז ווידער געשטאַנען הינטער אים, נישט געלאָזט איינזיצן, געמאַטערט.

דינה האָט אין עטלעכע זיפּ אויסגעטרונקען איר קאַווע, ווי זי וואָלט געווען דאָרשטיק, געגעסן מיט די פאָדערשטע ציין ס'קיכל, און אַז די ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דעם ווייסן קעז, איז שווער געווען צו זאָגן ווו זענען ציין און ווו קעז. זי האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ צו פינחסן:

— וועגן וועמען טראַכסטו? וועגן רעגינען?

— וואָס פאַלט דיר איין? — איז אים מיטאַמאָל לייכטער גע-וואָרן, ווי אַן אָנגעצויגענער פרישטש וואָלט זיך געעפנט.

— כ'האָב געטראָפן, צי נישט? — האָבן דינהס אויגן אָנגעווירן די ווייכקייט, פאַרלוירן דעם יידישן אויסזען און איר שיינקייט איז ערגעץ-ווו אַוועק.

פינחס האָט זיך געחידושט, פאַרוואָס איז דינה געוואָרן מיאוסער ווען זי איז בייז, און מיט רעגינען איז פונקט פאַרקערט — זי ווערט שענער? ס'איז שווער געווען צו כאַפּן, צי פינחסעס פאַרטראַכט פנים שמייכלט. ערגעץ אַרום רעכטן אויג האָט זיך געשאָטנט ביי אים אַ

צופרידנקייט, געוואָרן און נישט געוואָרן. דינה האָט עס אויפגעכאַפּט און וואָס לענגער פּינחס האָט געשוויגן אַלץ אומגעדולדיקער איז זי געוואָרן. אַ בייזע האָט זי אַ קלימפּער געטון מיט אַ לעפּעלע, אַז דער קעלנער האָט זיך אומגעקוקט צי מען מיינט נישט אים און דינה האָט איבערגעחזרט איר פראַגע:

— האָב איך געטראָפן, צי נישט?

— דעם אמת געזאָגט, דינה, האָב איך וועגן רעגינען נישט געטראַכט. — האָט פּינחס זיך גענומען פאַרענטפערן און מיט די רייד געוואָרן באַאומרויקט, וואָס דינה טרייבט אים אויך צו רעגינען.—צייט די אַלטיטשקע האָט מיר נישט געהייסן אַרויסוואַרפן די שפּין, האָט זיך מיר גענומען אויסדאַכטן, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום מיר און דאָס האָט מיך די גאַנצע צייט געמאַטערט. מיט דער רגע אָבער, ווען דו האָסט מיך געפרעגט, צי כ׳טראַכט וועגן רעגינען, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז יאָ. כאָטש אין אמתן האָב איך וועגן איר נישט געטראַכט. אינטערעסאַנט אָבער איז, וואָס דיר איז פּונקט איצט איינגעפאַלן צו פרעגן וועגן איר.

— האָסט זי ליב, רעגינען? — איז דינהס פראַגע געקומען פון דער זייט, ווי זי וואָלט געפירט דעם געשפּרעך נישט מיט פּינחסן, נאָר מיט אַן אַנדערן.

— ניין.

— זאָגסט נישט אמת.

— איבעריקס האָב איך וועגן דעם נישט געקלערט. — האָט פּינחס זיך געפילט שולדיק.

— אַז מען דאַרף טראַכטן צי מען האָט ליב, איז עס קיין ליבע נישט.

— און דו, דינה, קלערסט שוין חדשים צי האָסט ליב שלמהן. — האָט פּינחס געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער און ווייטער גערעדט: — וואַרטסט שלמה זאָל אָפּטון עפּעס אויסטערלישס, זאָל אויפרייסן די שיפן אַמוניציע, וואָס דאַרפן אָפּפאָרן קיין מעקסיקע, צי כ׳ווייס וואָס...

— נישט אמת. — איז דינה רויט געוואָרן.

— האָסטו אים יאָ ליב, שלמהן?

— און דו? — האָט דינה נישט דערזאָגט און זיך צעלאַכט — ביסט אַ גולם, פּינחס!

— מען קען אָבער רעגינען יאָ ליב האָבן. — האָט פּינחס אַ זאָג געטון מיט אַ שטים, ווי ער וואָלט געוואָלט עמעצן איבערצייגן, וואָס איז נישט איינשטימיק מיט אים.

— איך זאָג אויך אַזוי.

דינהס האַנט, אַ שמאָלע, אַ פולע איז געלעגן אויפן מירמל־שטיינערנעם טישל, געלעגן אָן אַ זייט, אַ פאַרטרויערטע. פּינחס האָט מיט די שפּיץ פינגער זיך צוגערירט צו דער האַנט. דערפילט ס'איי־געגע בלוט און אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געוואָלט באַהאַלטן פון דינהן:

— כ'וואָלט אַהינגעגאַנגען צו רעגינען.

די ווערטער זענען שוין געווען ווייט פון אים, זיך געטראָגן ווי אַרויסגעלאָזטע פייגל. באַלד האָבן זיי זיך אומגעקערט, זיך דער־נענטערט, געזעסן אין די פאַלדן פון דינהס שוואַרצן מאַנטל, אין די האָר, וואָס זענען אַפּערגעקראָכן פון איר היטל, זיך גערייצט מיט פּינחסן:

— כאַפּ מיך, כאַפּ מיך!

— דאַרפסט גיין, — האָט אים דינהס קול אויסגעזען פרעמד, — זרח האָט דאָך דיך פאַרבעטן.

— וואָלסטו מיטגעגאַנגען מיט מיר?

— איך? — האָט זי אַפּערגענומען איר האַנט פון זיינער.

— יאָ.

דינה האָט אים אָנגעקוקט. די אויגן האָבן צוריק באַקומען זייער ווייכקייט. פּינחס האָט געשמייכלט.

— וואָס שמייכלסטו! מיינסט אַוודאי, אַז מיך אַרט? — און ס'פּנים האָט זיך ביי דינהן אָנגעצונדן, פאַרפלאַמט שטיקער האַלז — כ'האָב רעגינען נישט ליב! כ'וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. — האָט זי זיך אויפגעשטעלט. — כ'האָב זי טאַקע נישט ליב! ס'האָט אָבער מיט דיר גאָרנישט צו טון און אויב דו וועסט נישט גיין צו רעגי־נען צוליב מיר, וועל איך מיט דיר אינגאַנצן אויפהערן רעדן!

זי האָט זיך גלייך געמאַכט ס'היטל אויפן קאָפּ, און איידער

פּינחס האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָט זי שוין געהאַט באַצאָלט דעם קעלנער.

אויף דער גאַס האָט זי זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געיִשובט וווהין צו גיין. זי האָט אומדערוואַרט זיך אַ דריי געטון פון פּינחסן, עפּעס אַ זאָג געטון און נישט געוואָרן צווישן עולם.

פּינחס האָט געשפּרייזט פון איין גאַס אין דער צווייטער. ער האָט געקוקט יעדן פאַרבייגייער אין די אויגן. קיין איין פּנים איז אים נישט געבליבן אין זכּרון, ווי נישט איינצלנע מענטשן וואָלטן דורכגעגאַנגען, נאָר מאַסן.

ער האָט געטריבן פון זיך יעדן געדאַנק, וואָס האָט אים געערגערט, געוואָלט אויפהאַלטן אין זיך די רויקייט, וואָס האָט זיך אַ וועק געטון אין אים, ווען ער איז געזעסן מיט דינהן אין רעסטאָראַן. די רויקייט האָט אָבער ווי אויסגעטריפט. מיט יעדן טריט איז פּינחס געוואָרן דערשלאָגענער, געפילט ווי עפּעס שווימט אַפּער פון אונטער זיינע פיס, און ער ווערט אָן יעדן באַריר מיטן לעבן וואָס רוישט אַרום אים.

ריחות און ווינטלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט צו טון מיט דער גאַס, ווו ער איז געגאַנגען, זענען אָנגעלאָפן, פאַרזיכערט, אַז ס׳האָט געקאָנט זיין אַנדערש. פּינחס דאַרף זיך נאָר שטאַרק איינשפּאַרן, און אין דער מטושטשקייט, וואָס איז געוואָקסן איבער אים, איז אים די גאַנצע צייט איין זאַך קלאָר געווען — ס׳האָט אים וויי געטון פאַר דינהן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נישט נאָר איצט, שוין אַ לענגערע צייט, ווי ס׳הייבט אים נאָר אָן צו באַפאַלן אַ מרה־שחורה, בענקט ער נאָך דינהן און אין דער זעלבער צייט טרייבט ער זי צו שלמהן.

אַ קליין יידל מיט אַ גרויסן פּאַק אויפן אַקסל האָט זיך געפּלאָנטערט פּינחסן אונטער די פיס. און יעדעס מאָל, וואָס פּינחס האָט גענומען גיין געשווינדער, אויסגעמיטן דאָס יידל מיטן פּאַק, איז ער, ווי אויף צו להכעיס, ווידער אויסגעוואָקסן.

ס׳יידל האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן טראָטואַר, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט, זיך אַ בייג געטון מיטן פּאַק, געוואָלט אויפהייבן אַ בייטל און זיך איבערגעדרייט אונטער דער אייגענער מאַסע. דער פּאַק האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון טראָטואַר.

יונגען, וואָס זענען געזעסן אין טויער פון אַ פערד-שטאַל, גע-וואַרט דאָס יידל זאָל אויפהייבן דעם בייטל, האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער.

ס'יידל האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל. ער האָט געלאָזט דעם פּאַק אויף הפקר און מיט אַ כעס זיך געלאָזט צו די יונגען אין טויער אַריין:

— באָמס, מען דאַרף אייך איינס-באיינס די ביינער צעברעכן!

— וואָס זאָגט איר נישט אויפן פעפער-יידל? — האָט זיך אַ יונג אַרויסגערוקט.

— ווי דאָס האָט געעפנט אַ געמבע!

— איז ער דאָך טאַקע אַ יידל פון מיזורי!

— און וואָס האָסטו געמיינט בין איך, אַ גרינהאָרן? — האָט דאָס יידל זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכן.

— דאַרף מען דאָך טאַקע מיט אים לערנען בלק! — איז אַ צווייטער אים אַנטקעגן געגאַנגען.

אַ דריטער האָט זיך אונטערגעגנבעט, אַ כאַפּ געטון דעם פּאַק און געאיילט מיט אים אין שטאַל אַריין. ס'יידל האָט זיך גענומען יאָגן נאָכן יונג, האָט אַן אַנדערער אונטערגעשטעלט דעם יידל אַ פוס און ער איז אַ פאַל געטון מיט דער נאָז אויפן טראָטואַר.

פּינחס האָט פאַרשטעלט דעם יונג דעם וועג:

— געב אים אָפּ דעם פּאַק.

— ווער האָט נאָך דיר געשיקט? — האָט דער יונג געעפנט אַ פּאָר גזלנישע אויגן אויף פּינחסן.

דערווייל האָט ס'יידל זיך אויפגעהויבן. אַן אויסגעשמירטער, מיטן קאַשקעט אויפן אויער, איז ער אונטערגעשפּרונגען און אויסגע-האַקט דעם יונג אַ פּאַטש:

— דאָס איז נאָר האַנט-געלט! באַלד ברענג איך אַ פּאָליסמאַן.

דער יונג האָט אַ וואָרף געטון פון זיך דעם פּאַק, נישט געזען אַרום זיך ס'יידל, האָט ער מיט זיין אויסגעאַרבעטער האַנט אַראָפּגע-לאָזט פּינחסן אַזאַ פּאַטש, אַז ער האָט זיך אַזש קאַפּויר געבויגן.

פּינחס האָט זיך נישט געוואָרפן אויפן יונג, ער איז געשטאַנען אַ ווייל מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט קומען צו זיך,

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום שלעגער אַזוי נאָענט, אַז יענער האָט זיך אָפּגערוקט. ער האָט אים געוויזן די פֿאַרפּלאָמטע באַק און אים געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר אַ פּאַטש געטון?

די האַנט ביים יונג, אַן אויפגעהויבענע, וואָס איז געווען גרייט נאָך אַמאָל אַ פּלאַם טון, האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, און ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט:

— מען מישט זיך נישט אין פֿרעמדע עסקים!

— און דו שלאָג נישט נאָך אַמאָל. — האָט דער באַלעבאָס פֿון פֿערד־שטאַל אַ שלעפּ געטון ביים יונג דעם „קעפּ" איבער די אויגן און אים אַ שליידער געטון פֿון זיך. — הערסט, דו! דען כאַפּסט ביי מיר אַ מעק!

די יונגען האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן טיפֿער אין שטאַל אַריין, זיך גענומען אַמפּערן, און איינער האָט געוואָרפֿן די שולד אויפֿן צווייטן.

אין טויער איז געשטאַנען אַ יינגל פֿון אַ יאָר צען. ווילדעריש געהאַלטן די הענט אין די הויזנקעשענעס און געקוקט אויף פּינחסן מיט ביטול. פּינחס האָט עס באַמערקט, געבליבן שטיין און אים געפֿרעגט:

— יינגל, האָסט מיך פֿיינט?

ס׳יינגל האָט נישט געענטפֿערט, גענומען אַוועקגיין מיט אַזאַ גאווה ווי ער וואָלט עמעצן געשלאָגן. און אַז ער איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט, געזוכט מיט די אויגן פּינחסן און געלאָזט פֿאַלן אין דער לופֿט:

— און אויב ער מיינט, אַז ער איז אַ ריזיקאַנט, האָט ער אַ טעות!

## 5. ר׳ אַברהמל

ווען פינחס איז געגאַנגען אָפּפירן זרחן און ר׳ אַברהמל איז אַליין געבליבן אין חדר, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן באַאומרויקט. ס׳איז אים עטלעכע מאָל אויפן זינען געקומען זרחס טאָכטער, געהערט, אַז זי איז אַן אויסגעלאַסענע, און אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס ער האָט גרויס רחמנות אויף פינחסן.

די שוסטערס, די פישערס וועלן זיך שוין ווי עס איז איינקויפן עולם-הבא. — האָט ר׳ אַברהמל געטראַכט. — וואָס טוט מען אָבער פאַר די אויסגעלאַסענע טעכטער? שיקן צו זיי פינחסן איז אַ געפאַר. ער קאָן לייכט געשטרויכלט ווערן, וועט נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון.

איז ער, אברהמל, דען בעסער געוועזן? אַז דער יצר-הרע האָט אים אַ כאַפּ געטון אין די הענט, האָט ער פאַרגעסן אָן ווייב מיטן קינד, שיער נישט געפּטרט ס׳לעבן מיט דער נשמה, און ווען נישט אַ צופאַל, ווער ווייסט ווו ער וואָלט היינט געוועזן.

און אַז דער מענטש פאַרשליסט זיך שוין צווישן פיר ווענט, אַנטלויפט פונעם יצר-הרע, דאַוונט, לערנט, צוליב וואָס טוט ער עס, אַז נישט צוליב זיך? נישט דערצו איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן בצלם אלוקים, נישט דערצו, ער זאָל זיך דערווייטערן פון מענטשן. און אַז גובר זיין דעם יצר-הרע אינגאַנצן קאָן קיינער נישט, וועט נישט העלפן דאָס אַנטלויפן, דאָס באַהאַלטן זיך פון אים. פאַרקערט, מען דאַרף אים אַנטקעגן גיין, און דערמיט, וואָס פינחס וועט חתונה האָבן מיט דינהן, וועלן זיי דעם יצר-הרע אויסמיידן.

ר׳ אברהמל האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיין וועגן מיסחר ביי איין שניידער, ביי אַ

צווייטן, און גלייכצייטיק האָט ער מיט דער זעלבער לייכטקייט, מיט וועל־כער מען שאָקלט אָפּ דאָס אַש פון אַ ציגאַר, געקאָנט זיך אָפּשאָקלען פון אַלעס, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פּרנסה, ווי ער וואָלט אים קיינמאָל נישט געהאַט.

טעג גאַנצע האָט ר׳ אַברהמל געקאָנט אויסקומען אָן עסן, עס זאָל אים נישט קווענקלען. ער זאָל אויף אַ רגע נישט אַ טראַכט טון, אַז דער הונגער נאָגט טאַקע ביים האַרץ, נאָר ער, אַברהמל, איז אַ שטאַר־קער, אָפּצועסן איין מאָל אַ טאָג איז גענוג געווען פאַר אים.

קיין למדן איז ר׳ אַברהמל נישט געווען. ער האָט אַפילו גאַנץ אָפט קיין טייטש פון אַ וואָרט נישט געוווּסט, זיך געחידושט, וואָס אַזעלכע יידן, ווי דער גרויסער משה, ווי פּינחסל קומען צו אים נאָך תורה, ווען ער, ר׳ אַברהמל, וואָלט געדאַרפט ביי זיי לערנען. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער דאָס זיי געזאָגט.

גערעדט האָט ר׳ אַברהמל פּשוט. עס איז אָבער נישט געווען די איינפאַכקייט פונעם פּראָסטן מענטש. עס איז געשווינדער געווען די פשטות פון איינעם, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט און אַליין — אַ בוים, אַ פלאַנץ, אַ פויגל — איבער וואָס ער האָט נישט גערעדט, איז עס געווען נייע, ווי ער וואָלט די זאַכן ס׳ערשטע מאָל געזען.

ער איז אויסגעקומען מיט יעדן מענטש, זעלטן עמעצן גע־שטראָפט און מען האָט אים ליב געהאַט. און אַז דער גרויסער משה האָט מיט האַלבע ווערטער אים פאַרטרויט, נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, אַז ער קלייבט זיך אין וואַלד אַריין צו ר׳ שבתין, האָט אים ר׳ אַברהמל אים נאָך אָנגעהויבן צוצורעדן:

— פאָר, משה, אַ מענטש דאַרף נישט זיצן אויף איין אָרט... כ׳וועל אפשר אויך אַריבערקומען צו אים אויף אַ שבת...

בלויז ביי זיך אין שטוב האָט ס׳ווייב מיט דער עלטערער טאָכטער געקוקט אויף אים קרום, אים געהייסן ווערן אַ רבי מיט קוויטלעך אָדער אַ סוחר, נישט זיך מאַטערן ס׳גאַנצע לעבן.

דער יונגערער טאָכטער, דינהן, האָט ר׳ אַברהמל ליב געהאַט. אַז זי איז אָנגעקומען אַרבעטן אין „סעטעלמענט", געגאַנגען איבער אָרע־מע הייזער, וווּ עס זענען געווען קראַנקע קינדער, קאַליקעס, איינער

איבערגעלאָזט ביכער, מיט דער צווייטער געלערנט—האָט ר׳ אַברהמל איר אַ קוש געטון אין קאָפּ אַריין, געזאָגט, אַז דינה טוט די זעלבע אַרבעט, וואָס ער.

עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן.

ר׳ אַברהמל האָט געקוקט דורכן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף גרענד-סטריט. פון די פערד-שטאַלן, וואָס זענען געשטאַנען קעגנאיבער, האָבן זיך דערטראָגן קולות און אַ געלעכטער. אָנטרייבערס און סתם ליידיקגייער זענען געזעסן פאַרן טויער, ווער אויף אַ וואָגן, ווער אויף אַ באַנק, געפייפט, דערציילט מעשיות. יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדערער אָוועקגעלייגט אינמיטן טראָטואַר אַן אָנגעשטאָפּטן בייטל, און אַז אַ פאַרבייגייער האָט אים אויפגעהויבן, האָבן די מיטליעריקע אָנטרייבער, די ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך געקליבן אַרום זיי — אַלע האָבן זיך אַזוי צעלאַכט, און מיט אַזאַ קינדערשער פרייד, אַז ר׳ אַברהמל האָט מיטגעלאַכט.

בלויז דאָס קראַנקע פערד, וואָס איז געשטאַנען אויפן ערשטן שטאָק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ מענטשלעכן טרויער אין די אויגן, איז פון קיין זאַך נישט נתפּעל געוואָרן. ס׳פערד האָט אַרויסגעשטעקט דעם טעמפּן קאָפּ דורך די אייזערנע שטאַכעטן, געקוקט אויף דער לענג פון גרענד-סטריט, וווּ אויטאָמאָבילן, וועגן האָבן זיך געטראָגן הין און צוריק, און אַ טראָמוויי איז אָנגעקומען מיט אַ קלינגערײַ.

דער באַלעבאָס פון שטאַל, אַ היימישער פערד-הענדלער האָט פאַרריסן די פיס און אַ יונג האָט אים געריייניקט די שיך מיט אַ שמאַטע.

ר׳ אַברהמל האָט געוווּסט, אַז דער פערד-הענדלער קלויבט זיך אין „שטיבל״ אַריין, ווו ער קומט צוויי מאָל אַ טאָג דאַווענען.

דער גבאי האָט געעפנט די טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אַז ער האָט דערזען ר׳ אַברהמלען ביים פענצטער, האָט ער אַריינגעלאָזט אַ פרוי מיט נישט קיין ייִדיש פּנים און אַליין איז ער נאָכגעגאַנגען און גערעדט:

— ביי דער פרוי איז דער מאַן געשטאָרבן.

מיט די הענט האָט די פרוי אָפּגעשטעלט דעם גבאי. זי האָט

געמאַכט עטלעכע טריט צו ר׳ אַברהמלען, געבליבן שטיין פון דער-ווייטנס און אָנגעהויבן פון דער מיט:

— די זאַך איז די, מיין מאַן איז געווען אַ פרייזיניקער.

— וואָס איז ער געווען? — האָט ר׳ אַברהמל איבערגעפרעגט.

— כ׳מיין, אַ פריידענקער.

— נישט קיין גלייביקער?

— יאָ, רבי. — האָבן די ווערטער אין דער פרויס מויל גע-קלונגען מאָדנע און ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז זי איז אַ יידישע.

— מיר האָבן אַן איינציקן זון, איז ער נישט געיידישט.

— ווי אַלט איז אייער זון?

— ווערט שוין אַכצן יאָר. און ס׳יינגל, רבי, איז דווקא אַ פרו-מער, וויל קדיש זאָגן.

— פאַרוואָס לאָזט איר אים נישט מלה זיין?

— פריער, רבי, האָט דער פאָטער נישט געלאָזט, איצט וויל איך שוין, האָט ס׳יינגל מורא, האַלט אין איין וויינען.

— מ׳קען מאַכן ס׳זאָל נישט וויי טון. — האָט ר׳ אַברהמל זי געוואָלט באַרויקן.

— ער וויל נישט העון דערפון, רבי.

— נו, פאַרפאַלן, אָבער אַ ייד איז ער?

— וואָס רעדט איר, רבי, צייט דער פאָטער איז געשטאָרבן דאַוונט ער יעדן טאָג, וויל דווקא גיין אין שול אַריין קדיש זאָגן. די שכנים מיינע לאָזן אים נישט גיין, טענהן, אַז ער איז נישט קיין ייד, בין איך אַהערגעקומען, רבי...

— ווי לאַנג דער זון איז נישט געשמדט, איז ער אַ ייד. — און ר׳ אַברהמל האָט זיך אַ דריי געטון צום גבאי. — דער רמב״ם הייסט אַפילו מלה זיין איבער-גוואַלד, כ׳בין אָבער נישט מסכים. ווי לאַנג דער יונגערמאַן איז אַ ייד און זאָגט צו, אַז ער וועט זיינע קינדער מלה זיין, דאַרף מען אים מקרב זיין, נישט אָפּשטופּן. ער מעג קו-מען אין שול אַריין קדיש זאָגן, ער מעג. — און ר׳ אַברהמל איז צו-געגאַנגען נענטער צו דער פרוי. — דאָס איז מיין מיינונג, איך בין אָבער קיין רב נישט און איצט גייט פרעגט אַ שאלה.

אַז דער גבאי מיט דער פרוי זענען אַרויס, האָט ר׳ אַברהמל

גענומען דאַווענען מינחה. ער איז געגאַנגען איבערן חדר, געציילט די ווערטער שטיל, גאָר שטיל און ווי די פיס זענען זיך צעגאַנגען ביי אים, האָבן די ווערטער אָנגעהויבן וואַקסן. און עס איז שוין מער נישט געווען קיין ווערטער. ר' אַברהמל האָט ברייט געעפנט די טיר, געשפּרייזט צווישן עולם. קלאַנגען האָבן זיך געשפּאַרט, נישט געלאָזט איינזיצן די פישער, די פעדלער, וואָס האָבן אַליין נישט געוווּסט, וואָס ס'ציט זיי מער — צי די פרייד, צי דער טרויער, וואָס קומט מיט יעדן קלאַנג.

נאָך מינחה איז פּינחס צוריקגעקומען. ר' אַברהמל האָט אים גענומען אָן אַ זייט:

— ווייסטו כאָטש, פּינחס, אַז זרח האָט קיין איין וואָר וואָרט נישט געזאָגט?

— ס'איז אָבער קיין ליגן אויך נישט.—האָט פּינחס זיך אָנגערופן.

— ביסט אפשר גערעכט, פּינחס, ווייל אין תוך איז לייבל ערגער פון זרחן. זרח האָט לייבלען אָפּגענאַרט. — האָט ר' אַברהמל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט די באָרד. — דאָס זעט יעדער. זרח שעמט זיך כאָטש עס צוצוגעבן. ער וויל מיט איין ליגן פאַרדעקן דעם צווייטן, אַבי מען זאָל אים נישט חושד זיין. אַז דו ווילסט, איז דאָס אויך אַ מדרגה. לייבל, זעסטו, איז בלויז גזלה, ער נעמט צו ביי די אָרעמע פעדלער דעם קרן מיטן ריווח און בלייבט נאָך דערצו אַ שיינער ייד!

— זרח האָט מיר אויפן וועג מודה געווען, אַז ער האָט איבערגעטוישט ס'פינגערל. — האָט פּינחס געשמייכלט. — זיך געשוווירן, אַז אַ צווייטן וואָלט ער עס קיינמאָל נישט געטון. אים, לייבלען אָבער, וואָס לעבט פון גנבה, איז אַ מצווה אָפּצונאַרן.

— נישט גוט, נישט גוט. — איז ר' אַברהמל זיך איינמאָל דורך איבערן צימער און זיך צוריק אָפּגעשטעלט מיט פּינחסן. — און זיין טאָכטער קענסטו?

— כ'קען.

— איז עס אמת, אַז זי איז אַן אויסגעלאַסענע?

— אַזוי זאָגט חיה־רבקה.

— און דו וואָס זאָגסט?

פינחס האָט אַ צי געטון מיט די אַקסל, גאָרנישט געענטפערט.

— ווייסטו, וואָס מיר איז איינגעפאַלן ?—האָט ר׳ אַברהמל אַרויס־געלייגט די הענט אויף פּינחסן — מיר דאַרפן זיך לערנען ביי דינהן ! מען דאַרף גיין, ווי זי, איבער די הייזער, אויפזוכן הונגעריקע, קראַנ־קע, זיי טרייסטן. און ווייסטו, פּינחס, פאַרוואָס דינה איז שטענדיק פריילעך ? ווייל זי טראָגט אין זיך אָן אַ שיעור ברכות. פילט זיך קיינמאָל נישט זינדיק. און זי איז גערעכט ! אַז אַ לעבעדיקער מענטש דערפילט זיך זינדיק, דאַרף ער אַ נעם טון די זינדיקע הויט פאַר דער זוים, ווי מען נעמט אָן אַ ברודיק העמד. אַראָפּשלעפּן פון זיך די הויט און זי אָוועקשליידערן.

## 6. וואָלף ווערט אַ חתן

חיה־רבקה האָט באַגעגנט ר׳ אַברהמלען אַן אָנגעברוגזטע. זי האָט געוווּסט, אַז דער מאַן איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין „שטיבל״. דאָס מאָל האָט זי אָבער געשוויגן. אי ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס דער מאַן פאַרנאַכלעסיקט די „ביזנעס״, הייבט אָן זיינע אַמאָליקע געגנג, אי זי האָט געוואָלט הערן פון אים אַליין, ווי די שכנים האָבן משלח געווען זרחן.

ר׳ אַברהמל איז געווען אויפגעלייגט. ווי ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין ווייב, געזען ווי זי שטייט מיט צונויפגעלייגטע הענט, האָט ער גלייך גענומען אויסליידיקן די קעשענעס, אָנגעשיט אַ בערגל מיט זילבער־געלט אויפן טיש:

— נעם־צו!

— פונוואַנען האָסטו געלט? — איז ס׳ווייב ווייכער געוואָרן.

— אָפּגענומען אַ חוב.

ער איז אַריין אין צווייטן צימער. פינחס און וואָלף, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי, האָבן זיךביידע אַ הייב געטון.

— זיצט, זיצט. — האָט ר׳ אַברהמל זיי צוריק אַוועקגעזעצט. — אָט זיץ איך שוין אויך!

— ר׳ אַברהמל, עץ ווילט אפשר אַ גלעזל טיי? — האָט דינה לאָבוזעוואַטע אַ פרעג געטון, אַז די אַרומיקע האָבן געשמייכלט.

— גיב, טאָכטער.

וואָלף האָט זיך אַ רוק געטון פון רחלען, וואָס איז געזעסן האַרט לעבן אים. ר׳ אַברהמל האָט עס באַמערקט, געוואָלט אים מקרב זיין, סתם אַ זאָג געטון:

— וואָס מאַכט עפּעס מיין ידידיה?

— ער פירט דעם גאַנצן מאַרקעט. — האָט וואָלף אַ רוק געטון פון זיך ס׳גלעזל טיי, ווי ס׳וואָלט אים געשטערט צום רעדן. — קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז ער וועט זיך אַזוי אויסטויגן...

— כ׳בין ביי אים היינט געווען. — האָט דינה אַריינגעבראַכט דעם פּאָטער אַ גלאָז טיי. — ער האָט מיך אַרומגעפירט צווישן די שטייגן מיט הינער, זיך אַזוי געפרייט. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַלע, וואָס אַרבעטן אין מאַרקעט, אַפילו פאַרן „באָס"... און ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געשענקט?

— נו אייי? — האָט וואָלף זיך צעלאַכט.

— אַ פריש־געלייגט איי, ס׳איז נאָך וואַרעם געווען. — און די זומער־שפּרענקלעך אויף דינהס פּנים האָבן אויפגעלויכטן.

— האָסטו זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשלעפּט מיטן איי? — האָט די מוטער זיך צעלאַכט און געזאָגט צום מאַן: — אַברהמל, ס׳עסן שטייט אויפן טיש.

— כ׳האָב עס אַוועקגעשאָנקען מיין נייער שילערין.

— דער, מיטן קראַנקן האַרץ? — איז די מוטער געוואָרן נייגעריק.

— מאַמע, כ׳האָב נאָך אַזאַ אָרעמקייט נישט געזען. נאָך אָרעמער ווי ביי אונז, — האָט דינה זיך אַזש געקניפּט די פינגער, — היינט האָט מען געדאַרפט צולייגן דער קראַנקער הייס וואַסער צו די פיס, איז צומאָל אין הויז קיין פלאַש נישט געווען. די מוטער האָט איר צוגעלייגט אַ הייסע שטאַרץ, האָט זיך די שמאַטע אַראָפּגערוקט און ס׳מיידעלע האָט זיך אָפּגעבריט צוויי פינגער.

ר׳ אַברהמל האָט זיך אויפגעהויבן, אַ גלעט געטון דינהן איבערן קאָפּ און איז אַריין אין קיך, ס׳ווייב איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגנאיבער, און אַז דער מאַן האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן אַ האַלב שיסעלע קרופּניק, האָט ס׳ווייב אָנגעהויבן:

— אַברהמל, דאַרפסט אַ רעד טון מיט וואָלפן... טאַקע נישט אַזאַ יחוס... אָבער דער יונג איז אַ שטילער, זאַמלט אַ טאָלער און קלייבט זיך אַליין צו גיין אין ביזנעס.

— ער האָט עס דיר געזאָגט?

— רחלען האָט ער געזאָגט.

— און רחל?

— ווי איך פאַרשטיי, וויל זי דעם שידוך.

— נו, איז גוט!

— אַברהמל, ביסט אַ טאַטע, און מען דאַרף אַ שמועס טון מיט וואָלפן. נעכטן זענען זיי שוין געווען אין די „מוּוויס״... כ'האָב פיינט אַזוי... טאַטע-מאַמע דאַרפן וויסן. — און זי האָט אַראָפּגענומען אַ קרישקע פון מאַנס באָרד.

— ווען זאָל איך אַ שמועס טון מיט אים? איצט, ווען אַלע זיצן?

— און אַז איצט? דינהן מיט פּינחסן וועל איך הייסן אַרויסגיין!

ר' אַברהמל האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך צעברומט, און אַז ער האָט זיך באַפרייט פון דעם אַרומיקן, האָט ער אָנגעהויבן בענטשן. חיה-רבקה האָט אַוועקגענומען דינהן אָן אַ זייט און איר איינגערוימט:

— דער טאַטע דאַרף עפּעס רעדן מיט וואָלפן, נעם פּינחסן און פּאַק זיך!

— אַ שידוך, מאַמע? — האָט דינה אַרומגעכאַפּט די קליינע מו-טער, ווי צום טאַנץ.

— לאָז אָפּ, לאָבוז! — האָט די מוטער זיך צעשמאָלצן פון נחת.

— הלוואי האַלט איך שוין מיט דיר אַזוי!

— אָ-האָ! גוד-באַי!

אַז ר' אַברהמל האָט אָפּגעבענטשט, זענען דינה מיט פּינחסן שוין נישט געווען. רחלע האָט זיך געדרייט, זיך געשטעלט וואַשן גלעזער. וואָלף האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז איינער אַליין אין צימער. פאַרלוירן האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען, ווי איינער, וואָס געפינט זיך אונטערוועגנס פאַר אַ שטורעם. ר' אַברהמל איז אַריינגעקומען, זיך צוגעזעצט. ער האָט אָנגעהויבן ווישן די וואָנסן, די באָרד און אָפּגעהוסט:

— און שבת ווו דאַוונסטו, וואָלף, אויך אינדערהיים?

— אינדערהיים. — און ס'האַרץ האָט ביי וואָלפן אָנגעהויבן צו גיין אַרויף און אַראָפּ.

— איין מאָל אַ וואָך — האָט ר' אַברהמל ווי אַ טאַטע אים

געקוקט אין פנים אַריין — איז גלײַכער צו דאַוונען מיט אַ מנין. קענסט אַריבערקומען צו אונדז אין שטיבל אַריין. מען הערט אַ קדושה, מען קריגט אַמאָל אַן עליה... אַ שומר-שבת ביסטו דאָך?

— אַוודאי בין איך...

וואָלף האָט געפֿילט, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט אַ רעד צו טון מיט ר' אַברהמלען. ער האָט געוווּסט, אַז דאָ דאַרף מען רעדן אַנדערש און, ווי אויף צו להכעיס, זענען די פּאַסיקע ווערטער נישט געקומען אויף דער צונג. ער האָט געהערט ווי די צייט לויפֿט, גע־קאָנט אָנטאַפּן יעדע רגע, געוווּסט זיכער, אַז נאָך אַ ווײַלע און אַלץ איז פֿאַרלוירן. ס'האָט אים געהויבן פֿון בענקל. ער האָט זיך מיט־אַמאָל אַ שטעל געטון, ווי אַזוי־אַרום וואָלט אים געווען באַקוועמער. די צוגעקליבענע ווערטער זענען ערגעץ בײַ אים געבליבן שטעקן און ער האָט אָנגעהויבן פֿון אַ מיטן:

— פֿאַר דער קורצער צייט, ר' אַברהמל, האָב איך אָפּגעשפּאָרט איבער טויזנט דאָלער... צו די ביזנעס טויג איך זיך אויס... דאַרף איך אַרבעטן פֿאַר אייבין, אַז כ'קען שבת מאַכן פֿאַר זיך...

וואָלף האָט זיך געגעסן. מער וואָס צו זאָגן האָט ער נישט גע־האַט. געשטאַנען אַ צעפּינטלטער. די צוויי ווערטער, וואָס האָבן זיך געריסן בײַ אים פֿון דער צונג, האָט ער מורא געהאַט אַרויסצורעדן, זיך געשראָקן צו ברענגען איבער די ליפּן, אַז ער האָט ליב רחלען.

ר' אַברהמל האָט זיך אויפֿגעשטעלט, צוריק אַוועקגעזעצט וואָלפֿן און נישט אַראָפּגענומען די הענט פֿון זײַנע אַקסלען:

— זאָגסטו מיר צו, אַז כ'וועל זיך נישט דאַרפֿן שעמען מיט דיר?

די אויגן, ס'פּנים און, דער עיקר, ס'האַרץ האָבן צוגעזאָגט. און וואָס לענגער ר' אַברהמלס הענט זענען געלעגן אויף וואָלפֿס אַקסלען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די השפּעה איבערן יונג. ער האָט גע־וואַרט אויף ר' אַברהמלס אַ וואָרט, און ווען ער הייסט אים אַרויס־שפּרינגען דורך אַ פֿענצטער, וואָלט ער זיך אַפֿילו נישט פֿאַרטראַכט און געשפּרונגען.

חיה-רבקה איז אַרײַנגעקומען, געזען ווי דער מאַן שטייט איבער

וואָלפֿן, האָט זי געוואָלט צוריקגיין. אַ ליכטיקער איז ר׳ אַבֿרהמל איר אַנטקעגן געגאַנגען:

— מזל-טובֿ דיר, חיה-רבֿקה!

— אין אַ מזלדיקער שעה, מיין מאַן! — און זי האָט אָנגערופֿן: רחלע, רחלע!

מאַמע-טאָכטער האָבן זיך צעקושט.

## 7. חברים

נאָכן ערשטן דרימל האָט ר׳ אַברהמל זיך אויפגעכאַפּט. געווען זיכער, אַז ער איז פאַרשלאָפן, אַז ס׳איז שפּעט, די פיס זענען שוין לאַנג ביי אים נישט געווען אַזוי אויסגערוט, אַזוי לייכט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל, וואָס איז געלעגן צוקאָפּנס — נישט מער ווי איינס.

ר׳ אַברהמל איז געווען גליקלעך. ער האָט בלויז געטראַכט, ווי גנבעט מען זיך אַרויס פון הויז, ס׳ווייב זאָל נישט הערן. היינט האָט ער דווקא געוואָלט זיין פריער אין „שטיבל״, זיין אַ פּאָר שעה אַליין, איינגאַנצן אַליין. נישט בחינם איז ער אַזוי אויסגערוט. דערצו האָט אים גאָט געהאָלפן, — רחלע איז שוין אַ כּלה.

דער אָפּגעהיטער ר׳ אַברהמל, פאַר וועמען אַזוי פיל מענטשן שטייען מיט אַזאַ דרך-ארץ, האָט זיך גענומען גנבענען ווי אַ יינגל, זייער נישט געוואָלט אויפוועקן ס׳ווייב, וואָס איז געשלאָפן אין דעם דערבייאיקן צימער.

ער האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די מלבושים, און אַז ער איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער אַרויסצוגיין, האָט זיך דינה, וואָס איז געשלאָפן אין דעם זעלבן חדר, אָנגערופן מיט אַ פרעמד קול:

— ווו גייט עך, ר׳ אַברהמל, אַזוי פרי?

— אין שטיבל אַריין, טאָכטער. — האָט דער פאָטער אין זיך געשמייכלט ווי דינה רעדט צו אים.

— אייער ווייב, ר׳ אַברהמל, וועט מאַכן קולות.

— כ׳בעט דיך טאָקע, טאָכטער, זאָלסט איר גאָרנישט זאָגן.

— הייסט עך דאָך מיך זאָגן אַ ליגן, ר׳ אַברהמל?

— צוליב שלום-בית, טאַטער, מעג מען.

— און מאָרגן וועט ר׳ אַברהמל אַרומגיין אַ נישט-אויסגעשלאָפענער, — האָט זיך דינה אַ צי געטון פון אונטער דער קאָלדרע, — נישט קאָנען טון קיין ביזנעס, נישט אַהיימברענגען דעם ווייב קיין געלט. וועט ס׳ווייב שרייען און גערעכט זיין.

— הייסטו מיר נישט גיין, טאָכטער? — איז ר׳ אַברהמל געשטאַנען פאַר דער טאָכטער ווי אַ ייִנגל פאַר אַ מאַמע, וואָס שטראָפט.

— אַז עץ ווילט שטאַרק גיין, ר׳ אַברהמל, גייט! — איז די שטים ביי דינהן געוואָרן ווייכער, און אין דער פינצטער האָט אויפגעלויכטן איר אָרעם, אַ נאַקעטער.

— און די מאַמע, טאָכטער?

— כ׳וועל דיך שוין פאַרענטפערן, טאַטע. כ׳וועל זאָגן, אַז דו ביסט אַוועקגעגאַנגען באַגינען, ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן.

— אַ שאָד, דינה, וואָס ביסט נישט קיין ייִנגל. — האָט דער פאָטער זיך אַ בייג געטון איבערן בעט, זיך אַרויסגעזען פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דינהס האָר, פון איר פּנים.

— וואָס וואָלט געווען, ווען כ׳בין אַ ייִנגל?

— וואָלטן מיר צוזאַמען געגאַנגען אין שטיבל אַריין, ס׳וואָלט געווען היימלעכער.

— אַז עץ ווילט, ר׳ אַברהמל, קאָן איך אַפילו איצט מיטגיין. — איז איר קול מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי קינדיש, אַז דער פאָטער האָט געלאַכט אין דער שטיל.

— שלאָף, שלאָף, טאָכטער, גייסט זיך געניג אָן אַ טאָג!

— כ׳בין נישט מיד, ר׳ אַברהמל. — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די קאָלדרע פון צווייטן אַקסל אויך. — נעכטן, ווען עץ זענט געגאַנגען שלאָפן, האָבן מיר זיך נאָך אַזויפיל אָנגעלאַכט...

— שאַ, טאָכטער, דאַכט זיך די מאַמע וועקט זיך.

איבער דער וואַנט האָט אַ בעט אַ סקריפּ געטון. ס׳איז באַלד צוריק שטיל געוואָרן, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ס׳אייגענע אָטעמען. די אויגן, וואָס זענען צוגעוווינט געוואָרן צום פינצטערניש, האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אויסגעזען, אַז

ביידע האָבן הנאה געהאַט פון דעם שפּיל. די עטלעכע ווערטער, וואָס זענען געבליבן ביי דינהן אין האַלז נישט דערזאָגטע, האָבן זי נישט געלאָזט רוען. און אַז דאָס שווייגן האָט אָנגעהאַלטן אַ מינוט, האָט זי צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און איינגערוימט:

— מיר האָבן זיך נעכטן אַזויפיל אָנגעלאַכט... געהאַט שפּאַס פון וואָלפן מיט רחלען...

— וועסט מיך שטאַרק בעטן, טאָכטער, וועל איך דיר אויך שאַפן אַ חתן.

— שאַפט מיר טאַקע, ר׳ אַברהמל. — האָט זיך דינה געטוליעט צום פאָטער, ווי אַ קינד.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און כאָטש טאַטע-טאָכטער האָבן קיינמאָל וועגן פינחסן נישט גערעדט, האָבן זיי פונדעסטוועגן גלייכצייטיק אַ טראַכט געטון וועגן אים און זיך פאַרשטאַנען. דעם פאָטערס וועלט איז פאַר דינהן נישט געווען אַן אַלט-פאַרשטויבט ספר, געשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך. ר׳ אַברהמלס יעדער קנייטש איז דער טאָכטער געווען פאַרשטענדלעך, יעדער ריר — נאָענט. דינהן האָט זיך זייער געוואָלט דער פאָטער זאָל לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן פינחסן. פאַרוואָס, האָט זי אַליין נישט געוווּסט.

— און פינחס, טאָכטער, געפעלט דיר? — איז געווען קענטיק אין די ווערטער, אַז ר׳ אַברהמל האָט זיך געקווענקלט.

— דו האָסט מיט אים עפּעס גערעדט וועגן מיר? — האָט דינה געפילט אין דער פינצטער ווי זי ווערט רויט.

— ניין, טאָכטער.

— בעט איך דיך, טאַטע, דו זאָלסט נישט רעדן.

— גוט, — האָט דער פאָטער זי גענומען איינדעקן, — נו, שלאָף, טאָכטער, שלאָף!

— כ׳דאַרף דאָך פאַרקייטלען די טיר.

— מען דאַרף נישט, טאָכטער, מען וועט נישט באַגנבענען... נישטאָ קיין גנבים... זאָלסט נישט אַרויס אַ נאַקעטע פון בעט. ס׳איז אַ קעלט אין שטוב. — און דער פאָטער האָט זי נאָכאַמאָל איינגעדעקט. — אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

דינה האָט געהערט ווי דער פּאָטער גייט איבער די טרעפּ, איז שוין אויפן גאַס און די שטילקייט שלינגט איין זיינע טריט. זי איז געלעגן אַ ווײַלע מיט אָפענע אויגן, נישט געוווסט, וואָס צו טון מיטן יונגן, פרישן לייב, וואָס האָט געוואַכט, און מיטאַמאָל איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישן און זיך איבערגעגעבן דעם שלאָף.

## 8. אַ באַגעגעניש

רעגינע האָט געוווינט אין אַ פּאַריזאָרפּענעם געגנט. דאָס הויז אַ פּיר־שטאָקיקס, אַ ווייס, מיט מירמלשטיינערנע טרעפּ אַרויפצוגיין, מיט צוויי עלעקטרישע בליך־לאָמפּן, וואָס האָבן געברענט אַ גאַנצע נאַכט, האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט זיך איבער־געוואַלד אַריינגעריסן אין דעם שטילן געגנט, ווו ס'איז נאַכט געוואָרן מיטן אָוונט.

דאָס הויז האָט אויסגעבויט אייביס אַ באַקאַנטער, אַ „ריעל עסטייט"־סוחר. ער איז געווען זיכער, אַז נאָר אַזוי־נאָך וועט ער ביליק אָנקריגן די פּריוואַטע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אַזוי נאָענט צו דער נייער סאָבווי, וואָס מען האָט געפּלאַנט צו בויען. און דער סוחר האָט גוט אויסגערעכנט. גלייך ווי דאָס הויז האָט זיך אויסגעבויט און צוואָנציק יידישע פאַמיליעס זענען צוגעקומען, האָבן די עלטערע, צוריקגעשטאַנענע אַמעריקאַנער, איינציקווייז גענומען פאַרקויפן זייערע הייזער.

אייבי האָט געדונגען פאַר רעגינען אַ וווינונג פון דריי צימערן. די צימערן האָט ער רייך אויסגעמעבלירט. רעגינען זענען די שטיקער מעבל נישט געפעלן. טייל האָט זי אויסגעטוישט, טייל האָט זי אַוועקגעגעבן, געמאַכט די צימערן גראָמער, אָנגעשטעלט נידעריקע אָטאָמאַנען מיט קישעלעך.

פאַר דער צייט, וואָס רעגינע האָט זיך אַריבערגעקליבן, האָט זי זיך אינגאַנצן געביטן. אין די שוואַרצע זיידענע קליידער, וואָס זי האָט גענומען טראָגן, איז רעגינע פון אַ מיידל געוואָרן אַ יונגע דאַמע. אירע טונקעלע אויגן, די שוואַרצע לענגלעכע ברעמען און די פייערדיקע האָר האָבן זי געמאַכט אַזוי שיין, אַז ווען זי איז אַרויס אין גאַס, האָט דער גלייכגילטיקסטער מאַן פאַרגעסן, אַז ער האָט

נישט קיין צייט, זיך אָפּגעשטעלט און איר נאָכגעקוקט.

זי איז נאָך איצט געוואָרן קאַפּריזנער, געהאַט יעדן טאָג נייע פּלענער, אַז מען האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין זיכער מיט איר. און ווען עמעצער וואָלט זיך צוגעקוקט צו רעגינעס משוגעתן, וואָלט ער אויסגעפונען, אַז זיי האָבן אַ סדר, זענען שטענדיק אויסגערעכנט. רעגינע, וואָס האָט געקענט אַזוי פאַרשווענדן געלט, האָט אויך גע־קענט קלייבן אַ סענט. פון אייביס שלירות האָט זי יעדע וואָך אַראָפּ־גענומען אַ טייל, געהאַט אַ קניפּל. ס'איבעריקע געלט האָט פאַר איר קיין באַטייט נישט געהאַט, ווי זי וואָלט נישט געוווּסט, וואָס אַ מטבע איז. זי האָט עס געקענט אַוועקגעבן, צעטיילן, זעלטן אויסקומען מיט דער וואָך, געמאַכט חובות און אייבי האָט זיי געדאַרפט דעקן.

אַז פּינחס איז צוגעקומען צום הויז, ווו רעגינע האָט געוווינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס ער טוט דאָ, צו וואָס גייט ער צו איר. ער האָט אַליין נישט געוווּסט צו וואָס ער איז אַהער געקומען. און די פיס האָבן אים אַוועקגעטראָגן ווייטער.

דער אָוונט, אַ פינצטערער, האָט זיך געלייגט איבער ליידיקע שטיקער ערד, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין הויז פון צווייטן. מיט יעדן טריט איז די שטילקייט געוואָרן טיפער, ווי מען וואָלט געווען ווייט פון אַ ישוב.

— וואָס טוט איר דאָ, לאַנדע? — האָט דער דאָקטאָר זיך מיט־אַמאָל אַרויסגערוקט פון הינטער אַ בוים, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט געשטאַנען.

פּינחס איז אַזוי איבערגעראַשט געווען צו טרעפן איצט דעם דאָק־טאָר, אַז ער האָט נישט געענטפערט, געוויזן מיט אַ פינגער אויפן הויז, און געהייסן האָט עס, אַז ער קלייבט זיך צו רעגינען.

די באַקנביינער האָבן ביים דאָקטאָר אויסגעסטאַרטשעט, אויסגע־זען ווי זיי קריכן פון דער הויט אַרויס, ס'גאַנצע פנים איז איינגע־פאָפן, בלויז די נאָז איז גרעסער געוואָרן, און די אויגן, ברייט צע־עפנטע, האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט די שייבלעך פון די ברילן.

פּינחס האָט געוווּסט, אַז פאַרן ענדיקן האָט דער דאָקטאָר שווער געאַרבעט, געוואָלט דערמיט פאַרבינדן זיין שלעכט אויסזען, און אין דער זעלבער צייט איז ער זיכער געווען, אַז דער דאָקטאָר וועט

נישט לאַנג אָנטרייבן. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין אייגענער זיכערקייט און אים אַ פרעג געטון:

— איר האָט געמוזט שווער אַרבעטן פאַר די עקזאַמענס?

— כ'זע שלעכט אויס?—האָט דער דאָקטאָר זיך פאַרהוסט טרוקן, מיט אַ פגימה, און אָנגענומען פינחסן. — פירט מיך אונטער אַביסל.

— איר גייט נישט אַרויף צו רעגינען? — האָט פינחס געוויזן אויפן פיר־שטאָקיקן הויז.

— כ'גיי פון רעגינען. — האָט דעם דאָקטאָרס בליק, אַ גלעזער־נער, זיך איינגעגעסן אין פינחסן. — כ'האָב זי אָבער נישט געזען.

— זי איז נישט אינדערהיים?

דער דאָקטאָר האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט געביסן מיט די אייבערשטע ציין די אונטערשטע ליפּ, ווו די הויט, אַ צע־שפּאָלטענע, האָט זיך געשיילט.• אומדערוואַרט האָט זיך אַ געלעכטערל אַ ריס געטון פון אים. זיך גלייכצייטיק איבערגעבראָכן, אַז פינחסן איז געוואָרן אומהיימלעך. און כאָטש די אויגן, די ליפּן האָבן נאָך געשמייכלט, האָט מען געפילט, אַז ערגעץ טיף אין דאָקטאָר איז דאָס געלעכטערל צעפלויגן אויף פיץ־פיצלעך. אָנהאַלטן ווייטער דאָס גע־לעכטערל וועט ער נישט קאָנען. ס'איז צעפאַלן, ווי ס'וואָלט געווען צונויפגעקלעפּט מיט שפייעכץ. ס'פּנים האָט זיךביים דאָקטאָר איינגע־קאָרטשעט און ס'קול האָט געקלונגען פאַרשטיקט.

– איר פרעגט צי רעגינע איז אינדערהיים? זי איז דאָ, זי איז זיכער דאָ, איך וועט זי געוויס טרעפן... איר חידושט זיך פאַרוואָס איך האָב זי נישט געזען? כ'בין שוין געשטאַנען הינטער דער טיר, געוואָלט אָנקלינגען, האָב איך דערהערט אייביס געלעכטער. איר האָט אים אַמאָל געהערט לאַכן? דאָס הירזשעט דאָך ווי אַ פערד, בררר! בין איך צוריק אַראָפּ אויף דער גאַס און זיך אַוועקגעשטעלט דאָ ביי דער לאַמטערנע, הינטער דעם בוים, שרייבן רעגינען אַ בריוול... כ'שרייב און טראַכט, ווי נאָך באַזאָרגט מען דאָס בריוול, זענט איר פונקט אָנגעקומען... איר וועט דאָך מיר נישט אָפּזאָגן?.. — האָבן דעם דאָקטאָרס אויגן הינטער די שייבלעך זיך צעפינטלט, ווי זיין גאַנץ לעבן וואָלט געווען אָפּהענגיק פון די אָנגעשריבענע ווערטער אויפן שטיקל פּאַפּיר.

— כ'וועל עס איבערגעבן.—האָט פּינחס צוגענומען דאָס בריוול, זיך געחידושט, וואָס דער דאָקטאָר איז געוואָרן אַזוי ריידעווודיק, און סתם אַ פרעג געטון אָן דער מינדסטער נייגעריקייט: „איר האָט ליב רעגינען?" — און זיך אויפן אָרט דערמאָנט, אַז דאָס זעלבע האָט אים געפרעגט דינה.

רויטע פלעקן זענען אַרויס אויפן דאָקטאָרס איינגעצויגענע באַקן. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אויסגעגלייכט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער איז נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ פראַגע. ער האָט אַ נעם געטון פּינחסן פאַרן אָרעם און גענומען מיט אים גיין ווו די נאַכט איז פינצטערער.

— זי ווייסט נישט, זי ווייסט נישט, אַז איך האָב זי ליב. — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטון, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט פּינחסן קלאָר געווען. און נישט נאָר פאַר פּינחסן, נאָר ווען ער וואָלט אָנגעטראָפן, וואָלט ער זיך פאַר אים אויסגערעדט דאָס האַרץ.

— ווער? — האָט פּינחס געפרעגט.

— רעגינע.

— איר האָט איר קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט?

— כמעט נישט געזאָגט. — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגעשטעלט.— און אַז איך האָב געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, האָט רעגינע עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס.

— און היינט האָט איר זיך עס איר געקליבן זאָגן? — האָט פּינחס קיין אויג פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט.

— פונוואַנען ווייסט איר עס?—האָט עפּעס אויפגעלויכטן צווישן דעם דאָקטאָרס אויסגעסטאַרטשעטע באַקנביינער.

— כ'ווייס טאַקע נישט, — האָט פּינחס זיך גענומען פאַרענט־פערן, — כ'פרעג גלאַט אַזוי.

זיי האָבן זיך אויסגעדרייט, גענומען גיין צוריק. דער דאָקטאָר האָט פעסט געהאַלטן פּינחסן, זיך עטוואָס צוגעבויגן צו אים, אָנגעהויבן שטיל, פאַרטרויליך, ווי מען רעדט צו אַן אַלטן חבר:

— כ'האָב אַלץ געוואַרט ביז כ'וועל דורכמאַכן די „סטייט־עקזאַמענס. היינט, אַז איך האָב געקראָגן אַלע מיינע פּאַפּירן, האָב

איך באַשלאָסן אַהער צו פאָרן, לענגער וואַרטן האָב איך נישט גע-קאָנט. ס'איבעריקע, מר. לאַנדע, ווייסט איר דאָך.

פינחס איז גערירט געוואָרן. ער האָט נישט געזען פאַר זיך דעם אַמאָליקן פאַרהאַוועטן דאָקטאָר, וואָס אַחוץ זיינע ביכער פלעגט ער פון קיין זאַך נישט נתפעל ווערן. דער דאָקטאָר, וואָס איז גע-גאַנגען לעבן אים, איז געווען אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער, מיט אַלע קאַפריזן פון אַ פאַרליבט בחור.

— אויב די איינציקע מניעה איז אייבי, — האָט פינחס אים צו-געגעבן מוט, — איז מיין עצה, איר זאָלט צערייסן דאָס בריוול און אַרויפגיין מיט מיר.

— איך קאָן נישט שטיין אין אייביס ד״ אמות. — האָט דער דאָקטאָר, אַ פאַרלוירענער, זיך געבעטן ביי פינחסן, און אין זיין פאַרלוירנקייט איז געווען אַ פאַרלאַנג: פינחס זאָל אים מיט זיך אַרויפשלעפן.

— וואָס גייט ער אייך אָן? — איז פינחס צו אים צוגעשטאַנען.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעשפאַרט זיינע הענט אָן פינחסעס אַקס-לען און זיינע אויגן האָבן אויסגעמיטן פינחסעס, געקוקט אין דער נאַכט אַריין.

— איר ווייסט, וואָס פאַר אַ באַציִונגען ס'זענען צווישן זיי?

— כ'ווייס נישט.

— איך בין זיכער, אַז רעגינע לעבט נישט מיט אייבין. — האָט זיין שטים געציטערט און אין דעם ציטער איז געווען אַ ספקות.

— אַז איר זענט זיכער, דאָקטאָר, מעגט איר דאָך אַוודאי אַרויפגיין!

— איז אָבער די צרה, וואָס אינגאַנצן זיכער קען איך נישט זיין. — האָט זיך דעם דאָקטאָרס פנים אַ קנייטש געטון, אָפּגעווישט דעם שמייכל, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום די ליפּן.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער פיר-שטאָקיקער געביידע. די ביידע בליך-לאָמפּן, וואָס האָבן געברענט ביים אַריינגאַנג אין הויז, האָבן באַלויכטן דעם ברייטן טראָטואַר, ווייסער געמאַכט דעם געגאָ-סענעם קאָנקריט און פינצטערער די נאַכט, וואָס איז געשטאַנען אַ פּופּציק טריט פון הויז. די אייגענע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער

אָרומיקער שטילקייט, ווו שאַרפע ריחות האָבן זיך געטראָגן פון דער צעשפּאָלטענער ערד, אָנגעזאָגט, אַז דער פרילינג קומט. און אַז די עלעקטרישע ליכט איז געפאַלן אויפן דאָקטאָר מיט פינחסן, איז צווישן זיי אויסגעוואַקסן די שטענדיקע פרעמדקייט און מיטאַמאָל האָט מען זיך מער נישט געקענט קוקן אין די אויגן. דער דאָקטאָר איז אַנט־שוויגן געוואָרן, חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך צערעדט פאַר אַ פרעמדן און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיטן בריוול, צי זאָל ער עס צוריקנעמען פון פינחסן, צי איבערלאָזן. און ווי ער איז אַזוי גע־שטאַנען און זיך געווישובט, האָט די שווערע טיר פון פעדערהויז אַ סקריפּ געטון. דער דאָקטאָר האָט אויפגעציטערט, געזוכט מיט די אויגן, ווו זיך צו באַהאַלטן, איז די עלעקטרישע ליכט געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז פאַרבלענדט געוואָרן, זיך נישט גערירט פון אָרט.

## 9. ביי רעגינען

די טיר פון פעדערהויז האָט זיך עטוואָס געעפנט, א קאָפּ האָט זיך אַרויסגערוקט און באַלד איז אַרויסגעשפּרונגען זרח:

— ע, האָבן מיר דאָך טאַקע געסט! — האָט זרחביידע מיט־אַמאָל געגעבן שלום — אייך, דאָקטאָר, קומט מזל־טוב! הייסט עס, מיר האָבן אַן אמתן דאָקטאָר און א בחינמדיקן. אָבער קרענקען, דאָקטאָר, איז אַלץ נישט כדאַי, האַ? און אויף דיר, פּינחס, האָב איך זיך שוין אינגאַנצן נישט געריכט, כמעט זיך געהאַט מיאש געווען... ס'הייסט אָבער נישט, אַז דו, פּינחס, ביסט נישט קיין אָנגעלייגטער גאַסט. פאַרקערט, רעגינע וועט דיך אַוועקזעצן אויף דער יום־טובדיקער פּאָליצע. נו, — האָט זרח ברייט אַן עפן געטון די טיר פון פעדערהויז, — ביטע, ביטע!

ערשט איצט, אין דעם ליכטיקן קאָרידאָר, האָט פּינחס באַמערקט, אַז דער דאָקטאָר פּיבערט. די הויט פון פּנים איז ביי אים געווען נישט געלבלעך, נישט גראָלעך, גיכער דער קאָליר פון טרוקענעם קיט. אויף די באַקנביינער זענען געשטאַנען רויטע פלעקן און די אויערן האָבן ביי אים געפלאַמט. אָנעם גיין איז געווען קענטיק, אַז ער האַלט זיך קוים אויף די פיס.

זרח האָט זיך געטראָגן אויף אַפּריער, שוין געווען אויבן, געוואַרט ביז די געסט וועלן אַרויפקומען. ער האָט נישט געלאָזט אָנקלינגען, געוואָלט איבעראַשן רעגינען.

— אייער ערשטער פּאַציענט, דאָקטאָר, דאַרפט איר אַליין זיין — האָט זרח אים באַטראַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — איר זעט אויס לא־עליכמדיק און דאָס הוסטל אייערס הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן!

ער האָט לייכט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין דעם טיר־שלאָס,

איבערגעדרייט אָן אַ סקריפּ און שטיל געעפנט די טיר. זרח האָט גע־פירט די געסט, געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. פון זאַל האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— איינס, צוויי, דריי! אַזוי, אַזוי!

אַלע דריי זענען געבליבן שטיין געפּלעפטע. רעגינע, אין אַ פּאָר ויידענע הויזן, איז געגאַנגען איבערן טיש אויף די הענט, קוני־ציק באַלאַנסירט צווישן גלעזער טיי, וואָס זענען געווען צעשטעלט. זי איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין אויפן קאָפּ, אויסגעשניטן פיגורן מיט די פיס, אַז דער טיי אין די גלעזער האָט זיך צעוויגט, געשפּיגלט די פייערדיקע האָר, וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבערן טיש, דאַכט זיך, קיין שיכות נישט געהאַט מיטן קאָפּ.

אייבי האָט אָנגעקוואָלן און בען, דער אייגנטימער פונעם וואָ־דעוויל, האָט דיריזשירט מיט אַ קליין שטעקעלע און ביי יעדן איינ־געגעבענעם בייג פון די פיס האָט ער אויסגעשריגן:

— סאַוואַ! סאַוואַ! מער קוראַזש, מער!

די דינע פיס האָבן זיך אויסגעבויגן, ווי אָנגעצויגענע פיילנ־בויגנס, אומדערוואַרט אויסגעשאָסן אין דער לופט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'האָט אויסגעזען זיי וועלן אָנרירן דעם סופיט.

— סאַ־וואַ, סאַ־וואַ! — האָט בען אַפּלאָדירט.

זרח האָט אַוועקגעשטעלט אויפן שטערן אַ הייס גלאָז טיי אויף אַ טעצל, זיך גענומען דרייען אַרום טיש און זיך צעקרייט ווי אַ האָן.

— בראַוואָ, זרח! בראַוואָ! — האָט אייבי זיך צעשריגן.

דער דאָקטאָר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיך געפילט באַליידיקט, וואָס רעגינע שטייט אויפן קאָפּ אין געגנוואַרט פון אַזוי פיל מענער. ער האָט זיך אַ בייג געטון צו פינחסן:

— דאָ קאָן מען יאָ זאָגן: פריש, געזונט און משוגע!

רעגינעס קערפּער האָט אויסגעשניטן מיט די פיס אַ בויגן, גע־בליבן שטיין אויף דער פּאָדלאָגע און דערזען די געסט. מיט אַ גע־מאַכטן קוויטש איז זי אַריין אין שלאָפצימער.

— אייבי, באַגייסט אַן עוולה, וואָס דו שטערסט איר! — האָט בען נישט אויפגעהערט צו קאָמבינירן, געהאָפט, אַז מיט רעגינען וועלן זיך אפשר פאַרבעסערן זיינע געשעפטן, וואָס האָבן לעצטנס

אָנגעהויבן צו גיין שלעכט — ביסט דען אַ מבין אויף אירע פּיס? און פאַרגעס נישט, אַז רעגינע האָט שוין אַ יאָר נישט רעפעטירט! אין אַ פּאָר חדשים וואָלט זי ביי מיר געוואָרן אַ „סטאַר", אַז נישט איז מיין נאָמען נישט בען!

די שווערע פּאַרטיערן פון שלאָפצימער האָבן זיך פונאַנדערגע־נומען און רעגינע איז אַרויס. אַזוי שיין האָט פּינחס זי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. אין דעם לאַנגן קלייד פון ווייכן שוואַרצן זייד, וואָס איז געפאַלן ביי איר פון די אַקסלען, האָט רעגינע אויסגעזען העכער. די טונקעלע אויגן מיט די אונטערגעפּירטע רייפן זענען גע־וואָרן טיפער, אַרויסגעבליצט פון דעם ליכטיקן פּנים, געקוקט זאָרג־לאָז און מיט אַ קינדערשער פרייד.

ביי רעגינעס אַריינקומען האָט דער דאָקטאָר אויפגעהערט צו פיבערן, געוואָרן באַוועגלעכער. אַחוץ רעגינען האָט ער, דאַכט זיך, קיינעם נישט געזען. דאָס אַליין, וואָס ער איז מיט איר אונטער איין דאַך, איז פאַר אים געווען גענוג. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען, נישט באַמערקט, ווי ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן אייבין און בענען, כאָטש ער האָט זיי לייכט געקענט אַרומגיין, נישט באַמערקט ווי אייבי האָט אָפּגעמאָסטן זיין הולך, זיך איבערגעקוקט מיט בענען און ביידע האָבן מיט ביטול געשמייכלט.

— האַלאָ, דאָקטאָר! — האָט רעגינע אים דערלאַנגט אַ האַנט — איר זענט שוין ביי אונז אַ גאַסט! וואָס האָט מען אייך אַזוי לאַנג נישט געזען?

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פון אַ קאָנווערט אַ דיקן פּאַ־פּיר, אים צוגעטראָגן רעגינען פּאָרזיכטיק, מיט צוויי פינגער און דער־ביי געהאַט אַ מינע פון אַ ישיבה־בחור, וואָס מען גייט פאַרהערן און ער איז נישט זיכער, צי ער קען דעם שיעור.

— כ'האָב געוואַרט אויף דערלויבעניש...

— טאָ וואָס שווייגט איר, דאָקטאָר? — און זי האָט זיך אויס־געדרייט צו אייבין — גראַטולירט אונזער דאָקטאָר!

— וואָס, איר מעגט שוין פּראַקטיצירן? — האָט אייבי צוגעע־וואָרפן די ווערטער, מעשה גביר, אַ טובה געטון דעם דאָקטאָר, וואָס

ער רעדט מיט אים און זיך צעלאַכט — האָט שוין לייזער אויך אַ זון אַ דאָקטאָר!

דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע צייט נישט געקענט שלום מאַכן, וואָס ער געפינט זיך אין דער דירה, וואָס אייבי האָט געדונגען פאַר רעגינען. מיט אייבין האָט ער נישט נאָר אינדערהיים, נאָר אַפילו דאָ, אין אַמעריקע, קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען, טאַקע דערפאַר, וואָס אייבי איז רייך געוואָרן. איצט, ווען אייבי האָט זיך צעלאַכט, האָט זיך דעם דאָקטאָר אויסגע־וויזן, אַז דער הינער־הענדלער האָט אים אַ שטאָך געטון מיטן פאָטער, מיט לייזערן, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— לייזער איז צו יעדער צייט אַזאַ יחסן ווי אייבי!

— ווער זאָגט דען? — האָט אייבי זיך פאַרריידלט — ווען ליי־זער וואָלט נישט געווען קיין ווילדער ייד, וואָלט איך אים נישט גע־געבן קיין הון אויף יעדן שבת.

די לעצטע פאָר ווערטער האָט אייבי געזאָגט שטיל און שנעל, אַז קיינער האָט זיי כמעט נישט געכאַפּט, און אויב עמעצער האָט יאָ געכאַפּט, האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער האָט נישט געהערט.

בען, זרח און אַפילו אייבי, יעדער באַזונדער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו כאַפּן אַ קוק אין דעם פּאַפּיר, וואָס רעגינע האָט גע־האַלטן און דער דאָקטאָר איז מיטאַמאָל ווי דערהויבן געוואָרן ביי אַלעמען אין די אויגן.

פּ'נחס איז געשטאַנען אָן אַ זייט. ס'איז אים צומאָל נישט איינ־געפאַלן, אַז אים האָט מען פאַרגעסן. ער האָט געהיט דעם דאָקטאָרס יעדן קער, יעדן קנייטש פון פּנים. ער האָט עפּעס דערוואַרט און אין דער זעלבער צייט זיך געשראָקן, דער דאָקטאָר זאָל זיך אין געגנ־וואָרט פון אַלעמען נישט דערקלערן רעגינען אין ליבע.

— און איר? — האָט רעגינע זיך אַ דריי געטון צו פּינחסן, ווי זי וואָלט אים איצט דערזען — ווען נישט דער דאָקטאָר, וואָלט איר טאַקע נישט געקומען?

— ער איז אַליין געקומען. — האָט זרח אים אַרויסגעהאָלפן.

— אַז אַ מענטש לאָזט זיך אַזוי בעטן! — האָבן רעגינעס ליפּן

זיך פּלומרשט גערוגזט און געוויזן אויף אייבין און בענען — איר קענט אייך, מר. לאַנדע?..

— אַ באַקאַנטער נאָמען. — האָט אייבי זיך אָנגערופן. — צו מיר קומט אַריין אַ „קריסטשען סייענס״-דאָקטאָרין, הייסט זי לאַנדע.

— ס'איז מיינע אַ שוועסטער. — האָט פּינחס זיך געזעצט ביים טיש, נישט געוואַרט ביז מען וועט אים הייסן. — זי האָט מיר דער־ציילט, אַז זי קומט צו אייך.

רעגינע האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן דעם דאָקטאָר און פּינחסן, געזען זרח זאָל דערלאַנגען טיי, און אירע אויגן האָבן נישט אויפ־געהערט צו שמייכלען:

— איז אמת, מר. לאַנדע, אַז איר קלייבט זיך צו ווערן רב?

אַלעמענס בליקן פון אַרום טיש זענען געווען אָנגעשטעלט אויף פּינחסן. ער האָט זיך לייכט פאַררויטלט און עס האָט גענומען אַ וויי־ביז ער האָט געענטפערט:

— כ'האָב געזאָלט ווערן אַ רב.

— און איצט האָט איר חרטה?

— זעסט דאָך, טאָכטער, אַז ער האָט חרטה, אַנדערש וואָלט ער נישט געקומען אַהער.

— גערעכט, זרח איז גערעכט! — האָט אייבי זיך צעלאַכט אי־בערן טיש.

— איר ווייסט, מר. לאַנדע, — האָט רעגינע זיך נענטער צוגע־רוקט צו פּינחסן און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, — ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס כ'זיץ מיט אַ רב.

— איר זיצט נישט מיט אַ רב. — האָט פּינחס אונטער דעם פייער פון רעגינעס לאַכנדיקע אויגן אָנגעהויבן צו שמייכלען.

— אָ, — איז זי געוואָרן שטיפעריש, — איז עס נישט אַלץ איינס? האָט איר דאָך געקענט ווערן אַ רב!

— כ'בין אָבער נישט געוואָרן. — האָט ער זיך צעלאַכט.

— נאָר אין אַמעריקע איז עס מעגלעך, אַז אַ ברודער זאָל זיין אַ רב און אַ שוועסטער זאָל פּראַקטיצירן „קריסטשען סייענס״. — האָט אייבי זיך אַ דריי געטון צום דאָקטאָר ווי קיינמאָל גאָרנישט. — וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר, „קריסטשען סייענס״ איז אַ פאַך, האַ?

דער דאָקטאָר איז געזעסן אַ באַליידיקטער, זיך געערגערט, פאַר־וואָס ער האָט פאַרשוויגן אייבּין, געדאַרפט אים אָנזידלען און אַוועק־גיין. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אים צו פאַרטשעפּען, און אַז אייבּי האָט אָפּגערעדט, האָט דער דאָקטאָר אים נישט געענטפערט אויף זיין פראַגע, נאָר גערעדט זיינס:

— און איך ווייס אַ פאַל און דווקא אין פוילן, ווו ביי אַ רב האָט זיך אַ זון געשמדט!

— איז עס דאָך געווען אַן אומגליק. — האָט אייבּי אים איבּער־געריסן. — און דער רב האָט מן־הסתם מער פונעם זון נישט געוואָלט וויסן. דאָ אָבער ביי אונז, אַז איינער שמדט זיך, בלייבט אין דער משפחה.

— מיין שוועסטער איז נישט געשמדט. — האָט פּינחס זיך ווי פאַרענטפערט.

— ווייסט איר כּאָטש,—האָט זרח זיך אַרויסגערוקט,—אַז פּינחסעס טאַטע איז אַ רבי? איר גלייבּט נישט? פרעגט אים!

פּינחס האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אַ קליניקייט, ר׳ שבתי.—האָט זרח זיך שוין אַוועקגעשטעלט אויבן־אָן. — און מיינט נישט, אַז גלאַט עפּעס אַ רבי... ר׳ שבתי האַלט זיך אויף אין וואַלד, וווינט אין אַ הייל, לעבּט אויף ברויט מיט וואַסער...

— און ער האָט נישט מורא פאַר קיין חיות? — איז דאָס שטי־פערישע פון רעגינעס פּנים אַוועק, געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ קינדערשער תמימות און זי איז נאָך געוואָרן שענער.

— ע, ביסטו נאָך גאָר אַ קינד, טאָכטער.—האָט זרח מיט יעדער וואָרט אַלץ מער גענומען אַריינגיין אין זיין ראָלע. — וואָס מיינסטו, שבתי איז עפּעס אַזוי?.. שבתי איז אַ הייליקער און ער קען מיט אַ וואָרט, מיט אַ הויך, וואָס זאָג איך, — מיט דער מחשבה אַליין קען ער פאַרטרייבּן לייבּן און עקדישן. בין איך גערעכט, פּינחס? וואָס ווייסטו, טאָכטער, וואָס ווייסטו? — נישט אַלץ איז געלט! נו, האָט אייבּי געלט, האָט בען, — איז וואָס? קען יעדער פון זיי אָנשטעלן אַ געננסטער, מען זאָל אַ קאָנקורענט אונטערהאַקן אַ זייט, נישט מער! ווער פון זיי וועט דאָס וועלן בלייבּן אַ נאַכט אין וואַלד צווישן

ווילדע חיות, כ׳מיין בלייבן אין אַ הייל איינער אַליין?

— קאָכט אייך נישט, זרח, קאָכט אייך נישט. — האָט אייבי אים איבערגעריסן. — שוין נישט איין מאָל האָב איך גענעכטיקט איינער אַליין אין אַ וואַלד!

— וואָס, זיך אויסבאַהאַלטן פון פּאָליציי? — האָט זרח אָנגעשטעלט אויף אייבין אַן אויג, אַז יענער איז געבליבן אָפּהענטיק.

— איר דאַרפט דאָס אַלץ וויסן? — האָט עס אין אייבין אויפגעקאָכט.

פּינחס האָט געשמייכלט, געזען ווי דער לץ אין זרחן האָט זיך גענומען וועקן. די מיאוסקייט איז פאַרשוווּנדן און מיט דער לצנות האָט ער אויפגעלעבט. דער דאָקטאָר, וואָס האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרטשעפּען אייבין, האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַן אַרויסגעשטופּטער, ווי מען וואָלט אים באַזייטיקט פון געשפּרעך. ער האָט געליטן וואָס ער זיצט דאָ און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז קיינער דאַרף אים נישט, רעגינע צום ווייניקסטן. געוווּסט ביי זיך, אַז ער וועט שוין אָפּזיצן ביז אין סוף, אַפילו דאָס מאָל וועט ער נישט האַנדלען, ווי אַ מענטש דאַרף האַנדלען, און דער ווייטיק אין אים איז געוואָקסן, געוואָרן שאַרפער.

— טאַטע, וועסט אפשר מיך אויך מכבד זיין מיט אַ גלאָז טיי?

— האָט רעגינע אַכטונג אַלטונג געגעבן זרח זאָל נישט פאַרקריכן צו ווייט, זיך נישט געכאַפּט, אַז זי טוט ווי דעם דאָקטאָר און זי האָט זיך אויסגעדרייט צו פּינחסן — איצט ווייס איך, פאַרוואָס ס׳איז מיר אַזוי שווער אָנגעקומען אייך צו פאַרנאַרן אַהער!

— איר האָט מיך נישט פאַרנאַרט, כ׳בין אַליין געקומען. — האָט פּינחס זי אָנגעקוקט.

רעגינע האָט זיך אַ הייב געטון. ס׳האָט אויסגעזען, אַז זי וויל זיך אָפּרוקן מיט דער שטול פון פּינחסן. זי האָט זיך אָבער נאָך נענטער צוגערוקט צו אים, אויסגעקומען מיט די פּלייצעס צום דאָקטאָר, אַז פּינחס האָט אַזש אויפגעהערט צו אָטעמען, בלויז געצויגן דעם האַלז, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ קלעם און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין.

— איר ווייסט, מיסטער לאַנדע, כ׳האָב מורא ביי אייך צו זיצן.

— פאַרוואָס?

— ווייל זי איז זינדיק. — האָט זרח איר דערלאַנגט אַ גלאָז טיי.

— נאָר איך בין זינדיק, טאַטע? — און רעגינע האָט געוויזן אויפן עולם אַרום טיש — איר אַלע זענט זינדיק! אַחוץ דעם דאָקטאָר, פאַרן דאָקטאָר וועל איך שווערן!

— ווער קען היינטיקע צייטן שווערן! — האָט זיך אייבי צעלאַכט.

דעם דאָקטאָרס אויסגעצערטער גוף האָט זיך אַ צי געטון, ווי ביי אַ לאַרט, ווען ער קלייבט זיך אַ שפרונג טון. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט אָנרייסן אויף אייבין. ער איז אָבער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. דער שמועס איז געווען אַ צו גליטשיקער, מען וואָלט געקענט שלעכט אויסטייטשן, און אַז דער קוראַזש איז אַוועק, האָט ער זיך ווידער געפונען הינטער רעגינעס פלייצעס, געהערט ווי זי רעדט נאָך אַלץ:

— און אפשר וואָלט איך געשווירן פאַר פינחסן אויך. — האָט רעגינע אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער. — אַנטשולדיקט, וואָס איך רוף אייך ביים ערשטן נאָמען. — און אירע בלייכע פאַרחלשטע ציין האָבן זיך געשוימט. — קען איך שווערן, אַז איר זענט נישט זינדיק?

— ניין. — האָט פינחס זיך פאַרלוירן.

— אויב אַזוי, — האָט רעגינע פעסטער אַ נעם געטון פינחסעס האַנט, — קומט מיט אונז היינט אין קאַבאַרעט, כ'נעם נישט אָן קיין תירוצים.

— מיט פאַרגעניגן!

ביי די לעצטע ווערטער איז דער דאָקטאָר אַרויס פון טיש, געשטאַנען פאַר רעגינען אַן איבערגעשראָקענער. דאָס בלאַסע פנים טויטלעך, דאָס מויל אָפן און עס האָט גענומען אַ שטומע ווייל ביז ער האָט אַרויסגעזאָגט:

— איך מוז גיין!

— איר וועט נישט גיין, דאָקטאָר! היינט אַוודאי נישט! — האָט רעגינע אים אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענט — מיט אונז אין קאַבאַרעט!

זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער, געוויינט געווען מען זאָל זי פאָלגן און עפעס איינגערוימט בענען. זי איז שוין געשטאַנען מיט אייבין, געהאַלטן אין איין פאַרריכטן די צעפּאַטלטע האָר און די אויגן אירע האָבן געשרפעט, קיינעם נישט געלאָזט איינזיצן ביים טיש.

— קומט מיט, דאָקטאָר. — האָט פּינחס אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט. — מיר וועלן לאַנג נישט זיצן.

דער דאָקטאָר האָט אויף אים אַ קוק געטון, אַז פּינחס האָט אַראָפּגענומען די הענט.

— וואָס הייסט מ י ר ? — איז ס'פּנים ביים דאָקטאָר געוואָרן טרוקענער — איך מיט אייבין !

זיינע אויגן הינטער די פּאַרלאָפענע שייבלעך האָבן זיך צע־פינטלט, געזוכט עמעצן און אַז זיי האָבן נישט געפונען, איז דער דאָקטאָר אונטערגעגאַנגען צו אייבין, אים גענומען עפּעס איינרוימען. אייבי האָט זיך אַ ריס געטון, העכער געוואָרן, זיך גענומען רוקן פונעם דאָקטאָר. זיי האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט. אייבי האָט עטוואָס אונטער־געהויבן אַ האַנט, אויסגעזען, אַז ער וויל זיך פאַרטיידיקן. דער דאָק־טאָר האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זאַל. אייביס בליק האָט אַלץ גע־קוקט אויפן פלאַץ, וווּ דער דאָקטאָר איז געשטאַנען, דערזען פּינחסן און ער האָט זיך נאַריש צעשמייכלט.

— וואָס זאָגט איר אויפן משוגענעם ?

— וואָס איז ? — איז פּינחס צוגעגאַנגען.

— ער האָט מיר עפּעס גענומען איינרוימען, וואָס, געדענק איך נישט, און מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ שטאָך אין דער האַנט. ווי מיט אַ נאָדל. — איז אייבי נאָך אַלץ געווען איבערגעשראָקן. — אַזאַ משוגענער קען איינשלעפערן צי גאָר אָפּסמען, כ'ווייס ?

— כ'גלייב נישט. — האָט פּינחס צונישט געמאַכט אייביס שרעק.

— אין לאַץ ביים דאָקטאָר שטעקן שטענדיק שפּילקעס. איר האָט זיך מן־הסתם פאַרטשעפּעט מיט דער האַנט.

— דאָקטאָר, פאַרגעסט נישט אייערע פּאַפּירן ! — האָט רעגינע אַראָפּגענומען דעם קאָנווערט פון טיש.

— דער דאָקטאָר איז דאָך שוין אַוועקגעגאַנגען. — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

— אַ צעדרייטער, זיך צומאָל נישט געזעגנט ! — האָט רעגינע אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אייבין, וואָס איז אונטערגעקומען מיט איר מאַנטל — האָסט אים אַמאָל נישט באַליידיקט ?

— ער האָט מיך באַליידיקט. — איז אייבי אַזש רויט געוואָרן פון פאַרדראָס. — דיין דאָקטאָר איז דאָך אַ משוגענער!

— וואָס, מיינע באַקאַנטע שטייען דיר נישט אָן? — האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון אייבין דעם צווייטן אַרבל, אַליין אָנגעטון דעם מאַנטל און זיך אויסגעדרייט צו פּינחסן — קומט!

אַז זיי זענען אַראָפּ אויף דער גאַס, איז שוין אייבי געשטאַנען אַ געבויגענער ביים אויטאָמאָביל, געדרייט פאַרן אייזערנעם הענטל, מיטגעקרעכצט מיט יעדן דריי און די געדערים אין דער מאַשין האָבן געסאַפּעט, פול געמאַכט די שאַרפע לופט מיט געזאָלין.

## 10. אין אַ קאַבאַרעט

אייבי האָט געטריבן די מאַשין איבער לעבעדיקע גאַסן און עוועניוס, אַריבערגעיאָגט איין אויטאָמאָביל נאָכן צווייטן.

מיטן שנעלן פאָרן האָט ער זיך געוואָלט באַרויקן, שטילן אין זיך וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן פאַרן גאַנצן אָוונט. דאָס איז בלויז געווען אויבנאויף.

טיף אין אים האָבן כּעס און פאַרדראָס נישט אויפגעהערט צו שוימען. ס׳פּנים איז אָבער געווען רויק. ס׳לשון נאָך רויקער. אייבי האָט זיך אַפילו געוויצלט און אין דער זעלבער צייט געוווסט, אַז בען גייט אים נאָך מיטן געדולד פון אַ חיה, וואַרט נאָר, אַז ער, אייבי, זאָל זיך אויסגליטשן, וועט בען ביי אים צונעמען רעגינען.

דער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער דאַרף צאָלן בענען מיט דער זעלבער מטבע. קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. אַזוי-נאָך האָט ער געקראָגן עוועלינען און אַזוי-נאָך וועט ער אַרויסשטופּן בענען.

אייבי האָט שוין אַלטונג געגעבן, אַז פּינחס זאָל זיצן מיט רעגינען, נישט בען. מיט פּינחסן, מיטן דאָקטאָר האָט ער זיך נישט גערעכנט, געווען זיכער, אַז אַזעלכע לייט קען מען לייכט מאַכן אומשעדלעך. ס׳איז געגוג, האָט ער געטראַכט, זיי צו נעמען אין אַ רייכן רעסטאָראַן, געבן גוט אָפּצועסן, דערנאָך איבערלאָזן זיי אויף אַ נאַכט אין אַ קאַבאַרעט און זיי זענען באַזייטיקט, וועלן טון וואָס אייבי וועט נאָר וועלן.

ער איז פאַרפאָרן פאַר אַ רייכן קאַבאַרעט, אַרום בראָדוויי, געפּלאַנט איבערצולאָזן רעגינען מיט פּינחסן. לאָז רעגינע זיך נישט אַזוי איבערנעמען, מיינען, אַז אָן איר קאָן ער נישט לעבן

אייבי איז דער ערשטער אַרויס פון דער מאַשין, אָפּגעשלאָסן

דעם ראָד. ער איז אַרויף אויף די טרעפּ פון קאַבאַרעט און איז באַלד צוריקגעקומען:

— מען לאָזט נישט אַריין!

— וואָס, ס'איז קיין פּלאַץ נישטאָ? — איז בען אים אַנטקעגנ-געגאַנגען.

— מען דאַרף קומען אין „פול דרעס"!

אָלרייט! — האָט בען, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ שרונט אינמיטן קאָפּ, נאַכלעסיק אַ שאַר געטון מיט דער האַנט, ווו אייבי איז געשטאַנען, און אין די צוויי ווערטער איז געווען אַזויפיל ביטול, אַז אייבי האָט פאַרקוועטשט די פויסטן.

— פאַר דיר, בען, וועט מען אפשר דרך-ארץ האָבן. — האָט אייבי אים געוואָלט אַ שטאָך טון.

— יו בעט! און מען וועט אַריינלאָזן אויך! — האָט בען אים גענומען אויף זיכער.

עלעגאַנט איז בען אַרויף אויף די טרעפּ. זיך אַ לאָז געטון מיטן קאָרידאָר, און אין זיין שטעל און אין זיין יעדן טראָט איז גע-ווען די זיכערקייט פון אַ מענטשן, פאַר וועמען עס עפענען זיך אַלע טירן.

אַן עלטערער מאַן אין אַן אוניפאָרם, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט זיך פאַר בענען פאַרנייגט, ער האָט אים געענטפערט מיט אַ לייכטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע:

— העלאָו, טשיעף!

בען האָט אַליין ברייט געעפנט פאַר רעגינען די טיר, איר גע-געבן צו פאַרשטיין מיט אַ ווונק, אַז דער אמתער קאַוואַליער איז ער, בען, און גוטמוטיק זיך אַ רייץ געטון מיט אייבין:

— מען דאַרף אַ „פול דרעס"!

אייבי האָט דערפילט, אַז אין דער רגע זענען זיינע פּאַפּירן געפאַלן. און ווי גרויס ס'איז געווען דער פאַרדראָס האָט ער פונ-דעסטוועגן צוגעגעבן, אַז בען מאַכט עס שטיל, רויק, איז אַ שווערער קאָנקורענט. און לויט דעם ווי עס האָט געקאָכט אין אים, איז אייביס געמאַכטע פרייד געוואָקסן. אייבי האָט זיך אַ נעם געטון אין די הענט אַריין, פאַרשריגן די אייגענע אומצופרידנקייט. ער האָט געוווסט, אַז

ס'איז גענוג דער קלענסטער שטאָך און די פרייד וועט אַנטלויפן פון אים, וועט אויסרינען. און דעמאָלט וועט שפעט זיין צוריקצוכאַפן. דער קאָפ ביי אים האָט אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט צו קאָמבינירן, געזוכט אַן אויסוועג, געגלייבט, אַז שלאָגן בענען קאָן ער נאָר מיט געלט. ס'דאַרף אָבער קומען פון זיך, מען זאָל עס נישט באַמערקן, און ווידער אַכטונג געגעבן, אַז ביים טישל, וואָס דער קעלנער האָט אָפגערייניקט, זאָל פינחס זיצן מיט רעגינען, נישט בען.

דער זאַל, אַ געוועלבטער, אונטערגעשפּאַרט מיט קאָלאָנעס, מיט באַהעלטענישן אוןווינקלען אין די ווענט, האָט דערמאָנט דעם אינעווייניק פון אַ קאַטעדראַל. אַפילו דאָס ליכט איז געווען צוגעפּאַסט — וואָס ווייטער פון צענטער אַלץ טונקעלער, און אין באַהעלטענישן פון די ווענט כמעט פינצטער.

אַ נעגער־אָרקעסטער האָט געשפּילט. מען האָט עס אָבער נישט געקאָנט אָנרופן שפּילן. ביים ערשטן אַריינקום האָט זיך געדאַכט, אַז די אינסטרומענטן פּלאַצן. ווילדע קולות, ווי מען וואָלט קעץ געטראָטן אויף די ווידלען, האָבן געהאַלטן אין איין עקספּלאָדירן אין דער הייסער לופט.

פון דעם גרילצן זענען די ציין ביי פינחסן געוואָרן אייליק, די נאָז־פליגלען האָבן אָנגעהויבן ציטערן, נישט פאַרטראָגן די שווערע פּאַרפומען, וואָס האָבן געהאָנגען איבער די טישלעך ווי אַ נעפּל.

דאָ און דאָרט האָבן זיך געוויגט פּאָרלעך מיט צעפּלאַמטע, אויסגעהונגערטע פּנימער. מען האָט כמעט נישט געטאַנצט. געשטאַנען ביחידות אויף איין אָרט, און די אַקסלען, די פּלייצעס, הענט, פיס, יעדעס גליד האָט געצוקט, זיך געהויבן מיטן גרילץ פון די אינסטרומענטן.

פינחס האָט געקראָגן אַ מיש אין קאָפּ, נישט געוווּסט ווו ער איז אַריינגעפאַלן. יעדער בליק פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָט אים באַליידיקט.

ער האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס רעגינע האָט אויפגעלעבט מיטן אַריינקומען, זיך געהאַלטן צו היימיש, און יעדעס ביינדל אין איר האָט זיך אָנגעהויבן מיטוויגן, זי האָט אַ וואָרף געטון דעם קעלנער איר מאַנטל, זיך אַ גליטש געטון איבער דער גלאַנצנדיקער פּאָדלאָגע, געגאַנגען צורעכט מאַכן איר טואַלעט. אייבי און בען האָבן

געדערט מיטן קעלנער, באַשטעלט ווײַן. און פּינחס? פּינחס האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון די פּאָרלעך, ער האָט געקוקט ווי די אײַבערשטע האַלבע לײַבער האָבן לײַכט און פֿריידיק געצוקט, ווי זײ וואָלטן קיין שײַכות נישט געהאַט מיט די אונטערשטע, און די אונטערשטע זענען נישט אײַנגעשטאַנען, זיך געריסן מיט בערישער אומגעלומפּערטקײַט. דער מאַן אויף דער פֿרוי, די פֿרוי אויף דעם מאַן, דערמאָנט פּינחסן דאָס פּאָרן זיך פֿון הינט.

אַ שטילער ווײַטיק האָט אים געטריבן פֿון קאַבאַרעט, אים צוגעדערט צו אַנטלויפֿן, און טאַקע באַלד, איידער רעגינע קומט צוריק. נישטאָ קיין לײַכטערע זאַך ווי איבערצוגעבן זיך דעם יצר-הרע. און דערויף איז גענוג צו זײַן אַן אײבי, אַ בען. לעבן אים האָט געטאַנצט אַ האַלב-נאַקעט מיידל, ס׳פּנים מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן צנועהדיק, אַז פּינחס אַליין האָט אָנגעהויבן קווענקלען. מעגלעך, אַז די אַלע דאָ אין קאַבאַרעט זינדיקן גאָרנישט. זיי ווייסן פּונקט אַזוי ווייניק פֿון גאָט, ווי זיי ווייסן פֿון דעם טײַוול, ווען זיי גיבן זיך איבער. דאָס האָבן אויסגעטראַכט די אַברהמלס, די גרויסע משהס, די שבתיס — מאַטערן זיך און פֿאַרגינען אַנדערע נישט דאָס לעבן.

פּינחס האָט דערזען רעגינען אין דעם גרויסן שפּיגל, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ שטיק וואַנט. זי איז געווען איבערגעקעמט, אירע האָר, וואָס זענען געווען דורכגענומען מיט אַ בײַטש קרעלן, האָבן זיך צעשאָטן, געפֿלײַצט אין דער הייסער לופֿט מיט פֿײַער. זי האָט זיך געטראָגן מיט אַ הונגער אין די אויגן. פּינחס האָט זיך אַ לאָז געטון צום אַרויסגאַנג, געוואָלט אַנטלויפֿן.

— ווו גייט איר? — האָט רעגינע אים אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר.

— אײַך זוכן. — האָט ער זיך פֿאַררײַטלט און איז אויפֿן אָרט בלאַס געוואָרן.

— איר טאַנצט?

— ניין.

זי האָט אים אַ כאַפּ געטון ווי צום טאַנץ, גענומען זיך וויגן, באַגענט, נענטער, זיך גערוקט אויף אים מיט אַזאַ רײַץ און ווילדקייט, פֿאַרשטעלט זײַן פּנים מיט אירע צעפּאַטלטע האָר, אַז פֿריש בלוט האָט

זיך פון ערגעץ-ווו אַ גאָס געטון מיט אַ פיינלעכער פרייד איבער אַלע זיינע גלידער.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

— אָט זענען זיי דאָך. — האָט אייבי אַ הייב געטון די האַנט איבערן טישל. — ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן?

— כ'וויל טאַנצן, טאַנצן, טאַנ-צן! — האָט רעגינע געצויגן די ווערטער, און ס'בלוט האָט זיך געשפילט אין דער ווייסקייט פון אירע באַקן, אין דער בלייכקייט פון די פאַרחלשטע ציין.

בען האָט זיך אַ שטעל געטון, געווען גרייט. ער האָט געזוכט רעגינעס בליק, און זיינע פיס מיט די געפרעסטע הויזן האָבן זיך געהויבן. אייבי האָט זיך נישט געמאַכט הערנדיק, וואָס רעגינע זאָגט, געוואָרן אָנגעכמורעט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געפּאָרעט אַרום דעם ווייַן. רעגינע האָט עס באַמערקט און זיך אַוועקגעזעצט.

— וואָס שפּילסטו זיך מיטן ווייַן? גיס אָן! — האָט זי אַ געשריי געטון אויף אייבין, און אין קול איז געווען אַ נישט-צופרידנקייט: אַז נישט טאַנצן, איז כאָטש שיכּורן!

פּינחס, וועלכער האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַט ווייניק געגעסן, און דערצו נישט געוווינט געווען צו טרינקען, איז נאָכן דריטן גלעזל ווייַן געבליבן זיצן אַ צעגאַרטלטער. קנוילן היץ האָבן זיך אים געשפּאַרט אין קאָפּ אַריין, געטריבן ווי פון אַ שׂרפה, און אַלץ, וואָס האָט זיך געקליבן אין אים פאַר זיין גאַנצן לעבן, האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט, זיך אויסגעמישט מיטן גרילצן פון אָרקעסטער, מיט דער נאַקעטער הפקרות פון הונגעריקע לייבער. דאָס פונאַנדערגעברענטע פייער האָט ער געלאָשן מיט ווייַן. ס'האָט אים געהויבן פון בענקל, איבערן טיש, געפילט, אַז באַלד-באַלד וועט דער קאָפּ אָנרירן דעם סופית.

— וואָס זאָגט איר אויף פּינחסן? — האָט רעגינע, אַ צענומענע, מיט טיפע פאַרשאָטנטע אויגן, נישט אויפגעהערט גלעטן אים די הענט. — ער פאַרשטופט דאָך אונז אַלעמען אין אַרבל!

— בראַוואָ, פּינחס! בראַוואָ! — האָט בען אַפּלאָדירט, געזען, אַז דאָס גלאָז ביי פּינחסן זאָל נישט בלייבן ליידיק, געמישט ווייַן מיט קאָניאַק.

— און ווער איז שיין? — האָט רעגינע ווי־לעריש פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אויסגעזען, אַז זי קלייבט זיך רייצן מיט עמעצן. — פּינחס! און ווער איז שענער? פּינחס! און ווער איז דער שענסטער? — האָט זי זיך אַ שטעל געטון, פאַרוואָרפן די האַנט, און ס׳יונגע לייב האָט זיך געריסן דורכן שוואַרצן זייד — פּינחס!

— בראַוואָ, פּינחס! בראַוואָ! — האָבןביידע, אי בען, אי אייבי, געהויבן די גלעזער, געהאָלפן רעגינען.

אַ קריש מוח איז ביי פּינחסן געבליבן ניכטער. ער האָט זיך געשראָקן, אַז די פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן אין אים מיט אַזאַ היץ, זאָל נישט פאַרגיסן דעם גאַנצן שאַרבן. ער האָט זיך אַ נעם געטון אין די הענט אַריין, און אין די אויגן איז ביי אים ליכטיק געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז בען וויל אים אָנשיכורן, אייבי לאָזט נישט. דער געראַנגל איז אים געפעלן און ס׳ווילע פּנים האָט געשמייכלט.

דאָס שטיקל מוח, וואָס איז געבליבן וואַך, איז מיט יעדער רגע געוואָרן קלאָרער און דורכזיכטיקער, געווען ביכולת אַרומצוכאַפּן אַ זאַך פון אַלע זייטן און מיטאַמאָל. ס׳איז אים געפעלן, וואָס אין דעם געראַנגל צווישן אייבין און בענען לאָזט מען אים אינגאַנצן אַרויס פון קאָן, ווען אין אמתן דאַרפן ביידע זיך נעמען צו אים, צו פּינחסן.

אַ מיידל, געהילט אין טיולענע שאַלן, איז אַריינגעקומען טאַנצנ-דיק. די שאַלן האָבן אָפּגעדעקט און צוגעדעקט טיילן פון איר לייב, וואָס איז געוואָרן מיט יעדער בייג פאַרשייטער, אויפגעבליצט אונטער די עלעקטרישע לאָמפּן.

דער נעגער-אָרקעסטער האָט געגרילצט מיטן קלימפּער פון צע-בראָכענע שויבן, פאַרהילכט דעם טומל, און די הפקרשע אויגן האָבן געגעסן דאָס אָפּגעדעקטע לייב, זיך איבערגעוווּנקען:

— גייט זי נאַקעט?

— נאַקעט, נאַקעט!

— ניין, טריקאָ!

— לאָמיר זיך וועטן!

— פּופּציק דאָלער!

— הונדערט! — האָט בען זיך אַרויסגערוקט.

— וואָס הונדערט? — האָט רעגינע אים געפרעגט.

— פאַרן רעכט אויסצוגעפינען צי זי גייט נאַקעט! — האָט בען איר צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, ווי ער וואָלט געווען פּאַרטנער אין עפּעס וויכטיקערס.

— צוויי הונדערט. — האָט עמעצער אַ געשריי געטון.

— לאָזט אייך נישט, בען! — איז רעגינע אַריינגעריסן געוואָרן אין דער שפּיל.

— צוויי הונדערט און פופציק! — האָט בען אויסגעשריגן.

— פינף הונדערט! — האָט די פּויק פון דעם אָרקעסטער אויסגעשלאָגן, אַז די שויבן האָבן געציטערט.

מען האָט זיך געהויבן פון די טישלעך. אייבי, מיט די הענט אין די קעשענעס, איז געווען גרייט מען זאָל אים איבעררייסן. רעגינע האָט אים אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט:

— אַזוי, אייבי, האָב איך דיך ליב!

— אַז ס'איז היינט נישטאָ קיין ספּאָרטס! — איז אייבי כּלומרשט נישט געווען צופרידן, וואָס מען האָט אים נישט איבערגעריסן. — ס'וואָלט אַריינגעבראַכט אין די טויזנטער!

— הוריי, פאַר די פינף הונדערט! הוריי! — האָט דער צוועלפדעוועטער עולם געהויבן פלעשער, גלעזער, אַריבערגעשריגן די פּויק, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו דונערן און זיך געשטופּט אַרום אייבין.

מיט קולות האָט מען אייבין געפירט אין אַ באַזונדערן צימער, וווּ די טענצערין האָט אויף אים געוואַרט, ער זאָל אויסגעפינען דעם סוד, צי זי איז געגאַנגען נאַקעט צי נישט. און אַז די טיר האָט זיך נאָך אים פאַרהאַקט, האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן. פאָרלעך זענען נישט איינגעשטאַנען. די באַוועגונגען זענען געוואָרן פאַרשייטער, אויסגעלאַסענער, די רייד גוי'עבער.

פינחס איז איינער אַליין געבליבן זיצן ביים טיש. פון צופיל טרינקען איז ער כּמעט געוואָרן ניכטער. די געשרייען האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן ווי ווייטע דונערן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געדרייט צווישן די טישלעך. ס'האָט אים געשווינדלט אין די אויגן. די פּאָדלאָגע פון אונטער די פיס האָט זיך געהויבן, אָנגעהויבן

געשווען, העכער, העכער, און צום גליק האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך אין גאַס. דער ווינט האָט אים דורכגענומען, צעטריבן אַביסל די פּאַרע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אין קאָפּ. און עס איז אים עטוואָס לייכטער געוואָרן.

ס'האָט אים געטריבן פון בראָדוויי. ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיקער גאַס. די שטילקייט, אַן אָנגעשוואָלענע, איז געלעגן צווישן די פינצטערע געביידעס. געקאָנט יעדע רגע אים פאַרשטעלן דעם וועג, און די פיס האָבן זיך ביי אים אונטערגעהאַקט. וואָס לענגער ער איז געגאַנגען, אַלץ לופטיקער איז ביי אים געוואָרן אין מוח, און פון דער ליידיקייט האָט דער קאָפּ אַזש אָנגעהויבן ווי טון. ער האָט גענומען גיין גיכער, אָפּט דורכגעלאָפן אַ גאַנצן בלאָק, זיך אומגעקוקט צי מען יאָגט זיך נישט נאָך אים. ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך מיט זיך אַליין, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ פרעמדע הויט, און ר' אַברהמלס ווערטער זענען ערגעץ-ווו אַרויס-געשווומען:

— אַז מען דערפילט זיך זינדיק, נעמט מען זיך פאַר דעם זוים פון דער אייגענער הויט, ווי פאַר אַ ברודיק העמד, און מען שליי-דערט זי אין רינשטאָק אַריין.

אַז ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט אַ זייגער ערגעץ גע-שלאָגן פיר. ער האָט שטיל געעפנט דעם שלאָס, זיך אַריינגעגנבעט, צוגעלייגט דאָס אויער צו דינהס טיר, גאָרנישט געהערט, און איז אַריין צו זיך אין צימער.

ביי פינחסעס אַריינקומען האָט דינה זיך אויפגעהערט דרייען אין בעטל, איינגעביסן די ציין אין קישן און געזיפצט אין זיך.

## 11. טויט

דעם אָוונט, ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק פון רעגינען, האָט ער זיך געדרייט איבער פאַרוואָרפענע, כמעט פינצטערע געסלעך, גע־גאַנגען ווו די פיס האָבן אים געטראָגן און זיך געחידושט, וואָס ער קומט יעדעס מאָל אויס פאַר דער פיר־שטאָקיקער געביידע מיט די צוויי בליץ־לאָמפּן.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און זיך דווקא גע־וואָלט קלאָר מאַכן ווו ער שטייט אין דער וועלט. דער שאַרבן האָט זיך ביי אים געהויבן און אינגאַנצן האָט ער געפיבערט. פון צופיל אָנשטרענגונג האָט דער קאָפּ אָנגעהויבן וויי צו טון און ס׳האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט.

ער האָט געוווסט, אַז די טעג זיינע זענען געציילטע. און מיט־אַמאָל רחמנות געקראָגן אויף זיך אַליין. אַ הייסער קנויל האָט זיך אים אַ שפּאַר געטון אין האַלז אַריין, פאַרגאָסן די אויגן מיט טרערן און די צונג האָט נישט געקאָנט איינליגן אין דעם געזאַלצענעם מויל. נישט נאָר שווינדזוכט, נאָר אַלע חולאתן, מיט וועלכע דער קאָפּ איז ביים דאָקטאָר פול געווען, האָט ער לעצטנס אָנגעהויבן אויסצוגעפינען ביי זיך. דער מענטש אָבער אין אים האָט מבטל געמאַכט דעם דאָק־טאָר, זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט די אַלע לאַטיינישע נעמען, וואָס זענען געלעגן ביי אים אויף דער צונג, נישט געגלייבט, אַז אַזויפיל יאָרן שווערע אַרבעט, הונגער, נויט זאָלן זיין אַרויסגעוואָרפן. און איצט, ווען ער איז אַלץ בייגעקומען, קלייבט זיך אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, זאָל קומען דער טויט? ער האָט נישט געגלויבט. אַ כאַפּ געטון דעם אייגענעם פּולס צווישן די פינגער, געציילט דעם דופק און אַז ס׳קלאַפּן האָט זיך פאַרשנעלט, האָט ער אָפּגעגאַרט דעם

דאָקטאָר, גענומען ציילן צוויי קלעפּ פאַר איינעם און די ליפּן ביי אים האָבן זיך געקרימט, חוזק געמאַכט פון זיך אַליין:

— נאַריש, נאַריש, נאַריש.

דער דאָקטאָר האָט זיך קוים דערשלעפּט צום עלעווייטער, אַריין אין אַ געפּאַקטער קאַר. אַ חלשות-ריח האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין און ווען אַ פּאַסאַזשיר מאַכט נישט קיין פּלאַץ פאַר אים, וואָלט ער געפאַלן פון די פיס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, נישט געהערט ווי די ליפּן רעדן זייערס — „לאָז שוין זיין אַ סוף, אַן עק, פּטור!" — און געפילט ווי ער שלאָפט איין.

איינציקווייז האָבן די פּאַסאַזשירן גענומען צוגיין צו אים. ער האָט אַלעמען דערקענט, זיי אָנגערופן ביי די נעמען, זיך געפרייט, וואָס סוף-כל-סוף האָבן זיך אַלע צונויפגענומען, וועלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייען דעם מענטש, אים מאַכן גליקלעך. מען דאַרף נאָר געפינען דעם מיטלפונקט פון דער וועלט.

דער דאָקטאָר האָט געעפנט די אויגן, זיך געכאַפּט, אַז ער שלאָפט נישט, דאָס מישט ער, און פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט געפינען דעם לאַטייניש נאָמען פאַר דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער געפינט זיך.

ער האָט געקוקט אויפן מיידל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים. דאָס מיידל האָט זיך געוויגט אויף אַ פּאַסעק און יעדע ווײַלע אָנגעשפּאַרט אירע קני אָן זיינע.

דער דאָקטאָר איז בייז געוואָרן, וואָס ס'מיידל שטערט אים צו געפינען דעם מיטלפונקט. ער איז געווען זיכער, אַז ס'גאַנצע שלעכטס אויף דער וועלט קומט פון זיי, פון די מיידלעך, וואָס פאַלן אויף די מענערשע קני. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געוואָלט אָנרירן ס'קלייד און דערפילט אַ דריי פון קאָפּ ביז די פיס, ווי טויזנטער נאָדלען וואָלטן געווען באַהאַלטן אין דעם מיידלס קלייד. דער דאָקטאָר איז געוואָרן פאַרעקשנטער, נענטער אַ שטעק געטון די האַנט. ס'קלייד האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אַרויסגעלאָזט דינע, פייערדיקע צינגלעך, געאָטעמט מיט סם.

דער „על" האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעם דאָקטאָרס קאָפּ האָט זיך

אָנגעקלאַפּט אָן דעם ווענטל פון געזעס און ער האָט זיך אָפּגעגאָסן אין זיבן שווייסן.

ער האָט זיך אַ ריס געטון, גענומען לויפן איבער דער קאַר, געזען ווי אַלע יאָגן זיך נאָך אים, שטעלן אים אונטער הענט, פיס, איז ער אַ פאַל געטון, געבליבן ליגן און געעפנט די אויגן. ער האָט געקוקט ווי ער געפינט זיך. און אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער געזעסן אויפן זעלבן פּלאַץ, געהערט ווי דער „על" טראָגט זיך מיט אַ קלאַפּעריי. אין די אויערן איז געשטאַנען אַ געלעכטער, דער־מאָנט אָן דעם משוגענעם פון זיין שטעטל. ער איז דעמאָלט נאָך אַ ייִנגל געווען, געזעסן איינער אַליין אין שטוב. די טיר האָט זיך גע־עפנט און דער משוגענער בעריש איז אַריינגעקומען, אָנגעשטעלט אויף אים זיינע שפּיציקע אויגן, ווי שאַרפע בויערערס. ער האָט נישט געקאָנט שרייען, זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, געפילט ווי דעם משוגענעמס אויגן האָבן אים צוגענעגלט צום בענקל. ער האָט געוואַרט, אַז בעריש זאָל צוגיין צו אים, אָננעמען זיין קאָפּ מיט ביי־דע הענט און אַזוי לאַנג קלאַפּן אָן דער וואַנט ביז ער וועט אים שפּאַלטן אין צווייען.

די אויגןביים דאָקטאָר האָבן זיך ווידער צוגעמאַכט, אַרום האַרץ האָט אָנגעהויבן צו ווערן הויל. ס'האָט אים געהויבן פון גע־זעס, גענומען פאַלן שנעל, שנעלער; געווען זיכער, אַז איצט קומט דער טויט. ער האָט זיך דעם טויט קיינמאָל נישט אַזוי פאָרגעשטעלט. אויב אַזוי, איז נישטאָ וואָס צו בעטן אויפן טויט: ס'איז נישט נאָר ערגער פאַרן לעבן, ס'איז שטענדיקער פּיין. די הוילקייט אַרום האַרץ איז געוואָרן טיפער, פאַרשאַרפט אויף אַ רגע די חושים. אַ באַקאַנט פּנים איז געשטאַנען איבער אים. אַן אויג, אַ שטיקל אויג, ווו האָט ער עס געזען? און אַז ער האָט שוין נישט געוווסט וואָס ס'טוט זיך מיט אים, האָט נאָך דאָס שטיקל אויג אַלץ געגלימערט אין דער מטושטשקייט.

צומאָרגנס האָט ער זיך גענומען וועקן. איידער ער האָט נאָך געעפנט די אויגן האָט ער געהערט ווי אין די שויבן שמייסט אַ רעגן. ס'האָט אים שטאַרק הנאה געטון, וואָס די מעשה מיטן טויט איז געווען אַ חלום, און ער ליגט גאָר אין אַ וואַרעם בעט. ער האָט

געפּנט די אויגן, זיך געחידושט וואָס אַרום אים שטייען מענטשן.
וואָס טוט דאָ רחלע? און וואָלף?—האַ, טאַטע? און דער זיכּרון האָט
זיך גענומען פּיקן, זיך געריסן דורך דער מבולבלקייט.

— ווי פילסטו, דוד? ווען אפשר עפּעס נעמען אין מויל
אַריין? — האָט לייזער נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר שמחה.

ער האָט געוואָלט לויפן אין קיך אַריין נאָך אַ גלאָז מילך, גע-
וואָלט כאַפּן פון טיש אַ רעצעפּט, געשטאַנען אָבער אַ פאַרווירטער.
אַלץ נישט געגלייבט זיינע אויגן, און מיט יעדן קוק אויפן זון האָט
ס'אַלטע פּנים אויפגעלויכטן.

רחלע האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז מילך. זיך אַוועקגעזעצט אויפן
פאָרענטש פון בעט און מיט אַ לעפעלע געגאָסן דעם דאָקטאָר די
מילך אין מויל אַריין. נאָך יעדן שלונג איז אים געוואָרן לייכטער.
אַ פרייד, אַ שטילע פרייד האָט אַרומגענומען דעם קראַנקן, וואָס ער
איז נישט אַליין, וואָס מענטשן פאָרען גיך אַרום אים, קוקן אויף אים
מיט ליכטיקע אויגן. ער וועט נישט שטאַרבן. ניין! ער האָט אָנגע-
רירט רחלעס האַנט און זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, צי ער חלומט נאָך
אַלץ. ער האָט געקוקט אויף וואָלפן, וואָס האָט ביי אים איצט אויס-
געזען גרעסער און שטאַרקער, און די רויקייט, אַז ער וועט נישט
שטאַרבן, האָט זיך געטראָגן פונעם קראַנקנס אויגן.

— ווי האָט עס פּאַסירט? — האָט דער אַלטער לייזער זיך צו-
געזעצט צום זון, — כ'מיין ס'איז דיר מיטאַמאָל נישט גוט געוואָרן?

איצט ערשט האָט דער דאָקטאָר זיך דערמאָנט, אַז ער איז
נעכטן געווען ביי רעגינען, אַז ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און אי-
בערגעלאָזט די פּאַפּירן. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער אַלע זיינע
ביינער, ווי ער וואָלט נישט געלעגן אין אַ וואַרעם בעט, נאָר געשטאַ-
נען אַ נאַקעטער אויפן רעגן. ער האָט זיך פאַרהוסט, לאַנג און טרוקן,
און ס'פּנים האָט זיך צונויפגעקוועטשט ווי אַ פויסט.

— מ'דאַרף רופן דעם דאָקטאָר, — האָט רחלע דערקענט אָן דעם
דאָקטאָרס אויגן, אָן דעם קלאַפּן פון די ציין, אַז ער פיבערט שוין
ווידער, און זי האָט זיך אויסגעדרייט צו וואָלפן. — לויף אַריבער נאָך
אים!

— זיי אַזוי גוט — האָט לייזער אַרומגענומען וואָלפן — און

גיי טאַקע אַריבער צום דאָקטאָר, ער זאָל אַריבערקומען למען־השם באַלד.

— ווער האָט מיך אַהיימגעבראַכט?—האָט דער קראַנקער געפרעגט.

— דינה איז צופעליק געפאָרן אין דער זעלבער קאַר, וואָס איר, דאָקטאָר. — האָט רחלע אים געוואָלט געבן אַ לעפעלע מילך, געזען, אַז ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט, האָט זי אַוועקגעשטעלט ס׳גלאָז. — ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַז אַ מענטש חלשט, איז דינה אויך צוגעלאָפן, אייך דערקענט און אַהיימגעבראַכט.

— דינה. — האָט דער קראַנקער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט דעם נאָמען, זיך אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז ס׳איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן, און זיך נישט געקאָנט דערמאָנען.

— ס׳איז מיין שוועסטער. — האָט רחלע אים באַרויקט, געגלעט די הענט. — איר געדענקט זי נישט?

— אַוודאי קען איך זי.—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ שמחה, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל געלייזט אַ שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן וואָכן. — דינה, אייער שוועסטער, זי האָט מיך אַהיימגעבראַכט. אַוודאי קען איך זי, דינה.— און ער האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צום שטערן, זיך באַדויערט, וואָס דער קאָפּ איז אים שוואַך.

— ליגט רויק, דאָקטאָר. — האָט רחלע זיך ביי אים געבעטן.— שלאָגט אַלץ אַרויס פון קאָפּ. ס׳שאַדט אייך.

— וואָס, איך בין בלאַס געוואָרן?

דער קראַנקער האָט געזען ווי דער פּאָטער קומט אַריין מיט אַ גלאָז טיי, עס באַוויינט זיך קופּעלט, דערנאָך לייבל מיט די שיקל־דיקע אויגן. רחלע מאַכט מיט די פינגער זיי זאָלן אַרויסגיין. זי רייבט אים די הענט. אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבערן לייב און ס׳ווערט אים מיטאַמאָל שטאַרק באַנג. ער וויל עפּעס צוריקכאַפּן. ער ווייסט, אַז ווען ער הייבט איצט אָן פון ס׳ניי, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען בעסער. הענט און פיס שלאָפן איין, בלויז דאָס האַרץ בלייבט וואַך, איז פאַרבונדן מיטן מוח, וואָס דרעמלט יאָ און דרעמלט נישט.

דער דאָקטאָר איז אַריין אין אַן אַנדער וועלט. דאָס לעבן האָט זיך מער נישט אָנגעהויבן מיטן וויגל, זיך נישט געענדיקט מיטן קבר.

דאָס וויגל איז געלעגן אין קבר, דער קבר אין וויגל און ביידע — פרייד און פּיין — האָבן זיך געטראָגן, ווי אַ שוועבעלע אין דעם ים פון ליכט, וואָס האָט געפּלייצט איבערן דאָקטאָר, אים פאַרוויגט.

ער האָט געוווּסט, אַז מענטשן דרייען זיך אַרום אים, דערקענט פּנימער, זיך אָבער געפּוילט איבערצורייסן דעם חלום. עפּעס האָט אויפגעלויכטן אין אים, זיין גאַנץ לעבן. אָפּגעריסענע שטיקלעך זון האָבן זיך געלייגט אים צוקאָפּנס, צופוסנס, געבראַכט אַזוי פיל פרייד. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע. פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן רעגינע, פאַרפלאַמט אינגאַנצן. ער האָט אַזש אַ געשריי געטון, געוואָלט זיך אָנכאַפּן און איז צוריקגעפאַלן. אין די אויערן ביי אים איז געבליבן אַ ווייט געלעכטער, זי וועט נישט קומען, זי וועט קיינמאָל נישט קו־מען. זי ווייסט, אַז לייבל האָט ביי אים צוגענומען די יאָרן, אַלע יאָרן, וואָס ער האָט נאָך געדאַרפט לעבן, האָט זיי פאַרשלאָסן אין דער קאַסע. אַלץ אין אים האָט געוויינט און וויינענדיק איז ער איינגעשלאָפן.

פאַרנאַכט איז אים בעסער געוואָרן. די ביינער זענען געווען אויסגערוט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן נישט קראַנק געווען. מיט אַ שול־דיקן שמייכל, וואָס מען זעט נאָר ביי קראַנקע, האָט ער געקוקט אויפן פאָטער, אויף רחלען, וואָס זענען פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

— ווי פילסטו, דוד? — האָט דער פאָטער פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס טון, מען דאַרף ראַטעווען, נישט געוווּסט אָבער וואָס מען הייבט אָן טון און זיך געדרייט אויפן זעלבן פלאַץ.

— ס'וועט מיר גאָרנישט זיין, טאַטע. — האָט דער קראַנקער פּרובירט אַ שמייכל טון.

— הלוואי, מיין זון.

— און ס'איז מיר איצט אויך גאָרנישט.

— ווי הייסט, גאָרנישט? — האָט דער אַלטער צענומען די הענט און זיך אויסגעדרייט צו רחלען. — ער פיבערט שוין צוויי טעג און ס'איז אים גאָרנישט.

— מאָרגן, טאַטע, וועל איך זיך אויפהייבן.

— דאָס וועט מען נאָך זען.

אין דער טיר איז געשטאַנען רעגינע, כלומרשט אָנגעקלאַפּט.

זי האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט זי אַריינרופן, איז גלייך צוגע־גאַנגען צום קראַנקן און גענומען זיין האַנט:

— האַלאָ, דאָקטאָר! ס'איז מיט אַן אמת נישט שיין אַ דאָקטאָר זאָל זיך אַליין נאַריש מאַכן!

דעם דאָקטאָרס פנים, וואָס האָט אין דער רגע פון רעגינעס אומדערוואַרטן אַריינקום, אָנגעוווירן יעדן טראָפּן בלוט, האָט זיך גלייך געביטן. צוויי בלוטיקע פלעקן האָבן זיך אַרויסגערעדלט אויף זיינע קיטענע באַקן. ער האָט עפּעס געזוכט מיט די אויגן און זיך געבעטן ביים פאָטער:

— טאַטע, גיב אַ שטול.

— שוין.

אין איילעניש האָט לייזער אַריינגעבראַכט אַ שטול, זי אָפּגע־ווישט מיט דער האַנט, מיטן אַרבל, אונטערגערוקט רעגינען:

— אין גאַס וואָלט איך דיך אָסור נישט דערקענט. זיץ.

— אַזוי פאַרענדערט האָב איך זיך?

— אַן אמתע ליידי.

רעגינע האָט זיך צעלאַכט. זי האָט זיך נישט געמאַכט זען רחלען, וואָס האָט מיט רעגינעס אַריינקומען אַראָפּגעלאָזט די נאָז, געשטאַנען אַ שטייפע. הינטערוויילעכס האָט רעגינע אַ רוק געטון די שטול, אויסגעקומען מיטן פנים צו רחלען און אַן איבערראשטע אַ זאָג געטון:

— אָט איז דאָך רחלע! איז עס אמת, אַז דו ביסט אַ כלה געוואָרן?

— ווייסטו כאָטש מיט וועמען? — האָבן די שטילע אויגן ביי רחלען זיך אָנגעצונדן מיט אַ בייז פייערל.

פונקט אין דער רגע איז אַריינגעקומען וואָלף. ער האָט דער־זען רעגינען און אַ פאַרלוירענער געבליבן שטיין, ווי אַ קלאָץ, נישט געקענט אָפּשטעלן די אויגן אויף איין פלאַץ.

רחלע איז אונטערגעקומען, אַ נעם געטון וואָלפן פאַר דער האַנט און אים פאָרגעשטעלט רעגינען.

— דאָס איז מיין חתן! איר קענט זיך דאָך?

— האַ, האַ, האַ, צי מיר קענען זיך? — האָט רעגינע זיך אַזוי

צעלאַכט, אַז אַלעמען אין שטוב איז געוואָרן אומהיימלעך.

חייה־רבקה מיטן דריי־עקיקן טיכל ביז איבערן שטערן האָט אַריינגעקוקט, געזען ווי דער חולה שמייכלט, האָט זי אויפגעהויבן די פרומע אויגן:

— געלויבט השם־יתברך!

דאָס וואָס דער קראַנקער איז געווען געפערלעך, וואָס אַלע אַרום זענען געשטאַנען מיט אַזעלכע ערנסטע פּנימער, אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט, אַז חייה־רבקה זאָל פאַרגעסן די עוולות, וואָס זי האָט געהאַט צו רעגינען.ביידע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט.

— מזל־טוב אייך, חייה־רבקה! — האָט רעגינע איר געווונטשן און געקוקט בשעת־מעשה אויפן אָנגעכמורעטן פּאָרל.

— אם־ירצה־השם ביי דיר! — האָט חייה־רבקה צוגעווונטשן.

רחלע האָט עפּעס אַ זאָג געטון און זיך שטאַרק פאַררייטלט. זי האָט אויפן אָרט פאַרגעסן, וואָס זי האָט געזאָגט, געוווּסט אָבער, אַז ס׳האָט נישט געדאַרפט שמעקן רעגינען.

רעגינע איז נאָך געוואָרן אויפגעלייגטער, ווי זי וואָלט קיין זאַך נישט געהערט. זי האָט אַ רוק געטון איר שטול צום קראַנקנס בעט און געבליבן זיצן מיט די פּלייצעס צום עולם.

דעם דאָקטאָרס האַנט, אַ פאַרחלשטע, אַן אויסגעצערטע, איז געלעגן אויף דער קאָלדרע. זי האָט גענומען די האַנט אין אירער, זי געגלעט, זיך נישט געמאַכט, וואָס מענטשן זענען אַרום, און אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַזוי פיל גוטסקייט אויפן קראַנקן.

— ווען איך ווייס, דאָקטאָר, אַז איר ליגט שוין צוויי טעג, וואָלט איך נאָך נעכטן געקומען. יאָ. — האָט זי אַרויסגענומען פון איר בייטל אַ קאָנווערט און אים דערלאַנגט. — כ׳האָב אייך געבראַכט די פּאַפּירן, וואָס איר האָט פאַרגעסן ביי מיר. ווייסט איר כאָטש, דאָקטאָר, אַז כ׳בין ברוגז אויף אייך?

— אויף מיר? — זענען די אויגןביים קראַנקן געוואָקסן אונטער די שייבלעך פון די ברילן.

— איר האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַנטלאָפן, זיך צומאָל נישט געזעגנט!

ס׳פּנים ביים קראַנקן האָט זיך מיטאַמאָל פאַרענדערט, געוואָרן

פאַרקרומט, די אייבערשטע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דער אונ־טערשטער ליפּ. רעגינע האָט זיך איבערגעשראָקן און צוגענומען איר האַנט פון זיינער:

— באַרויקט אייך, דאָקטאָר, איר ווילט אפשר וואַסער? וואָס איז אייך?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געווען גרייט אַפילו ביי רחלען צו בעטן הילף. אין צימער איז קיינער נישט געווען. די פּאָליצעס מיט ביכער האָבן געגלאָצט אויף איר, דערמאָנט די ערשטע לעקציע, ווען די ביכער האָבן זיך גענומען שיטן איבער איר קאָפּ, זיך געקייקלט אונטער די בענקלעך, אונטערן טיש.

— מיר איז גאָרנישט. — האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבן באַרויקן רעגינען און נישט געפילט ווי די ליפּ בלוטיקט ביי אים.

דער קראַנקער האָט אַ כאַפּ געטון רעגינעס האַנט, זי אָנגעהויבן קושן און איבערגעלאָזט אויף דער ווייסער האַנט בלוט־פלעקן. ער האָט לאַנג געקושט, צוגעלייגט איר האַנט צו זיין שטערן, צו די אויגן און מיט די לעצטע כּוחות זיך אַ הייב געטון צו איר, איינגע־רוימט מיט הארצקלאַפּעניש:

— כ'האָב דיך ליב.

ער איז צוריק אַ פאַל געטון אויפן קישן.

רעגינע האָט מיט איר טיכל געווישט דעם דאָקטאָרס צעבלו־טיקטע ליפּ, די טרערן אין זיינע אויגן. ער האָט נישט פאַרטראָגן די פאַרפומען און זיך שטאַרק צעהוסט. מיט הוסטן איז געקומען אַ העשען. זי האָט זיך איבערגעשראָקן, אָנגענומען זיינע הענט, זיך גע־בעטן ביי איר:

— דאָקטאָר... ניטע, דאָקטאָר... איך בעט אייך... כ'האָב אייך ליב...

אויפן קראַנקנס העשען איז דער אַלטער לייזער אָנגעלאָפן. ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, בלויז געקוקט אויף רעגינען מיט אַזאַ שינאה און עקל, אַז זי האָט זיך גענומען רוקן פון בעט. וואָלף מיט רחלען זענען אָנגעקומען. די פיס ביי רעגינען האָבן זיך אָנגע־הויבן פּלאָנטערן און אין איר שאַרן זיך איז געווען עפּעס קאָמישס. רחל האָט זיך צעלאַכט. און אַז רעגינע איז שוין געווען אויף יענער

זייט טיר, האָבן זיך לייזערס הענט, רירעוודיקע, גענומען עדותן מיט וואָלפן, מיט רחלען, דערציילט אויף שטום-לשון, אַז זרחס טאָכטער איז שולדיק אינעם דאָקטאָרס קרענק.

דאָס אַלץ האָט אָנגעהאַלטן ווייניקער ווי אַ מינוט. דער קראַנ־קער איז געלעגן אָן כוחות, פאַרלוירן ס׳לשון. אין די קנייטשן ביים מויל, ביי די אויגן איז געווען אי פּיין, אי ביטול צו אַלעם, וואָס אַרום אים.

ער האָט זיך נישט גערירט, ווען די אויגן האָבן זיך ביי אים גענומען קלעפּן און אַז ער האָט שוין געדרעמלט האָבן די ליפּן נאָך אַ בלעזל געטון: — רעגינע.

— גוט, וואָס ער איז איינגעשלאָפן. — האָט דער פאָטער איינ־געדרוימט די געסט.

ער האָט לייכט אויסגעטון דעם קראַנקן די ברילן, באַהאַלטן אין קעשענע דעם זונס דאָקטאָר-פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער קאָלדרע, ער האָט אַראָפּגעדרייט דעם גאַז און אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט. ער האָט זיך געפילט בעסער, געווען זיכער, אַז ער ווערט געזונט. דער גוף איז ביי אים געוואָרן יונגער. דער מוח — ליכטיקער. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ס׳הונגערט אים. ער וועט זיך שטיל אַריינכאַפּן אין קיך אַריין, וועט אַ זוך טון עפּעס צו עסן. וועט זען נישט אויפ־צוועקן דעם פאָטער, וואָס איז געשלאָפן ביי דער וואַנט אויף אויס־געבעטע שטולן. ער האָט שוין אַמאָל אַזוי געטון ייִנגלווייז, ווען ער איז אָפּגעלעגן צען וואָכן אויף אַ טיפוס.

דער דאָקטאָר האָט זיך לייכט אַ הייב געטון פון בעט, שוין געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע.

אינמיטן גיין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: געזען ווי דאָס צי־מער, די בילדער הייבן אָן אַנטקעגן צו קומען, שנעל, שנעלער. פּלעמ־לעך האָבן זיך גענומען שפּאַרן אין קאָפּ אַריין, האָט ער מער נישט געקענט איינהאַלטן קיין איין געדאַנק, זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן, ווי אַ צעגליטע שטאָב, צעשיט פונקען אונטער די קלעפּ פון אַ האַמער.

דעם דאָקטאָרס לעבן האָט זיך געריסן פונעם קראַנקן גוף, גע־וואָלט אַריין אין אַן אַנדער לעבן, וואָס איז אָנגעקומען פון ערגעץ גאַנץ ווייט, געוואַרט אויף אים צווישן די וואַרשטעס מיט ביכער.

ער האָט זיך אַ צי געטון מיט די הענט, גענומען פליען און אין די אויערן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט זאָן אַ שיעור קולות. טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער, אַ גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרבייגעטראָגן. און צווישן די קולות האָט זיך געדרייט זיין לעצטע מחשבה: — אָט איז רעגינע.

ס׳איז שטיל געוואָרן

דער אַלטער לייזער האָט זיך אַ וואָרף געטון אַ האַלב־נאַקעטער צום קראַנקן, וואָס איז געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט, געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אַ טויטער. דער פּאָטער האָט זיך צעשריגן.

די שכנים זענען אָנגעלאָפן, געבראַכט פון ערגעץ אַ דאָקטאָר, און אַז מ׳האָט אויפגעהויבן דעם מת, האָבן די שטוב־מענטשן איינ־ציקווייז זיך צוריק פאַרקליבן אין די ווינקעלעך, שווער געזיפצט. און ר׳ אַברהמל איז געבליבן זיצן אין קיך, געלערנט משניות. ס׳קול האָט זיך ביי ר׳ אַברהמלען געביטן, ווי ער וואָלט געזעסן מיט נאָך עמעצן, פאַרטייטשט די ווערטער. און אַז דער ניגון, אַ שטילער, אַ פאַרוויי־טיקטער, האָט זיך לאַנג געצויגן, איז שווער געווען צו זאָגן, צי ער קומט פון קיך, צי פונעם חדר, וווּ דער מת איז געלעגן.

דער פּאָטער איז געזעסן אויף אַן איבערגעדרייט קעסטל פון ביר, געוויינט איבער אַ תהילימל. און אַז דער אַלטער איז מיד געוואָרן פון וויינען, האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם זונס דאָקטאָר־פּאַפּירן, געקוקט אין די פרעמדע אותיות און זיך אויף ס׳ניי צעוויינט.

## 12. דער פֿערד־סמער

צייט עוועלין האָט אויסגעפונען, אַז אייבי טרעפט זיך מיט אַן אַנדערע פרוי, איז זיין אייגן הויז פאַר אים געווען אַ גיהנום.

עוועלין האָט געהאַלטן אין איין אַנטלויפן צו אירע עלטערן, איבערגעלאָזט אייבין מיט די קינדער. עס האָט גענומען טעג ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן זי איבערצובעטן. יעדעס מאָל האָט אייבי געשוואוירן איבערצורייסן מיט רעגינען און עוועלין האָט אים פאַרזי־כערט אַלץ מוחל צו זיין.

דאָס איז נאָר געווען אויבנאויף, ווי נאָר מאַן־ווייב זענען גע־בליבן ביי זיך אין הויז, איז גענוג געווען אַ קוק, אַזביידע זאָלן זיך אָנבלאָזן, עס איז גענוג געווען אַ וואָרט, מען זאָל אויף ס׳ביי אָנהייבן זיך קריגן. קיין איינער האָט נישט געקענט פאַרשווייגן. ווייל אין אמתן האָט עוועלין מער שוין נישט געקענט מוחל זיין אייבין און אייבי האָט מער נישט געקענט לעבן אָן רעגינען.

דערצו האָט זיך אונטערגערוקט פינחסעס שוועסטער, די „קריס־טשען סיינס״־דאָקטאָרין. ווען נישט זי, וואָלט עוועלין, די שוואַכערע, זיך סוף־כל־סוף אונטערגעגעבן, וואָלט שלום געמאַכט, ווי טויזנטער אַנדערע ווייבער, מיטן מאַנס לעבן אין דער גאַס.

די דאָקטאָרין, וואָס האָט געטריבן עוועלינען מיט בייטשן, גע־זען עוועלין זאָל יעדעס מאָל צוריקגיין צום מאַן, זי האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אייביס פלאַץ און עוועלין האָט זיך מער נישט געלאָזט איינברעכן פון אייבין.

אייביס הויז איז פול געוואָרן מיט דער דאָקטאָרין. פרויען שטילע, צוריקגעצויגענע, מיט פרומע פנימער, זענען זיך צונויפגעקו־מען ביי עוועלינען עטלעכע מאָל אַ וואָך. מען האָט זיך מתוודה

געווען ביי אַ גלעזל טיי, זיך אָפּגערעדט די הערצער. די דאָקטאָרין האָט פאַר זיי געלייענט דעם „שליסל צו דער ביבל", געלערנט נישט נאָר צו דערווייטערן זיך פון דער ליגנערישער וועלט, דער מאַטער־יעלער, געהייסן פירן מיט איר אַ שטענדיקע מלחמה.

אַ שינאה צו אייבין, ווי צו איינעם, וואָס איז בלויזער חומר, איז געוואָקסן אין עוועלינען. זי האָט אים, נישט צוגעלאָזט צו זיך, געהאַלטן אין איין דערווייטערן זיך פון אים, זיך אָפּגעשלאָסן אויף ביינאַכט אין איר שלאָפצימער.

דאָס אַלץ האָט אייבין נאָך מער געטריבן צו רעגינען. צי ער האָט געהאַט צייט, צי נישט, שטענדיק האָט געאַרבעט אין אים דער כוח פון עטלעכע פערד־קראַפט. געטריבן צו איר. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם גרויסן מאַרקעט, דערלייגט יעדע וואָך געלט. דאָס, וואָס בען פונעם וואָדעוויל האָט זיך גענומען פלאָנטערן צווישן אים און רעגינען, האָט אים לעצטנס באַאומרויקט, געוועקט אין אים אַ שרעק, וואָס האָט אים אויף אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט. אין מיטן לייזן איז אים איינגעפאַלן, אַז בען איז ביי איר. ער האָט געלאָזט שטיין די קצבים, די סחורה און געטריבן די מאַשין אין די בראָנקס. מיטן לויפן איז דער כעס אין אים געוואָקסן, געווען גרייט ביידע צו דער־שיסן און אַז ער איז אַהינגעקומען, ווען רעגינע איז נאָך געשלאָפן, האָט ער זיך פאַרלוירן.

— וואָס איז, אייבי? וואָס אַזוי פ״י? — האָט זי זיך געצויגן צו אים אין די נאַכט־קליידער.

— זיך פאַרבענקט. — האָט ער פאַרדעכטיקט דורכגעקוקט די צימערן און זיך פאַרשעמט.

— וועמען זוכסטו? — האָט רעגינע געלאַכט פון אים.

ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז קיינעם נישט, אַז ער קען נישט לעבן אָן איר. לויט דער אומרויקייט, וואָס האָט אים געטריבן אַהער, איז איצט אין אים געוואָקסן די פרייד. אייבי האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט זי מיטגעלאַכט.

ער האָט זיך שטאַרקער צעלאַכט, זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט און ביידע האָבן זיך געקייקלט איבער דער ווייכער אָטאָמאַנע.

זיין פנים צעשמיסן פון ווינט האָט זיך גענורעט אין דער ווייסקייט פון איר לייב, זיך געוואַרעמט.

ער האָט זיך אַליין נישט געגלייבט, אַז די דירה, דאָס מעבל, רעגינע, אַלץ איז זיינס און ער קען טון דערמיט, וואָס ער וויל. ער איז שוין געשטאַנען אין מאַנטל. רעגינע האָט אים באַגלייט צו דער טיר. וואָס אַ טראָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך נישט גע־קענט שיידן. אייבי האָט שוין געהאַלטן די האַנטאַבע, געוואָלט אַרויס, האָט ער זי אַ כאַפּ געטון צווישן די פּאָלעס פון מאַנטל, איר אויס־געקושט די אויגן.

אייבי האָט געטריבן די מאַשין, צוריקגעפאָרן אין מאַרק אַריין און זיינע הענט, די באַקן, די אויגן האָבן געאָטעמט מיט רעגינען. אומעטום איז געווען עפּעס פון איר. און אַז אַ פּאָליסמען האָט אים אָפּגעשטעלט פאַר צו־שנעל פאָרן, האָט ער אים אַריינגעשטעקט אַ פינפערל און איז נאָך שנעלער געפאָרן.

אַ שטענדיקער הונגער האָט זיך באַזעצט אין אייבין, ווי אַ באַ־נעמעניש. אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט, געמאַטערט, און ווײַ־טער אַזוי לעבן איז פאַר אים געווען אוממעגלעך.

ער איז אַראָפּ פון פנים, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשלאָפענער, גע־ווען זיכער, אַז די „מענטשן" אין מאַרק צעשלעפן זיין פאַרמעגן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען פּטור צו ווערן פון מאַרק. דערצו האָט מען אים אָנגעהויבן צוצורעדן צו „ריעל עסטייט", דער „בום" האַלט שוין אָן ס'אַנדערע יאָר און מענטשן ווערן רייך. דערווייל האָבן זיך געקליבן אין אים פאַרדראָסן, עוולות, און ער איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אָנגעלאָדענער, געוואָלט וואָס גיכער אויסשיסן, איבעראַנדערשן זיין גאַנץ לעבן.

ווי שטענדיק האָט אייבי דאָס מאָל אויך פאַרשפּעטיקט, געקו־מען אין מאַרק אַריין נאָך דער „ביזי". דאָס אַליין איז געווען גענוג, ער זאָל ביים אַריינקומען מיט קיינעם זיך נישט באַגריסן. ער האָט אַן עפן געטון דעם קאַסע־בוך, אונטערגעצויגן דעם סך־הכל מיט אַ רויטן בלייפעדער און זיך אַ שליידער געטון אויף וואָלפן:

— דאָס איז דער גאַנצער פּדיון?

— ס׳איז נאָך צופיל! — האָט וואָלף פון דער זייט צוריקגע־שלײדערט.

— וואָס? — האָט אײבי אָנגעשטעלט אויף וואָלפן אַ פּאָר אויגן, נישט געוואָנען געוווּינט מ׳זאָל אַזוי רעדן צו אים.

— ווי ווילסטו לייזן, אַז דו האָסט קיין סחורה נישט. — איז וואָלף געוואָרן ריידעוודיק. — שוין די אַנדערע וואָך, ווי עס שטייט אַ מאַרק מיט ליידיקע שטייגן! און דאָס ביסל הענער, וואָס מען האָט נעכטן געבראַכט, וויל דאָך קיינער אין דער האַנט נישט נעמען: פּגירות!

— דער מאַרק וועט מיך מאַכן פּאַר אויס קאַפּעליוש־מאַכער! — האָט אײבי מיטן שרייען זיך געוואָלט פאַרענטפערן. — וואָס כ׳נעם אַריין ווייניקער סחורה דערלייג איך ווייניקער! און דער סוף וועט זיין, כ׳וועל אינגאַנצן פאַרמאַכן דעם מאַרק, גיין אין „ריעל עסטייט״! יעדער נישט מאַכט היינט געלט ביי ריעל עסטייט און איך, נאַר, זיץ דאָ, האַלט אויס אַזאַ שטאַב מיט בחינמדיקע פּרעסער! — האָט ער געוויזן אויף די אַרבעטער און שוחטים, וואָס האָבן זיך געשאַרט הין און צוריק.

— פון מיינעטוועגן, פאַרמאַך. — האָט וואָלף געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. — איך גיי סיי־ווי אַוועק.

— דו האַלטסט אויך אין איין סטראַשען! — האָבן וואָלפס ווער־טער אים דווקא דאָס מאָל נישט געשמעקט. — ווען גייסטו שוין?

— אויב דו וועסט מיך לאָזן — אַפילו היינט!

— כ׳האַלט דיך נישט. — האָט אײבי אַ וואָרף געטון מיט די אַקסלען, זיך אָפּגעשאָקלט פון וואָלפן. — קענסט גיין אַפילו שוין! כ׳וויל נאָר וויסן, וואָס פאַר אַ גליקן עס וואַרטן אויף דיר ערגעץ אַנדערש? זיי, די האָלעדריגעס, — האָט אײבי געצייגט אויף די אָנגע־שטעלטע, — מעגן זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, אַרט מיך נישט! זיי האָב איך דאָך אומגליקלעך געמאַכט, יעדער פון זיי האָט היינט גע־קענט זיין אַ ביזנעסמאַן, דער מאַרק האָט זיי אַוועקגעהרגעט! דאָס פאַרשטיי איך, האַ, האַ, האַ! אָבער דיר, וואָלף, האָב איך דאָך קיין שלעכטס נישט געטון!

— פּ׳קלויב זיך חתונה האָבן! — האָט וואָלף זיך פאַרלוירן און

אָנגעהויבן שטאַמלען. — איז צייט צו מאַכן שבת פאַר זיך אַליין.
— וואָס, גייסט אַליין אין ביזנעס?
— ס׳מאַכט זיך מיר אַ שטיקל פלאַץ — —
— און געלט? — האָט אייבי אים איבערגעריסן.
— כ׳אַרבעט דאָך — —
— אַוודאי אַרבעטסטו, אַוודאי. — איז אייבי שוין געשטאַנען ביי דער קאַסע, נישט געהערט, וואָס וואָלף זאָגט און ס׳איז אים איינגעפאַלן, צי ס׳וואָלט נישט געווען אַ פלאַן איבערצוגעבן וואָלפן דעם מאַרק.
עס איז אַריינגעקומען אַ פאַרפוצט פאַרשוינדל, אויסגעזען ווי אַ סאַניטאַר-אינספעקטאָר. וואָלף האָט אַ ווונק געטון צו די אַרבעטער. מען האָט גענומען צוראָמען, צוקערן, אויסגעשאָטן זעגעכץ און ידידיה האָט געוואַשן מיט הייס וואַסער די בלעכענע בארעלס.
דער פרעמדער האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר, צעקנעפּלט דעם לייכטן ראָק, געזוכט אַ שוועבעלע. וואָלף האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אים אונטערגעטראָגן.
— וועל, קעפּטן?
— איר זענט דער באַלעבאָס? — האָט דאָס פאַרשוינדל געשמאַק פאַרצויגן.
— וואָס האָט איר דען געוואָלט?
— כ׳דאַרף דעם באַלעבאָס. — האָט דער פרעמדער פאַרדעכטיק אַ קוק געטון.
— איך בין עס.
— און ווער איז יענער? — האָט ער געוויזן אויף אייבין און איין אויג האָט ביי אים געשמייכלט.
— ס׳איז אַלץ איינס. — האָט וואָלף שוין געזאָגט מיט אַ בייזער.
— ס׳איז נישט אַלץ איינס. — האָט דאָס אויג ביים פרעמדן זיך גענומען רייצן. — דער באַלעבאָס איז יענער, נישט איר.
— אַז איר ווייסט ווידער, וואָס פרעגט איר?
— אַזאַ טבע האָב איך שוין. — האָט ס׳פּנים ביים פרעמדן געשמייכלט און זיינע אויגן, גראָע, זענען געבליבן רויק און קאַלט.
דאָס פאַרשוינדל איז וואָלפן נישט געפעלן. ער האָט אים נאָך

אַמאָל באַטראַכט, זיך געקווענקלט און צוגעגאַנגען צו אייבין.

— עפּעס אַ פּאַסאַזשיר וויל דיך זען, נאָר ער הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן.

— פרעג אים, וואָס ער וויל? — האָט אייבי נישט אַרויסגענו־מען דעם קאָפּ פון דער קאַסע.

— מאָל דיר, אַז איך האָב אים שוין געפרעגט.

— נו?

— ער וויל נאָר דיך.

אייבי האָט צוגעהאַקט די קאַסע, פונדערווייטנס אַ קוק געטון אויפן פרעמדן און צוגעגאַנגען צו אים מעשה באַלעבאָס:

— וועל?

דער פרעמדער האָט עפּעס אַ זאָג געטון, וואָס אייבי האָט נישט געכאַפּט. אייבי האָט אַ בייג געטון דעם קאָפּ, געוואָלט בעסער הערן, האָט דער פרעמדער אים אַ נעם געטון פאַר אַ האַנט, ווי מען נעמט אַ גוטן־ברודער, אָפּגעגאַנגען מיט אים עטלעכע טריט און איינגערוימט:

— כ'בין געקומען נאָך הונדערט דאָלאַר.

— נאָך וואָס? — האָט אייבי געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— נאָך הונדערט דאָלאַר. — האָט זיך ס'פאַרשווינדל רויק אי־בערגעחזרט און גלייכצייטיק אַ פרעג געטון מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין אינגאַנצן. — איר האָט דאָך פינף פערד?

— יאָ. — און ביי אייבין אין קאָפּ האָט זיך אַ מיש געטון.

ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט פאַר זיך דעם „רבי“, צי זיין אַרויסהעלפער פון די פערד־סמער, וואָס בושעווען אויף דער איסט סייד. דאָס איז מען געקומען צו אים נאָך שטייערן. יעדער, וואָס האָט אַ פערד, מוז עס אויסלייזן ביי דער חברה, אַז נישט סמט מען עס אים אָפּ. אַ פאַרדראָס האָט אויפגעשוימט אין אייבין און עס איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געוואָלט זיין רויק. נישט געקענט און דאָס קול האָט זיך ביי אים געביטן. ער האָט אַ פרעג געטון:

— און ביליקער?

— קיין סענט נישט.

— און אַז כ׳וועל נישט געבן, וועט מען מיר אָפּסמען די פערד?

— איך האָב עס נישט געזאָגט. — האָט דער פרעמדער זיך רויִק געראַוויכערט דעם ציגאַר.

— טאָ פאַרוואָס קומט דיר הונדערט דאָלאַר? — איז אייבּי אי־בערגעגאַנגען אויף דו.

דאָס פּנים איז ביים פאַרשווינדל געוואָרן חוצפּהדיק, ער האָט זיך אַ צי געטון צו אייביס אויער און אים פאַרטרויט:

— מ׳זאָל דיר די פערד נישט אָפּסמען.

יעדער מוסקול אויף אייביס ברייטן פּנים האָט אויפגעציטערט. זיינע פינגער האָבן אַרומגעכאַפּט דעם פרעמדנס האַנט, ווי מיט אַ רייף. דער סמער האָט זיך אַ קאָרטשע געטון, ס׳פּנים ביי אים איז אָבער געבליבן אַזוי רויק ווי פריער. אייבי האָט נישט געקענט רעדן פון אויפרעגונג:

— ווייסטו, אַז איך קען דיך אַרעסטירן און טאַקע שוין?

— וועסט עס נישט טון.

— כ׳וועל יאָ. — האָט אייבי זיך געפּויקט מיט די פויסטן אין האַרץ־ברעטל.

— און אַז מ׳וועט מאָרגן „באַשיסן" דיין פּלאַץ, דיך אַוועקלייגן אָט דאָ. — האָט דער פרעמדער געוויזן אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איז געווען פריש אויסגעשאָטן מיט זעגעכץ.

פון דעם פאַרשווינדלס רויִקייט, פון זיינע קאַלטע, גראָע אויגן, פון די ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אַזוי, אַז מען האָט אים געקאָנט גלייבן, — פון אַלעם האָט אַ בלאָז געטון אויף אייבין מיט אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אָנגעוווירן דעם קוראַזש.

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם פערד־סמער, כּמעט צוגעלאָפן צו וואַלפן, אים דערציילט וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך און געענדיקט אַ בלאָער פון כּעס:

— זעסט דאָס שטיק ברעט? — האָט ער געוויזן אויף אַ שאַרף שטיק ברעט, אַ צוויי צאָליקס. — מיט איין כּמאַל דערהרגע איך אים! און ס׳וועט מיר גאָרנישט קומען! דו מיינסט טאַקע, אַז ס׳גייט מיר אין די הונדערט טאָלער? כ׳שווער דיר, אַז נישט! נאָר אַזאַ זאַך איז

דאָך נישט דערהערט געוואָרן! אַ וועלט מיט יידן זאָלן מורא האָבן פאַר אַ באַנדע היימישע פערד-גנבים, וואָס דאָ זענען זיי געוואָרן פערד-סמער.

— מיין עצה, אייבי, — האָט וואָלף זיך אָנגערופן, — זאָלסט נישט אָנהייבן מיט זיי. לאָז דיך דאַלטן, אַז האָסט פאַרלוירן הונדערט טאָלער!

— הייבט זיך אָן! — האָט אייבי זיך אַזש געטרעסלט. — איך וועל זיך נישט מישן, אַ צווייטער אויך נישט, אָט די שוואַכקייט אונזערע נוצן זיי אויס, די גנבים! ווען מיר וואָלטן זיך אָבער אַלע אַ נעם געטון, וואָלט מען שוין לאַנג געהאַט אויסגעראָטן די גאַנצע באַנדע! כ׳בין נאָר איינער, כ׳קאָן גאָרנישט העלפן. כ׳וועל בלוטיקן מיט הונדערט טאָלער, נאָר כ׳שווער דיר, וואָלף, אַז די הונדערט טאָלער וועלן מיך אַרויסטרייבן פון די „ביזנעס״, כ׳וועל אַוועקגעבן דעם מאַרקעט בחצי חינם. אַבי נישט אָנצוקוקן די גנבים! אויב דו ווילסט, וואָלף, נעם דו אים איבער, דעם מאַרקעט, כ׳וועל אים דיר אַוועקגעבן ביליק.

— גישט פאַר מיין קעשענע, אייבי. — האָט זיך וואָלף פון בלויזן געדאַנק גערייטלט.

אייבי האָט אָפּגעציילט הונדערט טאָלער, צוגערופן ס׳פאַרשווינדל:

— ס׳שטימט?

דער פרעמדער האָט נישט געציילט, אַריינגעשאַרט ס׳געלט אין דער קעשענע און זיך נישט געמאַכט, וואָס אייבי קוקט אויף אים ווי אויף אַ שרץ. אייביס אויגן האָבן פאַרזיכערט, אַז מיט איין קלאַפּ וואָלט ער דעם פאַרשוין אַוועקגעלייגט. ער וויל זיך נאָר נישט פּאַטשקען. דער פערד-סמער האָט איבערגעגעבן אייבין אַ קבלה אויפן געלט און מיט ווירדע, ווי אַ געשעפטסמאַן, זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

## 13. נייע באַלעבאַטים

דעם פרימאָרגן, ווען וואָלף איז ס׳ערשטע מאָל געקומען אין גרויסן מאַרקעט, וואָס אויף וואַשינגטאָן-סטריט, געלאָזט וויסן, אַז ער האָט איבערגענומען ס׳געשעפט און אייבי איז אינגאַנצן אַרויס פון ביזנעס, האָט עס אַרויסגערופן אַ שטיקל טומל.

דער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל, ווי באַנען שטעלן זיך אָפּ אויף אַ מינוט אינמיטן לויפן, ווען עס קומט אָן אַ ידיעה, אַז זייער אייגנטימער איז געשטאָרבן.

בלויז די עופות אין די צענטליקער טויזנט האָבן ווייטער גע־גודערט, געפּאַטשט מיט די פליגל, און דער ריזיקער מאַרקעט איז פול געווען מיט ווינט און שטויב.

פון אַלע עקן האָבן זיך געטראָגן הורטאָווניקעס, זענען אונטער־געקומען „שיפּערס״, „רעסיווערס״, מען האָט געהאַלטן אין איין אויס־פרעגן וואָלפן. טייל האָבן מקנא געווען אייבין, אַנדערע האָבן אים באַדויערט.

דער האַנדל האָט מער נישט געקאָנט וואַרטן. די הורטאָווניקעס האָבן זיך צוריק צעשאָטן, יעדער איז געגאַנגען צו זיין „געשטעל״, יעדער צו זיין טעלעפאָן. מען האָט גענומען אויסרופן די וואַגאָנען סחורה, וואָס זענען אָנגעקומען, געקויפט, פאַרקויפט — און די עופות זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מען האָט שפּעקולירט מיט דער סחורה, וואָס איז נאָך געווען אין וועג; געקויפט וואַגאָנען הי־נער, וואָס מען האָט איצט געדאַרפט אַרויסשיקן פון דער וועסט.

אַז אַלע זענען זיך צעגאַנגען, איז וואָלף געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, זיך אַרומגעזען, אַז צווישן אַזעלכע בערן האָט ער גאָר קיין ווערט נישט. דאָס וואַרפן זיך מיט וואַגאָנען סחורה האָט אים

אינגאַנצן צעטומלט. עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פאַר די הורטאָוניקעס איז וואָלף נישט געווען סתּם אַ יונג, ס'איז געווען אייביס פירמע, אַן איינגעפונדעוועטע, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָנגעזעצט; ס'איז געווען אַ נאָמען און אַ נאָמען באַוואָרפט מען מיט סחורה.

איין הורטאָוניק נאָכן צווייטן איז אונטערגעקומען צו וואָלפן. כּמעט יעדער האָט אים מכבּד געווען מיט אַ ציגאַר. וואָלף האָט די ציגאַרן געשטעקט אין וועסטל-קעשענע, זיך געחידושט פאַרוואָס מען רייסט זיך איבער אים, מען לייגט אים פאָר גרויסן קרעדיט. און וואָס ווייניקער ער האָט גערעדט, אַלץ מער איז מען צוגעשטאַנען צו אים, געוואָלט אים האָבן פאַר אַ קונה.

פון קויפן סחורה אויף „בלינד" האָט וואָלף נישט געוואָלט הערן. די שווערע געלטער ווידער, וואָס מען האָט געצאָלט פאַר וואַגאָנען סחורה, האָבן אים געשראָקן, נישט צוגעוווּינט געווען מען זאָל זיך וואַרפן אַזוי מיט הונדערטער, מען זאָל געבן אַזוי פיל אויף באָרג, נישט געוווּסט, אַז די הורטאָוניקעס ווילן שנעלער פאַרקויפן, ווי ער, וואָלף, וויל קויפן.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען צווישן די „סטענדס", זיך געשראָקן, ער זאָל נישט אַריינפאַלן. ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט, ווי מען כאַפּט אַריין אַ „גרינעם", מען פּוצט אים אַזוי אָרום, אַז ער פאַרשפּאָרט שוין אַ צווייטן מאָל צו קומען נאָך סחורה. ערשט איצט האָט זיך וואָלף אַרומגעזען, אַז מען קאָן נישט זיין קיין חכם, ס'העלפט נישט קיין אויסרעכענונג. אייבי איז אפשר גערעכט געווען, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין ריזיקירן.

וואָלף האָט נאָך אַזאַ עשירות ווי אין גרויסן מאַרקעט קיינמאָל נישט געהאַט געזען. גענז, קאַטשקעס, אינדיקעס, קורפּאַטוועס, טויבן. טויזנטער שטייגן, טויזנטער קולות. מען האָט געהאַלטן אין איין אַרויספירן עופות, זיי געלאָדן אויף וועגענער, צוויי שטאָק די הייך און אין מאַרקעט איז נישט געוואָרן ווייניקער, פאַרקערט, דער טומל איז גרעסער געוואָרן מיט יעדער מינוט.

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן שפּעטלעך. וואָלף האָט נישט געוווּסט וואָס מען הייבט אָן טון. יאָ קויפן, נישט קויפן. ער איז

צוזעגאַנגען צום הורטאָווניק, מיט וועלכן אייבי האָט געהאַנדלט. זיי האָבן זיך געגעבן די הענט אויף שטום, עפּעס געזאָגט, עפּעס גע־ענטפערט און ס׳איז פאַרפאָרן אַ וואָגן, אַ צווייטער, אַ דריטער. וואָלף האָט געהאָלפן אָנלאָדן די וועגענער, זיך פאַרקליבן צווישן די שטייגן, און אַז מען איז שוין געפאָרן צו אים אין מאַרקעט אַריין, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן.

ווי זיין אויג איז געפאַלן אויף אַ שטייג, האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז ער האָט איינגעהאַנדלט פּגירות, אַז איידער ער וועט זיי אַהיימברענגען, וועלן העלפט אויסציִען די לאַפּקעס. ער האָט אַזש גע־שוויצט פון עגמת-נפש. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט אים געטריבן, ער זאָל זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ, דווקא וועלן מיטאַמאָל רייך ווערן. ס׳איז באַלד נישט געווען פאַר זיינע כּוחות. ער האָט געדאַרפט עפּע־נען אַ קליינעם פּלאַץ, נישט אַזאַ יאַריד, ווי ער האָט אַריינגעבאָדן ביז צו אַ סענט, זיך נאָך פאַרשולדיקט ביי לייבלען, צאָלט שווערע פּראָצענט, און איצט ס׳זאָל זיך צוויי-דריי מאָל נישט איינגעבן, וועט ער נישט נאָר אַרויס נקי, נאָר אויך בלייבן אַ בעל-חוב.

ער איז געזעסן צווישן די שטייגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אונטערשפּרינגען. די עופות, איינגעשראָקענע, האָבן זיך געשטופּט אין די ווינקלען, באַהאַלטן די קעפּלעך, געשטאַנען צונויפגעקוועטשט, ווי הינער שטייען פאַר אַ שטורעם.

דער באַגינען האָט זיך שוין געפּיקט, זיך געגרויט אין די פענצטער פון די אייבערשטע שטאָקן, אַרויסגערוקט די „פייער־עסקייפּס" מיט אַ מיתה-משונה קאָליר. די שמאָלע גאַסן צווישן די קאַסטענעס הייזער זענען געלעגן ליידיקע, אָפּגעטראָגענע, ווי די אָפּ־געבליאַקעוועטע געביידעס. אין די הייזער האָט מען זעלטן געוווינט, זיי פאַרדונגען פאַר שפּייכלערס.

דער וואָגן האָט זיך אַריינגעדרייט, אַריין אין אַ ברייטער גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ פּירעקיקן מאַרק. דער פרימאָרגן האָט דאָ געשמעקט מיט אויבס און גרינס. די טראָטואַרן זענען גע־ווען אויסגעשטעלט מיט טינדלעך עפּל, מיט קעסטלעך פּאָמעראַנצן. די הענדלער זענען געשטאַנען איבער די טינדלעך, זיי געעפנט, זיי פאַרהאַקט. בערג מיט גרינס זענען געווען אָנגעשאָטן, געפינקלט אין

דעם פרימאָרגן מיט פרישקייט. פעדלערס זענען אָנגעפאָרן מיט וועגעלעך, פאַרשלאָפענע, נישט אויסגעגענעצטע. לויט זייערע פערד או געשפאַן האָט מען דערקענט ווער ס'איז אַ ייד, ווער אַן איטאַליענער

יעדע ווײַלע האָבן די וועגעלעך פאַרשטעלט די גאַס, נישט געלאָזט דורכפאָרן. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָבן אויפגעהילכט קולות. דאָס געשריי האָט אָבער נישט געשטערט די מחנות טויבן, וואָס זענען זיך צונויפגעפלויגן, זיך געוויגט פראַנק און פריי אויף די לאַפּקעס, געזוכט צווישן די בערג מיט גרינס, צווישן די פערד, וואָס האָבן געריסן די פּיסקעס פון די טאָרבעס מיט פאַשע, געשפרייט אַרום זיך האָבער, קלייען.

דער פרימאָרגן האָט אַ בלאָז געטון אויף וואָלפן מיט היימישע סעדער און גערטנער. ער איז געוואָרן אויפגערוימטער, זיך געטרייסט, אַז ער וועט צוריקקריגן אַלע קונדן, וואָס אייבי האָט לעצטנס פאַריאָגט.

פאַרן מאַרקעט זענען שוין געשטאַנען די אַרבעטאָרערס, אויסגעקוקט די סחורה. אין וואָגן נאָכן צווייטן איז פאַרפאָרן. ידידיה, די שוחטים, די קצבים, וואָס זענען אָנגעקומען,— אַלע האָבן געהאָלפן אויסלאָדן, געווונטשן דעם נייעם באַלעבאָס:

— ס'זאָל זיין מיט מזל, וואָלף!

— אין אַ מזלדיקער שעה!

— אויב וואָלף מיינט, ער וועט אָפּשניידן טרוקן, האָט ער אַ טעות! — האָט זיך אַ קצב אָפּגערופן.

— וואָס רעדסטו אים איין, אַז ער מיינט? — האָט אַ צווייטער זיך אַרויסגערוקט.

— מיר וועלן באַנעצן, מיר וועלן! — האָט וואָלף אַ נעם געטון ביידע קצבים אין די אָרעמס.

— אָט אַזוי, וואָלף, הערט מען דיבורים.

— וואָס דען, וואָלף איז נישט אייבי!

רחלע איז אָנגעקומען. וואָלף האָט געלאָזט שטיין די קצבים, זי באַגעגנט מיט אַ ציטער:

— און כ'האָב שוין געמיינט, וועסט פאַרשפעטיקן.

— כ'האָב זיך אַליין אויך געשראָקן, אַז כ'בין געקומען שפעט.

ער האָט זי צוגעפירט צום רעגיסטער.

ידידיה איז געווען גליקלעך, אָפּגעקליבן די פעדערלעך ביי זיך אויפן לאַץ, געוואָלט, אַז אַלע זאָלן וויסן ווער רחל איז. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ קצב, געוויזן אויף רחלען:

— מיין שוועסטער...

— וואָס טוט דאָ דיין שוועסטער, אַ קאַסירקע?

— ניין, וואָלפּס כלה. — האָט ידידיהן פאַרפעלט אָטעם.

ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער קאַמער, ווו די פאַשע איז געלעגן, זיך געשטיקט פון גרויס שמחה.

די „ביזי" האָט זיך אָנגעהויבן.

ס'האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען קצבים. אַחוץ די שטענדיקע קונדן זענען געקומען די, וואָס האָבן אויפגעהערט צו קויפן ביי אייבין און סתם נייגעריקע, וואָס האָבן גערעכנט צו קריגן מציאות.

דער מאַרקעט האָט זיך באַוויגן ווי אַ גוט-געאיילטע מאַשין, נישט איבערגעריסן די אַרבעט אויף אַ רגע. יעדער איז געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ, געטון זיינס, און כאָטש איינער האָט נישט געוווסט פונעם צווייטן, איז געווען אַ האַנט, אַ געהיימע, וואָס האָט זיי אַלע-מען פאַרבונדן, געפירט די אַרבעט מיט אַ סדר.

ווי פון זיך האָט דער ברען אין מאַרקעט, וואָס האָט אָנגע-האַלטן צוויי שעה, זיך גענומען שטילן. די שוחטים האָבן אויפגעהערט זיך יאָגן, נישט געהאַט מער קיין קצבים איבער זיך. טייל אַרבעטער האָבן צוגעראָמט, אַנדערע האָבן אַרויסגעטראָגן די ליידיקע שטייגן.

אויף אַזאַ אָנפאַנג האָט וואָלף זיך נישט גערעכנט. ער האָט אַפילו פאַרקויפט די פגירות, וואָס ער האָט איבערגענומען פון אייבין, זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ער זאָל האָבן געהאַט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען ביי אייבין, אַזאַ פרימאָרגן. היינט האָט ער ס'ערשטע מאָל דערפילט, אַז ער וואַקסט, אַז די אַלע, וואָס זע-נען נאָך נעכטן מיט אים געווען אָנגעשטעלטע, האָבן מיטאַמאָל אָנ-געהויבן צו קוקן אויף אים, ווי אויף אַ באַלעבאָס. אַ צעשטראַלטער איז ער צוגעגאַנגען צו רחלען:

— איצט, רחלע, קאָן מען צומאַכן אויף אַ גאַנצער וואָך דעם מאַרקעט. טרעף וויפל ס'איז אונז געבליבן?

— און דו האָסט זיך געשראָקן? — איז זי געווען גלייכגילטיק, וויפל ס׳איז אים געבליבן, ווי דער ענין געלט וואָלט איר נישט אָנ־געגאַנגען. — כ׳זאָג שוין לאַנג, אַז דו ביסט מזלדיק!

— דאָס מאָל איז עס אין טאַטנס זכות, רחלע. — האָט וואָלף זיך צוגעבויגן צו דער כלה. — ווען דער טאַטע הייסט נישט, וואָלט איך נישט איבערגענומען דעם מאַרקעט.

— איך גלייב ווייניק אין מיין טאַטנס זכות. — האָט רחלע אים אַ לאַך געטון אין פּנים אַריין. — פאַרוואָס נישט אונזער זכות?

— נו, נו. — האָט וואָלף זיך אַ דריי געטון, נישט געווען צו־פרידן, וואָס רחלע רעדט מיט ביטול וועגן פאָטער.

— און ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — איז זי אַפּער פון הינטערן רעגיסטער.

— וואָס?

— אַ שוחט זאָל נישט שעכטן אָן מיינס אַ קוויטל. כ׳מיין נישט די קצבים, כ׳מיין די ווייבער, וואָס דרייען זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן. זיי קאָן מען נישט קאָנטראָלירן. און ביי אַזאַ „ביזי״, ווי היינט, איז אַ געשעפט אַרויסצוגיין און נישט באַצאָלן?

— דאָס, רחלע, ביסטו גערעכט. — האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר שמאָלער פּלייצע, געוויזן, אַז ער האָט הנאה, וואָס זי טויג זיך אויס צום געשעפט.

ידידיה איז צוגעקומען מיט צוויי גלעזער טיי. פון גרויס שימחה איז אים אַ גאַנצן מאָרגן געהאַלטן אין איין פאַלן פון די הענט.

— און דו האָסט שוין געטרונקען? — האָט רחלע אים געפרעגט.

— ניין. — האָבן זיינע פאָדערשטע ציין, אָפּגעדעקטע, געלאַכט.

— ברענג אַהער דיין גלאָז, וועלן מיר צוזאַמען טרינקען.

— דאָרט.—האָט ידידיה געוויזן, אַז זיין פלאַץ איז ביים אייוועלע.

— פון היינט אָן דאָ. — האָט רחלע נאָכגעמאַכט, ווי דער ברו־דער רעדט, און אים געוויזן אויף דער שטול לעבן זיך.

ידידיה האָט נישט געענטפערט: ווייזט אויס, גאָרנישט אַנער־קענט די שוועסטער פאַר אַ באַלעבאָסטע. ער האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון וואָלפן, געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן.

— אויף וואָס וואַרטסטו, ידידיה? — האָט וואָלף אים אַ נעם געטון פאַר די אַקסלען.

— זי הייסט ברענגען מיין טיי אַהער. — האָט ער זיך צעלאַכט. עס געהאַלטן פאַר אַ שפּאַס.

— טאָ וואָס וואַרטסטו? ברענג אַהער!

די שטילע רחלע איז באַלד דעם ערשטן פרימאָרגן נישט צו־פרידן געווען, ווי ס׳פּירט זיך אין מאַרקעט. ס׳איז איר אָבער נישט אָנגעשטאַנען שוין זיך צו מישן. זי האָט געהאַט געדולד; געוווּסט, אַז די דעה וועט זי, רחלע, האָבן.

ווי די נייע באַלעבאַטים — וואָלף, רחלע, ידידיה — האָבן זיך געזעצט טרינקען טיי, איז אַריינגעקומען קופּעלט. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט נישט געאַרבעט, איז ער אינגאַנצן אַראָפּ פון פּנים. זיין שטייפער קאַפּעליוש איז געקראָכן איבער די אויגן, ווי פון צרות וואָלט דער שאַרבן ביי אים געדאַרט.

— האַלאָ, מיסטער קופּעלט. — האָט וואָלף נאָך אַלץ אים אָפּ־געגעבן כבוד, געדענקט, אַז ער איז ביי קופּעלטן געווען אַ משרת.

— נו, וואָלף, ס׳זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט ער אים געגעבן די האַנט און געשמייכלט צו רחלען. — ווען נישט איך, רחלע, וואָלט איר קיין חתן נישט געהאַט.

— טאַקע, טאַקע. — האָט זי געמאַכט פלאַץ פאַר קופּעלטן. — איר האָט דאָך אים אַריבערגעבראַכט. איר וועט אפשר טרינקען טיי?

ידידיה האָט זיך געטראָגן איבערן מאַרקעט, מער נישט געהערט ווי די שוחטים רופן אים, ער זאָל דערלאַנגען טיי. ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען, ס׳האָט זיך אים זייער געוואָלט, מען זאָל וויסן, אַז ער איז דערהויבן געוואָרן; מען זאָל וויסן, אַז דער אָדעסער יונג וועט שוין מער קיין שפּאַס מיט אים נישט קאָנען טרייבן.

ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי.

— וואָס איז, ידידיה, שטרייקסט? — האָט אים אַ שוחט געפרעגט.

ער האָט נישט געענטפערט, געטראָגן קופּעלטן אַ גלאָז טיי.

— וואָס זאָגט איר צו אונזער נייעם באַלעבאָס? — האָט איין שוחט פאַרריסן ס׳בערדל צום צווייטן. — אַזאַ וויסטער קאַליקע, און דאָס וויל זיך אויך איבערנעמען!

— וואָלף! — האָט קופּעלט אַ רוק געטון פון זיך ס׳גלאָז טיי. — כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— איך שטער אייך אפשר? — האָט רחלע פּרובירט זיך אויפ־צוהייבן פון טיש.

— כ׳וויל טאַקע, רחלע, איר זאָלט אויך זיצן. — האָט קופּעלט זי צוגעהאַלטן ביי אַ האַנט. — ס׳איז קיין סוד נישט, וואָס וועל איך דאָ אויסבאַהאַלטן, מיר זענען דאָך היימישע מענטשן. ווייסט צו וואָס איך בין געקומען, וואָלף? כ׳וויל, זאָלסט מיך צוריק אַריינגעמען אין מאַרקעט. — האָט קופּעלט געזוכט אַ וואָלפס בליק, אַ רחלעס, זיי נישט געקאָנט כאַפּן, איז ער ביי זיך געפאַלן און ס׳קול האָט ביי אים גענומען ציטערן. — זאָג מיר נישט אָפּ, וואָלף! דען אויב וועסט מיר אָפּזאָגן, האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט ווי גיין מיטן אַלטן לייזער איבער די הייזער.

וואָלף האָט אויפגעציטערט. ביי אים איז עס נאָך אַלץ געווען דער אַמאָליקער קופּעלט פון דער היים, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען ווי אַ משרת. ער האָט אים געוואָלט אַ טובה טון און אין דער זעלבער צייט זיך געשראָקן. אַלע דריי האָבן געשוויגן. ס׳האָט זיך בלויז געהערט ווי דער קאַליקע זופּט די טיי, בלעקט אַרויס די צונג ווי אַ הונט און באַלעקט זיך אויף ביידע באַקן.

— אַז ס׳איז דאָ אַרבעט פאַר פרעמדע, דאַרף פאַר אַן אייגע־נעם אַוודאי זיין. — האָט רחלע זיך סתם אָנגערופן.

דאָס איז גענוג געווען ס׳זאָל וואָלפן טון דעם ערשטן שטופּ. ער האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט:

— ר׳ שלמה, איר האָט ביי מיר אַ שטעל!

— און אַז כ׳וועל נבלען אַן עוף? — האָט ס׳פּנים ביי קופּעלטן, אַן אויסגעצערטס, זיך אַ קנייטש געטון.

— ס׳איז אַל־ראַיט, ר׳ שלמה. — האָט וואָלף אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט. — איר וועט אַביסל שעכטן, שטיין ביי דער וואָג און אַז גאָט וועט העלפן כ׳וועל זיך אויסצאָלן פון די חובות, וועט איר אינגאַנצן נישט דאַרפן שעכטן. נישט געזאָרגט! ווייסט גאָר וואָס? מען דאַרף גאָר געמען צוביסלעך שנאַפּס! וואָס זאָגסטו, רחלע?

— כ׳האָב גאָרנישט דאַגעגן.

— ידידיה! ווו איז ידידיה?

— אָט גיי איך! אָט גיי איך!

## 14. חתן־כלה

אַ וואָך פאַר דער חתונה איז וואָלפס נייע דירה שוין געווען אויסגעמעבלירט. ער איז אַריינגעקראָכן אין זיין שבתדיקן אָנצוג, גע־טיילט די קונים ציגאַרן און אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אויפגע־הייטערטער, ווי אַ רייכער סוחר הול־המועד.

וואָלף, וואָס האָט בטבע פיינט געהאַט וויצן, זיך גערייטלט, ווען מען האָט אין זיין געגנוואַרט גערעדט גראָבע רייד, האָט זיך נישט נאָר גענומען איינהערן ווי קצבים רעדן וועגן יונגע ווייבלעך, נאָר ער אַליין האָט אָנגעהויבן איבערדערציילן יעדן שפּאַס, יעדע צווייי־דייטיקע מעשה און דווקא דער כלה.

וואָלף האָט געוווסט, אַז דעם בעסטן וויץ הרגעט ער אַוועק, ס'קומט ביי אים גאָרנישט אַרויס. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן. ווו ער האָט דערטאַפּט אַ געפעפערטן וויץ, האָט ער געוואַרט אויף רחלען, געווען גליקלעך, ווען זי האָט אים געריסן פאַר אַן אויער, פאַר די האָר, נישט געוואָלט אויסהערן. ער האָט געפּלאַצט פון געלעכטער, זיך גערייטלט און דערציילט, זיך גערייטלט און גע־ווען זיכער, אַז די ווערטער באַליידיקן נישט אים און רחלען אַוודאי נישט.

רחלע איז יעדע ווילע אַריינגעפאַלן אין מאַרק מיט פרישע פּעקלעך, זיי צעעפנט, זיך געפרייט מיט יעדער קלייניקייט, געהאַלטן אין איין איינהאַנדלען מציאות. וואָלף האָט זיך געשראָקן פאַר די מציאות, נישט געזען ס'זאָל אַמאָל אַ סוף נעמען, געצאָלט און נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער קרעכצט. דערצו איז רחלע פאַר דער חתונה שע־נער געוואָרן, אַן אמתע כלה, און עס איז גענוג געווען אַ שמייכל, אַ ווונק, וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט, וואָלף זאָל אַלץ נאָכגעבן.

ידידיה האָט שוין געהאַט אָפּגעקליבן עופות אויף דער חתונה. זיי געפּיטערט דריי מאָל אַ טאָג. ער האָט אָפּגעשלאָסן די קאַמער מיט פּאַשע, ווו די אָפּגעקליבענע עופות זענען געשטאַנען אין אַ שטייג. בלויז רחלען האָט ער אַריינגעפירט אין דער קאַמער, איר געוויזן ווי די הינער הייטלען זיך, קריגן גריוון.

כמעט יעדן טאָג ווען וואָלף האָט פאַרמאַכט דעם מאַרק, האָט ער אָפּגעטרעטן ביי זיך אין דער וווינונג. דאָ האָט ער אַריינגעקלאַפּט אַ נאָגל, דאָרט עפּעס אויפגעהאָנגען, איבערגעשטעלט ס׳מעבל און מיט דרך-ארץ געקוקט אויף די בעטן. ער האָט נישט אויפגעהערט אויס-צופּרובירן די הילצערנע בעטן מיט די געשניצטע מצבות, ווו די חאָריקע מאַטראַצן האָבן זיך געוויגט אויף די שפּרינג-פּעדערס, ווי הוידעס.

און אַז ער האָט זיך אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער גרייס, גע-שווומען פון איין בעט אין צווייטן, זיך געקייקלט, האָט אים זייער באַנג געטון, וואָס טאַטע-מאַמע וועלן נישט זיין אויף דער חתונה. די עלטערן וואָלטן נחת געהאַט מיט זייער וואָלפן. ער האָט זיך געטרייסט מיטן געלט, וואָס ער האָט זיי געשיקט, אָנגעזאָגט, אַז אין דעם טאָג פון זיין חתונה זאָל זיך די משפּחה צונויפקומען און זיך פרייען.

ער האָט געקוקט אויפן מעבל, אויף די קליניקייטן, וואָס זע-נען געווען צעשטעלט אויף די טישלעך, אויף די געזימסן אַרום די ווענט, עפּעס נישט געקענט שלום מאַכן, אַז דאָס אַלץ איז זיינס, און צוממייסטן האָבן אים באַאומרויקט די בעטן. ס׳האָט זיך אים נישט געגלייבט, אַז דאָס גרויס גליק, וואָס האָט אים שוין יאָרן-לאַנג נישט געלאָזט שלאָפן, שטענדיק געווען אַזוי ווייט, אַז דאָס גליק זאָל מיט-אַמאָל ווערן אַזוי נאָענט, זיין אין יעדן ווינקעלע פון די צימערן, די זיכערקייט, אַז ער דאַרף נאָר אויסשטעקן די האַנט און אַלץ איז זיינס, האָט גלייכצייטיק קלענער און גרעסער געמאַכט אין אים די פרייד.

וואָלף האָט געהערט ווי מען שליסט די טיר, רחלע איז אַריינ-געקומען מיט פּעקלעך. ער איז אַנטקעגנגעלאָפן, געלאָפן אויפוויקלען די פּעקלעך, געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

זי האָט אים געזאָגט, אָנגערופן יעדע זאַך אין ענגליש, אים געלערנט. ער האָט זיך געפלייסט נאָכצוזאָגן, נישט געכאַפּט דעם ריכ־טיקן אַקצענט און זיך סתם געפרייט:

— גוט, וואָס ביסט געקומען, רחלע!

— ביסט שוין לאַנג דאָ?

— נאָר־וואָס.

זייערע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

צייט וואָלף האָט גענומען גיין מיט רחלען האָט ער זיך אינ־גאַנצן געביטן. ער האָט זיך מער נישט באַטראַכט ווער עס איז בילכער — רחלע, צי דאָס געשעפט, ווי ער פלעגט עס טון מיט רעגינען. ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט, נישט געגלייבט ער זאָל זיך אַזוי ענדערן, — אַרומגעגאַנגען אַ שיכּורער. וואָס נענטער עס איז געקומען צו דער חתונה, האָט וואָלף זיך אַרומגעזען, אַז דער מאַרק, די קונים, זיין פאַרמעגן — דאָס אַלץ איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט רחלען.

וואָלפס קאָפּ איז געלעגן אויף רחלעס קני. ער האָט אַריינגע־אָטעמט די פרישקייט פון איר לייב, וואָס האָט זיך געשוימט איבער זיינע ליפּן, געזען ווי רחלע שמייכלט און געווען אין ספק, צי איז דאָס ער, וואָלף, וועמעס טאַטע איז אַ האַלב לעבן געווען אַ טרעגער, צי איז דאָס אמת, אַז ער נעמט ר׳ אַברהמלס טאָכטער פאַר אַ כּלה? ער קען איצט טון מיט רחלען, וואָס ער וויל. ער וועט אָבער נישט טון, וועט וואַרטן ביז נאָך דער חופּה און זיינע ליפּן פאַרשרפּהטע, אויסגעהונגערטע האָבן געגלעט איר פּנים, אירע פּיס, אויסגעקושט יעדן פינגער באַזונדער.

וואָלף האָט אויפגעציטערט, רחלע האָט אַ כאַפּ געטון צווישן די ליפּן זיין אויער־לעפּעלע און לייכט אַ ביס געטון:

— מיין גרויס יינגל.

— האָסט מיך ליב? — האָט וואָלף נישט געוווסט וואָס ער פּלאַפּלט.

זי האָט נישט געענטפערט. אירע שוואַרצע אויגן זענען געוואָרן טיף, געבלישטשעט ווי פאַרשאָטנטע וואַסערלעך, פאַרזיכערט, אַז זי איז זיינע מיט לייב און לעבן.

ער האָט געלאַכט הויך, הילכיק.

— וואָס לאַכסטו, נאַרעלע? — איז רחלע געוואָרן אָנגעשטעקט מיט זיין געלעכטער און אירע פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די קנעפּלעך פון זיין העמד.

— ס'איז מיר ווויל, רחלע.

— ביסט אַ ביי-בי!

— ס'איז מיר ווויל! — האָט ער העכער אַ געשריי געטון און זיך געטראַכט, אַז ס'איז אים טאַקע ווויל, וואָס ער האָט צעריסן מיט רעגינען. — ווייסט, רחלע, מען דאַרף פאַרבעטן אויף דער חתונה אייבין.

— מען דאַרף טאַקע.

— כ'האָב אָבער מורא, אַז ער וועט אָן רעגינען נישט קומען?

— כ'וואָלט זי אויך פאַרבעטן. — האָט רחלע געשמייכלט. — אויף צעפּיקעניש!

— מוחל, מוחל. — האָט וואָלף זיך אָפּגעשאָקלט.

— און ווייסטו, וואָלף, וועמען מען דאַרף נאָך פאַרבעטן און טאַקע באַלד?

— וועמען?

— דעם טאַטן.

— וואָס פאַר טאַטן? — האָט וואָלף זיך אויפגעזעצט.

— מיינעם. — האָט רחלע געשמייכלט. — ער איז שוין ווידער אַוועק אין „שטיבל”, קומט צומאָל נישט אַהיים נעכטיקן

— וואָס, ס'האָט אים עמעצער באַליידיקט? — האָט זיך וואָלפס פּנים געענדערט, ווי ער וואָלט געהאַט גרויס צער דערפון.

— ווער טשעפּעט אים? — איז רחלע אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, גענומען אויסגלייכן די פאַלדן פון קלייד. — מן-הסתם ווידער אים אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ!

— רעד נישט אַזוי. — האָט וואָלף איר פאַרשטעקט מיט דער האַנט דאָס מויל.

— אַז אַלע אַנדערע טעג דאַכט זיך אים, אַז ער טוט נישט גענוג פאַר גאָט. — האָט רחלע זיך אַרויסגעדרייט פון הינטער וואָלפס האַנט.

— מן־הסתם ווייסט ער. — איז וואָלף געווען פאַר ר׳ אַברהמלען שטאָל און אייזן. — וואָס, מיר טוען עפּעס פאַר גאָט?

— דאַרף מען אַנטלויפן פון שטוב?

— אַז ר׳ אַברהמל אַנטלויפט, דאַרף מען!

— כ׳האָב מורא, וועסט שוין באַלד אָנהייבן צו גיין אין זיינע דרכים. — האָט רחלע אים לאַבוזעוואַטע אַ קוק געטון אין פּנים אַריין.

— מיינסטו, ס׳וואָלט געווען אַן עוולה?

— כ׳וואָלט דיך אַוועקגעוואָרפן. — האָט רחלע ווילעריש אַ ווונק געטון.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט, געטראָגן זי פון איין צימער אין צווייטן, זי גערייצט:

— נו, וואַרף מיך אַוועק! נו, זיי אַ בריה, וואַרף מיך אַוועק!

— ס׳איז שפּעט, וואָלף. — האָט זי זיך געבעטן ביי אים, פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט, ער זאָל זי נישט קושן.

— ווילסט איצט אַריבערגיין אין „שטיבל״? — האָט וואָלף זי אַוועקגעשטעלט לעבן זיך, נישט מיד געוואָרן זיך צו שפּיגלען אין איר.

— כ׳וויל מיר ביידע זאָלן אַריבערגיין.

— גוט, רחלע!

וואָלף האָט אַוועקגעשטעלט רחלען אין דער ליכט, גענומען רייניקן אירע קליידער מיט אַ באַרשט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, געפּוצט אירע שיך. די זיידענע זאָקן האָבן זיך ערגעץ פאַרלאָפן צווישן שפּוצן און שפּיצלעך, דאָס קליידל, אַ האָריקס, האָט געפּאָכעט איבערן פּנים, געצונדן אין די טיפענישן וואָלקנס, זיי געטריבן אין מוח אַריין.

איבער אַ רגע האָט וואָלף געקוקט אויף דער באַרשט, נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט איר. צום סוף האָט ער זי אַ שיק געטון פון זיך, אַ כאַפּ געטון רחלען אויף די קני, זיך מער נישט געשראָקן פאַרן ליכטיקן פענצטער, ווו די זון, אַ פייערדיקע, האָט זיך געזעצט, זיך געשפּיגלט אין יעדער שויב. אַ גזאַנג אָן ווערטער האָט זיך געטראָגן פוןביידן, אָפּגענומען ביי זיי ס׳לשון, צערעדט האָבן זיך די

שטומע גלידער. דאָס הייסע בלוט און דאָס געזאַנג איז געוואָקסן מיט דער פאַרשייטקייט.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, זיך געהאַלטן פאַר די הענט און קיינעם נישט געזען. די טראָטואַרן זענען געוואָרן געפּאַקטער, נישט דורכצוגיין. מענטשן צעקנייטשטע, אָפּגעאַרבעטע האָבן זיך גע-איילט נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, געגאַנגען אַהיים. מען האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן די אייגענע נישטיקייט, אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן גע-זאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואָלפן, פון רחלען, געמאַכט פלאַץ. אין די פאַררויכערטע מוחות האָט זיך עפּעס אַ ריר געטון און די אויסגעווייקטע פּנימער האָבן געשמייכלט.

וואָלף מיט רחלען האָבן זיך געהויבן איבער הילצערנע טרעפּן, געגאַנגען אין „שטיבל" אַריין. אין פאָדערהויז האָט אויף זיי אַ שלאָג געטון אַ ריח פון אַ בית-הקברות. זיי זענען געבליבן שטיין, זיך אָנ-געקוקט און איין בליק האָט זיך געבעטן ביים צווייטן: — לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען, לאָמיר אַנטלויפן.

זיי זענען אַריין אין „שטיבל", געבליבן שטיין ביי דער טיר. ס'איז שוין געווען טונקל. אויפן „מענטשלפיס" האָבן געברענט עטלע-כע יאָרצייט-לעמפּלעך. די קנייטלעך האָבן זיך געטאָפּיעט אין בלאָע פייערלעך, ווי אין אָקעוויט-פלעמלעך.

ר' אַברהמלס קול האָט זיך געטראָגן איבער דעם האַלב-פינצטערן „שטיבל", געוואָרן העכער, אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַז מען האָט זיך לענגער איינגעהערט, האָבן די ווערטער זיך אויסגעשטעלט אין שורות, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געביידע, אַ שטאָק איבער אַ שטאָק, ווי יעדער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַרויף, איז געוואָרן זיכערער, אויפגעהערט בלאָנדזשען.

אַרום אַ באַזעצטן טיש זענען געשטאַנען עלטערע יידן, איינער איבער דעם אַנדערן, זיך איינגעהערט ווי ר' אַברהמל לערנט. ר' אַברהמלען אַליין האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען, מען האָט אים בלויז געהערט.

פון צווישן דער מענגע קעפּ מיט בערד האָט אַרויסגעגלימערט אַ פלעמל פון אַ ליכט, וואָס ר' אַברהמל האָט געהאַלטן. דאָס פלעמל האָט איבערגעטראָגן די קעפּ מיט די בערד, פאַרגרעסערטע, אויף די

טונקעלע ווענט. ווי ס׳וואָלט נישט געשטאַנען אַיין עדה יידן, נאָר דריי.

וואָלף מיט רחלען זענען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, זיך נישט גערירט פון אָרט און זיך איינגעהערט ווי דער פאָטער לערנט. ר׳ אַברהמל האָט זיך פאַרהוסט. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך צע־שמייכלט, און כאָטש זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס די „סטרא־אחרא״, האָבן זיי פונדעסטוועגן דערפילט, אַז מיט זייער אַרי־בערטרעטן די שוועל, האָט זיך עפּעס, וואָס איז זינדיק, געגומען פלאָנטערן אין ר׳ אַברהמלס לערנען.

אי וואָלף, אי רחל האָבן דאָ, אין דעם הויז, ווו יידן קומען הערן גאָטס וואָרט, זיך נישט געקאָנט באַפרייען איינער פון צווייטן. אַרום די צעפלאַמטע באַקן האָבן די קושן זיך נאָך אַלץ געטראָגן מיט דער קילקייט פון מיענטע־צוקערלעך. אַלץ אין זיי איז געווען צעשרויפט, אויסגעהונגערט, געוואָלט אָנהייבן אויפסניי. און ווי שטאַרק איינער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פונעם צווייטן, האָבן די זינדיקע מחשבות נישט דערלאָזט, געוואָרן אויסגעלאַסענער, ווי זיי וואָלטן אויף צו־להכעיס זיך געריי‌צט מיט גאָטס הויז.

דער גבאי האָט דערזען ביי דער טיר אַ מיידל, האָט ער זיך אַ הייב געטון פון הינטערן טיש און איז צוגעגאַנגען:

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— כ׳בין ר׳ אַברהמלס טאָכטער. — איז ס׳פּנים ביי רחלען גע־וואָרן צנועהדיק.

— אַזוי, ר׳ אַברהמלס טאָכטער, טאָ וואָס שווייגט איר? — האָט דער גבאי געוויזן אויף דער באַנק ביי דער וואַנט. — איר ווילט דאָ אַוודאי דעם טאַטן? זיצט, כ׳וועל אים באַלד צופירן.

— זייט אַזוי גוט און זאָגט אים, אַז רחל איז דאָ.

— און ווער איז דער מאַן? — האָט דער גבאי זיך נישט גע־רירט פון אָרט.

— דאָס איז מיין חתן.

— אַזוי. — האָט דער גבאי אַ צי געטון ס׳וואָרט, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איצט איז אים אַלץ קלאָר, און איידער ער איז נאָך געווען ביים טיש, האָט ער זיך צערעדט:

ר׳ אַברהמל, אייער טאָכטער איז דאָ!

— פרעג זי, צי ס׳איז פּיקוח-נפש. — האָט ר׳ אַברהמל נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר.

און אַז דער גבאי איז צוריקגעקומען, אים דערציילט, אַז פּיקוח-נפש איז עס נישט, מען דאַרף אים אָבער נייטיק זען, ס׳וועט לאַנג נישט נעמען, אַ מינוט, האָט ר׳ אַברהמל זיך אָנגערופן:

— תורה איז בילכער. זאָג מיין טאָכטער, אַז זי קאָן צוואַרטן.

וואָלף האָט געגלייבט, אַז דערמיט שטראָפט אים ר׳ אַברהמל, געוווען גרייט צו וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט, אַבי אָפּצוקומען פאַר די זינד, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין שטילן אין אים.

די יידן האָבן פאַרגעסן אָן וואָלפן מיט רחלען, זיך צוריק צע-שטעלט אַרום טיש, געבויגן די קעפּ צום פלעמל פון ליכט, וואָס האָט געדיכטער געמאַכט די טונקלקייט, און זיך איינגעהערט ווי ר׳ אַברהמלס שטים האַלט אין איין וואַקסן, ברענגט אַריין יעדערן אין התפּעלות.

רחלע האָט יעדע ווײַלע אַ נעם געטון וואָלפן פאַר אַ האַנט, אַרויפגעלייגט אירע פינגער אויף זיין פּוס, ווי זיי וואָלטן נישט גע-זעסן אין אַ „שטיבל”, נאָר אין אַ „מוווינג פּיקטשור”. וואָלף האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּרוקן, געליטן וואָס רחלע טשעפּעט זיך צו אים, געזען ה׳ מיט יעדן באַריר אירן ווערט אים טונקעלער אין די אויגן. דער נישט-גוטער, וואָס זיצט אין אים, ווערט פאַרשייטער, פלאָנטערט זיך אין ר׳ אַברהמלס רייד, און די שרעק, אַז ס׳קאָן יעדע רגע עפּעס געשען אַן אומגליק, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

צום גליק האָט ר׳ אַברהמל זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעזאָגט אַ וואָכעדיקן רבנן-קדיש און איז צוגעקומען צו דער טאָכטער.

— רחלע? און אָט איז דאָך וואָלף!

ביידע האָבן זיך אַ שטעל געטון.

— טאַטע, — האָט רחלע גערעדט פאַר וואָלפן, — איך, מיר זיי-נען געקומען דיך בעטן אויף דער חתונה.

— איר זענט מיך חושד, אַז כ׳האָב פאַרגעסן, האַ? — האָט ר׳ אַברהמל געשמייכלט.

— אַז ביסט שוין צוויי טעג אַוועק פונעם הויז. — האָט רחלע זיך פּרובירט פאַרענטפערן.

— כ׳בין אַוועק צוליב אייך, קינדער. -- האָבן די אויגן ביי אים געלויכטן. — דאָ, אין „שטיבל״, איז רויקער, מען קען לייכטער אויסבעטן ביים רבונו-של-עולם אַ שטיקל מזל...

— האָסטו כאָטש געפּועלט, טאַטע? — האָט רחלע געוואָלט אַ לאַך טון און איז צוגעפאַלן מיט די אויגן צום פּאָטערס האַנט.

— דאָס וועלן מיר ערשט זען. — האָט ער זי באַרויקט.

וואָלף איז געשטאַנען אַ צעפלאָכטענער, נישט געוווּסט וואָס אָנ-צוהייבן טון מיט זיך און געגלאָצט מיט די אויגן.

ר׳ אַברהמל האָט זיי צוגעפירט צום אַרויסגאַנג, און אָנגעזאָגט רחלען:

— זאָג דער מאַמע, אַז כ׳וועל מאָרגן, אם-ירצה-השם, איר אַרי-בערשיקן אַביסל געלט. זע זי זאָל נישט זאָרגן און גייט געזונטערהייט.

# 15. וואָלף האָט חתונה

אַכט אַזייגער איז דער גרויסער חתונה־זאַל אויף דעלענסי־סטריט שוין געווען געפּאַקט. דער עולם איז געווען אַ געמישטער, זיך גע־האַלטן באַזונדער. די בענק אַרום דעם זאַל האָבן פֿאַרנומען די פֿישער פֿון אונטער ווילִיאַמסבורג־בריק מיט זייערע ווייבער. די פֿלעשער שנאַפּס, די קאַראַווקעס ווײַן זענען געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. סײַ מאַנסבילן, סײַ ווייבער האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער משקה, פֿאַרביסן מיט לעקעך, מיט טאָרט, געוואָרן אַלץ אויפֿגערוימטער. די מיט די לויזע צינגער האָבן געווילט דעם עולם מיט גלײַכווערטלעך, מיט הלצות, זיך צווײדייטיק איבערגערעדט מיט די ווייבער און ווען עס וויץ עס איז געווען פּעפּערדיקער און גרעבער, דער האָט אויסגענומען.

אַ רויטער פֿישער, וואָס האָט נישט אַרויסגעלאָזט אַ פֿלאַש בראָנפֿן פֿון דער האַנט, האָט זיך אויפֿגעשטעלט. זײַן צונג אַ צע־שרויפֿטע איז געגאַנגען אויף רעדלעך, נישט גערוט אַ רגע. ער האָט זיך ליַיכט געהויבן אויף די אָפּצאַסן און אַרײַנגעטענהט אין אַ יונג אויסגעקנעטן ווייבל:

— כ׳בעט אײַך, רבקה, אויב איר זענט יאָ אַזאַ חכמה, זאָגט־זשע מיר, פֿאַרוואָס גיט מען אַ הון פֿאַר דער שחיטה אַ טרונק וואַ־סער און אַ כּלה גיט מען אַ טרונק ווײַן? האַ? — האָט ער זיך אַ דריי געטון צום איבעריקן עולם. — ווער ווייסט?

— דײַן חכמה, חיים, האָט שוין אַ באָרד. — האָט אַ כוואַטסקע פֿישערין אים אָפּגעשטופּט פֿון זיך. — דו זאָג מיר בעסער, פֿאַרוואָס גייט אַ כּלה צומאָרגנס נאָך דער חתונה מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז? אָבער דו ווייסט נישט?

— נו, — האָט דער עולם געלאַכט, געשטופּט חיימען פון איי-
נעם צום צווייטן, — אַ קנאַ-קער!

די חסידים פון גרענד-סטריט-„שטיבל" זענען געזעסן מיטן חתן
אין אַ זייטיקן צימער. די טירן זענען געווען אָפן, אַרויסגעגאַנגען
אויפן טאַנץ-זאַל און דער חתן האָט זיך געקאָנט איבערקוקן מיט דער
כלה. ער האָט עס אָבער נישט געטון, געזעסן אַן אָפּגערייטלטער
צווישן די חסידים, זיך איינגעהערט ווי ר' אַברהמל זאָגט תורה. ער
האָט קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען, דאָס זיצן אָבער האָט אים געמאַכט גע-
הויבענער און ער איז געווען גליקלעך, ווען ר' אַברהמלס גוטע אויגן
האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים בשעתן רעדן.

דער אַלטער לייזער, וועלכער איז נאָך זיין זונס טויט געוואָרן
אַ צעדולטער, אויפגעהערט רעדן, איז אונטערגעקומען מיט אַ קויש
לעקעך, מיט פלעשער בראָנפן. לייזער האָט צעשטעלט גלעזלעך, גע-
זען מען זאָל אָנגיסן און דער ערשטער אַ הייב געטון זיין גלעזל צו
ר' אַברהמען, געריידט מיט אַ ציטערדיק קול:

— ווינטשט מיר, ר' אַברהמל, איך זאָל מער פון קיין צער
נישט וויסן!

— מען זאָל דערלעבן דעם שופר של משיח! — האָט אַן על-
טערער חסיד איבערגעדרייט זיין גלעזל אין מויל אַריין.

— הלוואי! — האָבן עטלעכע אונטערגעכאַפּט.

לייזער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן גלעזל אין דער האַנט,
געציטערט און געוואַרט, וואָס ר' אַברהמל וועט אים צווינטשן.

— דער זכות פון דער תורה הקדושה זאָל אונז אַלעמען ביי-
שטיין! — האָט ר' אַברהמל אויפגעהויבן זיין גלעזל און געוואַרעמט
לייזערס קאַלטע האַנט מיט זיינער.

— לחיים! לחיים!

— לחיים, ר' אַברהמל! לחיים, חתן! און דו, ידידיה, — איז
בונים דער פעדלער אַפּערגעגאַנגען פון טיש, אָנגעגאָסן ידידיהן אַ
האַלב גלעזל בראָנפן, — טרינק, וועסט נישט שיכור ווערן, ס'איז דאָך
אַ בפירושע גמרא: שוטה אינו ניזוק!

די חסידים האָבן זיך נישט געמאַכט, וואָס אויפן זאַל האָט זיך
געריסן אַ וואַלס. אַ יונגערמאַן האָט זיך מיט פינף פינגער אויסגעקעמט

זיין געדיכט בערדל, וואָס איז מער געוואָקסן אין האַלז אַריין, ווי אַרום דער גאָמבע, פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן אַ ניגון, הויך, העכער, און וואָס העכער, אַלץ קלאָרער. דער יונגערמאַן האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אין דער קלאָרקייט איז געווען אַ שטילער האַרציקער טרויער, וואָס איז פאַרשוווּנדן און צוריקגעקומען. דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט, יעדער אויף זיין שטייגער, און דעם יונגנמאַנס שטים האָט אַלעמען אַריבערגעשטיגן, נישט געלאָזן איינזיצן. די פיס האָבן זיך געשאַרט אונטערן טיש, זיך געריסן אין זאַל אַריין ווי עס איז געווען מער פּלאַץ.

קיינער האָט זיך אָבער נישט געהויבן, געוווּסט, אַז פאַר דער חופּה טאַנצן ווייבער. די אמתע טענץ, די חסידישע, הייבן זיך אָן שפּעט אין אָוונט, נאָך דער סעודה. איין בונים האָט זיך דורכגעשטופּט מיט די עלנבויגנס אין טאַנץ-זאַל אַריין. עס איז גענוג געווען צוויי, דריי גלעזעלעך און ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן. בונים האָט געטאַנצט לייכט, כמעט געשטאַנען אויף אַן אָרט, געטאַנצט פאַר זיך, ביחידות און יעדע ווילע איבערגעשראָקן די אַרומיקע, אויסגעשריגן:

— טאַטע-פּאָטער!

די כּלה אין ווייסן, אַ פאַרשלייערטע, איז געזעסן אין אַ הויכער געשניצטער שטול. יונגע ווייבלעך, מיידלעך האָבן זי אַרומגערינגלט, זיך געשושקעט. יעדע האָט נאָך געהאַט אויף איר חזקה. די מיידלעך האָבן רחלען נאָך געהאַלטן פאַר אַ זייעריקער און די ווייבלעך האָבן זי שוין אַריינגענומען צווישן זיך.

אַ קלעזמער, אַן איבערגעוואָקסענער, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, האָט געשפּילט אַ „טו-סטעפּ". די עלטערע ווייבער האָבן זיך צעשריגן:

— היימישע טענץ! היימישע!

— מיר ווילן היימישע!

— וואָס מיר „טו-סטעפּ", ווען מיר „טו-סטעפּ" — אַ פּאָלקע, קלעזמער!

דער קלעזמער איז נישט נתפּעל געוואָרן, אויסגעדרייט דעם בויגן, זיך צומאָל קיין קרום נישט געטון און אַ מידער, אַ שלעפּערדיקער אָנגעהויבן אַ וואַלס.

פֿאָרלעכווייז האָבן מיידלעך, ווייבלעך זיך געדרייט איבערן ענגן זאַל. דער וואַלס איז געוואָרן לוסטיקער, לעבעדיקער, מיטגעשלעפּט דאָ אַ זקנה, דאָרט אַ פֿישער, דער פֿישער האָט אַ כאַפּ געטון זיין יידענע, זיך געלאָזט מיט אַזאַ רחבות און נישט בלויז מיט די פֿיס, נאָר מיטן גאַנצן גוף, אַז די מיידלעך זענען זיך צעלאָפֿן, ווי איבער־געשראָקענע פֿייגל.

חייה־רבקה מיטן גבאיס ווייב האָבן סערווירט די געסט מיט קלאָשן צוקערוואַרג, מיט ברכות און ווינטשענישן.

— מערטשעם ביי אייער .דינהן, חייה־רבקה! — האָט אַ הויכע יידענע, מיט וואָרצעלעך אויף דער נאָז און אויף די באַקן, זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר.

— אַ דאַנק, קרוינעשי. — זענען די ווערטער ביי חייה־רבקהן אַרויסגעקומען כשרע, געטובלטע. — מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט...

— אַוודאי האָבן מיר אַ גרויסן גאָט. — האָט די יידענע איבער־געריסן חייה־רבקהן און די וואָרצעלעך ביי דער יידענע אויפֿן פּנים האָבן אויפֿגעלויכטן. — טאָ ווינטשט מיר טאַקע צו, אַז אין אייער זכות, אין אייער מאַנס זכות,—וואָס זאָל איך לייקענען, זיי זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, די טעכטער מיינע, כ'דערלייג נישט צו זיי, נאָר פֿאָרט טעכטער און איך, קרוין, בין שוין נישט יונג, כ'וויל האָבן אַ קדיש...

— איר וועט מערטשעם האָבן...

— פֿון אייער מויל, חייה־רבקה, אין גאָטס אויערן!

איבערן זאַל האָט מען זיך מיטאַמאָל גענומען שושקען. פֿאָרלעך האָבן אויפֿגעהערט טאַנצן און עס איז געוואָרן גראָמער.

אייבי מיט רעגינען האָבן זיך געטראָגן צו דער כּלה. ס'איז געווען אַזוי אומדערוואַרט פֿאַר רחלען, אַז זי האָט זיך אַ שטעל געטון און זיי אַנטקעגן געגאַנגען. רעגינע האָט זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט און צעקושט איין מאָל און נאָך אַמאָל, דערנאָך האָט זי רחלען קונציק איבערגעגעבן צו אייבין. זיי האָבן זיך געדריקט די הענט, זיך געקוקט אין די אויגן און מיטאַמאָל, ווי פֿון זיך, האָט מען זיך צעקושט און זיך פֿאַרשעמט. די פֿאַרדראָסן זענען אין דער רגע ביי

אַלע דריי צעשוומען, מען איז געשטאַנען ליכטיקע, פאַרגונען איינער דעם צווייטן, און דאָס געוואָלט אויסווייזן.

— און ווו איז דער חתן? ווו איז וואָלף? — האָט אייבי זיך געפרעגט.

— מיט די מענער. — האָט רחלע געוויזן אויפן צווייטן צימער, און געשמייכלט. — מיר זענען דאָך עפּעס חסידים!

— איי-איי, טאַקע. — האָט אייבי זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ, — קום, רעגינע, מיר וועלן ווינטשן וואָלפן מזל-טוב! און איר, כלה, קומט אויך מיט אונז!

רעגינע האָט גענומען רחלען אונטערן אָרעם, לעבן רעגינען האָט זי אויסגעזען קלענער, דינער, — אַ מיידעלע. אַלע דריי זענען אַריין צווישן די חסידים, וואָס האָבן געזונגען צוזאַמען, זיך פאַרגאַנגען מיט דבקות.

— מזל-טוב, וואָלף! — האָט אייבי אים אַ פּאַטש געטון איבער דער פּלייצע.

וואָלף האָט זיך אַ הייב געטון, זיך צעקושט מיט אייבין, זיך באַגריסט מיט רעגינען, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען און אַ קוק געטון אויף רחלען מיט אַזאַ פּאָר אויגן, אַז דער קלענסטער פאַרדראָס און חשד האָט געמוזט פאַרשווינדן.

— וואָס זיצסטו דאָ מיטן אַלטוואַרג? — האָט אייבי געצייגט אויף די חסידים און אַ נעם געטון וואָלפן אין העלפט. — קום מיט מיט אונז אין טאַנץ-זאַל!

— פאַר מיר פאַסט נישט איך זאָל איצט אַוועקגיין. —האָט וואָלף געוויזן אויפן טיש מיט יידן.

אייבי, אַ רירעוודיקער, האָט זיך אויפן אָרט אָנגעגאָסן אַ שנאַפּס, איז צוגעגאַנגען צו ר' אַברהמלען און אים צוגעשטעקט אַ האַנט:

— לחיים, מחותן, אם-ירצה-השם ביי אייערע יונגערע קינדער!

— לחיים, אייבי, לחיים!

— און אָט איז דאָך ידידיה! — האָט זיך אייבי מיט אים אַרומגעכאַפּט. — אָבער ווער, מחותן, האָט געמאַכט פון ידידיהן אַ לייט? אין!

— קומט דיר טאַקע אַ יישר-כוח!

— מחותּן, — איז אייבי געוואָרן דרייסטער, — כ׳וועל בײַ אײַך אויף אַ ווײַל צונעמען דעם חתן, די יידן אין טאַנץ־זאַל ווילן אים אויך האָבן צווישן זיך.

— אַז מ׳רייסט זיך איבער דיר, וואָלף, גיי! — האָט ר׳ אַברהמל געשמייכלט.

דאָס געזאַנג אַרום טיש איז געוואָרן לעבעדיקער. די זינגער, אויפגערוימטע מיט בלישטשנדיקע אויגן, האָבן געקוקט אויף רעגינען, וואָס האָט גערעדט מיט פּינחסן, און מיטגעזונגען. איינער האָט געפרעגט בײַם צווייטן:

— ווער איז זי? ווער איז זי?

פּינחס איז געשטאַנען אַ פּאַרטראַכטער. אַז ער האָט דערזען רעגינען, האָט זיך בײַ אים אין מוח עפּעס איבערגעדרייט. ער איז איצט גרייט געווען אַלץ צו טון, אַבי צו זיין מיט איר.

— כ׳דאַרף מיט אײַך נישט רעדן, מיסטער לאַנדע. — איז אין רעגינעס שטים געווען אַ פּאַרדראָס און דאָס פּנים האָט געשיינט. — איר לאָזט אונז איבער און אַנטלויפט!

— זייט נישט בייז, רעגינע. — האָט פּינחס פּרובירט זיך צו פּאַרענטפערן. — איר זעט דאָך, אַז כ׳בין אַ צעדרייטער.

— וואָס האָט איר זיך אָוועקגעשטעלט.—איז אייבי צוגעקומען.— קומט אין זאַל אַריין!

רעגינע האָט זיך אַזוי אַ שטעל געטון, אַז פּינחס האָט זיך מער נישט געקענט צוריקציען, שוין געווען ווייט פון טיש, געגאַנגען מיט איר אין זאַל אַריין.

— וואָס פאַר אַ שפּילן? — האָט אייבי אַ געשריי געטון צו וואָלפן. — איין קלעזמער ווי אויף אַ גויישער חתונה?

— וואָס פרעגסטו מיך? — האָט וואָלף אַ הייב געטון די אַקסל.

—דו האָסט דאָך חתונה, נישט איך. — און אייבי האָט איינס־צוויי דערטאַפּט דעם אייגנטימער. — איר האָט גאָר קיין קאַפּעליע נישט, כ׳מיין אַ „בענד״־מוזיק?

— וואָס הייסט מיר האָבן נישט? — האָט דער אייגנטימער גע־עפנט אַ פּאָר אויגן ווי עמעצער וואָלט אים באַליידיקט.

— שיקט-זשע אַריין די קאַפּעליע אייערע! — האָט אייבי אַרויס־געכאַפּט דעם בייטל.

וואָלף האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. די פּנימער, גרוי־סע, ביינערדיקע, ענלעך איינס אויפן צווייטן, ווי ביי לייבלעכע ברי־דער, זענען פון גוטסקייט געוואָרן צעשוווּמען. די אויגן זענען גע־ווען בגילופין, זיך געצונדן. וואָלף האָט זיך געבעטן:

— צאָל נישט, אייבי, וועסט נישט צאָלן, ביסט מיין גאַסט!

— באַליידיקסט מיך, וואָלף. — האָט אייבי זיך געריסן. — אַז מיין שוועסטער-קינד האָט חתונה און ער האָט דאָ קיינעם נישט... העי, באָס, וויפל?

— אַן עקסטרע צענערל!

די פּאָר מענטשן האָבן געשטערט די חתונה. דער עולם האָט אויפגעהערט טאַנצן, אַרומגערינגלט וואָלפן מיט אייבין. הנאה געהאַט וואָס מען אַמפּערט זיך. רעגינע האָט פאַרשיינט דעם זאַל. אירע פּיי־ערדיקע האָר, דאָס ווייסע פּנים, די נאָך ווייסערע פּלייצעס, דאָס שוואַרץ זיידענע קלייד, אַ ווייכס, וואָס האָט זיך געקנייטשט, געפּעלדלט ווי אַ זומער-ווינטל, זיך געבערגלט און דאָס יונגע לייב האָט געשי־פּעט, ווען זי איז אַפילו געשטאַנען.

— ווי קומט אַזוינס צו אַברהמלען אויף דער חתונה? — האָט איין פישער אַ שטופּ געטון דעם צווייטן.

— רבישע טעכטער זענען שטענדיק די שענסטע!

— איי, אַ מויד!

— זע נאָר, ווי ער באַלעקט זיך?

— נו, משהקע, זיי דו אַ בריה און באַלעק זיך נישט. — האָט דער פישער געחידושט, וואָס ער טוט דאָ. און וואָס פריילעכער דער עולם איז געוואָרן אַרום, אַלץ טיפער האָט זיין אייגן האַרץ אָנגעהויבן זינקען. מיט דער האַנט האָט ער אונטערגעשפּאַרט דאָס האַרץ, ווי עס וואָלט זיך דאָרט ביי אים עפּעס אָפּגעריסן.

רעגינע האָט געפירט וואָלפן, געזען ער זאָל אַריין אין איר טראָט, דאַכט זיך געגאַנגען און גלייכצייטיק געטאַנצט.

— דאַרפסט מיר דאַנקבאַר זיין, וואָלף!

— כ'בין.

זיי זיך מודה, ס'איז דיר גאָרנישט אַ שאָד, וואָס דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפן?

— דו האָסט דאָך מיך אַוועקגעוואָרפן.

— און דו האָסט זיך גלייך געטרייסט מיט רחלען?

ער האָט נישט געענטפערט.

— דאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס דו קריגסט רחלען און נישט מיך. — האָט רעגינע געביטן דעם טאָן, אָנגעשטעלט די אויגן און געוואָלט עפּעס אויסגעפינען.

— כ'דאַנק טאַקע! — האָט וואָלף געוואָלט צוריקכאַפּן די צוויי ווערטער.

— גיי דיר צו רחלען, גיי! — האָט רעגינע אים שטיפעריש אָפּגעשטופּט פון זיך, געלאַכט, און אַז דאָס געלעכטער האָט זיך איבערגעריסן, האָט זיך דערהערט אַ פּאַרדראָס.

וואָלף האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. רחלעס אויגן, אויסגעלאָשענע, האָבן אים באַגעגנט.

רחלע איז געשטאַנען אָן אַ זייט, גערעדט מיט אייבין, מיט דער מוטער און געקוקט אויף וואָלפן מיט רעגינען. זי האָט זיך געזען, וואָס זיי לאַכן, וואָס זיי פּאַרשטייען זיך אויפן ווונק, וואָס זי, רחל, קריגט נישט דעם גאַנצן וואָלף. אַ טייל וועט שטענדיק בלייבן ביי רעגינען. זי האָט מיטאַמאָל דערזען ווי רעגינע שטופּט אָפּ וואָלפן. געוועזן זיכער, אַז ער האָט נאָר-וואָס... זי האָט נישט געקענט צוזוכן, וואָס וואָלף האָט נאָר-וואָס געזאָגט רעגינען און זיך באַגעגנט מיט זיין בליק. וואָלף האָט נאָך ביי איר אין די אויגן קיינמאָל באַרישער נישט אויסגעזען ווי איצט. ער איז צוגעקומען.

— וואָס איז, רחלע? וואָס ביסטו אַזוי בייז?

— גיי, גיי. — האָבן די ווערטער זיך איר געשטעלט אין האַלז.

— זיי נישט קיין קינד, רחלע. — האָט ער גענומען איר האַנט. זי האָט געשוויגן.

— דו, רחלע, ביסט ברוגז, רעגינע איז ברוגז.

— אָבער דו ביסט מיט רעגינען נישט ברוגז? — האָט רחלע אים איבערגעריסן און אירע דינע ליפּן זענען נאָך דינער געוואָרן. — און פיינט האָסטו זי אויך נישט?

— טאָקע דערפאַר, וואָס איך האָב זי נישט ליב, האָט זי מיך אָפגעשטופט! — האָט וואָלף געוואָלט, אַז רחלע זאָל אים גלייבן.

— די גאַנצע וועלט איז איר ווייניק. — האָט ס׳פנים ביי רחלען אויפגעשיינט.

פון דער זייט האָט רעגינע אַ פאָר מאָל אַ קוק געטון אויף פינחסן, וואָס איז געזעסן מיט דינהן. זי האָט געוווּסט, געווען אַפילו זיכער, אַז פינחס מיט דינהן זענען נישט גלייכגילטיק איינער צום אַנדערן. זיי זענען חבר, ווערן אָפט ברוגז און אויב אַ דריטער וועט זיך נישט אַריינדרייען צווישן זיי, אויסרייסן אַלץ מיט די וואָרצלען, וועלן זיי סוף־כל־סוף חתונה האָבן. די פרייד, וואָס האָט נאָר־וואָס געקוואָלן אין איר, האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. די פאָרלעך, וואָס האָבן פאַרבייגעטאַנצט, האָבן נישט־ווילנדיק זי געהאַלטן אין איין שטופן, נישט געלאָזט איינשטיין אויף אַן אָרט. ווי זי האָט זיך אַ קער געטון, האָט זי באַגעגנט פרעמדע, נייגעריקע בליקן, זיך געכאַפט, אַז זי איז אַ נישט־גערופענער גאַסט און נישט איינער האָט מן־הסתם פאַראיבל, וואָס זי, רעגינע, געפינט זיך דאָ אין זאַל. זי האָט אַ וואָרף געטון דעם קאָפ, געווען גרייט יעדן איינעם זיך אַנטקעגנשטעלן, געפילט ווי די ניכפה נעמט זיך בלעזלען אין איר און נישט־טראַכטנדיק קיין סך איז זי צוגעגאַנגען צו פינחסן מיט דינהן:

— פאַרוואָס טאַנצט איר נישט?

— ער קען נישט. — האָט דינה געוויזן אויף פינחסן.

— ער איז אָבער אַ שיין ייִנגל! — איז די שטים ביי רעגינען געוואָרן חוצפהדיקער.

— נישט ווען ער שווייגט. — האָט דינה זיך נישט געוואָלט פאַרטשעפען מיט רעגינען, געזען אַריינצופאַלן אין איר לייכטן פלאַפל.

פינחס האָט געקוקט אויף איינער, אויף דער צווייטער און שטאַרק רויט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך צעקריגן אָן אַ פאַרוואָס און ער האָט זיך געבעטן ביי זיי:

— אויב איר ווילט, איך זאָל נישט אַנטלויפן, הערט אויף צו רעדן וועגן מיר.

— אַ חידוש, וואָס מיידלעך צערייסן אים נישט? — האָט רעגינע מער נישט געזען פינחסן, געקוקט אויף דינהן און צוגעזוכט ווערטער.

— וואָס שווייגסטו, רעגינע? — האָט דינה זיך אויפגעשטעלט.

— וואָס מיינסטו טאַקע, דינה? — האָט רעגינע בייגיק אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, אַראָפּגעקוקט צו דינהן, ווי אַ טיגער צו אַ קעצל. — איך האָב טאַקע חשק צו אים. דאָס וואָס איך בין מיט אייבין, וועט מיך נישט צוריקהאַלטן. די צרה איז אַן אַנדערע. איך מיט פּינחסן זענען מיר ווי שלעכטע טענצער. איינער קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין צווייטנס טראָט, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן, דינה?

— און ער דאַרף דאָך אויך וועלן!

— ביסט נאָך גאָר אַ קינד, דינה. — האָט רעגינע זיך אַ בייג געטון פון געלעכטער און נישט געלאַכט. — מענער ווילן שטענדיק!

— נישט שטענדיק. — האָט פּינחס אָנגעהויבן, נאָר קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט.

— נישט שטענדיק.—האָבן די אויגן ביי דינהן זיך צעשפּילט.— איך ווייס, אַז וואָלף איז געווען פאַרליבט אין רעגינען און איצט איז ביי אים אַלץ רחל און רחל. און רעגינען האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרגעסן!

— און דו גלייבסט?

— נישט נאָר איך גלייב, נאָר איך בין זיכער.

— אַז וואָס? — האָט ס'קול ביי רעגינען געציטערט.

— אַז ער האָט דיך אין דער ערד!

דינהס לעצטע ווערטער זענען פאַר פּינחסן געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ס'פּנים האָט זיך אים פאַרענדערט. ער האָט זיך אַ שטעל געטון צווישןביידע מיידלעך און נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט. דינה האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט. אַרום איר מויל האָט זיך דאָס פּנים געקנייטשט, געקענט באַדייטן אי עקל, אי פאַראַכטונג. זי האָט זיך אויסגעמישט צווישן עולם.

עס איז געוואָרן אַ שטופּעריי. די קלעזמער האָבן צעשאָטן אַ פריילעכס. אָן אַ שיעור הבדלות האָבן זיך געצונדן, געקנאַקט, אָפּגעגאָסן יעדן איינעם מיט בלענדעניש. דער חתונה-מאַרש האָט זיך געריסן העכער, העכער, זיך אָנגעשלאָגן אָן סופיט, זיך געקייקלט, צעברעקלט, געפאַלן איבער די קעפּ, האָבן פיס זיך גענומען הייבן, געטאַנצט אויף צוריק, געטאַנצט אַנטקעגן.

רעגינע האָט זיך געטרעסלט פון כעס, געשטיקט אין זיך די טרערן, וואָס דינה האָט איר באַליידיקט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף פינחסן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? זעסט נישט, אַז איך וויל די פעלערינע, אַז איך קאָן דאָ מער נישט בלייבן?

ער האָט געפאָלגט. זי האָט נאַכלעסיק אַ נעם געטון ביי אים די פעלערינע, זי אַריבערגעוואָרפן אויף דער האַנט, אַרויס פון זאַל. ער איז איר נאָך.

— לאָזט דורך! לאָזט דורך! — האָט די קאַפּעלע באַגעגנט די מחותּנים מיט אַ פריילעכס.

— העכער די שטאַנגען!

— העכער!

— מען פירט דעם חתן אונטער דער חופּה!

— אין אַ מזלדיקער שעה! אין אַ מזלדיקער שעה

יינגלעך האָבן זיך געשטופּט אַרום דער חופּה, זיך געריסן איבער די שטאַנגען. ידידיה איז געשטאַנען צווישן די יינגלעך, דאָס מויל אָפּן, געלאַכט מיט די פּאָדערשטע ציין, זיך געגרייסט, וואָס ער האָט איינער אַליין אַ שטאַנג און געטריבן דאָס קליינוואַרג:

— גראַרי-היר!

אייבי האָט זיך געשטופּט צווישן עולם, געזוכט רעגינען. זי נישט געקאָנט געפינען, ער האָט אָפּגעשטעלט דינהן:

— ווייסט איר אפשר ווו רעגינע איז?

— כ׳ווייס נישט.

די קלעזמער זענען אַנטקעגן געגאַנגען דעם חתן, צעוואַרעמט דעם עולם. ר׳ אַברהמל מיטן גבאי האָבן געפירט אונטער דער חופּה:

— מזל-טוב! מזל-טוב!

## 16. אין וואַלד

פון עטלעכע שטאָטן האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין קומען צום הייליקן וואַלד־מענטש. אַזוי האָט מען גערופן פּינחסעס פֿאָטער, ר׳ שבתין, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין מיטן וואַלד אין אַ הייל. זעלטן ווער עס האָט געוווּסט זיין נאָמען.

געפֿאָרן איז מען צו ר׳ שבתין פון ניו־יאָרק, פון נואַרק, פון ווייטע שטעטלעך אין פּענסילוואַניע. געפּאַקטע אויטאָמאָבילן זענען פאַרפֿאָרן פון די אַרומיקע זומער־פּלעצער, אַריבערגעקומען ווי אויף אַ וווּנדער.

דער געדיכטער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן בעטעל און קרייג און ווו עס האָט זעלטן אַ מענטש פֿאַרבלאָנדזשעט, האָט גע־האַט צו דערציילן וועגן יידן און יידענעס, וואָס האָבן זיך גע־שלעפּט אַ גאַנצן ווינטער אין וואַלד אַריין, אויסגעטרעטן די טיפֿע שנייען.

דעם עולם האָט אויפֿגענומען דער גרויסער משה, כמעט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו ר׳ שבתין. און אַז דער עולם איז געוואָרן דרייס־טער, זיך גענומען רוקן אין דער הייל אַריין, האָט דער גרויסער משה, אַ באָרוויסער, אַ באַוואָקסענער זיך אַוועקגעשטעלט אינעם אַריינ־גאַנג. זיין באָרד, אַ לאַנגע, אַ שוואַרצע, וואָס איז געוואָקסן אַרום די אויגן, האָט צוגעגעבן דעם פּנים אַזאַ גבורה, אַז מענטשן האָבן זיך גערוקט אויף צוריק. ער האָט נישט גערעדט, געשיט פּעך און שוועבל, וואָס האָט אַזוי געפּאַסט צו זיין הייך און גרייס:

— וואָס פֿאַר אַן אָנלויף? גייט אייך געזונטערהייט פון דאַנען, גייט!

העגט האָבן זיך געהויבן. איינער האָט געשטעקט אַ קוויטל,

דער צווייטער אַ פּידיון. מענער, ווייבער, — אַלע האָבן געשטאַמלט, נישט געוווסט ווי אָנצורופן ר׳ שבתין:

— כ׳וויל זען דעם הייליקן!

— צוויי טעג האָט מיר גענומען ביז כ׳בין געקומען אַהער!

— לאָזט אַריין צום רבין!

— אויב דער וואַלד-מענטש וועט מיר געזונט מאַכן מיין קינד,

— האָט אַ יונגע, שיינע דאַמע זיך געעדותט מיטן עולם, — טו איך אַ נדר אויסצובויען אָט דאָ, ווו איך שטיי, אַ שול!

— ווער דאַרף אייערע שולן? ווער דאַרף אייך דאָ? — האָט דער גרויסער משה געשריגן. — איר ווילט מען זאָל אייך העלפן, מען זאָל בעטן פאַר אייך, און אייערע הייזער, אייערע אויטאָמאָבילן, די קליידער, וואָס איר טראָגט אויפן אייגענעם לייב, אַלץ איז פול מיט שדים, פול מיט זינד!

— דערפאַר זענען מיר דאָך דאָ אַהער געקומען. — האָט זיך אייגער אָנגעהויבן פאַרענטפערן.

— געקומען תשובה טון.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער תשובה? — האָט דער גרויסער משה שוין שטילער גערעדט און געוויזן אויף דעם צירונג, וואָס די שיינע דאַמע האָט געטראָגן. — אייער תשובה האָט פונקט אַזאַ ווערט, ווי איינער, וואָס איז זיך טובל און האַלט אַ שרץ אין דער האַנט!

און אַז דער עולם איז געבליבן שטיין אַן אָפּגעשייגעצטער, זיך געפונען אויג אויף אויג מיט אַ מענטש, וואָס דאַרף גאָרנישט, און מיט דער אייגענער עשירות איז זיך נישט געווען וואָס איבערצונעמען, איז דער גרויסער משה געוואָרן ווייכער און האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— וואַרט צו!

שפּעט אין אָוונט האָט זיך ר׳ שבתי באַוויזן אין דעם אַריינגאַנג פון דער הייל. ער איז געוואָרן געבויגענער, געקוקט אויף אַ מענטש און אים נישט געזען, און די בייזקייט, וואָס איז געלעגן צווישן זיינע ברעמען, איז איבערגעגאַנגען אין אַ צער. דאָס שלום־נעמען איז ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער האָט אויסגעהערט

יעדן איינעמס שווער האַרץ, געהאַט פאַר אַלעמען איין וואָרט — מער ביטחון, ביטחון, — און נישט געוואָרן צווישן די ביימער, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען מיט דער פינצטערניש.

און אַז דער עולם האָט מיט יעדן טאָג גענומען וואַקסן, האָט אַ ייד אַראָפּגעבראַכט אַ שטעל, פאַרקויפט לימאָנאַד, קיכלעך, אויבס. אַ צווייטער האָט אויסגעבויט אַ באָנגעלאָ, ווו מ'האָט געקראָגן אַ מאָל־צייט אָפּצועסן. אַרום שבועות זענען שוין געשטאַנען באָנגעלאָס מיט שילדן, ווו עס זענען געווען אויסגערעכנט די פּרייזן פאַר עסן און שלאָפן. אַרום דער הייל האָט מען צונויפגעשלאָגן אַ גרויסע שאָפּע פון ברעטער, געוואַרט, אַז אויף יום־טוב וועט זיך צונויפפאָרן אַן עולם.

דאָס, וואָס ר' שבתי האָט געטריבן פון זיך, נישט גענומען קיין פּידיונות, איז זיך צעוואָקסן אין גוזמות, פאַרשנעלט זיין רום. מאַמעס האָבן אָנגעהויבן ברענגען שלאַקריריקע קינדער, עקרות האָבן נאַס געמאַכט די שטיינער פון דער הייל מיט טרערן, און ווער עס האָט געכאַפּט פון ר' שבתין אַ וואָרט, איז זיכער געווען, אַז ער וועט געזונט ווערן.

ווייבער האָבן אַליין געבאַקן חלות, ברויט, געלאָזט ליגן קוישן עסנוואַרג פאַרן אַריינגאַנג אין דער הייל. ר' שבתי מיט משהן האָבן זיך זעלטן צוגערירט צום עסן, עס איבערגעלאָזט פאַר די פייגל, וואָס האָבן זיך גענומען קלייבן צווישן די שטיינער פון דער הייל, זיך געטראָגן מיט אַ צוויטשעריי און פון זייער שטענדיקן קלאַפּן מיט די פליגל איז עס געוואָרן דער קילסטער פלאַץ אין וואַלד.

ר' שבתי, וואָס איז אַנטלאָפן פון שטאָט, נישט געקענט זען ווי דער מענטש זינדיקט, געוואָלט דינען גאָט מיט לייב און לעבן, האָט זיך געשראָקן פאַרן טומל, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום אים. ער האָט אין דעם געזען אַ שפּיצל פון דער „סיטרא־אַחרא", געגלייבט, אַז דאָס האָט אים גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פונעם שאָטן, וויל אים אויספּרובירן, צי ער וועט קענען ביישטיין דעם נסיון.

ער האָט אַ נדר געטון אויפצוהערן רעדן, נישט צוגעלאָזט צו זיך אַפילו דעם גרויסן משה און זיך טיפער פאַרקליבן אין דער הייל. די אויגן האָט ער פאַרמאַכט, נישט געוואָלט זען די שיין, וואָס האָט זיך דורכגעזופּט דורך די שפּעלטלעך פון די שטיינער. די אויערן

האָט ער פאַרשטאַפּט, נישט געוואָלט הערן דעם גערויש, וואָס האָט זיך דערטראָגן פונעם המון. ער האָט געהאַלטן אין איין תּפילה טון, געבעטן גאָט, ער זאָל אים געבן כּוח, ווי ער האָט געגעבן ר׳ מתּתיהו בן חרש, ער, שבתי, זאָל זיך הייסן ברענגען אָנגעגליטע נעגל, און אויב דער יצר־הרע וועט זיך אים אַוועקשטעלן פאַרן אויג, וועט ער אויסברענען ס׳אויג. און אויב דער יצר־הרע וועט זיך אים אַוועקשטעלן פאַרן אויער, וועט ער אויסברענען דאָס אויער.

ס׳איז דורך אַ מעת־לעת, צוויי. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַן עולם, געוואַרט אויף ר׳ שבתין, זיך געטומלט, פאַרוואָס דער הייליקער באַווייזט זיך נישט. מ׳איז צוגעשטאַנען צום גרויסן משה. ער האָט געשוויגן און אַז מען האָט אים אַרויסגעבראַכט פון געדולד, האָט ער זיך אַ רוק געטון פונעם אַריינגאַנג, אַריינגערופן דעם עולם מיט דער האַנט און די אויגן האָבן ביי אים געבליצט:

— קומט אַריין, קומט אַריין. — און ס׳קול האָט זיך געריצט, געוואָלט פאַרנאַרן, ווי ס׳וואָלט געזאָגט: — איר וועט שוין פון דאָרט קיין לעבעדיקע נישט אַרויס.

און אַז ר׳ שבתי האָט זיך נישט געצייגט, איז ביי אַלעמען זיכער געווען, אַז ער איז קראַנק. קיינער האָט נישט געוווּסט פונוואַנען די נייעס איז געקומען, ווער עס האָט זי געבראַכט. אַלע אָבער האָבן גערעדט וועגן דעם. אין דער צונויפגעשלאָגענער שאָפע פון ברעטער האָט מען געצונדן ליכט, תּהילים געזאָגט, זיך געשוואָרן צי מען דאַרף ברענגען אַ דאָקטאָר. דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז דער הייליקער וואַלד־מענטש האַלט ביים שטאַרבן.

פון פּאָטערס קרענק איז אויך פּינחס געוואָר געוואָרן. ער האָט געלאָזט וויסן דער שוועסטער, דער „קריסטשען סייענס"־דאָקטאָרין, און זיי זענען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן צום פּאָטער. די שוועסטער האָט מיטגענומען צוויי פון אירע איבערגעגעבנסטע „היילערס". צווישן זיי איז געווען עוועלין.

דער גרויסער משה האָט געקוקט מיט חשד אויף די פרויען, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פּינחסן און כאָטש ער האָט שבתיס טאָכטער קיינמאָל נישט געזען, האָט ער זי גלייך דערקענט און אַוועקגענומען פּינחסן אָן אַ זייט:

— זאָג איר אָן, דיין שוועסטער, ס׳זאָל איר נישט איינפאַלן אַריינצוגיין זען דעם טאַטן! ר׳ שבתי האָט מיך געוואָרנט, אָנגעזאָגט, זי נישט אַריינצולאָזן צו אים!

— וואָס מאַכט דער טאַטע?

— דעם טאַטן איז גאָרנישט!

— ווי הייסט גאָרנישט?

— ער איז אָפּגעשוואַכט.

— איז דאָך אים יאָ עפּעס!

— נעם צו דעם המון, — האָט דער גרויסער משה געוויזן אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט הין און צוריק, — וועט ער נאָך היינט געזונט ווערן.

— אַזוי האָט ער אייך געזאָגט?

— אַזוי פאַרשטיי איך! ר׳ שבתי רעדט שוין נישט אַכט טעג, זאָגט נישט אַרויס קיין דבר־חול, איז נישט מפסיק אַ רגע פון לערנען און דערצו איז ער גאָרנישט טועם, ווערט מען אָפּגעשוואַכט.

פּינחס איז אַריינגעגאַנגען אין דער הייל, אַ קילער ברונעם־ריח האָט אויף אים אַ בלאָז געטון. וואָס טיפער ער איז געגאַנגען, אַלץ טונקעלער איז געוואָרן אין דער הייל. פון די ווענט, פון דער גע־וועלבטער הויך האָט אַריינגעשיינט אַ מאַטע ליכט. פון פּינחסעס טריט האָט זיך דאָ און דאָרט אַ ריס געטון אַ פויגל, זיך געהויבן מיט אַ פאַטשעריי איבער זיין נעסט, אָנגעיאָגט אַ פחד. דעם פאָטערס שטים האָט אין דער הייל געקלונגען פרעמד, זיך צעברעקלט אָן די רויע שטיינער פון די ווענט, פון סופיט, אַרויסגעהילכט פון די פינצטערע באַהעלטענישן, ווי נישט איין מענטש וואָלט געלערנט, נאָר עטלעכע.

ר׳ שבתי איז געזעסן אויף אַ בערגל גראָז, געהאַלטן ס׳פּנים אין די הענט, זיך קיין ריר נישט געטון און פון צווישן די פינגער האָט זיך געטראָגן אַ ניגון אָן ווערטער. זיין ברייטער גוף איז איינגעלאָפן און פון די טראַנטעס האָבן אַרויסגעשטעקט ביינער.

פּינחס איז געבליבן שטיין אָן לשון. ס׳האָט אים ווײ געטון פאַרן פאָטער און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— שלום־עליכם, טאַטע!

ר׳ שבתי האָט אויפגעציטערט. ער האָט אַוועקגענומען די הענט

פון פנים, געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן און ס׳זענען פאַרבײַ עטלעכע מינוט ביז ער האָט דערזען פּינחסן:

— האָסט מיך נאַר-וואָס געבראַכט צו אַן עבירה, מיין זון!

— איך, טאַטע?

— יאָ. כ׳האָב אַ נדר געטון אַ וואָרט נישט אויסצורעדן ביז מען וועט מיר נישט געבן קיין צייכן פון אויבן. — האָט ר׳ שבתי אַ הייב געטון זיין האַנט איבערן קאָפּ. — כ׳בין אַנטלאָפן פון שטאָט, זיך פאַרקליבן אין אַ וואַלד. געהאָפט, אַז דאָ, צווישן ביימער און שטומע באַשעפענישן, וועל איך קאָנען דינען גאָט, לאָזט מען נישט. מען שיקט אויף מיר אָן איין נסיון אויפן צווייטן: האָסט געזען אין דרויסן דעם אָנלויף? און איך מיין נישט בלויז די מענטשן. ווען דיין אויג וואָלט געזען ווי מיינס, וואָלסטו, ווי איך, קיין אָרט נישט געפינען פאַר דיר! זעסטו, כ׳האָב שוין נישט מער ווי די ד׳ אמות, דאָס בערגל וווּ איך ליג, און מען טרייבט מיך שוין פונדאַנען אויך! כ׳שפּיר שוין, ווי די מזיקים רייבן זיך אַרום מיר, רייסן אויף מיר די קליידער, שיטן אויס אויף מיר זייער גאַנצע רשעות! און אויב מען האָט מיך אויסגעקליבן כ׳זאָל זיין דער שעיר-לעזאזל, פאַרוואָס קומען זיי נישט, די צעפּרעסענע פון זינד, פאַרוואָס צעלייגן זיי זיך נישט אונטער די ביימער, אונטער די צווייגן? אויף וואָס וואַרטן זיי? אַז חייב, — האָט ער אויפגעהויבן ביידע הענט, נאַקעטע, און ס׳פּנים האָט זיך ביי אים צעקרימט פון יסורים, — זאָל זיין חייב! לאָז קו־מען דער צייכן פון אויבן!

ר׳ שבתי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגע־לאָזט די הענט, פאַרדעקט מיט זיי ס׳פּנים און געבליבן טויב צו פּינחסעס ווערטער. ער האָט זיך מער קיין ריר נישט געטון, ווי ער וואָלט געוואָרן אַ שטיק פון דער הייל.

אַ צעבראָכענער, מיט טרערן אין די אויגן, האָט פּינחס זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. די שוועסטער, וואָס האָט געוואַרט אויף אים, איז אויסגעוואָקסן:

— וואָס מאַכט ער?

— ער מישט. — האָט פּינחס געוויזן אויפן קאָפּ.

— ר׳האָט דיך דערקענט?

— דאָס פּאַסטן וועט אים אומברענגען!

— פּאַסטן האָט נאָך קיינעם נישט געשאַדט. — האָט ס'פּנים ביי דער שוועסטער אויפגעלויכטן.

פּינחס האָט אַ קוק געטון אויף דער שוועסטער, אויף איר צנועהדיק פּנים און זיך געחידושט, פאַרוואָס דער פאָטער טרייבט זי פון זיך, קאָן נישט הערן איר נאָמען.

אויפן אָרט האָט דער עולם זיך דערוווּסט, אַז פּינחס איז דעם וואַלד-מענטשס אַ זון, אַז ער האָט זיך נאַר-וואָס געזען מיטן פאָטער. מען האָט אים אַרומגערינגלט, באַוואָרפן מיט שאלות:

— ר'פּילט זיך בעסער, דער הייליקער?

— געלויבט איז השם-יתברך!

— איז טאַקע אמת, אַז אַפילו קראַנקערהייט זיצט ער און לערנט?

— און איז טאַקע גאָרנישט טועם?

— גרויס איז גאָטס חסד!

נאָכן אָנבייסן האָט דער עולם אָנגעהויבן וואַקסן. מען איז אָנגעקומען פון די באַנגעלאָס, פון די זומער-פּלעצער, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף יענער זייט וואַלד. ס'האָבן זיך געצויגן מענער, פרויען, קינדער. כמעט אַלע אין ווייסן. דער עולם איז אָנגעקומען מיטן וואַלד, געטומלט. דער מאָרגן איז פול געווען מיטן געלעכטער פון מיידלעך, פון יונגעלייט, מיטן שטילן ברומען פון וואַלד.

— וואָס פאַר אַ פּרייד אויף אייך? — האָט אַ ברייטע יידענע זיי פּרובירט איינשטילן מיט די הענט.

— שטילער, שטילער!

— דאָס האָט גאָר קיין בושה נישט!

— לימאָנאַד! קאַלטער לימאָנאַד! —האָט אַן אויסגעווייקטע יידענע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון איר שטעל און געריפן.

די פרומערע, וואָס זענען שוין געווען אין וואַלד עטלעכע טעג, געוואַרט אויף אַ נס, האָבן אויסגעמיטן ס'יונגוואַרג, פאַרשווונדן אין דער שאָפּע. און דער ניגון פון תהילים האָט זיך אויסגעמישט מיטן פאַרשייטן געלעכטער.

זרח איז אַרויס פון דער שאָפּע, אין אַ שוואַרצן אַלפּאַגענעם

אָנצוג, וואָס האָט געבלישטשעט אין דער זון. ער איז אָנגעגאַנגען אויף פּינחסן און צעעפנט אַ פּאָר אויגן:

— שלום-עליכם!

— וואָס טוט איר דאָ, זרח?

— געקומען אויף שבועות צום רבין. — האָט זרח אָנגעבלאָזן אַ בויך, זיך געוואָלט איבערנעמען. — מען האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז אַ דוחק אין מאַנסבילן, זאַלץ ווייבער און ווייבער...

— אָן אַ שפּאַס?

— הלוואַי וואָלט עס אמת געווען!

— איר וווינט דאָ ערגעץ?

— ווי דען, מיר וווינען אַ דריי מייל פונדאַנען, אין אַ האָטעל, כאַפּ איך זיך יעדן טאָג אַביסל אַריבער, היימישע מענטשן — פּוילישע, גאַליציאַנער. דאָ מיט ווען אַ וואָרט אויסצורעדן... יאָ, וואָס מאַכט דער טאַטע? איז ער טאַקע אַזוי געפערלעך? — האָט זרח נישט געוואַרט אויף פּינחסעס ענטפער און ווייטער גערעדט. — איי, ווען רעגינע ווייסט, אַז דו ביסט אין וואַלד, וואָלט זי שוין דאָ געווען. אַן אומעט אין האָטעל, בלויז ווייבער מיט קינדער, און אייבי, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, האָט איר שוין לאַנג דערעסן! וואָס זאָג איך לאַנג? ער האָט באַלד איר נישט אָנגעהויבן צו געפעלן! פּינחס! — האָט זרח אים אָנגענומען פּאַר ביידע הענט — ווילסט מיך פאָלגן?

— מיטגיין?

— יאָ.

— ניין, זרח, כ׳קאָן נישט, כ׳קאָן נישט אַוועקגיין פון טאַטן.

— וועלן מיר דיך שוין אויפזוכן נאָכן מיטאָג!

— גלייכער, אַז נישט. — האָט פּינחס זיך געבעטן.

— פאַרוואָס?

— די זאַך איז די, זרח: מיט מיין שוועסטער איז מיטגעקומען אייביס ווייב... זיי זאָלן זיך דאָ טרעפן, כ׳מיין רעגינע מיט עוועלינען, קאָן קומען צו אַ סקאַנדאַל...

— אויסגעצייכנט, פּינחס! — האָט זרח געשיינט. — אייבי וועט ביי אונז זיצן אין האָטעל, איי, וועט ער זיצן! נו, זאָג, פּינחס, האָבן מיר נישט אַ גאָט אין הימל? — האָט זרח אַזש אונטערגעטאַנצט. —

און צו וואָס איז אײביס װײַב אַהערגעקומען ? אױסבעטן בײַם רבין שלום-בית ? כאַ, כאַ, כאַ!

לויט דעם, װי ס'פּנים האָט זיך בײַ זרחן געביטן, איז געװען קענטיק, אַז אײדער װאָס-װען לעבט ער אַלץ איבער. ער האָט מער נישט געקאָנט אײַנשטײן, ס'האָט אים געטריבן אַהײם. ער האָט אַ כאַפּ געטון פּינחסן בײַ דער האַנט:

— װאַרט אױף אונז נאָכמיטאָג!

פּינחס האָט נישט געענטפערט. ער איז טיפער אַרײַן אין װאַלד.

## 17. ביינאַכט

דווקא דאָ אין וואַלד האָט זיך פּינחס נישט געוואָלט טרעפן מיט רעגינען. ער איז געגאַנגען טיפער צווישן דיביימער, אָפּגעמאַכט זיך אויסצובאַהאַלטן פון איר און געטראַכט וועגן פאָטער, וועגן די דרכים, וואָס פירן צו גאָט. אַזוי־נאָך האָט ער געוואָלט דערשטיקן אין זיך די זינדיקע מחשבות, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע.

דאָ אין וואַלד, ווו פּינחס האָט נישט באַגעגנט קיין מענטשן, נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיך דעם אייגענעם שאָטן, האָט דער קלענסטער חטא געשווערט איבער די יונגע פּלייצעס, מיטן שטח אָבער איז אויך געוואַקסן די נאָענטקייט צו גאָט, אים געשטאַרקט, ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פונעם יצר־הרע.

די שאַרפע וואַלד־לופט, דאָס לאַנגע שפּאַצירן אויפן ניכטערן מאָגן האָבן אים אויסגעמאַטערט. אַ מידער האָט ער זיך צוגעזעצט הינטער אַ בוים, און ווי נאָר ער האָט געכאַפּט דרימלען, איז דער וואַלד פינצטער געוואָרן פון מזיקים קליינע, גאָר קליינטשיקע מזיקים, וואָס ס׳נאַקעטע אויג קאָן נישט דערזען, האָבן געצויגן שטריק, זיי געדרייט, פאַרוואָרפן אַרום רעגינען. אַ ליכטיקייט האָט געשלאָגן פון איר נאַקעט לייב. די מזיקים זענען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן, זיי גע־טרעטן מיט די פיס, זי געביסן מיט ציין און נעגל, געפּלאָנטערט אַרום דעם נאַקעטן לייב. דאָס וואָס טויזנטער מזיקים זענען יעדע רגע פאַרברענט געוואָרן אין דעם ליכט, וואָס האָט געשטראַלט פון רעגינען, האָט די שדימלעך נישט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, דאָס גע־שלעג איז געוואָרן אַלץ פאַרביסענער, ווי דאָס גאַנצע גליק וואָלט גע־לעגן אין דעם פאַרברענט ווערן.

אַן אויסגעמאַטערטער האָט פּינחס זיך אויפגעכאַפּט. ס׳איז שוין געווען טונקל. ער איז געגאַנגען מיטן וואַלד, זיך געחידושט, וואָס ער ווערט נישט מיד, פון וואַנען ס׳נעמט זיך צו אים אַזאַ אימפּעט.

דיביימער האָבן אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער און דער הימל, אַ טונקעלער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ טייך, וואָס איז אַנטקעגן געגאַנגען.

ער איז אַרויסגעקומען אויף אַן אַספאַלט-וועג און נישט גע-ווּסט וווּהין ער איז פאַרקראָכן. אין דער נאַכט האָט זיך געהערט דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער. פּינחס האָט זיך געלאָזט באַרג-אַרויף, געגאַנגען מיט דער מוזיק און דערזען אויפן שפּיץ באַרג אַ האָטעל, ווי פייערלעך האָבן געברענט אין אַלע פענצטער. ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז אין דעם ליכטיקן הויז מוז ערגעץ זיין רעגינע.

ווען פּינחס איז צוגעקומען צום האָטעל, האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן אויסשטערנען. ס׳איז געווען נאָך אַן אָוונט-ברויט. אָן די פייערלעך פון די פּייקעס, פון די ציגאַרן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויף דער וועראַנדע זיצן מענטשן, צוממיינסטן עלטערע, אין די יאָרן, וואָס זענען אַרויסגעקומען רוען, נישט אַרומלויפן ווי ס׳יונגוואַרג.

די קאַסינע איז געווען באַהאָנגען מיט קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס האָבן געשריגן, ראַשיקער געמאַכט די מוזיק פון אָרקעסטער.

פאַרמער-יונגען אין צעקנעפּלטע העמדלעך, מיט גוטע, תּמעוואַ-טע פּנימער, זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און הנאה געהאַט, וואָס אַנדערע אַמוזירן זיך.

פּינחס, וואָס האָט נישט געהאַט געגעסן פון דערפרי אָן, איז צוגעגאַנגען צום בופעט, אויסגעטרונקען איין גלאָז ביר, אַ צווייטס און ס׳דריטע האָט ער פאַרביסן מיט אַ פליש-סענדוויטש. דאָס ביר אויפן ניכטערן מאָגן האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין און די פיס האָבן אָנגעהויבן צו ווערן לופטיק. דער דזשאַז-אָרקעסטער האָט גע-הילכט אין די אויערן. פּאָרלעך האָבן זיך געגליטשט איבער דער גלאַנציקער פּאָדלאָגע, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ מאַרק. מיטאַמאָל האָט זיך אים עפּעס אַ שטעל אַוועק געטון צווישן די אויגן און ער האָט דערפילט אַ מיש אין מוח, ווי ער וואָלט נישט געשטאַנען ביים

בופעט, נאָר זיך געדרייט אויף אַ קאַרוזעלע. רעגינע האָט פאַרביי־געטאַנצט. ער האָט נישט געזען מיט וועמען. זיך אָנגעכאַפּט ביים שטאַנג פון בופעט און אַזוי געבליבן שטיין אַ ווייל. זיינע גראָע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, געווען בכוח מיטן בלויזן בליק זי אָפּצושטעלן.

פינחס האָט באַצאָלט און איז אַרויס פון בופעט. ער איז אָפּ־געגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אומגעקערט און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די פאַרמער־יונגען, וואָס האָבן געשמעקט מיט פערד און בהמה־מיסט. דאָס שטאַרקע ליכט פון דער קאַסינאָ האָט פינצטערער גע־מאַכט די נאַכט, וואָס האָט זיך געשפרייט ביים אַריינגאַנג, די פאַרמער־יונגען האָט מען מער נישט אַרויסגעזען, בלויז ווען־נישט־ווען האָט איינער אַ ציי געטון אַ ציגאַרעט, אויפגעלויכטן מיט די פונקען און ס׳איז צוריק פינצטער געוואָרן.

— מיר געפעלט די שוואַרצע! — האָט זיך אַ יונג אָנגערופן.

— און מיר די מיט די רויטע האָר!

— מיר אויך!

— כ׳וואָלט אָן געלט זיך פאַרדונגען צו איר!

— זי קוקט דיך אויס, דזשאָן!

— דעם וועטערינאַרס ווייב, וואָס וווינט אין בעטעל, האָט מיך אויך נישט אויסגעקוקט, און פונדעסטוועגן, אַז כ׳בין געבליבן מיט איר אַליין... — האָט דער יונג נישט געענדיקט און אויסגעשפּיגן אויף אַן אייל פון זיך.

— איז וואָס געווען? — האָט אַ נייגעריקער אונטערגעכאַפּט.

— האָט זי מיך נישט געלאָזט אַרבעטן אין גאָרטן!

— און דו?

— זאָרג נישט, איך האָב שוין געוווסט וואָס כ׳האָב צו טון! — האָט דזשאָן זיך צעלאַכט מיט אַ דין געלעכטערל.

— ווי ער נעמט זיך איבער, דזשאָן. — האָט זיך אַ צווייטער אַרויסגערוקט. — ס׳האָט מיט מיר אויך ס׳זעלבע געטראָפן! איר קענט זי אַלע!

— מיט דעם רויטנס? — האָבן עטלעכע זיך אַ פרעג געטון.

— טרעפט נישט, כ׳וועל סיי־ווי־סיי נישט זאָגן!

— נו, וואָס איז געווען, זאָג שוין?

— כ'האָב אָפּגעאַרבעט ביי איר איבער אַ חודש און זי האָט קיין איינמאָל נישט אויסגערעדט מיט מיר קיין וואָרט. וואָס אמת, האָט עס מיך פאַרדראָסן! און אַז ביסט שיין (זי איז זייער אַ שיינע), דאַרף מען שוין נישט זען קיין מענטש אַרום זיך? כ'האָב צעאַקערט איר גאָרטן, פאַרזייט, און זי קיין וואָרט נישט, ווי ס'וואָלט נישט באַלאַנגט צו איר. אויף דער פינפטער וואָך, זונטאָג, כ'שפּאַן איין ס'פערד (יעדן זונטאָג זענען זיי געפאָרן אין קירך אַריין), רופט זיך די באַלעבאָסטע אָן, אַז זי פילט זיך נישט גוט, וועט היינט נישט פאָרן. מיר האָט עס עפּעס אַ קריך געטון אין קאָפּ אַריין. כ'האָב זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט און אַוועק אין גאָרטן אַריין. כ'האָב געדאַרפט איבערזעצן די אוגערקעס. כ'בין פאַרטיק געוואָרן מיט איין בייט, מיט אַ צווייטער — זי איז דאָ. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט גערעדט, געווען פרעמדע און מיטאַמאָל האָבן מיר זיך אַזוי אַ קוק געטון, ווי מיר וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג. כאָטש מיר זענען געווען פרעמדע, און אין גאָרטן האָב איך זי געהאַט בלויז איינמאָל...

— און דערנאָך האָט זי דיך אַרויסגעיאָגט?

— אַרויסגעיאָגט! ס'הייסט צוגעשטאַנען צו מיר, כ'זאָל נאָך דעם זעלבן זונטאָג אַוועקגיין.

— ער שפּילט זיך מיט ווייבער!

פּינחס האָט געציטערט, נישט איינגעשטאַנען אונטער דער איי־גענער הויט. ס'בלוט האָט זיך אין אים צעשפּילט. ער האָט פאַרביסן די ציין, זיך צוגעהאַלטן אָן דער וואַנט פון דער קאַסינע און זיך מער נישט איינגעהערט, וואָס די יונגען רעדן. דער הונגער צו רע־גינען איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער אַליין האָט זיך געחידושט, פאַרוואָס ער שרייט נישט. אָן אַ שיעור קליייניקייטן זענען אַרויסגע־שווומען, איינגערוימט, אַז אויב ער אַנטלויפט נישט, איז זיין סוף. מיט אַ הייב פון אַן אַקסל האָט ער אַלץ אָפּגעטרעסלט פון זיך, נישט געזען אין דעם קיין נסיון, און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט זעטיקן זיין הונגער, אַלץ אויסגעהונגערטער איז ער געוואָרן.

פּינחס האָט נישט געדענקט ווי־נאָך ס'איז געשען. ס'בלוט האָט פאַרגאָסן אַלע זיינע חושים. ער האָט זי געהאַלטן מיטביידע הענט,

זיך דערוווייטערט מיט איר פון דער קאַסינע, און אַז דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שטילער צו ווערן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זי צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט מיט די גראָע אויגן, אַזוי אַז זי האָט אויפגעציטערט פון פרייד.

אין דער נאַכט האָבן געקלאַפּט זייערע הערצער, אָנגעזאָגט, אַז חדשים־לאַנג וואַרט איינער אויפן צווייטן. די לייבער זענען געוואָרן בייגיקער, די אויגן טיפער, יעדעס גליד איז געוואָרן באַלעבאָס איבער זיך, ווי ס׳וואָלט קיין שייכות נישט געהאַט מיטן קערפּער, דערפילט אין זיך דעם כּוח פון שאַפן. זיי האָבן זיך געהויבן אין דער נאַכט, העכער געוואָרן, און דער הימל, דורכגעוואָרפן מיט שטערן און וואָלקנס, האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט איבער זייערע קעפּ.

פון וואַלד איז אָנגעקומען אַ ווינטל, מיטגעבראַכט דעם ריח פון מאַלינעס, זיך געוויקלט אַרום די לייבער, וואָס זענען געלעגן אין טיפן גראָז.

פינחסעס לעבן איז ערגעץ געבליבן שטעקן און פאַר אים, אַ ניי־געבוירענעם, האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דער נאַכט אַן אַנדערע וועלט, וועגן וועלכער ער האָט קיינמאָל נישט געחלומט.

דער הונגער אין אים האָט געברילט. די נאַכט מיט אירע פעלדער איז אים ענג געוואָרן. הענט, פיס, שטיקער לייב האָבן זיך געפלאָנטערט, זיך געקייקלט איבערן פייכטן גראָז, געלעגן איינס אינעם צווייטן, ווי די מיליאָנען געוואקסן זענען געלעגן אין דער אָנגעקוואָלענער ערד. האַרץ צו האַרץ, מויל צו מויל. דאָס יונגע לעבן האָט געשוימט, געפּלייצט, און דער סוד, וואָס דער מענטש טראָגט אין זיך, איז געוואָרן טיפער.

פאַר פינחסן איז מער נישט געווען רעגינע, ס׳איז געווען ער אַליין, וואָס פון אייגענעם פייער ווערט ער אויפסניי געבוירן. און ס׳פייער האָט געשלאָגן פון רעגינעס לאָקן, פון אירע אויגן, פון דעם קליינעם מויל.

## 18. מען גייט זוכן רעגינען

ווי רעגינע איז אַוועק מיט פּינחסן, האָט אייבי זיך געכאַפּט, אַז זי איז נישטאָ. ער האָט זי געזוכט אין די זייטיקע צימערן, נישט געפונען. ער איז אַריבער אין האָטעל, אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. זי איז נישט געווען. אייבי האָט קיין זאַך נישט חושד געווען און איז צוריק אַריין אין דער קאַסינע.

אַ דאַמע איז אונטערגעקומען, שטיפעריש זיך פאַרנייגט, אים איינגעלאַדן מיט די אויגן, מיטן גאַנצן געשטעל.

— קומט טאַנצן!

די גאַנצע צייט, וואָס אייבי איז געווען מיט רעגינען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ באַרוישטער. אַלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן גרעסער. ס'איז געגוג געווען אַ וואָרט, אַ שמייכל, דער ריח פון אַ פרוי און ער איז געוואָרן אויפגעלייגטער. אַ הונגער האָט זיך באַזעצט אין אים, ווי אַ דיבוק, שטענדיק געגאָגט. דער הונגער איז נישט געווען דווקא צו רעגינען, זיך געוועקט אין אים צו יעדער פרוי.

ער האָט געטאַנצט מיט דער פרעמדער דאַמע. געווען גליקלעך, ווי אַ זעכצן-יעריק בחורל, ווען אירע האָר האָבן אָנגערירט זיין באַק, ווען אירע פיס האָבן זיך געפלאָנטערט אין זיינע. אין מיטן טאַנצן האָבן אירע ליפּן, דאַכט זיך, אָנגערירט זיין אויער:

— מען מוז דווקא שטענדיק טאַנצן מיט איינער?

— ווער זאָגט? — האָט אייבי געפלאַמט אינגאַנצן.

— אָן דער רויטער רירט איר זיך נישט!

— זעט איר דאָך, אַז כ'טאַנץ מיט אייך?

— ווייל זי איז נישטאָ!

— וואָס, די רויטע געפעלט אייך נישט?

— גענוג, אַז זי געפעלט אייך!
— כ׳מיין מיט אַן אמת?
— מיר האָבן שוין געזען שענערע!
— ווו? — האָט אייבי זי אָנגעקוקט. — דאָ אין האָטעל זענען פאַראַן שענערע?
— לאָזט מיך. — האָט די דאַמע זיך אַ דריי געטון. — איר זענט גאָר קיין קאַוואַלער נישט!
— אַנטשולדיקט!
זי האָט זיך אַ גליטש געטון פון זיינע הענט און איז אַריין אין אַ זייטיקן צימער, אַ פינצטערן. אייבי איז נאָכגעגאַנגען. ער האָט זי געזוכט, זיך געבעטן ביי איר. זי האָט זיך צעלאַכט, זיך געשפּילט מיט אים:
— נו, געפינט מיך?
— אָט האָב איך אייך!
ער האָט זיך גענומען יאָגן נאָך איר, זיך געדרייט אַרום קיילעכדיקן טיש, פאַרשטעלט דעם וועג מיט אַ שטול. זי האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט, פאַרבייגעלאָפן, — און אַזוי האָבן זיי זיך געיאָגט עטלעכע מינוט. אייבי האָט זיך אַ ריס געטון, אַריבערגעשפּרונגען אַ שטול און זי געכאַפּט. ער האָט זי אויפגעהויבן, אויסגעקושט ס׳פּנים, גענומען טראָגן. זי האָט זיך געוועהרט. מיטאַמאָל אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטון:
— די רויטע גייט!
די הענט האָבן זיך ביי אייבין אַראָפּגעלאָזט, געזען ווי די דאַמע אַנטלויפט פון אים. ער איז געבליבן אין צימער, געוואַרט רעגינע זאָל אַריינקומען, אים אָנרייסן די אויערן. זי איז נישט געקומען. ער האָט זי גענומען זוכן, געפרעגט ביי באַקאַנטע, ביים באַלעבאָס. קיינער האָט נישט געוווסט ווו זי איז. ער איז אַוועק אויף דער וועראַנדע, אויסגעזוכט זרחן:
— ווייסט איר אפשר ווו רעגינע איז?
— זי האָט דאָך איצט געטאַנצט!
— ווען איצט?
— כ׳מיין... און ביי זיך איז זי נישטאָ?

— נישטאָ?

— זי וועט צוריקקומען. שרעקט זיך נישט!

ביידע זענען אַריין אין דער קאַסינע. דער עולם האָט שוין געוווּסט, אַז מען זוכט רעגינען. דאָס מיידל, וואָס איז געשטאַנען הינטערן בופעט, האָט צוגערופן אייבין:

— כ'האָב זי דאָ געזען מיט אַ יונגנמאַן.

— פון אונזער האָטעל?

— מיט אַ פרעמדן.

— און ווּ זיי זענען געגאַנגען האָט איר נישט געזען?

— דאַכט זיך, מיטן אַספּאַלט־וועג.

— מיט וואָס פאַר אַ יונגנמאַן האָט זי געקענט גיין? — האָט אייבי איבערגעפרעגט ביי זרחן.

— כ'וואָלט נישט געשוווירן, אַז מיט פּינחסן.

— מיט פּינחסן? — האָט זיך ביי אייבין פונעם בלויזן וואָרט, ווי עפּעס אָפּגעריסן ביים האַרצן.

— מען האָט אים געוויס איבערגעגעבן, אַז מיר האָבן אים גע־זוכט, איז ער אַהער געקומען.

— טאָ ווּ זענען זיי? — האָט אייבי זיך אַ בייזער געטון.

— דאָס זעסטו, ווייס איך נישט.

אייבי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, ווי מען וואָלט אים אי־בערגעלאָזט אונטערוועגס פאַר אַ שטורעם. ער האָט זיך געבעטן ביי זרחן:

— קומט, מיר וועלן זיי אַ זוך טון אויפן וועג.

דער אַספּאַלט, נאַס פון טוי, האָט זיך געוויגט ווי אַ וואַסער. אייבי איז געגאַנגען ווי אויף שטאָלצן און נישט אויפגעהערט צו רופן:

— רעגינע! רעגינע!

זיין קול איז צוריקגעקומען אַ באַנומענס, זיך אויסגעמישט מיטן קלאַפּן פון די אייגענע טריט און די שטילקייט איז געוואָרן שווע־רער. די ניכפּה האָט אייבין געגעסן, אים אונטערגעזאָגט ער זאָל רע־גינען מיטן פּאָטער איבערלאָזן אין האָטעל און אַליין זאָל ער אַוועק צום ווייב, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פונדאַנען. איצט איז אים אַ

רחמנות געווען אויפן ווייב, אויף די קינדער, אויף זיך,—צום מייסנסטן אויף זיך. ער האָט זיך אָנגערופן:

— זי וועט זיך דערשפּילן ביי מיר!

— איך ווייס נישט, ווער ביי וועמען. — האָט זרח געשמייכלט.

— איר וועט שוין זען! כ׳וועל איר ווייזן, וואָס ס׳הייסט צאַפּן ביי אַ מענטשן ס׳בלוט!

— ווער צאַפּט דיין בלוט, ווער?

— רעגינע, אייער טאָכטער! זי האָט מיך אַרויסגעטריבן פון ביזנעס, צעבראָכן מיין היים, צוגענומען דעם טאַטן ביי מיינע קינדער און איצט וועט זי מיט מיר כּריין רייבן? צייט כ׳קען זי, האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין רויקע מינוט! וואָס וויל זי, וואָס? וואָס וויל זי? — האָט אייבי זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן צוויי געביילטע פויסטן.

— וואָס רעגינע וויל, ווייס איך נישט, — האָט זרח זיך דערנענטערט צו אייבין, — נאָר אַז גאָט שטראָפט דיך, דאָס זע איך.

— פאַרוואָס?

— ווייל דו האָסט אַ ווייב, ביסט אַ טאַטע פון קינדער...

— זי וועט ביי מיר היינט די ערד קילן! — האָט ער אַ כאַפּ געטון זרחן פאַר אַ לאַץ.

— וועסט חרטה האָבן, אייב!

ביים וואַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, קיינער האָט נישט פּרובירט אַריינצוגיין. זיי זענען געשטאַנען אַ ווייל. אַ פויגל האָט זיך צעשריגן, איבערגעלאָזט אין דעם געדיכטן חושך פון וואַלד אַ בענקעניש. זיי זענען געגאַנגען צוריק, פון ביידע זייטן וועג, ווי פרעמדע, קיין וואָרט מער נישט אויסגערעדט. אין דער קאַסינאָ האָט מען שוין געלאָשן די ליכט. דער באַלעבאָס איז זיי אַנטקעגן געקומען:

— נו, געפונען?

— נישט געפונען. — האָט זרח זיך אָפּגערופן און איז געווען רויק, אַז די טאָכטער וועט צוריקקומען.

## 19. דער נס

די נייעס, אַז דער וואַלד-מענטש האַלט ביים שטאַרבן, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. עולם האָט געהאַלטן אין איין אָנקומען און זונטיק פאַרמיטאָג האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר הונדערט מענטשן.

דעם אויבן-אָן האָבן פאַרנומען ר׳ שבתיס חסידים, געשטאַנען ווי אַ וואַנט אַרום דעם אַריינגאַנג פון דער הייל, קיינעם נישט צוגעלאָזט. מען האָט נישט געבראַכט איבער די ליפּן, יעדער אָבער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך דאָך מתעסק זיין ביי דער פּטירה.

ר׳ שבתיס טאָכטער מיט אירע אַרויסהעלפער זענען געזעסן אָן אַ זייט, נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ רגע פון דער הייל. יעדער האָט זיך געחידושט, וואָס מען לאָזט אַזוי נאָענט צו פרויען. טייל האָבן דערציילט, אַז דאָס זענען ר׳ שבתיס טעכטער, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען פרומע קריסטינס, טראָגן מיט זיך הייליקע בילער.

יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן זונטיק געהאַלטן געשלאָסן זייערע געשעפטן, זענען אָנגעפאָרן אויף זייערע אויטאָמאָבילן מיט די ווייבער און קינדער.

אָרעמעלייט האָבן זיך געדרייט צווישן עולם. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט, זיך נישט געפרעגט פון וואַנען עס האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען אַזוי פיל בעטלער, ווען מען זעט זיי אין די שטעטלעך פאַר אַ רפואה נישט.

שטיקלעך כלי-קודש האָבן צעלייגט זייער סחורה אַרום דער שאָפּע פון ברעטער, געשטאַנען איבער קעסטלעך, איבער וואַליזקעס, גערופן:

— קויפט, יידן!

— ציצית, מזוזות, תהילימלעך!

אַרום צוויי ליכט-הענדלער האָט זיך געקליבן אַן עולם, געריסן פון די הענט. יעדער האָט געקויפט אַ ליכט, געהאַלטן פאַר אַ מצווה עס אַריינצושטעלן אין די קאַסטנס מיט זאַמד, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שאָפע. ביי די ליכט האָט מען געלערנט, תהילים געזאָגט, געבעטן פאַרן רבינס געזונט.

— אייער ווייב מיט די קינדער מעגן אויך שטעלן צו ליכט,— האָט דער הענדלער איינגערעדט אַן איבערגעשראָקן יידל, וואָס איז צוגעקומען מיט דער משפחה, — ס'איז אַ סגולה טאַטע-מאַמע זאָלן פירן קינדער אונטער דער חופה.

— נו, קויף, משהל, קויף! — האָט דאָס ווייב צוגערעדט דעם מאַן.

— כ'מיין טאַקע, — האָט דער הענדלער געגעבן דעם יידן פינף ליכט, — ווען קען מען עס ווידער זוכה זיין אין אַמעריקע? אַזעלכע צדיקים באַווייזן זיך נישט יעדן טאָג!

— ס'איז טאַקע אמת, אַז דער צדיק...? — האָט דער ייד דורכגעלאָזט דאָס לעצטע וואָרט, מורא געהאַט צו פרעגן צי ער גוססט.

— פון נעכטן אָן. — האָט דער הענדלער אָפּגעזיפצט. — אַ צדיק קומט אָפּ פאַרן דור אין וועלכן ער לעבט, קען נישט קומען צו יציאת-נשמה. און אַז אין אמעריקע האָבן יידן אַראָפּגעוואָרפן דאָס ביסל יידישקייט און מען זינדיקט, ווייסט דאָס יעדער!

ס'איז אונטערגעקומען אַ קונה. דער הענדלער האָט פאַרגעסן, אַז ער זינדיקט, געזען דער פידיון זאָל וואַקסן און פון געוווינהייט גערופן:

— קויפט יידן, קויפט!

— לימאָנאַד, ביר, אייז-קאַלט! — זענען אַרומגעפאָרן פעדלער מיט וועגעלעך.

די געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיטן וויינענדיקן תהילים-זאָגן, מיטן לערנען, און איבער אַלעמענס קעפּ איז געהאָנגען אַ מרה-שחורה. אפילו דאָס יונגוואַרג פון די זומער-פּלעצער איז היינט אָנגעקומען אָן רעש און נאָר גאָר די לוסטיקע זענען גלייך צוריק אַוועק אין וואַלד.

מען איז געשטאַנען קופּעסווייז, שטיל גערעדט און אונטערן

שרעק פון טויט, וואָס האָט געלויערט אין דער הייל, איז יעדער ביי זיך געפאַלן, געוואָרן ענוודיק, פאַרגעסן דאַגות-פרנסה. מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען, געווען גוט איינער צום צווייטן, און אַז דאָס וואַרטן האָט אויסגעמאַטערט, איז מען אַריין אין אַ באָנגעלאָ איבערלאַפן דאָס האַרץ און געבענטשט במזומן.

אַלע האָבן גערעדט, אַז דער רבי לאָזט איבער אַ זון און טאַקע אַ וואַזשנעם זון, געווען זיכער, אַז ער טרעט נישט אָפּ פון פּאָטער, שטייט ביי יציאת-נשמה. וועגן די דריי פרויען, וואָס רירן זיך נישט פון דער הייל, האָט קיינער נישט דערמאָנט. אַ נייגעריקער איז אַפילו אונטערגעגאַנגען צו די פרויען, געפרעגט וואָס זיי טוען דאָ, האָט מען אים נישט געענטפערט, אַפילו נישט אָנגעקוקט, ווי די פרויען וואָלטן נישט געווען קיין מיושבדיקע.

פאַר דער וואָך האָט מען דעם גרויסן משה נישט געקענט דערקענען. ער איז כמעט נישט געשלאָפן. גאַנצע נעכט איז ער אויף געווען, געשטאַנען אין דעם אַריינגאַנג, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, נישט מיד געוואָרן צו שפּרייזן הין און צוריק. אַרום האַלבע נאַכט האָט ער זיך געזעצט אָפּריכטן חצות מיט אַזעלכע יללות, אַז עס איז קיין איין מענטש נישט געבליבן אין דער שאָפע.

מען האָט זיך נישט צונויפגערעדט, פון זיך אַליין האָבן זיך אַ פּאָר מנינים צונויפגעקליבן נאָך האַלבע נאַכט, געוואַרט אויף חצות. זייערע יללות האָבן זיך געטראָגן איבערן וואַלד, איבערגעוועקט דעם עולם אין די באָנגעלאָס. מען האָט זיך געריסן פון די געלעגערס, אָפּגעגאָסן די נעגל און אַרויס צו דער הייל.

עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג. דער המון איז געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער. די קייט פון חסידים, וואָס האָט צוריקגעהאַלטן דעם המון, נישט צוגעלאָזט צו דער הייל, האָט נישט געקענט אויס-האַלטן דעם דרוק פון דער וואַנט מענטשן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שפּאַרן, ענגער געמאַכט די קייט אַרום דעם אַריינגאַנג.

— ווער זענען זיי, וואָס האָבן געגומען דעם צדיק אין אַרענ-דע? — האָט זיך געהערט אַ קול פון צווישן המון.

— טאַקע, ווער זענען זיי?

— וואָס הייסט, מען וועט נישט אַריינלאָזן אין הייל?

— נייע שומרים!

— גיט אַן אַקסל! אַזוי!

עס איז געגוג געווען דער גרויסער משה, אַ באַרוויסער, דאָס האָריקע לייב אָפן, זאָל זיך באַווייזן פאַרן המון, אַריבערקוקן אַלע־מענס קעפּ און מען האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק. די קייט פון חסידים האָט זיך פון דאָס ניי גענומען אויסשפּרייטן.

אַזוי איז פאַראיבער אַ שעה נאָך אַ שעה. דער טאָג האָט זיך גענומען זעצן. אַ פאַרדראָס איז געוואַקסן. קיינער האָט אים נישט אָנגערופן ביים נאָמען, אפשר אַליין נישט געוווּסט וואָס ס׳קוועלט אַזוי. אין תּוך אָבער האָט יעדן פאַרדראָסן פאַרוואָס עס נעמט נישט קיין סוף. אַהער, אַהין — ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן? דערצו איז מאָרגן מאָנטיק, מען דאַרף פרי אויפשטיין. מען קען נישט פאַרנאַכלעסיקן „ביזנעס״. מען האָט עס נישט געזאָגט, אָפילו נישט געטראַכט. פאַרקערט, מען האָט געהאַלטן אין איין בעטן דער צדיק זאָל געזונט ווערן. ערגעץ טיף אָבער האָט זיך געבלעזלט אַ פאַרלאַנג, געווען באַהאַלטן פאַרן אייגענעם אויג און די גאַנצע אומצופרידנקייט ביים המון איז געקומען פון דאָרט.

דער המון איז נישט איינגעשטאַנען, זיך גענומען שטופּן און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די קייט האָט זיך איבערגעריסן און דער עולם, ווי אַ וואַנט, איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג. דעם גרויסן משה האָט קיינער מער נישט געהערט, זיינע קולות זענען פאַרהילכט גע־וואָרן פון די געשרייען. די מענגע איז שוין געשטאַנען אין דעם אַריינגאַנג, האָט זיך דערהערט אַ ווייבעריש געשריי:

— ווי קען דער צדיק געהאָלפן ווערן, אַז דאָ האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ערלטעס מיט טרייף־פסולס?

— טרייבט זיי אַוועק!

— אויף וואָס וואַרט איר, יידן?

— וואָס ערלטעס, ווען ערלטעס, דאָס זענען נישט־גוטע.

דער המון האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף צוריק, אַרומגערינגלט די פרויען, וואָס זענען געזעסן, ווי פריער, איבער צעעפנטע ביכער און געפּרעפּלט מיט די ליפּן. די פּנימער זענען געווען ווייס, אָן

בלוט און עס האָט זיי נאָר געפעלט שוואַרצע קליידער מיט קאַפּ־טערס, זיי זאָלן אויסזען ווי נאָנעס.

— זייט אַזוי גוט און גייט אַוועק פונדאַנען. — איז אַן עלטע־רער ייד צוגעגאַנגען צו די דריי פרויען.

— יידן, זיי האַלטן טרייף־פּסולס! — האָט די יידענע נישט אויפגעהערט שרייען.

— נישט געפונען קיין אַנדער פּלאַץ ווו זיך צו „מאָדליען", נאָר דאָ!

— קוקט, ווי זיי האָבן זיך אַלע איבערגעשראָקן פאַר די דריי ערלטעס?

— שרייט נישט, שרייט נישט. — האָט אַ יונגערמאַן באַרויקט די יידענע, אונטערגעגאַנגען צו די פרויען און געפרעגט אויף ענגליש:

— אַנטשולדיקט, קען מען וויסן, וואָס איר טוט דאָ?

— מיר בעטן פאַר ר' שבתיס געזונט. — האָט די עלטסטע זיך אויפגעשטעלט און געענטפערט אויף יידיש.

— זענט איר יידישע?

— יאָ.

— אויב יידישע, טאָ ווי קומט צו זיי טרייף־פּסולס? — איז די יידענע שוין געשטאַנען ביי די פרויען. — קוקט, די בילער זייערע זענען מיט צלמים!

די פרויען, איבערגעשראָקענע, האָבן געוואָרפן מיט די אויגן און נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, מען האָט ביי זיי צוגענו־מען די בילער. די פנימער ביים המון האָבן זיך פאַרקרימט, געקוקט אויף די שוואַרצע רוקנס מיט די גאָלדענע צלמים, געקוקט אויף די פרויען און עס האָט אויסגעזען, אַז מען מען וועט זיי צערייסן אויף שטיקער.

— וואָס וואַרט איר? — האָט זיך עמעצער צעשריגן. — איר זעט דאָך, אַז ס'איז מכשפות!

— מ'דאַרף זיי פאַרשטיינען!

— עוקר מן השורש זיין.

— חצופות! — האָט די יידענע אַ שפּיי געטון עוועלינען אין פּנים אַריין.

— פאַרברענט די טרייף-פּסולס!

— אויפן אָרט!

— איצט ווייסט איר שוין, ווער עס האָט מעכב געווען די יציאת-נשמה?

— וויי, וויי, ווער זאָל דאָס גלייבן?

— יידישע פרויען!

— וואָס יידישע? עס זענען מכשפות, משומדתטעס!

— מ'דאַרף זיי גאָר בודק זיין!

— גערעכט, גערעכט!

די ביכער מיט די גאָלדענע צלמים האָט מען אָנגעצונדן אויפן אָרט און איידער וואָס-ווען, האָבן זיי געברענט. די פרויען, דער-שלאָגענע, האָט מען געפירט אין וועלדל אַריין, געשטופּט, געשטויסן, זיי געפירט אונטער געשרייען, און ווען נישט אייבי, וואָס איז מיט-אַמאָל אויסגעוואָקסן, וואָלט מען זיי מן-הסתם געשלאָגן. אייבי איז אַריינגעפאַלן מיט אַזאַ רציחה, געאַרבעט מיט די עלנבויגנס אַזוי, אַז דער המון האָט זיך גענומען פונאַנדעררוקן. ער האָט געשריגן:

— איר פירט דאָך ר' שבתיס טאָכטער! ר' שבתיס טאָכטער איז נישט קיין משומדת!

— און די צווייטע — האָט זרח געוויזן אויף עוועלינען —אויך נישט! איך קען זי!

— מיר האָבן זיי דאָך געכאַפּט מיט טרייף-פּסולס! — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

— זיי גלייבן אין „קריסטשען סייענס". — האָט אייבי פּרובירט קלאָר מאַכן. — פון די וואָס היילן מיט תהילים-זאָגן!

— ר' שבתיס טאָכטער גלייבט אין „קריסטשען סייענס"? — האָט זיך אַ יידענע צעזונגען.

— וואָס טוט זיך דאָ?

— ס'איז נאָך נישט עק וועלט!

— קומט אין הייל אַריין!

— קומט! קומט אַלע!

עס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ געשטופּ, מען האָט זיך אָפּגע־האַקט די זייטן, געלאָפן זענען מענער, פרויען און יונגעלייט, ווער עס האָט געהאַט שטאַרקע הענט מיט עלנבויגנס האָט זיך דורכגע־שטופּט און מיט אויסטערלישע קולות זיך געריסן אין דער הייל אַריין.

די וואָס זענען געבליבן אין דרויסן זענען זיכער געווען, אַז עס וועט עפּעס געשען, עס מוז עפּעס געשען, געקוקט צו די שטיי־נער פון דער הייל לאָזן זיך נישט אַראָפּ.

עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל. די פּאָר מינוט, וואָס דער המון איז געווען אין דער הייל, האָבן אויסגעזען לאַנג. מיטאַמאָל האָט מען זיך גענומען שטופּן אויף צוריק, געשטופּט מיט אַזאַ רוגזה, ווי עס וואָלט געהאַלטן פאַר אַ געשלעג.

— נו? נו? — האָט מען צעשפּרייט די הענט, געוואָלט וויסן, וואָס ס׳הערט זיך.

— ס׳איז געווען אַ ליגן!

— אַ גרויסער ליגן!

— מען האָט אונז אָפּגענאַרט!

— מיאוס אָפּגענאַרט!

— אין דער הייל איז קיינער נישטאָ!

— קיינער?

אַ שוידער איז דורך איבער אַלעמענס לייבער. די ווערטער האָבן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. מען האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז עס איז אַ נס מן השמים, מען האָט צוגענומען דעם צדיק פון די טמא הענט. ס׳איז געוואָרן שטיל, אומאָנגענעם שטיל און אומדער־וואַרט האָט זיך אַ פרוי צעוויינט:

— ווו האָט ער אונז איבערגעלאָזט?

— מלאָכים האָבן אים צוגענומען!

מענער און פרויען האָבן זיך געווישט די אויגן, נישט געזען ווי דער גרויסער משה שטייט אינעם אַריינגאַנג. זיינע ציין בלישטשען פון דער שוואַרצער באָרד אַרויס און די אויגן לאַכן, רייצן זיך מיטן המון.

ס׳איז געוואָרן פינצטער — די נאַכט איז אַראָפּ איבערן וואַלד.

## 20. שבתיס טויט

ווען דער המון האָט זיך געריסן אין דער הייל אַריין, איז ר׳ שבתי שוין דאָרט נישט געווען.

פאַרטאָג נאָך, ווען דער גרויסער משה איז אַוועקגעפאַלן אַן אויסגעמאַטערטער פון אַ גאַנצער וואָך אויפזיין, געלעגן אויף זיין בערגל מיט גראָז אין אַ שווערן שלאָף, האָט זיך ר׳ שבתי אַרויסגע־שאַרט פון דער הייל און איז נישט געוואָרן צווישן די בושעס.

עס איז נאָך געווען פינצטער. אַרום די שפיצן פון דיביימער האָט די פינצטערניש גענומען איבערגיין אין אַ גרויקייט. אויף אַן אַלטן אויסגעריסענעם בוים, וואָס איז געהאָנגען מיט די וואָרצלען איבער אַ טאָל, האָט אַ צעוואָקסענער פויגל געקלאַפּט מיט די פליגל, געגאָרגלט מיטן האַלז, געבענקט, גערופן די „זי" און זיינע אָפּגעריסענע געשרייען האָבן געטראָגן מיט זיך אַ פחד.

דער טוי, וואָס איז געלעגן אויפן גראָז, אויפן מאָך, האָט שבתין אָפּגעפרישט, געגעבן כוח צו אַנטלויפן, צו זיין ווייט פונעם מענטש. כמעט אַ נאַקעטער מיט אַ צווייג אין דער האַנט האָט ער געשפרייזט צווישן די ביימער, זיך לייכט געהויבן און קיינער וואָלט נישט געגלייבט, אַז שבתי פאַסט שוין אַכט טעג.

דער הימל, אַ פאַרשלאָפענער, מיט שטערן, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן ביים לעשן, איז געהאָנגען איבערן וואַלד, עפּעס אויסבאַהאַלטן פון שבתין, זיך גערייצט, אַז ער, שבתי, וועט קיינמאָל נישט אַנט־לויפן פונעם מענטש, ווייל אַנטלויפן פונעם מענטש, הייסט אַנטלויפן פון זיך.

ר׳ שבתי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ שישקע פון אַ סאָסנע האָט זיך אַריינגעשניטן מיט די שפּיצן צווישן די פינגער פון זיין רעכטן

פוס. ער האָט אויפגעהויבן דעם פוס, געקוקט אויף די טראָפּנס בלוט, אויף די צעקרימטע פינגער, ווי זיי וואָלטן קיין שייכות נישט גע־האַט מיט אים, און זיך צעשריגן:

— גיי דיר, פוס! גיי דיר! וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך, שבתי, מיט דיר?

ער איז פאַרקראָכן אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין. זיך געשראָקן פאַר יעדער בלאַט, פאַר יעדן שאָטן, ווען ער האָט געוואָלט זיין מיט זיך, מיט גאָט. דער מוח ביי אים האָט געפיבערט, געזען שטעט, לענדער, טייכן און ימען. ער האָט געזען חיות, בהמות און עופות, אַלץ איז אויסגערעכנט, אויסגעמאָסטן. יעדעס באַשעפעניש האָט זיך זיין אָרט. דער מענטש אָבער, דער וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלוהים, ער אײנער איז נע־ונד, האָט קיין מקום־מנוחה נישט. פון דעם טאָג אָן, וואָס מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון גן־עדן, האַלט ער אין איין לויפן, ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער נישט, טראָגט אין זיך אַ באַהאַלטענע זינד. און דאָס אַלץ איז נישט דערפאַר, וואָס דער מענטש האָט געגעסן פון „עץ־הדעת“, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געגעסן.

ר׳ שבתי האָט געריסן פון זיך די טראַנטעס, געוועזן זיכער, אַז מען דאַרף דערפירן די מלחמה ביז צו אַ סוף און נישט בלויז מיטן מענטש. מען טאָר נישט דורכלאָזן קיין גרעזל, קיין בלעטל, קיין איין באַשעפעניש און אַזוי העכער, העכער ביז צו גאָט.

ער האָט געשפּרייזט אַ נאַקעטער, מער נישט געוועזן אין וואַלד, ווו אָפּגעבראָכענע צווייגלעך, סאָסנע־שישקעס האָבן געשטאָכן די פיס. פאַר אים האָט זיך געשפּרייט אַ גאָרטן. דאָס שווערע, לאַנגע לעבן, וואָס האָט אים אַזוי געמאַטערט, איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון שבתין, געבליבן ליגן ווי אויסגעברענט אַש. די כרובים, וואָס האָבן געהיט דעם אַריינגאַנג פון גן־עדן, האָבן געעפנט די טויערן, אים אַריינ־געלאָזט.

און ווי שבתי האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון גן־עדן, האָט ער מער נישט געוווסט, וואָס איז אַזוינס שרעק, וואָס איז אַזוינס זינד. ער האָט אָנגעטאַפּט אין זיך דעם צלם אלוהים, געשפּרייזט, ווי אָדם־הראשון, און די אויגן זענען זאַט געוואָרן פון די טויזנטער פירות,

וואָס האָבן געשמייכלט, זיך געבעטן ביי אים:

— פאַרזוך אונז! פאַרזוך אונז!

אַ ניי־געבוירענער איז ער געגאַנגען באַגעגענען חוהן, וואָס האָט געוואַרט אויף אים ביים עץ־הדעת. אָט שטייט זי מיט פייערדיקע האָר, קוקט אויף אים אַן איבערגעשראָקענע... ער האָט אָנגעהויבן זי באַרויקן:

— האָב נישט מורא, חוה, אַנטלויף נישט.

— אַ ווילדער מענטש! אַ נאַקעטער! — האָט עמעצער זיך צע־לאַכט אים אין פּנים אַריין און איז פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער.

שבתי האָט געזען, ווי אַ קאָפּ הייבט זיך פון די בושעס, גייט אַנטקעגן חוהן און ער איז געווען זיכער, אַז עס איז די שלאַנג.

ער האָט אַריינגעכאַפּט ס׳פּנים אין די הענט און זיך געלאָזט לויפן. אַ פאַרלאַנג אויצופרובירן אין זיך דעם צלם־אלוהים איז געוואָקסן אין שבתין. ער האָט געזוכט אַ שד, צי אַ מזיק, געוואָלט זיך פאַר־מעסטן, זען, ווער וועמען עס וועט בייקומען.

אַ פייערדיקער שד איז אָנגעלאָפן מיט אַ רעווען, געשאָטן פונ־קען, געקלאַפּט מיט שטאָלענע קלאָען און אַ פייף האָט אויפגעטרעסלט דעם וואַלד.

דעם באַוואָקסענעם קאָפּ האָט שבתי געשיקט אויף אַפּריער, געשניטן די לופט מיט די האָריקע הענט, זיך געריסן צום שד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו רעווען און צו פייפן.ביידע האָבן זיך באַגעגנט, זיך אַרומגעכאַפּט. אַלע ליכטער האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגע־לאָשן, עס איז געוואָרן פינצטער און אַלץ אַרום איז צערונען.

# 21. ווידוי

דער וואַלד האָט זיך געוועקט.

אָפּגעריסענע שטיקלעך ליכט האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די קרוינען פון די ביימער. פייגל האָבן מער נישט געקענט איינליגן, זיך געשטעלט קעגנאיבער די נעסטן, געלופטערט די פליגל, געשאַרפט די שנאָבלען אָן די צווייגן.

דער שטייפער בלאָלעכער באַגינען, וואָס האָט זיך געריסן פון פאַרגליווערטע פלאַמען, איז פול געווען מיט איינזילביקע טענער, וואָס האָבן אָפּגעהילכט פון איין עק וואַלד ביז דעם צווייטן.

ווילדע ציגן האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ שוואַרצן באָק מיט געקניפּטע הערנער. אינמיטן לויפן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעשראָקענע געקוקט מיט די ווייכע, ווילדע אויגן, געסאָפּעט, דערשמעקט אין דער לופט דעם מענטש, דער באָק האָט אויפגעשטעלט דעם עק, איינגעבויגן דעם קאָפּ מיט די הערנער און געבליבן שטיין, ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן, לייכט אַריבערגעשפּרונגען אַ וואַנט מיט געדיכטע בושעס. די ציגן נאָך אים. דאָס קלאַפּן פון זייערע דינע קאָפּיטעס איבער די טרוקענע, אָפּגעבראָכענע צווייגן האָט זיך לאַנג געהערט.

פינחס מיט רעגינען זענען אָנגעקומען מיטן וואַלד.

די קליידער צעקנייטשט, אויסגעשמירט, מיט גוואַלד-ריסן. שטיקלעך מאָך, סאָסנע-נאָדלען האָבן צוגעגעבן די צעפּאַטלטע האָר אַ ווילדקייט. די טיפע אויגן מיט די אונטערגעפּירטע רייפן זענען געווען מיד, די מידקייט וואָס קומט נאָך גרויסער פרייד.

אָן ווערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון וואַלד, אויסגעמיטן זיך צו קוקן אין די אויגן, מורא געהאַט, אַז

באַלד, באַלד און איינער וועט אָנווערן דעם צווייטן. מיטן דערוויי־טערן זיך פון וואַלד איז געוואָקסן אין פּינחסן אַ טרויער. ער האָט זיך געזעגנט, וואָס אַ רגע צוריק איז נישט געווען קיין גלייכן צו אים. די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ הונגע־ריקער בעטלער, נישט געזען קיין גרעסערע פרייד ווי צו זיין מיט רעגינען. קיין זאַך איז אים מער נישט אָנגעגאַנגען. און מיטאַמאָל האָט די גרויסע, שיינע וועלט זיך גענומען דערווייטערן פון אים און ער, פּינחס, איז געבליבן אין אַן ענג, שמאָל וועלטל, ווו יעדער אבר זיינער איז געוואָרן גשמיות, געוואָרן אַ טייל פון רעגינען. די הענט, יעדעס שטיקל פינגער, די אויגן, די באַקן, אַלץ האָט געאָטעמט מיט איר, גרעסער געמאַכט דעם תחום, וואָס איז געלעגן צווישן דעם עץ־הדעת און דעם עץ־החיים. דאָס האָט אים געמאַטערט, אויף אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר דינהן, פאַרן פאָטער, פאַר ר׳ אברהמלען. ס׳האָט זיך אים געוואָלט וויינען. שטאַרק וויינען. און אפשר דערפאַר, וואָס מען האָט אים געטריבן, אַרויסגע־טריבן פון גן־עדן, ווי אָדם מיט חוהן?

זיי זענען צוגעקומען צו אַ קליין וואַסערל, וואָס האָט גערונען פון צווישן שטיינער, ווי אַ שנירל. רעגינע, וואָס איז פאַר די צוויי טעג דינער געוואָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוויזן אויף איר הולך:

— ווי זע איך אויס, פּינחס, ווי אַ משוגענע?

ער האָט נישט געענטפערט, געקוקט אויף די שינעס, וואָס זע־נען געלאָפן באַרג אַראָפּ, איבערגעשניטן דעם טאָל:

— וואָס ליגט דאָרט, רעגינע?

— אויף די שינעס? — האָט זי אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. — אַ מענטש!

זי האָט זיך אַ לאָז געטון אויף אַפריער, זיך באַלד אָפּגע־שטעלט מיט אַ קוויטש:

— ס׳איז דער זעלבער, וואָס האָט מיך ביינאַכט איבערגעשראָקן!

פּינחס איז צוגעגאַנגען נענטער. ר׳ שבתי, אַ נאַקעטער, איז געלעגן אויף איין זייט שינעס, דער קאָפּ אויף דער צווייטער זייט.

פּינחס האָט אַ כאַפּ געטון דעם אָפּגעשניטענעם קאָפּ און זיך צעשריגן:

— טאַטע! טאַטע!

אַ פאַרוויינטע איז רעגינע געלאָפן רופן מענטשן.

פינחס האָט זיך איינגעקוקט דעם פאָטער אין פנים אַריין און ערשט איצט זיך צעוויינט אויפן קול. ער האָט אים אַראָפּגעטראָגן פון די שינעס, אַוועקגעלייגט אויף אַ בערגל, צוגעדעקט דעם מת מיט זיין ראָק און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

פינחס האָט זיך צעוויינט, ווי יענער תנא, דער גרויסער בעל־עבירה, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין זונה ביים לעבן. ער האָט זיך צעוויינט, גערופן בערג און טאָלן, גערופן הימל און ערד, זיי זאָלן בעטן רחמים פאַר אים, און נישט געוווסט, אַז דערמיט וועט ער אויפשטיין תחית־המתים ביים לעבן.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

## די ווערק פון י. אָפּאַטאָשו

אין צען בענדער:

אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב (נאָוועלן)

אונטערוועלט (נאָוועלן)

היברו, (ראָמאַן)

אַליין (ראָמאַן)

לינטשערײַ (נאָוועלן)

אין פּוילישע וועלדער (ראָמאַן)

1863, 2טער טייל פון דער טרילאָגיע „אין פּוילישע וועלדער (ראָמאַן)

אַרום די חורבות (נאָוועלן)

אויף זייטיקע וועגן (נאָוועלן)

ביאַנקע (נאָוועלן)

די טענצערין (ראָמאַן)